
EX LIBRIS LIMUWIAE
AMORE MORE ORE RE FIRMANTUR AMICITIAE

נ. גערגעל

# די לאַגע פון די יידן אין רוסלאנד

פאַרלאַג ה. בזשאַזא
1929 װאַרשע

KORPORATSIOON LIMUVIA TARTU.
176
74744

P r i n t e d in P o ł a n d

N. GERGEL — Di łage fun di Iden in Rusłand.

Wyd. Ch. Brzoza, W-wa 1929.

Drukarnia Lewin-Epstein Warszawa, Pawia 36

# אינהאלט


הקדמה 1—9


## די יידישע באפעלקערונג אין רוסלאנד


1. די צאל יידן אין סאוויעט-רוסלאנד און זייער פארטיילונג אין די אייגצלנע רעפובליקן . . . . . . . . 13

2. פארטיילונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין פארשידענע טיפן וווינונגס-ערטער . . . . . . . . . 19

3. געשלעכט- און עלטער-אויפבוי . . . . . . . . 24

4. די שפראך פון דער יידישער באפעלקערונג און אלפאבעטישקייט 27


## די עקאנאמישע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג איז רוסלאנד


1. די עקאנאמישע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג פאר דער מלחמה 35

דער פראפעסיאנעלער צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג 36
לאנדווירטשאפט (38). פאבריק-אינדוסטריע (40). מלאכה (44). אר-בעטער אן א ספעציעלער קוואליפיקאציע (46). האנדל (47). די לאגע פאר דער מלחמה . . . . . . . . 50

2. די וועלט-מלחמה . . . . . . . . . 52

3. די עקאנאמישע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אונטער דער סאוויעטישער מאכט . . . . . . . .

א) דער „מיליטערישער קאמוניזם" . . . . . . 56

ב) דער „נעפ" . . . . . . . . 59

אלגעמיינע באמערקונגען. דער וווקס פון דער רוסישער לאנד-ווירטשאפט און אינדוסטריע (61). די עקאנאמישע פאליטיק פון דער סאוויעט-רעגירונג (62). די שטייערן-לאסטן (63). קרעדיטן פאר פריוואטע אונטערנעמער (73). דער סחורה-פערקויף פריוואטע הענדלער (73). דער אנטייל פון פריוואטניק אין האנדל און אינ-דוסטריע (75). די לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג (80). דאס שטעטל (82). דער סאציאלער באשטאנד פון דער יידישער באפעלקערונג (85). דער יידישער האנדלס-קלאס (92). די יידישע ארבעטער און אנגעשטעלטע (97). די יוגנט (104). קוסטארן און האנטווערקער (113). די לייַ- און שפאר-קאסעס (117). די יידישע לאנדווירטשאפט (122). די אלטע יידישע קאלאניעס (122). די ביי-שטעטלשע לאנדווירטשאפט (124). די איבערוואנדערונגס-באוועגונג און די נייע יידישע קאלאניזאציע (125). פערספעקטיוון פון דער יידישער קאלאניזאציע . . . . . . . . 140


## דאס פאליטישע און געזעלשאפטלעכע לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג


1. יידישע פאליטישע גרופירונגען און געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס פאר דער אקטאבער-רעוואלוציע . . . . . . . 149

פּאָליטישע פּאַרטייען און פאַרייניקונגען (149). דאָס יידישע מי־
ניסטעריום אויף אוקראַינע און די יידישע אויטאָנאָמיע (151).
יידישע פּאַרטייען נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע (152). יידישע
קהלות (153). יידישע צדקה־אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטלעכע אָר־
גאַניזאַציעס (158).

2. דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער יידישער באַ־
פעלקערונג אונטער דער סאָוויעטן־מאַכט . . . . . . 163
די באַציונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צו דער באָלשעווי־
סטישער רעוואָלוציע (163). יידן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
(164). יידן אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד (170). די „יעווסעק־
ציע" (172). אַנדערע יידישע פּאַרטייען און גרופּירונגען (174).
יידן אין די סאָוויעטן און אויספיר־קאָמיטעטן (175). די פּרינציפּן
פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין סאָוויעט־רוסלאַנד (181). דער
יידישער קאָמיסאַריאַט (183). די יידישע שפּראַך אין עפנטלעכן
לעבן (185). יידישע סאָוויעטן און יידישע טישן ביי די סאָוויעט־
אָרגאַנען (187). יידישע געריכטן (191). אַנטיסעמיטיזם (193). יידישע
געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס (196). דער פּעריאָד פון „מיליטע־
רישן קאָמוניזם" (196). די „נעפּ"־תקופה (197). „אָרט" (198). „גע־
זערד" (199). יידישע הילפס־געזעלשאַפט און מעדיצינישע־סאַניטאַרע
אָרגאַניזאַציעס (200). רעליגיעזע קהלות (204).

## יידישע בילדונג־ און קולטור־אַנשטאַלטן

1. דאָס קולטורעלע לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר דער
אָקטאָבער־רעוואָלוציע . . . . . . . . . . 210
דער חדר (210). יידן אין די אָנפאַנגס־שולן (211). יידן אין די
מיטל־שולן (212). יידן אין די הויכשולן (213). די לאַגע נאָך דער
פעברואַר־רעוואָלוציע (215).

2. יידישע בילדונגס־ און קולטור־אַנשטאַלטן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד 217
אַלגעמיינע באַמערקונגען (217). דאָס יידישע שול־וועזן אין סאָ־
וויעטישן פאַרבאַנד (219). די יידישע לערערשאַפט (224). די העב־
רעישע שפּראַך אין סאָוויעט־רוסלאַנד (226). פּראָפעסיאָנעל־טעכני־
שע בילדונג (228). יידן אין די הויך־ און מיטל־שולן (230).
הויכשולן און אַרבעטער־פאַקולטעטן (233). אויסערשול־בילדונג (235).
יידישע טעאַטערן (237). יידישע מוזייען (237). יידישע פּרעסע
און פאַרלעגעריי . . . . . . . . . 238

שקוס־באַטראַכטונגען . . . . . . . 245
ליטעראַטור־מקורים . . . . . . . 258

# הקדמה

וועגן דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד איז זייער פיל געשריבן געוואָרן. דער גורל פונם רוסישן יידנטום ציט צו די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע יידישע קבוצים אין דער גאַנצער וועלט, און די יידישע עפנטלעכקייט רעאַגירט זייער שטאַרק אויף אַלע פאַקטן און געשעענישן, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן אין רוסלאַנד. די יידישע פרעסע איז טאָג-טעגלעך איבערפולט מיט אַרטיקלען און באַשרייבונגען פונם מצב פון די יידישע פאָלקס-מאַסן אין רוסלאַנד, אָבער אויספירלעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין יידישן לעבן, איז פאַראַן זייער ווייניק. וויכטיקע מאַטעריאַלן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „בלעטער פאַר יידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק" דורך יעקב לעשצינסקי, י. קאָראַלניק, ב. ברוצקוס. אַ גרויסן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר די בראָשור פון יעקב לעשצינסקי „דער אמת וועגן די יידן אין רוסלאַנד" (בערלין 1925), ווו עס ווערט אויפן סמך פון אויסצוגן פון דער סאָוויעטישער פרעסע געשילדערט דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער שטייגער פונם רוסישן יידנטום. מיר האָבן אָבער ביז איצט אין אויסלאַנד נישט געהאַט קיין גרעסערע אַרבעט, וואָס זאָל באַלויכטן אַלע זייטן פונם יידישן לעבן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד, וואָס זאָל אונטערפירן אַ סך הכל פונם דאָרנער-וועג, וואָס דער רוסיש-יידישער קבוץ האָט דורכגעמאַכט פאַר די שווערע יאָרן פון מלחמה און רעוואָלוציע. אָט דעם דאָזיקן בלייז ווילן מיר פאַרפילן אין אונזער אַרבעט.

די פאָרגעלייגטע אַרבעט האָט דעם צוועק צו געבן אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרם, מיט ציפערן און פאַקטן, אַ בילד פונם יידישן עקאָנאָמישן, פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין רוסלאַנד און פעסטשטעלן די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין פאַרגלייך מיט דער

פאַרמלחמהדיקער צייט. בנוגע דעם פאַרמלחמהדיקן פעריאָד זענען מיר אָנגעוויזן געווען אויף די דאַטן פון דער איינציקער אַלרוסלענדישער פאָלקסציילונג אין 1897 און די אויספאָרשונגען פון יק״א אין די יאָרן 1898—1899. די דאָזיקע מאטעריאַלן זענען בשעתּם פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך און זענען שוין אין אַ געוויסער מאָס פאַרעלטערט. דאָס זענען אָבער די איינציקע מאַטעריאַלן, מיט וועלכע מ׳קאָן אָפּערירן ביי דער כאַראַקטעריסטיק פונם מצב פונם רוסישן יידנטום פאר דער מלחמה. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַקענען מיט זיי בקיצור דעם לעזער אויף דער יידישער שפּראַך, באַזונדערס דעם יונגן יידישן דור, וואָס איז פאקטיש אינגאַנצן נישט באַקאנט מיטן יידישן לעבן אין פאַררעוואָלוציאָנערן רוסלאנד. צוליב דער ראַדיקאַלער ענדערונג פונם סאָציאַלן און פּאָליטישן סדר אין רוסלאַנד זענען מיר געצוווּנגען געווען אויסצוטיילן אין יעדן קאַפּיטל (חוץ דעם דעמאָגראַפישן) באַזונדער די לאַגע פאַרן קריג און אונטער דער סאָוועטנמאַכט, כדי אויף אזאַ אופן בולטער און קלאָרער צו אילוסטרירן דאָס יידישע לעבן אונטער דעם צאַרישן רעזשים און די שינוים, וואָס זענען פאָרגעקומען נאָך דער רעוואָלוציע.

די אָנגאַבן בנוגע דעם סאָוועטישן פעריאָד באַזירן אויסשליסלעך אויף די סטאטיסטישע מאַטעריאַלן און די ידיעות פון די סאָוועטישע אויסגאַבן. די סאָוועטישע סטאַטיסטיק ליידט כידוע שטאַרק פון אומפּינקטלעכקייט, איבערן איינצער און דער זעלבער פראַגע געפינען מיר אין פאַרשידענע סאָוועטישע אויסגאַבן ווידערשפּרעכנדיקע ציפערן און דאַטן. דאָס שאַפט גרויסע שוועריקייטן ביי דער באַאַרבעטונג פונם מאַטעריאַל. אָבער אין די אַלגעמיינע מלוכה-אנשטאַלטן איז דאָך פאראַן אַ געאָרדנטער סטאַטיסטישער אַפּאַראַט מיט ערשטקלאַסיקע ספּעציאַליסטן, און ביי דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט און קאָנטראָל קאָן מען באַקומען אַ ריכטיק בילד פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. בנוגע יידישע פראַגן געפינען מיר אין דער הינזיכט כמעט אַ פּוסט פעלד. די יידישע סטאַטיסטיק אין רוסלאַנד איז אַ שטאַרק פאַרלאָזענער געביט. ביז די לעצטע פּאָר יאר איז קיין יידישע סטאַטיסטישע אינסטיטוציעס כמעט אינגאַנצן נישט געווען, ערשט נאָר אין דער לעצטער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ געוויסע טעטיקייט אין דעם פרט. די ידיעות וועגן דער יידישער באַפעלקערונג האָבן מיר געמוזט אַרויסבאַקומען פון איינצלנע צייטונגען און זשורנאַלן, אָנשטויסנדיק זיך דערביי אויף אָנצאָליקע סתירות. מיר האָבן געוויסנהאַפט און אָביעקטיוו קאָנטראָלירט אַלע ציפערן, אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך, און אויב ערגעץ-ווּ איז דאָך ארייגעפאַלן אַ נישט ריכטיקע דאַטע איז דאָס נישט אונזער שולד.

צום שלוס האַלטן מיר פאַר אונזער חוב צו באַמערקן, אַז פאַר אַ

יסוד פון דעם פאַרגעלייגטן בוך איז גענומען געוואָרן אַן אַרבעט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, וואָס מיר האָבן אין יאָר 1926 צונויפגעשטעלט לויטן אויפטראַג פון דעם אייראָפּעאישן דירעקטאָר פון „דזשאָינט“ ד״ר בערנהאַרד קאַהן. די דערמאָנטע אַרבעט האָבן מיר גרינטלעך געענדערט און דערגענצט מיט אַ סך נייע מאַטעריאַלן, בתוכם מיט די וויכטיקסטע דאַטן פון דער פאָלקסציילונג אין דעצעמבער 1926 און מיט די מאַטעריאַלן, וואָס באַלויכטן די שינוים, וועלכע זענען פאָרגעקומען פון 1926 ביז דער צווייטער העלפט פון 1928. מיר דריקן אויס אַ דאַנק הערן ד״ר קאָהן פאַר דער פריינטלעכער דערלויבעניש אויסצונוצן די אָנגעוויזענע אַרבעט פאַר דעם בוך.

נ. גערגעל

בערלין, סעפּטעמבער 1928

# די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד

## די צאָל יידן אין סאָוויעט=רוסלאַנד און זייער פאַרטיילונג אין די איינצלנע רעפּובליקן.

לויט דער אַלגעמיינער פאָלקסציילונג פון 1897 איז אין דער רוסלענדישער אימפּעריע געווען 5.215.805 יידן, פון זיי האָבן געוווינט:

| | |
|---|---|
| אין תחום — — — | 4.899.327 |
| אויסערן תחום — — | 316.478 |
| צוזאַמען | 5.215.805 |

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד איז געווען קאָנצענטרירט אין די גרענעצן פון דער „טשערטאַ", דעם תחום המושב, וווּ די יידן האָבן געהאַט דאָס רעכט צו וווינען, — אין די 25 גובערניעס פון רוסיש=פּוילן, צפון-מערב-קאַנט (ליטע און ווייסרוסלאַנד), אוקראַינע און בעסאַראַביע. אין די דאָזיקע 25 גובערניעס האָבן געוואוינט 4.899.327 יידן, וועלכע האָבן געבילדעט 93,9 % פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג האָבן די יידן אויסגעמאַכט: אין תחום — 11,6 %, און אין דער גאַנצער אימפּעריע — 4,15 %.

פון 1897 ביז דער רעוואָלוציע איז קיין פאָלקסציילונג אין רוסלאַנד נישט פאָרגעקומען, און די צאָל יידן פאַר דער מלחמה קאָן דעריבער אויסגערעכנט ווערן נאָר לפי ערך. אַ ריי סבות האָבן געפירט צו דער פאַרקלענערונג פון דעם פּראָצענט יידן אויף דער גאַנצער רוסלענדישער טעריטאָריע און דער עיקר, אין „תחום". אין דער ערשטער ריי דאַרף מען נעמען אין אַכט די יידישע מאַסן=עמיגראַציע. לויט די בערכדיקע אויסרעכענונגען האָבן ביזן קריג עמיגרירט פון רוסלאַנד ביז 1.200.000 יידן. אויך די פאַרקלענערונג פון די געבורטן ביי יידן, וועלכע וואַקסט אין די שטעט מיט אַ שנעלן טעמפּ אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט שטאַרק פאַרמינערט דעם וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. לויט די שאַצונגען פון ספּעציאַליסטן האָבן, צום אָנהויב פון דער וועלט-מלחמה, געוווינט

אין רוסלאַנד קרוב צו 6 מיליאָן יידן. נישט געקוקט אויף אַלע רעכטלעכע באַגרענעצונגען און אַדמיניסטראַטיווע פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג, האָט די גרויסע, עקאָנאָמיש ענג־פאַרבונדענע און קולטורעל־איינהייטלעכע מאַסע יידן פאַרמאָגט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנדס־כוח און איז נישט נאָר לויט דער צאָל, נאָר אויך לויט דער עקאָנאָמיש־קולטורעלער אַנטוויקלונג געווען דער צענטער פון דעם יידנטום אין דער גאַנצער וועלט.

די וועלט־מלחמה און דער בירגער־קריג האָבן די דאָזיקע לאַגע ראַדיקאַל געענדערט. אַ דאַנק דער גרינדונג פון די נייע מלוכות — די אַזוי־גערופענע ראַנדשטאַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון דער געוועזענער רוסישער אימפעריע, — איז דער איינהייטלעכער זעקסמיליאָניקער יידישער אָרגאַניזם צעפאַלן געוואָרן, און די אַבסאָלוטע צאָל יידן איז מער ווי אויף אַ העלפט פאַרקלענערט געוואָרן. אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד האָט, לויט די אויסרעכענונגען פון דער סטאַטיסטישער קאָ־ נ ס : ביים רוסישן „אָרט", געוווינט אין יאָר 1897 2.504 טויזנט יידן *), וועלכע האָבן אויסגעמאַכט 2,4 % פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אונטער דער סאָוויעטנמאַכט זענען דורכגעפירט געוואָרן דריי ציילונגען: די אַלגעמיינע פאָלקסציילונג אין אויגוסט 1920, די שטאַטישע ציילונג אין מערץ 1923 און די אַלגעמיינע ציילונג אין דעצעמבער 1926. די ציילונג פון 1920 איז געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג, ווען גרויסע שטחים זענען געווען פאַרנומען דורך אַנטיסאָוויעטישע אַרמייען, און האָט פאַרכאַפּט נאָר דריי פערטל פון דער באַפעלקערונג. אין באַזונדערס שווערע באַדינגונגען איז די ציילונג פון 1920 דורכגעגאַנגען אין ראַיאָן פון דער יידישער קאָנצענטראַציע, אין געוועזענעם „תחום", וועלכער האָט זיך געפונען אין צענטער פון די קריגס־אָפּעראַציעס צווישן דער רויטער אַרמיי און די אַנטיסאָוויעטישע חיילות. אין אַ רייע געגנטן און גובערניעס (ווייס־רוסלאַנד, קרים, פּאָדאָלער און וואָלינער גובערניעס א. א.) איז אינגאַנצן אוממעגלעך געווען דורכצופירן די ציילונג. אין אַנדערע איז זי געמאַכט געוואָרן אין כאַאָטישע באַדינגונגען. די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער ציילונג זענען געוואָרן אינטערפּאָלירט און קאָרעגירט פון די סטאַטיסטישע אַמטן און גיבן נאַטירלעך נישט קיין ריכטיקע צאָלן וועגן דער באַפעלקערונג בכלל און די יידן בפרט. די ציילונג פון 1923 האָט אַרומגעכאַפּט נאָר די ישובים פון שטאָטישן טיפּ און האָט דעריבער אויך נישט געגעבן קיין פולשטענדיקע ידיעות וועגן דער צאָל יידישע איינוואוינער אין לאַנד. די אַלגעמיינע פאָלקסציילונג פונם 17־טן דעצעמבער 1926 איז דאָס

1) „די יידישע באַפעלקערונג אין ס. ס. ס. ר." (רוסיש), מאָסקווע 1927, זייט 8.

ערשטע מאָל דורכגעפירט געוואָרן אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד אין פאַרהעלט-נישמעסיק נאָרמאַלע תּנאים, זי גיט דעריבער גענויע ידיעות וועגן דער באַ־פעלקערונג און אַנטפּלעקט די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר 30 יאָר, זינט דער אַלרוסלענדישער ציילונג פון 1897 יאָר.

די ציילונג פון 1926 האָט צעטיילט די יידישע באַפעלקערונג אויף 5 גרופּן: מערב-יידן, קרימטשאַקעס, גרוזינישע יידן, באַרג־יידן און מיטל=אַזיאַ־טישע יידן. די צאָל יידישע איינוואוינער אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד אין דע=צעמבער 1926 האָט באַטראָפן 2.672.398, דערפון מערב=יידן — 2.600.945 *). מ'דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז אַ געוויסער טייל אַסימילירטע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג האט נישט אָנגעגעבן די יידישע נאַציאָנאַ־ליטעט, אַזוי, אַז פאַקטיש איז די צאָל יידן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד גרע־סער פון די אָנגעוויזענע דאַטן. צוזאַמען מיט דעם נאַטירלעכן צוּוואוּקס, וואָס דערגרייכט ביי יידן די לעצטע צייט 30—40 טויזנט נפשות אַ יאָר, קען מען רעכענען, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט אָנהויב 1928 געציילט בערך 2.800.000 נפשות.

די 2.672.398 יידן, וואָס זענען רעגיסטרירט געוואָרן אין דעצעמבער 1926, האָבן זיך לויט די איינצלנע רעפּובּליקן אַזוי געטיילט:

### די יידישע באַפעלקערונג אין סאָוויעטישן=פאַרבאַנד.

| רעפּובּליקן | מערב-יידן | קרים=טשאַ־קעס | גרוזי-נישע יידן | באַרג=יידן | מיטל־אַזיאַט. יידן | צוזאַמען | 0/0 פון דער אלג. צאל באפעלקער. | 0/0 פון דער אלג. צאל יידיש. באפ. |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אוקראַינע | 1.574.391 | 20 | 5 | 12 | — | 1.574.428 | 5,4 | 59,0 |
| ר.ס.פ.ס.ר. | 566.925 | 6.185 | 87 | 15 509 | 137 | 588.843 | 0,6 | 22,0 |
| ווייסרוסלאַנד | 407.059 | — | — | — | — | 407.059 | 8,2 | 15,2 |
| טראַנסקאַווקאַז | 30.489 | 178 | 21 010 | 10.324 | 193 | 62.194 | 1,1 | 2,3 |
| אוזבעקיסטאַן | 20.262 | — | 31 | 20 | 17.521 | 37.834 | 0,7 | 1,4 |
| טורקמעניסטאַן | 1.819 | — | 24 | 1 | 196 | 2.040 | 0,2 | 0,1 |
| | 2.600.945 | 6.383 | 21.157 | 25.866 | 18.047 | 2.672.398 | 1,8 | 100,0 |

*) די ווייטערע אָנגאַבן פון דער ציילונג אין 1926 באַזירן אויף די מאַטעריאַלן, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער צענטראַלער סטאַטיסטישער פאַרוואַלטונג אין אַ ספּעציע-לער אויסגאַבע „פאָלקסטום און שפּראַך פון דער באַפעלקערונג אין סאָוויעטישן-פאַרבאַנד" און אין זשורנאַל „סטאַטיסטישע איבערזיכט". מיר האָבן אויך אויסגענוצט די אַרטיקלען פון י. קאַנטאָ־ראָוויטש וועגן דער יידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע אין זשורנאַל „רויטע וועלט" און דעם ביולעטין פון רוסישן „אָ ר ט".

די צאָל יידן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד האָט זיך פאַר 30 יאָר פאַרגרעסערט אויף 168.000, ד. ה. אויף 6,7%. ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג האָט דער וווּקס פאַר דעמדאָזיקן פעריאָד באַטראָפן 39%. ביי אַ גלייכמעסיקן וווּקס פון דער יידישער נאַציע מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג וואָלט די צאָל יידן אין 1926 געדאַרפט באַטרעפן 3.480 טויזנט, דער דעפיציט פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר 30 יאָר באַטרעפט אויף אַזאַ אופן העכער 800.000 מענטשן. דערדאָזיקער דעפיציט איז אין דער ערשטער ריי אַ פועל-יוצא פון דער יידישער עמיגראַציע פאַר דער מלחמה און אויך פון דער פאַרקלענערונג פון דעם נאַטירלעכן צוּוווּקס ביי יידן מחמת דער קלענערער געבוירעוודיקייט. אויך די פאָגראָמען פון 1918–1921 האָבן אין דעם פּרט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע. צום באַדויערן, איז אוממעגלעך גענוי פעסטצושטעלן די צאָל הרוגים בעת די פאָגראָמען און די נאָך גרעסערע צאָל געשטאָרבענע בעת די עפּידעמיעס. אין דער צייט פון דער שרעקלעכער פאָגראָם-כוואַליע איז אַבסאָלוט אוממעגלעך געווען צו רעגיסטרירן די הרוגים און דיסקאָנטירן די צאָל געשטאָרבענע פון די עפּידעמיעס אין די פרעמדע שטעט און שטעטלעך, וווּהין די פאָגראָמירטע יידישע מאַסע איז זיך אַנגעלאָפן. אָבער די ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן בנוגע די פאָגראָמען אין אוקראַינע ווייזן בולט די גוואַלטיקע פאַרלוסטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין „מזרח-יידישן היסטאָרישן אַרכיוו" (רעדאַקציאָנס-קאָלעגיע צו פאַרעפנטלעכן די מאַטעריאַלן וועגן די פאָגראָמען) אין בערלין זענען פאַררעגיסטרירט 688 פאָגראָמירטע ישובים אין אוקראַינע, פון די איז אין 524 פּונקטן פאָרגעקומען 1.227 פאָגראָמען. אין די איבעריקע 164 פּונקטן איז די צאָל פאָגראָמען נישט גענוי פעסטגעשטעלט. אויב מיר וועלן אַפילו אָננעמען, אַז אין דידאָזיקע פּונקטן איז פאָרגעקומען נאָר צו איין (1) פאָגראָם (אין דער ווירקלעכקייט איז די צאָל פאָגראָמען אין אַ סך פּונקטן געווען גרעסער), באַקומען מיר 1.391 פאָגראָמען אין די דערמאָנטע 688 ישובים. די אָנגעוויזענע פונקטן נעמען אַרום אַ שטח מיט אַ יידישער באַפעלקערונג פון בערך אָנדערטהאַלבן מיליאָן נפשות. די דאָזיקע יידישע מאַסע האָט אין משך פון מער ווי צוויי יאָר געלעבט אין שטענדיקן טויט-שרעק, איז געלאָפן אין די שכנותדיקע שטעט און צוריק אַהיים און האָט אויסער דער אומגעהויערער צאָל הרוגים געבראַכט נאָך אַ סך א גרעסערע צאָל קרבנות אויפן מזבח פון עפּידעמיעס, וואָס האָבן זיך אין דער הימלאָזיקייט פאַרשפּרייט אין אַ קאָלאָסאַלן מאַסשטאַב.

פאָגראָמען זענען אויך פאָרגעקומען אין אַ סך ישובים פון ווייסרוסלאַנד און אין אַ ריי שטעט פון צענטראַל-רוסלאַנד. די אַלגעמיינע צאָל פאָגראָם-קרבנות — הרוגים און געשטאָרבענע פון חתוך און עפּידעמיעס —

ווערט געשאַצט בערך 200.000. די דאָזיקע שרעקלעכע ציפערן האָבן שטאַרק געווירקט אויפן וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אַ דאַנק דעם קליינעם צוּוווקס אין דער יידישער סביבה האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט די רעלאַטיווע פּאַרהעלטעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג לגבי דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער.

## די פּאַרהעלטעניש פון די יידן צו דער גאַנצער באַפעלקערונג.

(אין פּראָצענטער)

| | 1897 | 1926 |
|---|---|---|
| אוקראַינע . . . . . . | 7,8 | 5,4 |
| ווייסרוסלאַנד . . . . | 13,6 | 8,2 |
| ר. ס. פ. ס. ר. . . . . . | 0,4 | 0,6 |
| אַנדערע טיילן פונם פאַרבאַנד | 0,6 | 0,8 |
| אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד | 2,4 | 1,8 |

דער פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג איז פאַר 30 יאָר פאַרקלענערט געוואָרן פון 2,4 ביז 1,8. אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, פון וואַנען עס איז געגאַנגען דער עמיגראַציע-שטראָם, האָט זיך די פּראָפּאָרץ פון די יידן צו דער גאַנצער באַפעלקערונג שטאַרק פאַרקלענערט. אין די דאָזיקע צוויי רעפּובליקן איז אויך די אַבסאָלוטע צאָל יידן אקעגן 1897 יאָר פאַרמינערט געוואָרן אויף בערך 200.000 נפשות. פאַרקערט, אין ר. ס. פ. ס. ר. האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג מער ווי פאַרטאָפּלט און אויך איר רעלאַטיווע פּאַרהעלטעניש צו דער גאַנצער באַפעלקערונג איז פאַרגרעסערט געוואָרן. אין די ראַיאָנען, וואָס געפינען זיך אויסער די גרענעצן פונם געוועזענעם תחום, האָבן אין 1926 געוווינט בערך 700.000 יידן, בשעת אין 1897 האָט מען דאָרט געציילט 234.000 יידן. דער צוּוווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אויסערן תחום באַטרעפט פאַר 30 יאָר גאַנצע 200%! די איבעראָקעאַנישע יידישע עמיגראַציע האָט ווייניק אָנגערירט די ראַיאָנען פון גרויס-רוסלאַנד, אויך איז אין די גרענעצן פון ר. ס. פ. ס. ר. געבליבן אַ היפּשע צאָל היימלאָזע, וואָס זענען בעת דער מלחמה עוואַקוירט געוואָרן אין די אינערלעכע רוסישע גובערניעס. חוץ דעם האָבן שטאַרק געווירקט די אינערלעכע מיגראַציאָנס-פּראָצעסן, וואָס קומען פאַר די לעצטע יאָרן אין רוסלאַנד. די שווערע לעבנס-באַדינגונגען אין געוועזענעם תחום האָבן אונטער דער סאָוויעטן-מאַכט אַריבערגעוואָרפן אַ גע-

וויסן טייל יידן קיין גרויסרוסלאַנד. אין דעם פּרט זענען באַזונדערס אינטע־רעסאַנט די דאַטן בנוגע ווייסרוסלאַנד. דער פאַרגלייך פון דער צאָל יידישע איינוווינער אין 1923 און 1926 אין די זעלבע גרענעצן ווייזט אויף אַ פאַר־קלענערונג אויף 87.000 נפשות. נישט געקוקט אויף דעם נאַטירלעכן צוווּקס איז פאַר 4 יאָר די יידישע באַפעלקערונג פון ווייסרוסלאַנד פאַרקלענערט געוואָרן כמעט אויף 18 %. קיין עמיגראַציע קיין אויסלאַנד איז פאַר דעם דאָזיקן פּעריאָד כמעט נישט פאָרגעקומען, אַזוי אַז די פאַרמינערונג מוז גע־נומען ווערן אויסשליסלעך אויפן חשבון פון דער אויסוואַנדערונג אין אנדערע טיילן פון סאָוויעטישן פאַרבאַנד. אויך פון אוקראַינע איז געגאַנגען אַ יידישע אויסוואַנדערונג קיין גרויסרוסלאַנד, דאָרט האָט זי אָבער נישט אָנגענומען אַזאַ מאַסשטאַב ווי אין ווייסרוסלאַנד. אוקראַינע האָט אַ גרויסע אינדוסטריע און אייגענע גרויסע צענטערן, די אויסוואַנדערונג פון די שטעטלעך און מי־טעלע שטעט האָט זיך דעריבער אָפּגעזעצט אין אוקראַינע גופא און נאָר אַ קלענער טייל איז געפאָרן אין די גרויס־רוסישע שטעט. דידאָזיקע עמי־גראַציע אויסער די גרענעצן פון אוקראַינע איז קלענער אפילו פונם נאַטיר־לעכן צוווּקס און מחמת דעם איז אין אוקראַינע די צאָל יידן אַקעגן 1923 אפילו פאַרגרעסערט געוואָרן [1]. אין אינדוסטריעל־אָפּגעשטאַנענעם ווייסרוסלאַנד איז נישטאָ קיין אַרבעטסמעגלעכקייטן פאַר די אַרויסגעשטויסענע יידישע עלעמענטן און דעריבער ציט זיך פון דאָרט אַ שטאַרקער אויסוואַנדערונגס־שטראָם אין ר. ס. פ. ס. ר. באַזונדערס האָבן צוגעצויגן אַ סך צענטליקער טויזנטער יידן די גרויסע צענטערן — מאָסקווע און לענינגראַד.

שטאַרק איז אויך אויסגעוואַקסן די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע — כאַר־קאָוו, וואָס האָט זיך פריער געפונען מחוץ לתחום. נאָך דער רעוואָלוציע האָבן זיך אין כאַרקאָוו באַזעצט עטלעכע צענטליק טויזנט יידן פון די אוקראַינישע שטעטלעך און קלענערע שטעט.

אַזוי אַרום באַמערקט זיך אין דער לעצטער צייט אַ געוויסע פאַר־שפּרייטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די צענטערן פון די ראַיאָנען, וווהין די יידן האָבן פאַר דער רעוואָלוציע כמעט קיין צוטריט נישט געהאַט. אָבער די גרעסטע מערהייט פונם רוסישן יידנטום וווינט איצט אויך אין די גרענעצן פונם געוועזענעם תחום המושב.

---

1) לויט די אויסרעכענונגען פון ה׳ זינגער האָט דער צוווּקס פון דער יידישער באַפעל־קערונג אין אוקראַינע פאַר די יאָרן 1923—1926 באַטראָפן 11,6 פּראָצ. („עמעס“ נומ. 22 פונם 26־טן יאַנואַר 1928). דידאָזיקע דאַטן זענען נישט קיין פּינקטלעכע, ווייל אין 1923 זענען געציילט געוואָרן נאָר די שטאָטישע איינוווינער, די באַפעלקערונג פון די דאָרפישע ישובים איז אַריינגע־רעכנט געוואָרן נאָר בערך. מ׳דאַרף רעכענען, אַז דער פאַקטישער צוווּקס איז קלענער פון די אָנגעוויזענע ציפערן, אָבער בלי ספק וויזט שוין די יידישע באַפעלקערונג אין אוקראַינע אויף אַ פאַרגרעסערונג אַקעגן 1923 יאָר.

# פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרשידענע טיפּן וווינונגס־ערטער.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 זענען די 4.899.327 יידן, וואָס האָבן געוווינט אין תחום, געווען פאַרטיילט אויף פאָלגנדיקן אופן: [1]

| | | |
|---|---|---|
| אין די שטעט | 48,84 | פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג |
| אין די שטעטלעך | 33,05 | 〃 〃 〃 〃 〃 〃 |
| אין די דערפער | 18,11 | 〃 〃 〃 〃 〃 〃 |

כמעט אַ העלפט יידן האָבן דעמאָלט שוין געוווינט אין די שטעט, דערביי האָבן 38,6 % יידן געוווינט אין גרעסערע און מיטעלע שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון מער ווי 10.000 נפשות, און ווייניקער ווי 1/5 אין די דערפער. די יורידישע אוממעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין די דערפער, די עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פונם שטעטל, די עמיגראַציע מעבר־לים און אויך די אינערלעכע וואַנדערונגס־פּראָצעסן אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטערן, וואו ס'איז לייכטער צו געפינען אַ באַשעפטיקונג, האָבן דידאָזיקע פּאַר־העלטענישצאָלן געענדערט לטובת דער גרויסער שטאָט, און צו דער צייט פון דער מלחמה איז דער פּראָצענט יידן אין די דערפער און די שטעטלעך געווען קלענער, אין דער גרויסער שטאָט אָבער האָט ער זיך באַדייטנדיק פאַרגרעסערט. דער דאָזיקער קאָנצענטרירונגס־פּראָצעס אין די שטעט האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט אין דער צייט פון דער מלחמה, רעוואָלוציע און בירגער־קריג.

לויט די פעסטגעשטעלטע דורך י. קאַראַלניק דאַטן פון דער ציילונג אין 1920 [2] האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פון די געוועזענע 6 אוקראַינער גובערניעס — כערסאָנער, קיעווער, יעקאַטערינאָסלאַווער, פּאָלטאַווער, כאַרקאָווער, טשערניגאָווער — און קרים (1.209.006 יידישע איינוווינער) אַזוי צעטיילט לויטן טיפּ וווינאָרט:

| | |
|---|---|
| שטעט . . . | 78,9 % |
| שטעטלעך . . . | 12,1 % |
| דערפער . . . | 9,0 % |

---

1) ב. ברוצקוס: „סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג" (רוסיש), פּעטערבורג, 1909.

2) י. קאַראַלניק: „די יידן אין אוקראַינע", בלעטער פאַר יידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק, נומ. 3, בערלין 1923.

אין 1897 האָט אין אוקראַינע גפּוווינט אין די שטעט — 43,96 % ; אין די שטעטלעך — 35,98 % און אין די דערפער — 20,06 % פון די יידישע איינוווינער.

די דאָזיקע געוואַלטיקע ירידה פון דער שטעטלדיקער און דאָרפישער יידישער באַפעלקערונג און דער אויסערגעוויינלעכער וווקס פון דער צאָל יידן אין די שטעט, דערקלערט זיך נישט נאָר מיט די שוין אָנגעוויזענע סבות, נאָר אויך מיט די ספּעציפישע פּאָגראָם-באַדינגונגען אין אוקראַינע. די דאָרפישע און קליינשטעטלדיקע יידישע באַפעלקערונג איז געווען אַבסאָלוט שוצלאָז קעגן די טעראָריסטישע באַנדעס און איז געלאָפן אין די גרעסערע צענטערן, ווו זי האָט זיך געפילט פאַרהעלטנישמעסיק זיכערער. אין די יאָרן 1920—1919 האָבן די אינערלעכע וואַנדערונגען אין אוקראַינע דערגרייכט דעם קולמינאַציאָנס-פּונקט. די דאָרפישע יידישע באַפעלקערונג איז געלאָפן אין די נאָענטסטע שטעטלעך און פון דאָרטן צוזאַמען מיט די אָרטיקע יידן אין די קרייז-שטעט, פון וואַנען אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער אָרטיקער און אַנגעלאָפענער יידישער באַפעלקערונג איז ווידער געלאָפן אין די גרויסע גובערניאַלע שטעט. באַזונדערס האָבן זיך די יידן געצויגן קיין קיעוו און אָדעס — אין די גרעסטע יידישע צענטערן אויף אוקראַינע, וועלכע זענען געוואָרן ערי מקלט פאַר די פּאָגראָמירטע מאַסן [1]. אין מזרח-יידישן היסטאָרישן אַרכיוו זענען פאַררעגיסטרירט 105 יידישע ישובים, ווו ס'איז קיין יידן אינגאַנצן נישט געבליבן נאָך די פּאָגראָמען אָדער בלויז איינצלנע נפשות [2]. אָט דער קאַטאַסטראָפישער פּאָגראָם-שטורם האָט אַסך מיטגעהאָלפן דער אומגעהויערער ירידה פונם שטעטל.

אין ווייסרוסלאַנד איז די פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען אַ מער נאָרמאַלע. אַ דאַנק דער קליינער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין ווייסרוסלאַנד, פאַרמאָגט דאָרט די שטאָט נישט אַזאַ צוציונגס-קראַפט ווי אויף אוקראַינע און אין גרויסרוסלאַנד. אויך די פּאָגראָמען האָבן דאָרט ווייניקער געווירקט אויף דער פאַרטיילונג פון די יידן אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער. הגם אין ווייסרוסלאַנד זענען אויך פאָרגעקומען פּאָגראָמען אין פיל שטעט און שטעטלעך, אָבער דאָרט האָבן די פּאָגראָמען

1) מ'דאַרף באַמערקן, אַז ביי דער נישט-יידישער באַפעלקערונג איז אין די יאָרן פון „מיליטערישן קאָמוניזם" פאָרגעקומען אַן אומגעקערטער פּראָצעס. די קריסטלעכע באַפעלקערונג איז געלאָפן פון די שטעט, ווו עס האָט געהערשט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער דרוק און הונגער, אין די דערפער.

2) אין די אָנגעוויזענע ישובים גייען נישט אַריין צענטליקער דערפער מיט אַ קליינער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע איז בעת די פּאָגראָמען אינגאַנצן אַנטלאָפן אין די שטעט.

ניסט געטראָגן אַזאַ פּערמאַנענטן און גרויזאַמען כאַראַקטער ווי אין אוקראַינע און דעריבער איז דאָרט נישט פאָרגעקומען אַזאַ ווילדע לויפעניש אין די שטעט. דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דעריבער דאָרט געווען אין 1920 אין שטעטל און דאָרף אַ גרעסערער און אין שטאָט אַ קלענערער ווי אין אוקראַינע [1].

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט געבראַכט געוויסע שנוים אין דער פאַרטיילונג פון די יידן אין פאַרשידענע טיפן וווינערטער. אַ טייל פון דער שטעטלדיקער און דאָרפישער באַפעלקערונג האָט זיך נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוויעטן-מאַכט און דער ליקווידאַציע פון די באַנדעס אומגעקערט אין די פריערדיקע וווינערטער. אויך דער איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט האָט אין דעם פּרט אַריינגעטראָגן געוויסע ענדערונגען. אין אוקראַינע, ווייס-רוסלאַנד און קרים האָט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן באַזעצט אויפן לאַנד. דאָס האָט פאַרגרעסערט דעם פּראָצענט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. גלייכצייטיק, האָט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נייער עקאָנאָמישער פּאָלי-טיק פון דער ראַטנמאַכט — דעם אַזוי-גערופענעם „נעפּ" — געצויגן אַ וואַנ-דערונגס-שטראָם אין די גרויסע שטעט.

פאָלגנדיקע ציפערן אילוסטרירן דעם סיסטעמאַטישן וווּקס פון דער יידי-שער באַפעלקערונג אין די גרויסע צענטערן:

| שטאָט | 1897 | 1920 | 1923 | 1926 |
|---|---|---|---|---|
| מאָסקווע | 8.095 | 28.263 | 86.171 | 131.244 |
| לענינגראַד | 16.944 | 25.529 | 52.374 | 84.480 |
| כאַרקאָוו | 11.013 | 55.474 | 65.007 | 81.138 |
| קיעוו | 32.093 | 117.041 | 129.076 | 140.256 |
| אָדעס | 139.915 | 190.135 | 130.041 | 153.243 |

אין די דריי גרעסטע אוקראַינער שטעט האָט זיך שוין אין 1920 קאָנ-צענטרירט אַ גרויסע מאַסע יידן וואָס זענען זיך אַנטלאָפן פון די פּאָגראָ-מירטע ישובים, אָבער דער וווּקס האָט זיך אויך נאָך דעם נישט אָפּגע-שטעלט, נישט געקוקט אויף דער צוריקוואַנדערונג פון אַ טייל היימלאָזע

1) לויט די דאַטן פון 1923 האָבן זיך די יידן אין ווייסרוסלאַנד אַזוי געטיילט: אין די שטעט — 36,29 %; אין די שטעטלעך — 30,73 % און אין די דערפער — 32,96 %. די דאָזיקע ציפערן רופן אַרויס ספקות. די ציילונג פון 1923 איז געווען אַ שטאָטישע, די דאָרפישע באַפעלקערונג איז אויסגערעכנט געוואָרן בערכדיק, וואַרשיינלעך, איז די צאָל דאָרפישע יידישע איינוווינער געווען קלענער און דער פּראָצענט יידן אין די שטעט גרעסער פון די געבראַכטע ציפערן.

אין די אַלטע היימען. אָן אויסנאַם בילדעט נאָר אָדעס פון וואַנען עס איז אַנטלאָפן אַ גרויסער טייל איינוווינער בעת דעם שרעקלעכן הונגער אין 1921—1922. דעם גרעסטן וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטערן „נעפּ" ווייזן אויף מאָסקווע און לענינגראַד, אין משך פון 6 יאָר איז אין דידאָזיקע 2 הויפּטשטעט די צאָל יידן 4 מאָל פאַרגרעסערט געוואָרן.

דער אינטענסיווער וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרויסע שטעט גייט הויפּטזעכלעך אויפן חשבון פונם שטעטל און טיילווייז פון די קלענערע שטעט. די יידישע ישובים אין קליינע שטעטלעך האָבן שטאַרק געליטן פון די פּאָגראָמען און נאָכדעם פון דער אייזערנער דיקטאַטור פון דער סאָוויעטנמאַכט. די פולשטענדיקע רואינירונג פון די קליינשטעטלדיקע יידישע הענדלער און בעלי־מלאכות האָט זיי געטריבן פון איין זייט אין די גרויסע שטעט און פון דער אַנדערער — צו לאַנדווירטשאַפט. די איבער־וויגנדיקע מערהייט פון די יידישע איבערוואַנדערער אויף ערד באַשטייט פון שטעטלדיקע עלעמענטן, נישט געקוקט אויף דעם קליינעם פּראָצענט וואָס די יידן בילדן אין די שטעטלעך לגבי די שטעט.

דער יידישער שטאָטישער איינוווינער פילט זיך זיכערער אויף זיין פלאַץ און נאָר אַ קליינער טייל איז גרייט איבערצוגיין צו אַזאַ שווערער באַשעפטיקונג ווי ערדאַרבעט. אין שטעטל אָבער פילט די יידישע מאַסע נישט קיין שום באָדן אונטער זיך און איז גרייט אויף די שווערסטע עינויים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט. דער עיקר ציט זיך אָבער דער וואַנדערונגס־שטראָם אין די שטעט, ווו די יידן זוכן אויסצונוצן זייער געניטקייט אין די שטאָטישע פּראָפעסיעס. מחמת דעם וואַקסט די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט מיט אַ זייער שנעלן טעמפּ און בעת דער פאָלקסציילונג אין דעצעמבער 1926 האָבן שוין די שטאָטישע עלעמענטן אויסגעמאַכט אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד 78,7 % פון אַלע יידישע איינוווינער פון דידאָזיקע רעפּובליקן. ליידער איז אוממעגלעך צו פאַרגלייכן אין דעם פּרט די דאַטן פון 1897 און 1926, ווייל אין 1926 איז די באַפעלקערונג פאַרטיילט געוואָרן נאָר אויף שטאָטישע און דאָרפישע איינוווינער.

## פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטאָטישע און דאָרפישע ישובים איז 1926.

| רעפובליק | שטעט: אבסאָלוטע צאָל יידן | שטעט: % פון דער גאַנצער ייד. באַפעלק. | שטעט: % פון דער גאַנצער שטאָטישער באַ-פעלקערונג. | דערפער: אבסאָלוטע צאָל יידן | דערפער: % פון דער גאַנצער יידישער באַפעל-קערונג. | דערפער: % פון דער גאַנצער דאָר-פישער באַ-פעלקערונג. |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אוקראַינע | 1.218.651 | 77,4 | 22,7 | 355.7،7 | 22,6 | 1,5 |
| ר.ס.פ.ס.ר. | 553.613 | 94,0 | 3,2 | 35.230 | 6,4 | — |
| ווייסרוסלאַנד | 340.162 | 83,6 | 40,1 | 66.897 | 16,0 | 1.6 |
| טראַנסקאַווקאַז | 54.047 | 86,9 | 3,8 | 8.147 | 13,1 | 0,2 |
| אוזבעקיסטאַן | 37.165 | 98,2 | 3,4 | 669 | 1,8 | — |
| טורקמעניסטאַן | 1.968 | 96,5 | 1,4 | 72 | 3,5 | — |
| סך הכל | 2,205,606 | 82,5 | 8,4 | 466·792 | 17,5 | 0,4 |

די שטאָטישע יידישע באַפעלקערונג באַטרעפט גאַנצע 82,5 % פון אַלע דוסישע יידן און די דאָרפישע — בלויז 17,5 %. מ'דאַרף אָבער באַמערקן, אז פאַקטיש איז די צאָל שטאָטישע און דאָרפישע איינוווינער קלענער פון די געבראַכטע צאָלן, מחמת אין 1926 זענען די שטעטלעך פאַררעכנט גע-װאָרן טיילווייז פאַר שטאָטישע, טיילווייז פאַר דאָרפישע ישובים. די צאָל יידן אין די שטעטלעך קאָן מען נאָך לעת עתה נישט פעסטשטעלן ביז עס וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אַלע דאַטן פון דער ציילונג אין 1926, אָבער בלי ספק האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַרגרעסערט. אין אוקראַינע האָט 66 % פון דער גאַנצער יידי-שער באַפעלקערונג אין 1926 געוווינט אין ישובים מיט מער פון 10.000 איינוואוינער, דערפון 41,2 % –אין שטעט, וואָס ציילן מער פון 50.000 נפשות. דער עיקר איז אויסגעוואַקסן די צאָל יידן אין די גרויסע צענטערן, אין די מיטעלע שטעט האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג וויניק פאַרענ-דערט אַקעגן 1897 יאָר, אין אַ ריי מיטעלע שטעט האָט זיך די צאָל יידישע איינוווינער אפילו פאַרקלענערט פאַר די 30 יאָר.

לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג בילדן די יידן אין דאָרף אַ קליי-נעם מיעוט — 0,4 %; אין די שטאָטישע ישובים שפּילן די יידן אַ גרויסע ראָלע: אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד מאַכן די יידן אויס 8,4 % פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און אוקראַינע — 22,7 % און אין ווייסרוסלאַנד גאַנצע 40,1 %. די ציילונג פון 1926 האָט אַזוי אַרום באַוויזן, אז די אור-

באַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע באַדייטנד פאַרשטאַרקט.

### 3.

## געשלעכט-און עלטער-אויפבוי פון דער יידישער באַפעלקערונג.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 איז ביי דער יידישער באַפעלקערונג דער פרויען-איבערגעוויכט געווען אַ גרעסערער, ווי ביי נישט-יידן. ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז אויף 100 מענער געווען — 101,1 פרויען, ביי יידן — 104,8 און אין תחום האָט דער איבערגעוויכט פון דער פרויען-באַפעלקערונג דערגרייכט ביז 106,1. שוין דעמאָלט האָבן זיך ערנסט גע-לאָזט פילן די עמיגראַציאָנס-פּראָצעסן, וואָס האָבן אַרויסגעריסן פון דער יידי-שער מאַסע אַ גרעסערע צאָל מענער און האָבן פאַרקלענערט דעם פּראָצענט פון דער מער זעלבסטשטענדיקער אין עקאָנאָמישער הינזיכט מעגלעכער באַ-פעלקערונג. די קרבנות פון דער וועלט-מלחמה און בירגער-קריג האָבן ביי אַלע פעלקער פאַרקלענערט דעם פּראָצענט מענער. ביי דער יידישער באַ-פעלקערונג האָבן אויפן געשלעכט-אויפבוי געווירקט נאָך אַנדערע פאַקטאָרן — די עמיגראַציע און פּאָגראָמען — און האָבן נאָך מער געענדערט די פאַר-העלטעניש צווישן די געשלעכטער.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1926 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג לויטן געשלעכט אַזוי געטיילט:

| רעפּובליקן | מענער | % | פרויען | % | צוזאַמען | % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אוקראַינע | 733.848 | 46,6 | 840.580 | 53,4 | 1.574.428 | 100,0 |
| ר. ס. פ. ס. ר. | 288.175 | 48,9 | 300.668 | 51,1 | 588.843 | 100,0 |
| ווייסרוסלאַנד | 191.867 | 47,1 | 215.192 | 52,9 | 407.059 | 100,0 |
| טראַנסקאַוקאַז | 30.969 | 49,8 | 31.225 | 50,2 | 62.194 | 100,0 |
| אוזבעקיסטאַן | 19.069 | 50,4 | 18.765 | 49,6 | 37.834 | 100,0 |
| טורקמעניסטאַן | 1.108 | 54,3 | .932 | 45,7 | 2.040 | 100,0 |
| צוזאַמען | 1.265.036 | 47,0 | 1.407.362 | 53,0 | 2.672.398 | 100,0 |

די מענער דאָמינירן נאָר אין די אַזיאַטישע רעפּובליקן, וווּ די יידן ציילן אינגאַנצן בערך 40.000 נפשות און וווּ אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג באַשטייט פון די אַזיאַטיש-יידישע גרופּן. אין טראַנס-קאַוקאַז איז די פאַרהעלטעניש צווישן די מענער און פרויען אַ גלייכמעסיקע.

אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. ווו עס קאָנצענטרירט זיך דריי פערטל פון אַלע רוסישע יידן איז דער איבערגעוויכט פון די פרויען זייער אַ באַדייטנ־דיקער. אויך אין ר. ס. פ. ס. ר. מאַכן די פרויען אויס אַ מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אָבער די פאַרטיילונג פון די געשלעכטער איז דאָרט אַ מער נאָרמאַלע, ווי אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. ר. ס. פ. ס. ר. איז די לעצטע יאָרן געוואָרן אַן איינוואַנדערונגס-צענטער פאַר די יידן פונם געוועזענעם תחום און דעריבער איז דאָרט דער פּראָצענט מענער גרעסער ווי אין די מערב-רעפּובליקן. אין דורכשניט איז אין 1926 יאָר אויף 1.000 יידישע מענער אין סאָוועטישן פאַרבאַנד געווען 1.112 פרויען אַקעגן 1.048 אין 1897 יאָר. דאָס זענען די רעזולטאַטן פון דער יידישער מאַסן-עמיגראַציע און פון דער מלחמה. אויך די פּאָגראָמען האָבן אין דעם פּרט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. די באַנדיטן האָבן געזוכט אויסצוראָטן הויפּטזעכלעך די מענער, דעם עקאָנאָמיש-געזונטסטן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג. לויט די מאַטעריאַלן פון דעם מזרח-יידישן היסטאָרישן אַרכיוו האָבן די מענער אויסגעמאַכט דריי פערטל פון די פּאָגראָם-הרוגים. די יידישע מענער האָבן אויסער די פאַרלוסטן אין דער וועלט-מלחמה געבראַכט אַ אומגעהויערע צאָל קרבנות אויפן פּאָגראָם-מזבח און זייער פּראָצענט איז מחמת דעם נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן.

דער אומגינסטיקער געשלעכט-צוזאַמענשטעל פון די רוסישע יידן ווערט באַזונדערס קלאָר ביים פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פונם פאַרבאַנד.

אויף 1.000 מענער איז געווען אין 1926.

| רעפּובליק | ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג | ביי דער יידישער באַפעלקערונג |
|---|---|---|
| אוקראַינע | 1.059 | 1.145 |
| ווייסרוסלאַנד | 1.042 | .121 |
| ר. ס. פ. ס. ר. | 1.094 | 1.042 |
| אין גאַנצן סאָוו. פאַרבאַנד | 1.070 | 1.112 |

מיטן אויסנאַם פון ר. ס. פ. ס. ר. איז דער פרויען-איבערגעוויכט ביי יידן אַ סך גרעסער ווי ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. באַזונדערס שטאַרק איז דער איבערגעוויכט פון. דער ווייבלעכער באַפעלקערונג אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, ווו עס וווינט דער רוב בנין און רוב מנין פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. דער גרויסער פרויען-איבערגעוויכט שוואַכט שטאַרק אָפּ אין עקאָנאָמישער הינזיכט די יידישע באַפעלקערונג און אין דעם פּרט איז די

לאגע פון די יידן לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג זייער נישט גינס-טיק, באזונדערס נעמענדיק אין אכט, אז דער גרעסטער מענער-פארלוסט ביי יידן איז געווען אין בליענדן עלטער פון 20-29 יאר. די פאלגנדיקע טאבעלע אילוסטרירט די פארטיילונג פון דער יידישער באפעלקערונג לויטן געשלעכט און עלטער.

## עלטער-אויפבוי פוז דער יידישער באפעלקערונג איז אוקראינע איז 1926.

(אין פראצענטן)

| עלטער-גרופע | מענער | פרויען | צוזאמען |
|---|---|---|---|
| 0 — 9 | 21,0 | 17,8 | 19,2 |
| 10 — 19 | 22,7 | 22,5 | 22,6 |
| 20 — 29 | 18,8 | 22,9 | 21,0 |
| 30 — 39 | 13,8 | 12,5 | 13,1 |
| 40 — 49 | 9,4 | 8,9 | 9,2 |
| 50 — 59 | 6,9 | 7,6 | 7,3 |
| 60 און עלטער | 7,3 | 7,8 | 7,5 |
| אומבאקאנט | 0,1 | — | 0,1 |
| | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

דער פארגלייך פון דידאזיקע ציפערן מיט די דאטן פון 1897 בנוגע דעם תחום *) באווייזט, אז אין דעם עלטער-אויפבוי פון דער יידישער באפעלקערונג זענען פארגעקומען וויכטיקע שנוים. אין דער ערשטער ריי באמערקן מיר א שטארקע פארקלענערונג פון דער קינדער-באפעלקערונג. אין 1897 האט דער פראצענט יידישע קינדער בארטראפן ביז 10 יאר 28,6 און אין 1926 — בלויז 19,2. די פארקלענערונג פון דער צאל געבוירטן ביי יידן אין 20-טן יארהונדערט, וועלכע האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה אין דער צייט פון מלחמה און בירגער-קריג, האט שוין געגעבן וויכטיקע רעזולטאטן. אין 1897 יאר האט די עלטער-גרופע ביז 19 יאר אויסגעמאכט 52,6 % פון

*) וועגן עלטער-אויפבוי פון דער יידישער באפעלקערונג אין 1926 האבן מיר ידיעות נאר בנוגע אוקראינע. מיר פארגלייכן זיי מיט די מאטעריאלן פון 1897 בנוגע דעם גאנצן תחום-המושב, ווייל קיין באדייטנדיקער אונטערשייד אין דעם עלטער-באשטאנד פון דער יידישער באפעל-קערונג אין די איינצלנע ראיאנען פונם תחום איז נישט געווען

דער יידישער באַפעלקערונג, אין 1626 — 41,8 %. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז ביי די עלטערע גרופן פאַרגעקומען אַן אומגעקערטער פראָצעס. באַזונדערס וויכטיק איז די גרופע פון ארבעטספעיקן עלטער — פון 20—29 יאָר. אין 1897 האָט דידאָזיקע גרופע אין תחום באַטראָפן 42 %, אין 1926 — 50,6 %. אויף אַזאַ אופן איז דער פראָצענט אַרבעטס פעיקע און עקאָנאָמיש־זעלבסטשטענדיקע עלעמענטן אין 1926 געווען באַדייטנד גרעסער ווי אין 1897.

## 4

## די שפראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַלפבעטישקייט

אין 1897 האָבן 5.054.300 יידן [1]) (96,9 % פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג) אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער שפראַך, דערביי האָבן אין תחום 97,95 % פון די יידישע איינוואוינער אָנערקענט יידיש אַלס זייער מוטער־שפראַך און מחוץ לתחום — בלויז 80,5 % [2]). דאָס באַווייזט, אַז אויסערן תחום האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעמערקט געוויסע אַסימילאַציע־פראָצעסן. אויך אין תחום גופא איז אין די גרויסע שטעט צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, געווען א היפשע צאָל, וואָס האָט אָנערקענט נישט־יידישע שפראַכן (רוסיש, פויליש, דייטש) פאַר איר אייגענער שפראַך.

קיין גענויע דאַטן וועגן דער שפראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר דער מלחמה האָבן מיר נישט; בלי ספק האָבן די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג און דאס אַריינדרינגען פונם יידישן קינד אין דער אַלגעמיינער רוסישער שול פאַרקלענערט די צאָל יידיש־רעדנדיקע עלעמענטן. דער אַסימילאַציע־פראָצעס האָט אָבער פאַרכאַפט דער עיקר „די אויבערשטע" שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג — די אינטעליגענץ און די בורזשואַזיע, די אומגאַנגס־שפראַך פון די ברייטע יידישע מאַסן איז ווי פריער געווען די יידישע שפראַך. דאָס באַשטעטיקן אויך די רעזולטאַטן פון דער שול־ציילונג אין 1911 פון 134.036 אויסגע־פאַרשטע יידישע שילער האָבן 124.195, אָדער 92,7 % אָנגעוויזן, אַז זייער היימישע שפראַך איז יידיש. אַזוי אַרום איז אויך פאַר דער מלחמה יידיש געווען די שפראַך פונם רוב מנין און רוב בנין פונם יידישן פאָלק אין רוסלאַנד-

1) ב. ברוצקוס. „סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעלקערונג", רוסיש, פעטערבורג 1909 זייט 35

2) דאָרט, זייט 36

די רעוואָלוציע האָט לכתחילה פאַרשטאַרקט די דענאַציאָנאַליזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג. די פאַלשע אויסטייטשונג פון אינטערנאַציאָנאַליזם אלס אַן אָפּזאָג פון דער אייגענער נאַציאָנאַלער שפּראַך האָט געפונען אַ גרויסע צאָל אָנהענגער צווישן די אַקטיווע יידישע קאָמוניסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן ענערגיש פאַרשפּרייט זייערע אַסימילאַציע-אידעען צווישן די יידישע מאַסן, באַזונדערס צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. פאַר די לעצטע 4 יאָר באַמערקט זיך, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטן-מאַכט, אַן אומגעקערטער פּראָצעס אין דעם פּרט. די יידישע שפּראַך דרינגט אַלץ מער אַריין אין פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון די יידישע מאַסן. אַ גרויסער טייל פון די יידישע קינדער לערנט זיך אין שולן מיט יידישער אונטעריכטס-שפּראַך, אָבער די שפּראַכן-אַסימילאַציע איז נאָך איצט אויך זייער שטאַרק. בעת דער פאָלקסציילונג אין 1926 האָבן 1.888.500 יידן אָנגעגעבן יידיש אַלס זייער אומגאַנג-שפּראַך, ד. ה. 70,6% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג און 72,6% פון די מערב-יידן. די צאָל יידיש-רעדנדיקע אין די איינצלנע רעפּובליקן און זייער פאַרהעלטניש צו דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג איז אין 1926-טן יאָר געווען אַזוינע:1)

| רעפּובליק | צאָל יידיש-ריידנדיקע | % פון דער גאַנצער ייד. באַפ. |
|---|---|---|
| אוקראַינע | 1.197.969 | 75,6 |
| ר.ס.פ.ס.ר. | 285.010 | 50.3 |
| ווייסרוסלאַנד | 369.252 | 91,1 |
| טראַנסקאַווקאַז | 15.423 | 50,5 |
| אוזבעקיסטאַן | 18.969 | 94,0 |
| טורקמעניסטאַן | 1.877 | 100,0 |
| אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד | 1,838.500 | 72,6 |

נאָר 72,6% פון דער יידישער באַפעלקערונג רעדט אויף יידיש, די איבעריקע האָבן אָנערקענט נישט-יידישע שפּראַכן, הויפּטזעכלעך רוסיש, פאַר זייער געוויינטלעכער שפּראַך. דעם קלענסטן פּראָצענט יידיש-רעדנדיקע ווייזן אויף ר.ס.פ.ס.ר. און טראַנסקאַווקאַז. דאָרט בילדן די יידן אַ קליינעם פּראָצענט

1) אויף יידיש ריידן נאָר די מערב-יידן, די איבעריקע קליינע יידישע גרופּן האָבן שטענדיק גערעדט אויף אַנדערע שפּראַכן, מיר האָבן דעריבער אין דער טאַבעלע אויסגערעכנט דעם פּראָצענט יידיש-ריידנדיקע נאָר בנוגע צו די מערב-יידן.

פון דער באַפעלקערונג און אַסימילירן זיך אין שפּראַכלעכער הינזיכט אַ סך שנעלער ווי אין די מערב־רעפּובליקן, ווו די יידן וווינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן. אָבער אויך אין אוקראַינע איז די שפּראַך־אַסימילאַציע זייער אַ באַדייטנדיקע, אַ פערטל פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אוקראַינע רעדט נישט אויף יידיש. אַמשטאַרקסטן איז די יידישע שפּראַך פאַרשפּרייט אין ווייסרוסלאַנד (נישט רעכענענדיק די צוויי אַזיאַטישע רעפּובליקן צוליב דער נישטיגער צאָל יידישע איינוווינער). דאָרט באַנוצן זיך מיט דער יידישער שפּראַך גאַנצע 91% פון די יידישע איינוווינער. אויך אין דער רעכט־ברעגיקער אוקראַינע איז די יידישע שפּראַך די הערשנדיקע שפּראַך פון דער יידישער באַפעלקערונג, דאָרט איז דער פּראָצענט יידיש־רעדנדיקע נאָענט צו די ווייסרוסישע ציפערן. דעם גרעסטן פּראָצענט אַסימילירטע עלעמענטן אין אוקראַינע ווייזן אויף די לינק־ברעגיקע קרייזן און די גרויסע שטעט. בכלל איז אין די שטעט דער פּראָצענט יידיש־ריידנדיקע אַ סך נידעריקער, ווי אין די דערפער און די שטעטלעך. לויט דער ציילונג פון 1926 האָבן אָנערקענט יידיש פאַר דער אומגאַנגס־שפּראַך אין דאָרף 93,8%; אין שטאָט – 68,1% פון די יידישע איינוווינער. אין די קליינע דאָרפישע און שטעטלשע ישובים איז דער אַסימילאַציע־פּראָצעס זייער אומבאַדייטנד. אין די גרויסע שטעט ווערט די יידישע שפּראַך אַלץ מער אַרויסגעשטויסן און ווערט פאַרביטן מיט דער שפּראַך פון זייער אַרומיקער באַפעלקערונג.

מ׳דאַרף רעכענען, אַז די אַלגעמיינע צאָל יידיש־ריידנדיקע עלעמענטן איז גרעסער פון די געבראַכטע ציפערן. בעת דער ציילונג אין 1926 איז אַלס מוטער־שפּראַך באַטראַכט געוואָרן די א ו מ ג אַ נ ג ס ־ ש פּ ר אַ ך, אויף וועלכער די רעגיסטרירטע ריידן געוויינטלעך. דידאָזיקע פאָרמולירונג האָט שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל יידיש־ריידנדיקע. באַדייטנדיקע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס קענען די יידישע שפּראַך, נאָר באַנוצן זיך מער מיט דער רוסישער שפּראַך, זענען צוליב דעם פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַזוינע, וואָס רעדן נישט אויף יידיש. בלי ספק האָט זיך אויך געלאָזט פילן די ווירקונג פונם דערמאָנטן דענאַציאָנאַליזאַציע־פּעריאָד, און אַ היפּשע צאָל יידן, וואָס קענען און רעדן יידיש, האָבן פּרינציפּיעל אָנערקענט אַנדערע שפּראַכן פאַר זייער אייגענער שפּראַך. די צאָל יידן, וואָס באַהערשן די יידישע שפּראַך און באַנוצן זיך מיט איר אין אַלטעגלעכן לעבן איז צוליב די־דאָזיקע סבות גרעסער פון די דאַטן פון דער ציילונג אין 1926 יאָר, אָבער אין אַלגעמיין איז פאַר 30 יאָר פאָרגעקומען אַ שטאַרקע שפּראַך־אַסימילאַציע ביי דער יידישער באַפעלקערונג.

וואָס איז שייך א ל פ אַ ב ע ט י ש ק י י ט האָט די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד שטענדיק געהאַט אַ גרויסן פּראָצענט שריפט־קענעוודיקע. אפילו

בנוגע דער רוסישער שפּראַך איז בײַ ייִדן שוין אין 1897 דער פּראָצענט אַלפאַבעטן געווען העכער פונם דורכשניטלעכן ניוואָ אין לאַנד 1).

נישט געקוקט אויף דעם ווּוּקס פון דער אַלפאַבעטישקייט בײַ אַלע נאַציעס אין רוסלאַנד האָבן די ייִדן אויך אין 1926 פאַרנומען אײנעם פון די ערשטע פּלעצער 2). לויט דער פאָלקסציילונג פון 1926 איז אויף 1000 אײנוווינער געווען אַלפאַבעטן.

| | בײַ מענער | בײַ פרויען | אינגאַנצן |
|---|---|---|---|
| בײַ דער גאַנצער באַפעלק. | 508 | 292 | 396 |
| בײַ די מערב־ייִדן | 758 | 692 | 723 |
| בײַ די קרימטשאַקעס | 628 | 543 | 582 |
| בײַ די גרוזינישע ייִדן | 384 | 269 | 328 |
| בײַ די מיטל־אַזיאַטישע ייִדן | 406 | 84 | 250 |
| בײַ די באַרג־ייִדן. | 325 | 77 | 197 |

בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג (מערב־ייִדן) איז דער פּראָצענט שריפט־קע־נעוודיקע כמעט צוויי מאָל גרעסער ווי בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג און נאָר די אָפּגעשטאַנענע אַזיאַטישע ייִדישע גרופּן שטייען אונטער דעם דורכ־שניטלעכן ניוואָ.

די גרעסטע אַלפאַבעטישקייט בײַ ייִדן דערקלערט זיך מיטן שטאָטישן כאַראַקטער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. א גרויסע באַדײַטונג האָט בע־האַט דער פאַקט, וואָס כמעט אַלע ייִדישע ייִנגלעך האָבן געלערנט אין חדר און אפילו אין די פּראָוואָרפנסטע שטעטלעך האָבן זײַ מינדעסטנס געקאָנט לייענען. ס׳איז נויטיק צו פאַרצייכענען דעם ווּוּקס פון שריפטקענעוודיקייט בײַ ייִדן אין דער צײַט פון דער רעוואָלוציע. אין 1920 האָט דער פּראָצענט אלף־ביתניקעס בײַ ייִדן אין אוקראַינע באַטראָפן 65,1 און אין 1926 — 70.

א באַזונדערן אינטערעס רופט אַרויס די פראַגע וועגן אַלפאַבעטישקייט אין דער ייִדישער שפּראַך. אין דעם פּרט האָבן מיר ידיעות נאָר בנוגע אוקראַינע. פון אַלע ייִדישע אלף־ביתניקעס זענען שריפטקענעוודיקע אויף

1) פון דער פאָלקסציילונג אין 1897 קאָן מען פעסטשטעלן דעם אַלפאַבעטיזם פון דער ייִדישער באַפעלקערונג נאָר בנוגע דער רוסישער שפּראַך (זע: ב. ברוצקוס „סטאַטיסטיק פון דער ייִדישער באַפעלקערונג“, זײַטן 47—48).

2) אין פּרט פון אַלפאַבעטישקייט שטייען לויט דער ציילונג פון 1926 יאָר אויפן ערשטן אָרט די קאַראַימער, אויפן צווייטן — די לאַטישן און אויפן דריטן — די ייִדן.

יידיש: ביי מענער 65,1 פראָצענט, ביי פרויען — 56.4%. 40% פון די יידישע אַלפאַבעטן קענען נישט לייענען און שרייבן אויף יידיש. נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שול-נעץ און דער גרויסער צאָל יידישע אויסער־שול=אַנשטאַלטן, איז אויך צווישן די יידיש-ריידנדיקע עלעמענטן די צאָל עם-הארצים אין דער יידישער שפּראַך ווייטער אַ באַדייטנדיקע.

# די עקאנאמישע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד

## די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר דער מלחמה.

די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָט ביז דער רעוואָלוציע געלעבט אונטערן דרוק פון אויסנאַם-געזעצן, וועלכע האָבן אָרויפגעלייגט זייער שטעמפּעל אויף איר גאַנצער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. 93,9 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער מאַסע איז געווען פאַרשפּאַרט אין די 25 גובערניעס פונם „תחום המושב", און אפילו אין די גרענעצן פונם פאַרפּאַנצערטן תחום האָבן די יידן נישט געהאַט קיין באַוועגונגס-פרייהייט און האָבן אויפן סמך פון „די צייטווייליגע תקנות" פון 1882 נישט געקאָנט זיך באַזעצן פונדאָסניי אין די דאָרפישע ישובים. מער ווי 4/5 (81,89%) פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט מחמת דעם געוווינט אין די שטעט און שטעטלעך פון דער „טשערטאַ". צו אַ רייע פּראָפעסיעס האָבן די יידן כמעט נישט געהאַט קיין צוטריט. יידן איז געווען פאַרבאָטן צו קויפן און אַרענדירן לאַנד, יידן האָבן נישט געטאָרט באַזעצן קיין פּאָסטנס אין רעגירונגס-און מוניציפּאַלע אינסטיטוציעס. אויך דער צוטריט צו דער גרויס-אינדוסטריע איז געווען זייער שווער, און אַפילו אין די פרייע פּראָפעסיעס איז פאַר יידן דורך אַ רייע באַגרענעצונגען געשאַפן געוואָרן גרויסע שוועריקייטן. די יידישע מאַסן אין תחום האָבן דעריבער מער-ווייניקער פריי געקאָנט אַנטוויקלען זייערע כוחות אין אינדוסטריע, האַנטווערק און האַנדל, אָבער די באַוועגונגס-באַגרענעצונגען האָבן שטאַרק אָפּגעשוואַכט און טיילווייז אפילו פּאַראַליזירט די מעגלעכקייטן אויך אויף דידאָזיקע געביטן. די יידישע אינדוסטריע און האַנדל איז מיט קליינע אויסנאַמען, אָפּגעריסן געוואָרן פון די געוואַלטיקע רוסלענדישע נאַטירלעכע רייכטימער און פון די גרויסע רוסישע אָפּזאַץ-מערק און איז געצוווּנגען געווען צו בלייבן אין די ד' אמות פון דער „טשערטאַ". דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכע קאָנקורענץ אין די תחום-גובערניעס, וועלכע זענען איבערפולט געוואָרן מיט קליינע בעלי-מלאכות און דער עיקר הענדלער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פעסטן באָדן אונטער זיך.

ביי דידאָזיקע באַדינגונגען האָט דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן גע־מוזט טראָגן אַן אומנאָרמאַלן כאראקטער און הגם די אויפלעבונג פון דער רוסישער פאָלקסווירטשאַפט האָט מיט דער צייט פאקטיש ביסלעכווייז דורכגעריסן די אייזערנע ווענט פון באשרענקונגען און אַ געוויסן טייל פונם רוסישן יידנטום האָט זיך אַפילו איינגעגעבן אַריינצודרינגען אין די רייען פון דער גרויס-בורזשואַזיע, איז אָבער אין אַלגעמיין די יידישע מאַסע, גע־דריקט און געשטיקט דורך אומצאָליקע גזירות, געבליבן אויף אַ נידעריקער עקאָנאָמישער שטופע.

---

דער פראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פונם רוסישן יידנטום איז, לויט די אויסרעכענונגען פון פראָפ. ב. ברוצקוס [1]) אויפן סמך פון דער ציילונג אין 1897, געווען אַזוינער: [2])

## פראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פוז דער יידישער און אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

| פראָפעסיע | % ביי יידן אין גאַנץ רוסלאַנד | % ביי יידן אין תחום | % ביי דער אַלגעמיי־נער באַפעלקערונג |
|---|---|---|---|
| 1) לאַנדווירטשאַפט | 3,55 | 3,60 | 74,31 |
| 2) אינדוסטריע און האַנט־ווערק | 35,43 | 35,16 | 10,25 |
| 3) טראַנספּאָרט | 3,98 | 4,06 | 1,55 |
| 4) האַנדל | 38,65 | 38,96 | 3,77 |
| 5) פריוואַט-אַרבעט, טאָג-אַרבעטער, הויז-דינסטן | 6,61 | 6,70 | 4,61 |
| 6) אָנגעשטעלטע אין רעגי־רונגס- און געזעלשאַפטל. אַנשטאַלטן און פרייע פראָפעסיעס | 5,22 | 5,27 | 2,04 |
| 7) אומפּראָדוקטיווע און אומבאַשטימטע פראָפעס. | 5,49 | 5,51 | 2,48 |
| 8) מיליטער | 1,07 | 0,74 | 0,99 |
| סך-הכל | 100,00% | 100,00% | 100,00% |

---

1) ב. ברוצקוס. „דער פראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד" (רוסיש), פעטערבורג 1908, זייטן: 11,5 און 35.

2) דער פראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל איז פעסטגעשטעלט בנוגע 5.063.098 איינוואוינער

דידאָזיקע טאַבעלע ווייזט בולט דעם ראַדיקאַלן אונטערשייד אין דעם סאָציאַלן בוי פון דער יידישער און נישט-יידישער באַפעלקערונג. פון אינ-דוסטריע און האַנדל האָבן ביי יידן געלעבט 74,08%, ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג בלויז 14,02%, דערפאַר אָבער איז אין לאַנדווירטשאַפט גע-ווען באַשעפטיקט ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג 74,31% און ביי יידן בלויז 3,55%. אָט דאָס זענען די רעזולטאַטן פון ספּעציפֿישע היסטאָרישע סיבות און רעכטלאָזיקייט. אָבער אויך אין די שטעט איז דער פּראָפעס-יאָנעלער באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער.

## פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער און נישט-יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט [1].

| פּראָפעסיעס | % ביי יידן | % ביי נישט-יידן |
|---|---|---|
| 1) לאַנדווירטשאַפט | 0,70 | 10,42 |
| 2) אינדוסטריע און האַנטווערק | 36.81 | 31,63 |
| 3) טראַנספּאָרט | 4,43 | 6,11 |
| 4) האַנדל | 37,48 | 12,42 |
| 5) פּריוואַט-אַרבעט, טאָג-אַרבעט און הויז-דינסטן | 7,62 | 15,65 |
| 6) אָנגעשטעלטע אין רעגירונגס- און געזעלשאַפטלעכע אנשטאַלטן און פרייע פּראָפעסיעס | 5,35 | 8,10 |
| 7) אומפּראָדוקטיווע און אומבאַשטימ-טע פּראָפעסיעס | 6,43 | 9,31 |
| 8) מיליטער | 1,18 | 6,36 |
| כּל-הכּל | 100.00% | 100,00% |

אויך בנוגע דער שטאָטישער באַפעלקערונג פאַרנעמען יידן אַ באַזונדער פּלאַץ; ביי יידן איז דער פּראָצענט הענדלער דריי מאָל גרעסער ווי ביי

---

וואָס האָבן אנערקענט יידיש אַלס זייער מוטער-שפּראַך. דאָס האָט נאַטירלעך נישט געענדערט דאָס בילד פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג (5.215.805), אָבער דער פּראָצענט באַשעפטיקטע אין פרייע פּראָפעסיעס איז פאַרקלענערט געוואָרן דידאָזיקע גרופּע האָט חרשיינלעך מער ווי אַנדערע אנערקענט נישט יידישע שפּראַכן פאַר איר מוטער-שפּראַך. די טאַבעלעס אילוסטרירן דעם פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג (נישט נאָר די זעלבסטשטענדיקע עלעמענטן, נאָר אויך זייערע פאַמיליעס).

1) דאָס ציטירטע בוך פון ב. ברוצקוס, זייט 18.

נישט=יידן און אין תחום האָבן די יידישע האַנדלס-עלעמענטן בּאַטראָפן 72,8% פונם גאַנצן האַנדלס-קלאַס.

## לאַנדווירטשאַפט.

איבּערגייענדיק צו איינצלנע פּראָפעסיעס האַלטן מיר פאַר נויטיק זיך אָפּשטעלן אויף דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, הגם זי האָט געשפּילט אַ קליינע ראָלע אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן. אין איצטיקן מאָמענט, ווען אין רוסלאַנד ווערט געפירט אַ יידישע קאָלאָניזאַציע אין גרויסן מאַסשטאַב און ווען פון פאַרשידענע זייטן ווערן אַרויסגעזאָגט ספיקות, אויף וויפל יידן זענען פעיק איבּערצוגיין פון זייערע שטאָטישע פרנסות צו לאַנדווירטשאַפט, איז באַזונדערס נויטיק זיך צו באַקאָנען מיט דער פריערדיקער טעטיקייט פון די רוסישע יידן אויף דעם געביט.

לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 האָבן פון לאַנדווירטשאַפט געלעבּט 179.400 יידן, פון זיי אין „תחום" 172.927 און אויסערן „תחום" 6.473. לויט דער אויספאָרשונג פון „יקא" אין 1898 האָט די צאָל יידישע ערד=אַרבעטער און זייערע פאַמיליעס אין תחום באַטראָפן 148.933. דערפון איז אין די קאָלאָניעס פון דרום= און מערב=רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך געבילדעט אין דער ערשטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט, און אין פוילן געווען 75.887 נפשות וועלכע האָבן זיך אַזוי געטיילט: 1)

| ראיאָן | צאָל ישובים | צאָל הויפן | צאָל נפשות | צאָל דעסיאַטין לאַנד |
|---|---|---|---|---|
| יעקאַטערינאָסלאַוו. און כערסאָנ. גוב. | 38 | 4.658 | 27.585 | 60.489 (2 |
| צפון-מערב און דרום-מערב קאַנטן אין בעסאַראַבער גוב. | 258 | 5.892 | 35.757 | 39.207 |
| פוילן . . . | .— | 2.509 | 12.545 | 13.334 |
| סך־הכּל | | 13.059 | 75.887 | 113.030 |

1) „מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד" 1-טער באַנד, זייטן 4 און 10 און 2-טער באַנד — טאַבעלע 5. פעטערבורג 1904.

דער חילוק פון די דאַטן פון „יקא" און דער ציילונג פון 1897 דערקלערן זיך וואַרשיינלעך דערמיט, וואָס די „יקא" האָט פאַררעכנט פאַר ערדאַרבעטער נישט אַלע קאָלאָניסטן, נאָר די וואָס האָבן דירעקט באַאַרבעט די ערד — 51.359 נפשות פון דער אַלגעמיינער צאָל 75.887, און די ציילונג האָט פאַררעכנט אויך אַ טייל פון די איבריקע איינוווינער פאַר ערדאַרבעטער.

2) אָנהויב 20-טן יאָרהונדערט האָט זיך די קאָלאָניסטן פון כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער יידישע קאָלאָניעס איינגעגעבּן צו באַקומען די רעזערוו-פאָנדן און זייער ערד-באַזיץ האָט

אויף אַזאַ אופן זענען פאַרהעלטנישמעסיק געווען באַזאָרגט מיט ערד נאָר די 38 קאָלאָניעס אין יעקאַטערינאָסלאַווער און כערסאָנער גובערניעס, הגם א דאַנק דעם נאַטירלעכן צוווּקס האָט זיך די דורכשניטלעכע נאָרמע פון 30 דעסיאַטין אויף אַ פאַמיליע פאַרקלענערט אין 1913 ביז 11.8 דעסיאַטין. ערגער איז געווען די לאַגע אין די ישובים פון צפון- און דרום-מערב קאַנטן, ווו די ערד-חלקים האָבן זיך פאַרקלענערט פון 20 דעסיאַטין ביז 7.3 דעסיאַטין אין 1899 (אַ טייל פון זייערע ערד-נחלאות האָט ביי זיי די צאַרישע רעגירונג צוגענומען) און ווו די אַרענדע איז געווען פאַרבאָטן. אָבער אויך דידאָזיקע קאָלאָניסטן האָבן זיך פעסט געהאַלטן פאַר זייער ערד און געצויגן פון איר זייער חיונה.

אויסער די אַלטע קאָלאָניסטן, וועלכע די קיסרים אַלעקסאַנדער דער ערשטער און ניקאָלאַי דער ערשטער האָבן צוגעצויגן צו לאַנדווירטשאַפט מיט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, האָבן זיך בערך 73.000 יידן באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט, נישט געקוקט אויף די באַגרענעצונגען, וואָס האָבן זיך אין דער צווייטער העלפט פון 19-טן יאָרהונדערט ווי אַ האָגל געשאָטן מצד דער רעגירונג. שוין אין 1864 יאָר איז אין די 9 גובערניעס פון צפון-מערב און דרום-מערב קאַנטן יידן פאַרבאָטן געוואָרן צו קויפן און אַרענדירן ערד. יידן האָבן דאָרט געמוזט באַארבעטן ערד, וועלכע זיי האָבן אַרענדירט אויף אַן אומלעגאַלן אופן ביי די פּריצים און פּויערים, אָן קאָנטראַקטן און אויף זייער שווערע תּנאים. דידאָזיקע לאַנדווירטן האָבן זייער קליינעם ערד-פאָנד אויסגענוצט אויפן ראַציאָנעלסטן אופן און האָבן אַנטוויקלט דער עיקר ספּעציעלע קולטורן — אינדוסטריעלע גערטנעריי, סעדעריי, טאַבאַקפלאַנצונגען, וויינגאַרטנעריי א. אז. וו. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז 13.867 באַלעבאַטישקייטן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט ספּעציעלע לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטורן, האָבן פאַרמאָגט בלויז 19.475½ דעסיאַטין ערד! [1]

די אויספאָרשונג פון „יקא" האָט אויך פאַררעגיסטרירט אַ גרופּע יידישע לאַנדאַרבעטער, וועלכע פלעגן אַרויסגיין אויף פעלד-אַרבעט זומערצייט. נישט געקוקט אויפן נישטיקן לוין פון דידאָזיקע סעזאָן-לאַנדאַרבעטער (דורכשניטלעך 39 קאָפּ. אַ טאָג) האָבן די קאָרעספּאָנדענטן פון „יקא" אויסגעפונען 12.901 אַזעלכע יידישע באַטראַקעס. נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף

---

דעמאָלס דערגרייכט איבער 83.000 דעסיאַטין. אין 1913 איז אין דידאָזיקע 38 קאָלאָניעס געווען 6.88 ווירטשאַפטן מיט 41.962 נפשות און 83.851 דעסיאַטין לאַנד. (פּראָפ. ב. ברוצקוס: „די יידישע לאַנדווירטשאַפט אין מזרח-אייראָפּע", בערלין 1926, זייט 27.)

1) מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, 1-טער באַנד זייטן 9—10.

דער גרופּע יידישע גוטסבאַזיצער און אַרענדאַטאָרס (3.986 פאַמיליעס), האַלטן מיר פאַר נויטיק צו באַמערקן אַז 45,5% פון דערדאָזיקער גרופּע לאַנדווירטן האָט פאַרמאָגט נישט מער ווי 20 דעסיאַטין (דורכשניטלעך 8 דעסיאַטין אויף אַ ווירטשאַפט). אַזוי אַרום האָט דער קלאַס יידישע פּריצים באַטראָפן בערך 2.000 פאַמיליעס (אין זייער רשות האָט זיך געפונען בערך 6 מיליאָן דעסיאַטין אייגענע און אַרענדירטע ערד), די איבעריקע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַסע האָט אַליין באַאַרבעט די ערד כמעט אָן געדונגענע אַרבעטער. אין די כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס האָבן זיך באַנוצט מיט געדונגענער אַרבעט בלויז 10,1% פון די יידישע לאַנדווירטן.

אַזוי אַרום זענען אויפן גאַנצן שטח פונעם יידישן „תחום“ געווען צעוואָרפן אינזלען פון יידישע ערדאַרבעטער, וועלכע האָבן אונטער די שווערסטע אומשטענדן באַאַרבעט זייער לאַנד. אויך אין ווייטן סיביר און אין קאַווקאַז געפינען מיר יידישע ערדאַרבעטער, און יאָר 1897 האָט זיך אין דאַגעסטאַנער געגנט באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט 19% פון דער יידישער באַפעלקערונג און אין זאַבאַיקאַלער געגנט — 15%.

די אַלגעמיינע צאָל יידישע ערדאַרבעטער אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פונעם סאָוועטישן פאַרבאַנד האָט פאַרן קריג באַטראָפן 9.887 משפחות (בערך 60,000 נפשות), וועלכע האָבן פאַרמאָגט 103.241 דעסיאַטין ערד.

דער קורצער איבערבליק איבער דער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד באַווייזט בולט די גרונטלאָזיקייט פון די באַהויפּטונגען, אַז יידן זענען נישט פעיק איבערצוגיין צו ערדאַרבעט. אונטערן דרוק פון עקאָנאָמישער נויט האָבן די יידן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג צו קריגן ערד אפילו דורך אומלעגאַלער אַרענדע און האָבן אַרויסגעוויזן אַן עקשנותדיקע צוגעבונדנקייט צו זייער שטיקל לאַנד.

## פאַבריק-אינדוסטריע.

אין 1897 איז אין דער אינדוסטריע געווען באַשעפטיקט 555.229 יידן, דערפון אין „תחום“ 518.074, ד. ה. 31,4% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. וועלכע איז געווען טעטיק אויפן אינדוסטריעלן געביט אין די 25 גובערניעס פון דער „טשערטאַ“. אין צפון-מערב קאַנט (ליטע און ווייסרוסלאַנד) האָבן די יידישע אינדוסטריעל-אַקטיווע עלעמענטן באַטראָפן 53,3% פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער באַפעלקערונג, אין דרום-מערב קאַנט — 36,5%; דערפאַר האָבן זיי אין די אינדוסטריעל מער אַנטוויקלטע ראַיאָנען פון תחום געבילדעט אַ באַדייטנדיק קלענערן פּראָצענט — אין פּוילן 23,3% און אין דרום-

מזרח קאנט, וווּ ס'איז קאנצענטרירט די גרויסע אינדוסטריע, אינגאנצן 13,8%[1]) שוין פון דיראזיקע ציפערן איז קלאר, אז — יידן זענען דער עיקר געווען פארטרעטן אין דער קליין-אינדוסטריע. נאך בולטער ווערט דיראזיקע הנחה בעת מיר באטראכטן דעם צוזאמענשטעל פון דער יידישער אינדוסטריעלער באפעלקערונג. לויט די מאטעריאלן פון „יקא" האט זיך די יידישע אינדוס-טריעלער באפעלקערונג אין „תחום" אזוי געטיילט:

האנטווערקער — 500.986

פאבריקארבעטער — 46 .313

אויף אזא אופן איז די יידישע ארבעט אין דער פאבריק געווען זייער קליין, אבער אויך די יידישע אונטערנעמער זענען געווען באשעפטיקט הויפטזעכלעך אין דער קליין-פאבריקאציע, און אין א ריי וויכטיקע צווייגן פון דער שווערער אינדוסטריע איז דער אנטייל פון דער יידישער באפעל-קערונג געווען אומבאדייטנד. אין 14 גובערניעס פון „תחום" (אויסער פוילן און בעסאראבער גובערניע), פון וועלכע דער גרעסטער טייל איז געבליבן אין די גרענעצן פונעם סאוויעטישן פארבאנד, איז אין 1897 געווען 7.750 פאב-ריקן און זאוואדן, דערפון יידישע 2.133, ד. ה. 37,8%.

די צאל ארבעטער אויף די יידישע פאבריקן האט אבער באטראפן 27% און די פראדוקציע-סומע פון די יידישע פאבריקן בלויז 22,5%; דאס באווייזט, אז די יידישע פאבריקן און זייער פראדוקציע זענען דורכשניטלעך געווען קלענער, ווי די נישט-יידישע. פאלגנדיקע טאבעלע[3]) אילוסטרירט דעם אנטייל פון דער יידישער פאבריקאציע אין די וויכטיקסטע פראדוקציע-צווייגן אין ליטע, ווייסרוסלאנד, אוקראינע, קרים און בעסאראביע:

---

1) ב. ברוצקוס. „דער פראפעסיאנעלער צוזאמענשטעל פון דער יידישער באפעלקערונג אין רוסלאנד". („רודיש", פעטערבורג 1908) זייטן 8 און 57.

2) לויט דער איבערשאצונג פון „יקא" אין 1898 איז אין דער אינדוסטריע געווען בא-שעפטיקט 547.299 זעלבסטשטעדיקע יידישע מענער און פרויען.

3) די טאבעלע איז צונויפגעשטעלט געווארן אויפן סמך פון די „יקא"-מאטעריאלן פון יענער צייט.

| פּראָדוקציע־צווייג | פּראָדוקציע־סומען פון די יידישע פאַבריקן (אין טויזנטער רוב.) | פּראָדוקציע־סומע פון די נישט־יידישע פאַבריקן (אין טויזנטער רוב.) |
|---|---|---|
| באַרבעטונג פון [1] | | |
| געוויקסן | 34.856,0 | 80.827,9 |
| טעקסטיל | 7.707,7 | 13.466,0 |
| באַרבעטונג פון פי־פּראָדוקטן | 6.944,9 | 4.428,8 |
| האָלץ־באַאַרבעטונג | 10.647,3 | 6.271,6 |
| מעטאַל | 4.198,2 | 93.089,0 |
| פּאַפּיר | 2.008,4 | 4.552,6 |
| מינעראַלן | 3.450,9 | 57.508,5 |
| שפּייז־פּראָדוקציע | 1.322,3 | 1.808,7 |
| צוזאַמען | 71.135,7 | 261.953,1 |

די אַלגעמיינע אויסאַרבעטונג פון די אָנגעוויזענע אינדוסטריע־צווייגן האָט באַטראָפן 333.088.800 רובל, און די פּראָדוקציע סומע פון די יידישע פאַבריקן — 71.135.700 רובל, ד. ה. 21,3 %[2]). באַטראַכטנדיק די טאַבעלע זעען מיר, אַז אין דער מעטאַל־און מינעראַל־אינדוסטריע (57 % פון דער גאַנצער פּראָדוקציע־סומע) האָט די פּראָדוקציע פון די יידישע פאַבריקן אויסגעמאַכט ווייניקער ווי 5 %, די יידישע אונטערנעמונגען דאָמינירן אין דער האָלץ־אינדוסטריע און אין דער באַאַרבעטונג פון פי־פּראָדוקטן. אַ באַדייטנדיקע ראָלע האָבן די יידן געשפּילט אין דער באַאַרבעטונג פון געוויקסן און אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע[3]). אויף אַזאַ אופן איז דער אָנטייל פון דער יידישער פּראָדוקציע אין דער גרויס־אינדוסטריע געווען זייער קליין. אין דעם פּרט זענען באַזונדערס אינטערעסאַנט די דאַטן פון יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, דעם צענטער פון דער גרויס־אינדוסטריע. יידישע פאַבריקן

---

1) אויסער דער צוקער־אינדוסטריע אין דרום־מערב קאַנט,

2) די גאַנצע פאַבריק־פּראָדוקציע אין די אויבנדערמאָנטע 14 גובערניעס האָט באַטראָפן 404.948.500 רובל, דערפון האָבן די יידישע פאַבריקן אויסגעאַרבעט אויף אַ סומע פון 91.183.500 רובל, ד. ה. 22,5 פּראָצענט.

3) מ'דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אַהער גייט אריין די טעקסטיל־אינדוסטריע אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן, וועלכער איז לויטן ריגער פרידנס־אָפּמאַך איבערגעגאַנגען צו פּוילן, און אַז אין די דערמאָנטע 14 גובערניעס איז די טעקסטיל־אינדוסטריע בכלל זייער שוואַך אַנטוויקלט.

איז דאָרט געווען 24,8 % פון דער אַלגעמיינער צאָל פאַבריקן און זאַוואָדן; די אויסאַרבעטונג פון די יידישע פאַבריקן האָט אָבער באַטראָפן בלויז 6,9 %! די דורכשניטלעכע צאָל אַרבעטער אויף א פאַבריק — 237,3; אויף אַ יידישער פאַבריק—53,3 [1]. די מאַטעריאַלן פון „יקא" האָבן אויך פעסטגעשטעלט, אַז דער פראָצענט פאַבריקן מיט מעכאַנישע מאשינעס (דרייער) איז אין דער יידישער פראָדוקציע באַדייטנד קלענער, ווי אין דער נישט יידישער. די יידישע פאַבריק-אינדוסטריע אין תחום איז אַזוי ארום אין אַלע הינזיכטן געשטאַנען אויף אַ נידעריקערער שטופע פון דער אַלגעמיינער [2]. חוץ די אייגענע פאַבריקן האָבן זיך באַדייטנדיקע יידישע קאַפּיטאַלן געפונען אין געמישטע אקציאָנערע אונטערנעמונגען. אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָלע האָט דער יידישער קאַפּיטאַל געשפּילט אין דער צוקער=אינדוסטריע. אין יאָר 1910 האָט זיך אין יידישע הענט געפונען בערך אַ דריטל פון אַלע אַקציאָנערע צוקער-אונטערנעמונגען אין דרום=מערב קאַנט און ווייסרוסלאַנד. אויך אין דער גאָלד־אינדוסטריע און אַ רייע אנדערע פראָדוקציע-צווייגן זענען יידישע קאַפּיטאַלן געווען שטאַרק באַטייליקט אין די אקציאָנערע געזעלשאַפטן. אַזוי אַרום האָט דער יידישער קאַפּיטאַל נישט געקוקט אויף אַלע יורידישע שוועריקייטן גענומען א באַדיינדיקן אָנטייל אין דער פאַבריק-אינדוסטריע, אָבער די צאָל יידישע פאַבריק-ארבעטער איז געווען אַ נישטיקע. פון די 46.313 יידישע פאַבריק־ארבעטער האָט כמעט אַ העלפט (22.279) געאַרבעט אין די קליינע פאַבריקלעך פונם אינדוסטריעל=אָפּגעשטאַנענעם צפון=מערב קאַנט. אין דעם אינדוסטריעלן דרום=רוסישן ראַיאָן איז געווען בלויז 2.058 יידישע פאַבריק=אַרבעטער! די יידישע אַרבעטער זענען געווען באשעפטיקט דער עיקר אין די פאָלגנדיקע אינדוסטריע-צווייגן: טאַבאַק, חזיר=האָר, לעדער, שוועבעלעך, זייף, הענטשקעס, קנעפּלעך א. ד. גל.; אין דער גרויסער בארג- און צוקער־אינדוסטריע פונם תחום איז קיין יידישע אַרבעטער כמעט אינגאַנצן נישט געווען. דערצו האָט גורם געווען אין דער ערשטער רייע די רעכטלאָזיקייט פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַרבעטן אויף די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן, וואָס זענען קאָנצענטרירט ביי די רוישטאָף־קוואַלן און האָבן זיך גערעכנט פאר דאָרפישע ישובים, הגם פיל אַזוינע „דערפער" האָבן געציילט ביז 50.000 איינוווינער. אַ סך האָבן דאָ צו זאָגן אויך דער שבת-רו און כשרות, צוליב וועלכע יידן האָבן נישט געקאָנט אַרבעטן אפילו אויף די יידישע פאַבריקן מיט אַ געמישטער אַרבעטערשאַפט. אויף אַזאַ אופן

1) „מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד", צווייטער באַנד, זייט 211.

2) די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז חל אויך אויף דער יידישער פאַבריק-אינדוסטריע אין פוילן.

האָט די פאַבריק=אינדוסטריע געשפּילט אַן אומבאַדייטנדיקע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון די ברייטע יידישע מאַסן; די יידישע אינדוסטריעלע באַפעלקערונג האָט קאָנצענטרירט איר ענערגיע כמעט אויסשליסלעך אין האַנטווערק.

## מ ל א כ ה.

לויט דער אויספאָרשונג פון „יקאַ“ אין יאָר 1898 האָט די צאָל יידישע האַנטווערקער דערגרייכט 500.986, דערפון אין די 15 תחום-גובערניעס — 381.615 און אין פוילן — 119.371. די יידישע בעלי־מלאכות האָבן אין פאַרשידענע געגנטן געבילדעט פון $^{2}/_{3}$ ביז $^{3}/_{4}$ פון אַלע האַנטווערקער. די קוסטאַר־אינדוסטריע אין „תחום“ איז אויף אַזאַ אופן געווען קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אין יידישע הענט. די יידישע מלאכה האָט מחמת דעם געשפּילט א וויכטיקע ראָלע אין עקאָנאָמישן לעבן פון „תחום“ בכלל און פון דער יידישער באַפעלקערונג בפרט.

דער יידישער בעל=מלאכה האָט געאַרבעט דער עיקר פאַרן אָרטיקן פאַרברויכער, באַפרידיקנדיק די וויכטיקסטע באַדערפעניש פון דער פּויערישער און טיילווייז פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט די יידישע האַנטווערקער=מאַסע אויסגעאַרבעט די אינדוסטריע-פּראָדוקטן, אויף וועלכע ס'איז געווען א גרויסער נאָכפרעגע אויפן אָרטיקן מאַרק. לויט די איינצלנע גרופּן־פּראָפעסיעס האָבן זיך די 500.986 האַנטווערקער אין תחום אַזוי געטיילט: [1]

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| שפּײַזלער | 57.887 | — | 11,57% |
| קליידונג און טואַלעט | 193.954 | — | 38,71% |
| לעדער=אינדוסטריע | 85.306 | — | 17,04% |
| האָלץ-באַאַרבעטונג | 49.588 | — | 9,90% |
| מעטאַל=באַאַרבעטונג | 48.921 | — | 9,77% |
| באַאַרבעטונג פון כעמישע פּראָדוקטן | 3.617 | — | 0,71% |
| בויער און צעראַמיקער | 31.590 | -- | 6,30% |
| בערשטער, שטריקער, וועבער, ליין-באַאַרבעט. א. א. | 18.428 | — | 3,67% |
| פּאָליגראַפישע אינדוסטריע | 11.695 | — | 2,33% |
| צוזאַמען | 500.986 | | 100,00% |

1) מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, צווייטער באַנד טאַבעלעס 5241.—

דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנעמט די באַקליידונגס-אינדוסטריע (שניידער און שניידערינס, שוסטער, וועש-נייטאָרינס, הוטמאַכער און זאָקנמאַכער), אין וועלכער ס'איז געווען באַשעפטיקט 242.787 פּערזאָן, ד. ה. 48,5% פון אַלע יידישע האַנטווערקער.

אויך אין די איבעריקע פאַכן איז די יידישע מלאכה געווען צוגעפּאַסט הויפּטזעכלעך צום אַרטיקן באַדאַרף — דער גרעסטער טייל איז באַשטאַנען פון בעקער, פליישער, סטאָליאַרעס, שמידן, מאַשאַנוניקעס, שלאָסערס א. ד. גל. אויך אַנדערע האַנטווערקערישע פּראָפעסיעס זענען געווען פאַרשפּרייט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג, אָבער זיי האָבן געשפּילט אַ קליינע ראָלע אין דער יידישער קוסטאַר-אינדוסטריע.

די יידישע מלאכה איז מערסטנטיילס געווען קאָנצענטרירט אין קליינע וואַרשטאַטן, וווּ ס'האָט געאַרבעט דער מייסטער אַליין מיט איינצלנע העלפערס, קיין אַרבעטס-דיפערענצירונג איז כמעט נישט געווען. צווישן די 500.986 יידישע האַנטווערקער איז געווען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| מייסטערס | 259.396 | — | 52% פון אַלע האַנטווערקער. |
| פּועלים | 140.528 | — | 28% „ „ „ |
| לערניינגלעך | 101.062 | — | 20% „ „ „ |

דער דורכשניטלעכער מאַקסימום אַרבעטס-הענט אין אַ וואַרשטאַט אין געווען [1]: ביי די שניידער אין וויטעבסקער גובערניע — 3.06; ביי די שניידערינס אין בעסאַראַביע — 4.24; ביי די שוסטער אין פּאָדאָלער גוב. — 2.61; ביי די סטאָליאַרעס אין וויטעבסקער גוב. — 3.04; ביי די שמידן אין בעסאַראַביע — 3.4 א. אַז. וו. ס'האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך עקזיסטירט אויך גרויסע וואַרשטאַטן, באַזונדערס אין די גרויסע צענטערן, אָבער די דורכשניטלעכע צאָל אַרבעטס-הענט אין יידישן וואַרשטאַט איז געווען זייער קליין.

אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פון סאָוויעטישן פאַרבאַנד איז אין יאָר 1898 געווען [2]:

---

1) דאָרט, ערשטער באַנד, זייטן 201—204.

2) באַמערקונג. די דאָזיקע בערכדיקע טאַבעלע איז צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון די „יקא“-מאַטעריאַלן (צווייטער באַנד, טאַבעלע נומ. 40) אין דער פאָלקסציילונג פון 1897 (ב. ברוצקוס. „דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד“ זייטן 8 און 71). בנוגע די תחום-גובערניעס, האָבן מיר אָראָפּגערעכנט די צאָל האַנטווערקער אין די געגנטן, וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און רומעניע — נעמליך: די צאָל בעלי-מלאכות אין רוסיש-פּוילן, — ווילנער, גראָדנער, קאָוונער און בעסאַראַבער גובערניעס, אַ העלפט פון די האַנטווערקער אין וואָלינער גוב., $1/5$ אין מינסקער גוב. און $1/3$ אין וויטעבסקער גוב. פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע בעלי-מלאכות אויסערן תחום האָבן מיר אָראָפּגערעכנט די האַנטווערקער אין באַלטישן געגנט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| אין די תחום-גובערניעס | — | 232.624 | יידישע האַנטווערקער |
| אויסערן תחום | — | 26.718 | „ „ |
| צוזאַמען | | 259.342 | |

דערפון בערך, 50% מייסטערס, עטוואָס ווייניקער ווי $^1/_3$ פועלים, און די איבעריקע לערנייִנגלעך.

די עקאָנאָמישע לאַגע פונם יידישן בעל-מלאכה איז אין אַלגעמיין געווען זייער אַ שווערע. די קליינע קוואַליפיקאַציע פון דער יידישער מלאכה און די געוואַלטיקע קאָנקורענץ האָבן שטאַרק אַראָפּגעזעצט דעם אַרבעטסלוין פונם האַנטווערקער. באַזונדערס שווער איז געווען די לאַגע פונם האַנטווערקער אין די גרויסע שטעט, ווו די מלאכה האָט אַלץ מער אָנגענומען אַ כאַראַקטער פון הויז-אינדוסטריע. דאָרט איז דער בעל-מלאכה אין אַ גרויסער מאָס געווען אָפּהענגיק פונם קרעמער און נאָכמער פונם פאַרמיטלער, וועלכער האָט אים אַרויסגעגעבן סחורה צו באַאַרבעטן און האָט אַרויסגעפירט די קוסטאַר-פּראָדוקציע אויף די ווייטע רוסישע אָפּזעץ-מערק. פאָלגנדיקע ציפערן אילוסטרירן די מאַטעריעלע לאַגע פונם יידישן בעל-מלאכה אין 1898 יאָר. אין צפון-מערב און אין דרום-מערב קאַנט פון תחום האָט דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַ שניידער באַטראָפן 250—300 רובל אַ יאָר, פון אַ שוסטער — 150 רובל, פון אַ סטאָליאַר — 150—300 רובל. מ'דאַרף דערביי באַמערקן, אַז דער פאַרדינסט פון די פּרוינץ-קוסטאַרינס איז געווען באַדייטנדיק נידעריקער און דער לוין פון אַ פּועל האָט באַטראָפן בערך אַ העלפט פון די געבראַכטע ציפערן. די יידישע האַנטווערקער האָבן אין אַלגעמיין געלעבט אין זייער שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען; אַרבעטנדיק 14—16 שעה טעגלעך האָט דער גרעסטער טייל בעלי-מלאכות מיט גרויסע שוועריקייטן קוים געצויגן זייער חיונה. נישט געקוקט אויף אַזעלכע שווערע לעבנס-תנאים האָבן די יידישע האַנטווערקער כמעט ווי נישט אויסגענוצט דאָס רעכט זיך צו באַזעצן מחוץ לתחום, וואָס זיי האָבן באַקומען אין 1865 יאָר. אויסערן תחום האָבן געוווינט סך-הכל 37.155 יידישע בעלי-מלאכות, פון זיי אין באַלטישן געגנט 10.437. אַ דאַנק די אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן, וועלכע די האַנטווערקער האָבן באַגעגנט ביי דער אויסוואַנדערונג קיין גרויס-רוסלאַנד, זענען זיי נישט געווען ביכולת אויסצונוצן די פיל גינסטיקערע קאָניונקטור אויסערן תחום און זענען געצוווּנגען געווען צו בלייבן אין דער „טשערטאַ” ביי די ערגסטע אַרבעטס-באַדינגונגען. בלויז קנאַפּע 5% פון די יידישע בעלי-מלאכות זענען אַריבערגעפאָרן מחוץ לתחום, און נאָר די עמיגראַציע אין די איבעראָקעאַנישע לענדער האָט טיילווייז באַפרייט דעם תחום פון די איבעריקע בעל-מלאכהשע הענט.

## שוואַרצאַרבעטער.

דירעקטע סאָציאַלע גרופּע באַשטייט פון די עלעמענטן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין טראַנספּאָרט און פּריוואַטער אַרבעט (פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס 3 און 5) — בעלי-עגלות, טרעגער, געהילף-טרייבער און אַנדערע שוואַרצאַרבעטער און הויז־דינסטן. לויט דער אויספאָרשונג פון „יקא" איז אין תחום געווען בערך 105.000 יידישע שוואַרצאַרבעטער, דערפון טרעגער און טאָג-אַרבעטער 33,2%, בעלי-עגלות און משא-פירער — 32,7% ; וואַסער-פירער און וואַסערטרעגער — 5,5% ; סעזאָן־לאַנדאַרבעטער — 13,2%, אַנדערע (האָלץ-העקער, געהילף-טרייבער א. ד. גל.) — 15,4%.[1] פון די 175.750 באַשעפטיקטע מיט פּריוואַטער אַרבעט איז געווען 113.738[2] פרויען, הויפּט-זעכלעך הויז-דינסטן. אַרום און אַרום האָבן די יידישע נישט קוואַליפיצירטע זעלבסטענדיקע עלעמענטן געציילט בערך 200.000 מענטשן און האָבן געבילדעט א באַדייטנדיקן טייל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געהאַט א זעלבסטשטענדיקע פּראָפעסיע (1.530.737). דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון דערדאָזיקער סאָציאַלער גרופּע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערער. די יידישע שוואַרצאַרבעטער און הויז-דינסטן האָבן שטאַרק געליטן פון דער קאָנקורענץ מצד דער אָרעמער פויערשער באַפעלקערונג, פאַר וועלכע די שוואַרצאַרבעט איז געווען אַ צוגאָב-באַשעפטיקונג צו זייער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. דער אַרבעטס־לוין פון די נישט-קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז דעריבער דערפירט געוואָרן ביז צו אַ נישטיקן מינימום; נאָר די בעלי-עגלות האָבן געהאַט אַ פאַרהעלטנישמעסיק באַפרידיקנדיקן פאַרדינסט. די שוואַרצאַרבעטער האָבן דערביי שטאַרק געליטן פון אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע האָט זיך באַזונדערס געלאָזט פילן ווינטער-צייט, ווען די פויערים זענען געווען פריי פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. די לאַגע פון די שוואַרצאַרבעטער איז דעריבער געווען אַ קריטישע און טייל-ווייז אַ פאַרצווייפלטע.

## האַנדל.

אין יאָר 1897 האָט אין דער רוסישער אימפּעריע פון האַנדל געלעבט 1.956.852[3] יידן, ד. ה. 38,65% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די

1) מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, ערשטער באַנד, זייטן 397—394.

2) ב. ברוצקוס. „דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד", זייט 8.

3) ציפערן פון ב. ברוצקוס. „פּראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד", פּעטערבורג 1908, טאַבעלע נום. 1.

צאָל זעלבסטשטענדיקע יידישע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך באַשעפ־טיקט מיט האַנדל, האָט באַטראָפן 474.980 ד. ה. 31,7% פונם האַנדלס־קלאַס אויף דער גאַנצער רוסלענדישער טעריטאָריע (1.495.087 סוחרים און הענדלער). נעמענדיק אין אַכט אַז די יידן אין רוסלאַנד האָבן געבילדעט 4,15% פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, באַקומען מיר אַז ביי יידן איז דער האַנדלס־קלאַס געווען 7½ מאָל גרעסער פון זייער פאַרהעלטניש לגבי דער אַלגעמיינער רוסלענדישער באַפעלקערונג. אין „תחום" איז געווען 450.427 [1] יידישע סוחרים און הענדלער, ד. ה. 72,8% פון אַלע האַנדלס־עלעמענטן (618.926) אין די 25 גובערניעס פון תחום און 30% פונם האַנדלס־קלאַס אין גאַנץ רוסלאַנד. [2] דיזאָזיקע ציפערן כאַראַקטעריזירן די גרויסע ראָלע, וואָס די יידן האָבן געשפּילט אין דעם רוסישן האַנדלס־אַפּאַראַט בכלל און אין תחום בפרט, און אויך ווי גרויס די יידישע האַנדלס־איבערבאַפעלקערונג אין געווען אין תחום. לויט די אויסרעכענונגען פון פּראָפ. ב. ברוצקוס האָט די האַנדלס־איבערבאַפעלקערונג אין דער „טשערטאַ" דערגרייכט ביז 30%. [3] די אומגעהויערע צאָל יידישע הענדלער אין תחום האָט אַרויסגערופן אַ גע־וואַלטיקע קאָנקורענץ און האָט אוועקגעשטעלט די מערהייט פונם יידישן האַנדלס־קלאַס אין אַ זייער שווערע לאַגע. דער רוב מנין און רוב בנין פון די יידישע האַנדלס־עלעמענטן איז באַשטאַנען פון קליינע הענדלער, דאָרפס־גייער א. אַז. וו. און נאָר אַ קליינער טייל איז געווען אין די רייען פון די גרויסע סוחרים.

וואָס אַנבאַלאַנגט איינצלנע האַנדלס־צווייגן איז אין דער ערשטער ריי־עניטיק אונטערצושטרייכן דעם האַנדל מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, פון וועלכן ס'האָט געלעבט 45,3% פון דער גאַנצער יידישער האַנדלס־באַ־פעלקערונג. אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָלע האָבן די יידן געשפּילט אין תבואה־האַנדל, וועלכער איז אין תחום געווען קאָנצענטרירט כמעט אויסשליס־לעך אין יידישע הענט (פון יעדע 1.000 תבואה־הענדלער אין תחום איז געווען 930 יידן). דיזאָזיקע מחנה יידישע קליינע ברויט־הענדלער האָבן כמעט אָן קאַפּיטאַלן אָרגאַניזירט דעם רוסישן אינערלעכן און אויסערלעכן תבואה־מאַרק. אויך אַנדערע האַנדלס־צווייגן האָבן זיך אין תחום מערסטנ־טיילס געפונען אין יידישע הענט. אַ גרעסערע באַדייטונג האָט געהאַט דער וואַלד־האַנדל אין צפון־מערב קאַנט, פון וואַנען די יידן האָבן עקס־

1) דאָרט. טאַבעלע נומ. און זייט 60.

2) ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין תחום האָט פון האַנדל געלעבט 38,96 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, אויסערן תחום 32,89 פּראָצענט, און אין די צענטראַלע רוסישע גו־בערניעס — 26,81 פּראָצענט.

3) דאָרט. זייט 33.

פאַרטירט געהילץ קיין אויסלאַנד און אין די דרום־רוסישע גובערניעס, דער האַנדל מיט פ ל אַ ק ס און אין די גרויסע צענטערן דער ק אָ מ י ס י אָ נ ס־האַנדל. דער יידישער האַנדלס־קלאַס האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעפירט אַ זייער וויכטיקע פונקציע אין רוסישן ווירטשאַפטלעכן לעבן. ביי די גרעסטע יורידישע שוועריקייטן האָט ער פאַרבונדן די פּראָדוצירנדיקע ראַיאָנען מיט די אָפּזאַץ־מערק און האָט אין אַ רייע וויכטיקע צווייגן אָרגאַניזירט דעם עקספּאָרט קיין אויסלאַנד. אָבער די קאָנצענטראַציע אין „תחום“ און דער פאַרבאָט אריבערצוטרעטן זיינע גרענעצן האָט געשאַפן אויסערגעוויינלעכע שוועריקייטן פאַרן יידישן הענדלער. שפּילנדיק אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם פאַרמיטלונגס־אַפּאַראַט פון דער קאָלאָסאַלער רוסישער אימפּעריע, איז דער יידישער הענדלער געווען, לויטן אויסדרוק פון פּראָפ. יאַנסאָן, „דער שוואַרצאַרבעטער אין האַנדל“, און די מאַטעריעלע לאַגע פונם רוב יידישע הענדלער איז אין אַלגעמיין געווען אַ טרויעריקע.

אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד איז אין 1897 געווען:[1]

| | | |
|---|---|---|
| אין די תחום־גובערניעס | — 228.500 | זעלבסטעטיקע הענדלער |
| אויסערן תחום | — 17.964 | „ „ |
| צוזאַמען | 246.464 | |

נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף די איבעריקע פּראָפעסיאָנעלע גרופּעס, וועלכע האָבן געשפּילט אַ קליינע ראָלע אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן, האַלטן מיר פאַר נויטיק אָנצווייזן, אַז די 6־טע גרופּע (אָנגעשטעלטע אין מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, און פרייע פּראָפעסיעס) איז באַשטאַנען אויף $3/4$ פון מלמדים און כלי־קודש, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער 7־טער גרופּע (אומפּראָדוקטיווע און אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס) האָט געלעבט פון אונטערשטיצונג, וואָס זיי האָבן באַקומען פון זייערע קרובים און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אַזוי אַרום באַשטייען די דאָזיקע גרופּעס פון

1) באַמערקונג. די דאָזיקע בערכדיגע טאַבעלע האָבן מיר צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון דער פאָלקסציילונג אין 1897 (דאָס אויבנדערמאָנטע בוך פון ב. ברוצקוס, טאַבעלעס 2, 7 און 8). בנוגע דעם תחום האָבן מיר פון דער אַלגעמיינער יידישער האַנדלס־באַפעלקערונג אַראָפּגערעכנט די צאָל נפשות, וואָס האָבן געלעבט פון האַנדל אויף דער טעריטאָריע, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו די ראַנד־מלוכות (פּוילן, ווילנער, גראָדנער, קאָוונער און בעסאַראַבער גובערניעס, אַ העלפט פון וואָלינער גוב., $1/5$ פון מינסקער און $1/3$ פון וויטעבסקער גוב.). דעם נשאר האָבן מיר געטיילט אויף 4,16 (דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף 1 זעלבסטענדיקן יידישן הענדלער אין תחום) און האָבן אַזוי אַרום באַקומען די צאָל יידישע הענדלער. בנוגע די גובערניעס מחוץ לתחום האָבן מיר אַראָפּגערעכנט די האַנדלס־באַפעלקערונג אין באַלטישן געגנט און דעם נשאר געטיילט אויף 3,45 (דורכשניטלעכע צאָל נפשות אויף אַ זעלבסטענדיקן הענדלער אויסערן תחום).

אַרעמע עלעמענטן און נאָר א קליינער טייל — די ראַנטיעס און די דיפּלאָ-מירטע אינטעליגענץ, וועלכע האָט נישט געליטן פון דער חוינרעכט־גזירה, – האָט געהאַט אַ געזיכערטע עקזיסטענץ-מעגלעכקייט.

---

אינטערפּירנדיק אַ קורצן סך־הכל, קאָנסטאַטירן מיר, אַז אַ העלפט (49,57 פונם רוסישן יידנטום האָט זיך באַשעפטיקט מיט אינדוסטריע, לאַנד־ווירטשאַפט און נישט קוואַליפיצירטער פיזישער אַרבעט, כמעט 2/5 (38.65%) האָט געלעבט פון האַנדל; די איבעריקע יידישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון מלמדים, כלי קודש און עלעמענטן מיט אומפּראָדוקטי־ווע און אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס. אַ געוויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך איינגעגעבן אַריינדרינגען אין די רייען פון דער גרויס־ און מיטל-בורזשואַזיע און דער אינטעליגענץ, די גרויסע יידישע מאַסע, דער יידישער המון איז באַשטאַנען דער עיקר פון קליינבירגערלעכע האַרעפּאַש־ניקעס -- בעלי-מלאכות און קליינהענדלער.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער זעלבסטשטעטיקער יידישער באַפעל-קערונג איז לויט די אויסרעכענונגען פון ס. גערשטיין אויפן סמך פון דער פאָלקסציילונג אין 1897 און דער אויספאָרשונג פון „יקאַ" אין 1898-99, גע-ווען אַזוינער: 1)

| | | |
|---|---|---|
| קליינבירגערטום | — | 67,2% |
| גרויס- און מיטל-בורזשואַזיע | — | 4,9% |
| אַרבעטער | — | 12,3% |
| שוואַרץ-אַרבעטער | — | 6,9% |
| ליבעראַלע פּראָפעסיעס | — | 3,1% |
| פּויערים | — | 2,1% |
| מיליטער | — | 3,5% |
| סך-הכל | | 100,0% |

די ווייטערדיקע אנטוויקלונג האָט ווייניק געענדערט די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. דער רוסיש-יאַפּאַ-נישער קריג און די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין 1905, וועלכע זענען

---

1) זעה: מ. גערשטיין. „די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד", (רוסיש), פעטערבורג 1906, זייטן 36-37, די געבראַכטע טאַבעלע איז 8 [illegible] אָבער זי אילוסטרירט אין אַלגעמיין דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פונם רוסישן יידנטום.

באַגלייט געוואָרן מיט יידישע מאַסן-פּאָגראָמען. האָבן נאָך מער דערשיטערט דעם שוואַכן יידישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, די אָרעמקייט פון דער יידישער ברייטער מאַסע איז נאָך מער אויסגעוואַקסן און נאָר די קאָלאָסאַלע עמיגראַציע מעבר לים האָט געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער יידן פון אונטערגאַנג. אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג איז די עקאָנאָמישע לאַגע פונם רוסישן יידנטום פאַרבעסערט געוואָרן, אַ דאַנק דעם אויפשוווּנג פון דער רוסישער אינדוסטריע. הגם די רדיפות אויף יידן האָבן זיך נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 נאָכמער פאַרשטאַרקט, האָט די ווירטשאַפטלעכע אויפלעבונג אין לאַנד זיך פונדעסטוועגן געלאָזט פילן אויך אין דער יידישער סביבה. אַ סך האָט דאָ צו זאָגן אויך די טעטיקייט פון די יידישע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. די גרויסע נעץ לייַ-און שפּאָר-קאַסעס, וואָס זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך „יקאַ“, האָט געשאַפן דעם נויטיקן ביליקן קרעדיט פאַרן יידישן בעל-מלאכה און קליינהענדלער (אין 1912 איז אין תחום געווען 629 קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבן געציילט בערך 400.000 מיטגלידער, דערפון יידן — 91,2%)[1] אַ רייע מאָכמיטלען פון „יקאַ“ און „אָרט“ האָבן אויפגעהויבן די קוואַליטעט פון דער יידישער קוסטאַר-אינדוסטריע. אין אַלגעמיין איז פאַר דער מלחמה דער לעבנס-ניוואָ פונם יידישן בעל-מלאכה און אַרבעטער געווען העכער ווי אין 1898.

די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט אויך פאַרשטאַרקט די פּאָזיציעס פון דעם יידישן מיטעלן האַנדלס-קלאַס, זיין ראָלע אַלס פאַרמיטלער צווישן די אינדוסטריעלע צענטערן און די אָפּזאַץ-מערק איז באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן, און פאַר דער מלחמה האָט די דאָזיקע סאָציאַלע גרופּע שוין באַוויזן צו שאַפן היפּשע קאַפּיטאַלן.

די רעוואָלוציע פון 1905 יאָר האָט אויף אַ קורצער צייט געעפנט פאַר יידן די טויערן פון די אוניווערסיטעטן און טעכנישע הויכשולן און מחמת דעם איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די יידישע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ.

דידאָזיקע פאַרלייכטערונגען האָבן אָבער נישט אַריינגעטראָגן קיין ראַדיקאַלע שינוים אין דעם עקאָנאָמישן מצב פונם רוסישן יידנטום. ס'זענען פאַרגרעסערט געוואָרן די שיכטן פון דער יידישער האַנדלס-און פינאַנס-בורזשואַזיע אין דעם אינטעליגענץ; דידאָזיקע סאָציאַלע גרופּן האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע סאָציאַלע ראָלע אין רוסישן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. די גרויסע יידישע מאַסע אָבער איז, אַדאַנק דער יידישער רעכט-לאָזיקייט און די אַנטיאָליקע אַדמיניסטראַטיווע רדיפות פון די צאַרישע סאַטראַפּן, געבליבן אויף אַ נידעריקער עקאָנאָמישער מדריגה.

---

1) ו. בלום און ל. זאַר „קאָאָפּעראַציע צווישן יידן“ (רוסיש), פּעטערבורג 1913.

## .2

# ז׳ וועלט-מלחמה.

דער אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה האָט לכתחילה אַרויסגערופן אַ שאַרפן קריזיס אין דער גאַנצער רוסישער פאָלקסווירטשאַפט און האָט באַזונדערס טיפע שפורן געלאָזט אין דער יידישער סביבה. דער עקספּאָרט קיין אויסלאַנד איז גלייך אָפּגעשטעלט געוואָרן און מחמת דעם איז אָפּגעשטאָרבן דער תבואה און וואַלד-האַנדל, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין יידישן לעבן; אין מלאכה און האַנדל איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. דורך דער דייטשער אָקופּאַציע זענען די אינדוסטריעלע צענטערן פונם תחום אינגיכן אָפּגעריסן געוואָרן פונם רוסישן מאַרק, און דער פאַרמיטלערישער יידישער עלעמענט האָט פאַרלוירן איינע פון זיינע וויכטיקע אַרבעטס-געביטן.

כמעט אַ העלפט פונם „תחום המושב" האָט זיך געפונען אוממיטלבאַר אין קריגס-ראַיאָן און האָט איבערגעלעבט אַלע פורעניותן פון די קריגס-אָפּעראַציעס. די יידישע באַפעלקערונג האָט נאָך דערביי איבערגעלעבט ספּעציפיש „יידישע" צרות. די פּאָגראָמען פון דער רוסישער אַרמיי און די מאַסן-אַרויסשיקונגען פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג האָט חרוב געמאַכט הונדערטער יידישע שטעטלעך אויף דער פראָנט-ליניע. לויט די מאַטעריאַלן פונם צענטראַלן יידישן הילפס-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" האָט די צאָל אַנטלאָפענע און אַרויסגעשיקטע יידן באַטראָפן בערך 600.000, פון זיי זענען ביז 200.000 געבליבן אין די גרענעצן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, די איבעריקע זענען געווען קאָנצענטרירט אין די נישט-אָקופּירטע תחום-גובערניעס. די ענגשאַפט אין תחום האָט דערגרייכט די העכסטע מדריגה, די ניי-אָנגעקומענע יידישע היימלאָזע-מאַסע איז דאָרט ממש עקאָנאָמיש דערשטיקט געוואָרן און איז געשטאַנען פאַר אַ דירעקטער סכנה פון פיזישן אונטערגאַנג. די צאַרישע רעגירונג, וועלכע האָט בעת דער מ.חמה פאַרטאָפּלט איר יידנפיינטלעכע פּאָליטיק, איז פונדעסטוועגן געצוווּנ6ען געווען צו עפענען פאַר יידן די טויערן פון גרויסרוסלאַנד. דעם ד13/2 אויגוסט 1915 האָט דער צאַרישער אינערן-מיניסטער שטשערבאַטאָוו דורך אַ ספּעציעלן צירקולאַר דערלויבט די יידן „צייטווייליק" זיך באַזעצן מחוץ לתחום (אויסער די הויפּטשטעט מאָסקווע און פעטראָגראַד). אַ דאַנק דעם דאָזיקן צירקולאַר האָבן די יידישע אָרגאַניזאַציעס געקראָגן די מעגלעכקייט צו עוואַקוירן אַ טייל פון די היימלאָזע אין די צענטראַלע רוסישע גובערניעס, הגם די מערהייט איז אויך איצט געבליבן אין די תחום-

גובערניעס (בלויז אין מינסקער, פּאָלטאַווער און יעקאַטערינאָסלאַווער גו-בערניעס האָט זיך קאָנצענטרירט מער ווי אַ דריטל פון אַ״ע היימ״אָזע).

די פּאַרמעגנס-היזקות פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער קריגס-צייט איז ליידער אוממעגלעך פעסטצושטעלן, אָבער אייניקע ציפערן פון דער אויספאָרשונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך „יעקאָפּאָ״ אין יאָר 1916, כאַראַקטעריזירן די געוואַלטיקע מאַטעריעלע קרבנות, וואָס די רוסישע יידן האָבן געבראַכט אויפן מלחמה-מזבח. ס׳זענען אויסגעפאָרשט געוואָרן אין פּאָלטאַווער, יעקאַטערינאָסלאַווער און ניזשני-נאָווגאָראָדער גו-בערניעס 10.000 היימלאָזע-משפחות און 3.000 יחידים, צוזאַמען בערך 50.000 נפשות. דידאָזיקע אויספאָרשונג האָט באַוויזן, אַז בלויז 5% פון די היימ-לאָזע האָבן געבראַכט מיט זיך זייער פאַרמעגן, 22% האָבן לחלוטין גאָר-נישט געראַטעוועט פון זייער באַלעבאַטישקייט, זייער האָב און גוטס איז געבליבן אויף גאָטס באַראָט אין דער אַלטער היים. אַרום און אַרום האָט די אָנגעוויזענע גרופּע היימלאָזע געבראַכט אין די נייע וווינונגס-ערטער סחורה, געצייג און שטוב-חפצים אויף אַ סומע פון $8^1/_2$ מיליאָן רובל, וואָס האָט באַטראָפן 11,9% פון זייער פאַרמעגן. דאָס איבעריקע איז געבליבן אין די „יידנריינע״ שטעט און שטעטלעך און איז כמעט אינגאַנצן געגאַנגען לאיבוד. דידאָזיקע ציפערן זענען אין אַלגעמיין טיפּיש פאַר דער גאַנצער היימלאָ-זער מאַסע. צוזאַמען מיט די געוואַלטיקע היזקות פון די קריגס-אָפּעראַציעס אין פּאָגראָמען האָט דער מאַטעריעלער שאָדן דערגרייכט פיל הונדערטער מיליאָנען רובל.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע אומגעהויערע קרבנות, האָט די יידי-שע באַפעלקערונג אין אַ קורצער צייט באַוויזן זיך צוצופּאַסן צו די נייע לעבנס-תנאים און טיילווייז אפילו פאַרבעסערן איר עקאָנאָמישן מצב. די צעתרכותן פון דער קאָלאָסאַלער רוסישער אַרמיי אין פּראָדוקטן און קליי-דונג האָבן געשאַפן אַ ברייט פעלד פון אַרבעט פאַרן יידישן בעל-מלאכה און הענדלער. די עקאָנאָמישע מהומה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם קריגס-אויסברוך און דער מאַסן-מאָביליזאַציע, איז אינגיכן איינגע-שטעלט געוואָרן. אַ דאַנק דעם וווקס פון די פרייזן אויף לאַנדווירטשאַפט-לעכע פּראָדוקטן און דעם פאַרבאָט פון אַלקאָהאָל-משקאות, האָט זיך פאַר-גרעסערט די קויף-פעיקייט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. דער אינער-לעכער רוסישער מאַרק האָט אויפגעלעבט און פאַר די יידישע הויפּט-פּראָ-פעסיעס — האַנדל און מלאכה האָט זיך געשאַפן אַ גינסטיקע קאָניונקטור. אין אַ שווערער לאַגע האָבן זיך געפונען די היימלאָזע, אַ גרויסער טייל פון זיי איז באַשטאַנען פון נישט-אַרבעטספעיקע עלעמענטן — אַלטע לייט, פרויען און קינדער; דידאָזיקע עלעמענטן האָבן געלעבט פון אונטערשטי-

צונג, וואָס זיי האָבן באַקומען פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ פּילזייטיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן. אָבער די יונגע און אַרבעטספּעציפיקע עלעמענטן פון די היימלאָזע, האָבן זיך מיט דער הילף פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס אָנגעהויבן ביסלעכווייז אָריענטירן אין די נייע באַדינגונגען, אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי האָט זיך גענומען פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט. די היימלאָזע האָבן אפילו געשאַפן אַ רייע נייע יידישע אינדוסטריעלע צענטרען. די ווילנער זאָקן־אינדוסטריע איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין פּאָלטאַווע, וווּ אין 1916 האָט שוין עקזיסטירט 135 זאָקנפאַבריקלעך, אין ניזשעגאָראָדער גובערניע האָבן די היימלאָזע אָרגאַניזירט די לעדער־ און חזיר־האָר־אינדוסטריע. אין ניזשנינאָווגאָראָד אַליין האָבן זיי געשאַפן בערך 200 האַנטווערקער־וואַרשטאַטן און אין דער גובערניע האָט אין 1916 שוין עקזיסטירט 650 פאַרשידענע אונטערנעמונגען פון די היימלאָזע. אין באָהאָרדסק (מאָסקווער גוב.) איז אויסגעוואַקסן אַ נייער צענטער פון יידישער גאַלאַנטעריי־אינדוסטריע. אויך אין אַנדערע פּונקטן און געגנטן האָבן די היימלאָזע באַוויזן אַריינדרינגען אין אָרטיקן ווירטשאַפטלעכן לעבן. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אַדאַנק דער גינסטיקער סיטואַציע אויפן אַרבעטס־מאַרק איז צו דער פּראָדוקטיווער אַרבעט איבערגעגאַנגען אויך אַ טייל פון די היימלאָזע קליינע הענדלער און לופט־מענטשן.

אויף אַזאַ אופן האָט די יידישע באַפעלקערונג אין די נישט־אָקופּירטע געגנטן [1] (אויסגענומען די איצטיקע סאָוויעטישע טעריטאָריע) אין אַלגעמיין באַוויזן צו איבערווינדן די שוועריקייטן, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער מלחמה, און געוויסע גרופּן האָט זיך אַפילו איינגעגעבן צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלן צושטאַנד. אין אַ שווערער לאַגע האָבן זיך געפונען נאָר די דירעקט־געטראָפענע פון די מלחמה־אָפּעראַציעס און דער נישט אַרבעטספּעציפיקער טייל פון די היימלאָזע.

אָבער דער דויערנדיקער קריג האָט סיסטעמאַטיש רוינירט די רוסישע פאָלקסווירטשאַפט אויף אַלע געביטן. דאָס אויספעלן פון אַרבעטס־הענט, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער מאָביליזאַציע אין דער אַרמיי, האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע. דער פאַרזייונגס־שטח איז שוין אין 1916 פאַרקלענערט געוואָרן אויף 8% לגבי דעם פאַרמלחמהדיקן. די פּראָדוקציע פון דער אינדוסטריע, וועלכע האָט נאָך דערצו געליטן פון מאַנגל אין רוישטאָפן און

[1] גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען האָבן געהערשט אין ראַיאָן פון דער דייטשער אָקופּאַציע. מיר באַרירן נישט די דאָזיקע פראַגע, ווייל לויט די פרידנס־אָפּמאַכן זענען די דאָזיקע געגנטן איבערגעגאַנגען צו די נייגעשאַפענע ראַנדשטאַטן.

האָלב=פאַבריקאַטן, איז אין 1916—17 פאַרקלענערט געוואָרן כמעט אויף
30 %. די דורכשניטלעכע יערלעכע הכנסה אויף 1 איינוווינער איז געפאַלן
פון 101,35 רובל אין 1913 ביז 85,6 רובל אין 1917—1916. די גרויסע
הוצאות אויף די מלחמה=אָפּעראַציעס האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקע געלט-
עמיסיע, די פּאַפּירענע געלט=מאַסע איז פון $1\frac{1}{2}$ מי׳יאַרד רובל אין 1914
פאַרגרעסערט געוואָרן ביז 11,8 מיליאַרדן אָנהויב 1917. דער קורס פונם
רובל איז שטאַרק געפאַלן און מחמת דעם איז אַנטשטאַנען אַ דוחק אין
פּראָדוקטן און סחורות. די א י נ ג ע ז ע ס ע נ ע יידישע באַפע׳קערונג
האָט אין דעם דאָזיקן מאָמענט נאָך פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק געליטן פון
די צעשטערונגס=פּראָצעסן אין דער פאָ׳קסווירטשאַפט, און דער אַזשיאָטיזש
אויפן סחורה=מאַרק האָט אַפי׳ו געשאַפן אַ היפשע צאָל נייע יידישע
„גבירים״. אָבער אין דער גאַנצער שאַרפקייט איז אַרויסגערוקט געוואָרן
די פראַגע וועגן דער נאָענטער צוקונפט נאָך פרידנס=שלוס, ווען אויפן אַר=
בעטס=מאַרק וועלן אַרויסגעוואָרפן ווערן די 15 מיליאָנען מענער, וואָס זע=
נען איצט געווען אין דער אַרמיי און ווען דער עקאָנאָמישער חורבן פונם
מלחמה=פעריאָד וועט באַקומען זיין העכסטן אויסדרוק. די יידישע עקאָנאָמי=
שע= און הילפס=אָרגאַניזאַציעס האָבן פאָרויסגעזען די פאָרשטייענדיקע
שוועריקייטן אין דעם נאָך-מלחמה פעריאָד און האָבן געזוכט אַן אויסוועג
פונם אומפאַרמיידלעכן קריזיס.

צו הילף איז געקומען די פ ע ב ר ו אַ ר = ר ע וו אָ ל ו צ י ע, וועלכע
האָט ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע פונם רוסישן יידנטום. די יידן האָבן
באַקומען פולע גלייכבאַרעכטיקונג און דערמיט האָבן זיך פאַר זיי געעפנט
ברייטע פערספּעקטיוון פון אַ פּילזייטיקער ווירטשאַפט׳עכער טעטיקייט. די
באַוועגונגס=פרייהייט איבערן גאַנצן לאַנד און די מעגלעכקייט אויסצונוצן
די כוחות אויף אַלע ביז איצט פאַרבאָטענע געביטן האָט באַפליגלט די
יידישע באַפעלקערונג מיט האָפענונגען צו פאַרהיילן די וווּנדן פון דער
מ׳חמה, בייקומען די פאָרשטייענדיקע שוועריקייטן אין איבערגאַנגס-פעריאָד
און אָנהויבן אַ גרויסע בויונגס-אַרבעט אין ברייטסטן מאַסשטאַב. דער אויס-
ברוך פונם בירגער-קריג האָט נישט נאָר צעשטערט די דאָזיקע האָפענונגען,
נאָר ער האָט פולשטענדיק רויִנירט די יידישע מאַסע.

## 3.

# די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער דער סאָוויעטן=רעגירונג.

### א) דער מיליטעריש ער קאָמוניזם

דער בירגער=קריג, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט נאָך דער אָקטאָבער=
רעוואָלוציע, האָט אַמשטאַרקסטן געטראָפן די יידישע באַפע׳קערונג. דער
גרעסטער טייל פון די געוועזענע „תחום״=גובערניעס, וואָס זענען געבּ׳יבן
אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע — אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד — זע-
נען געוואָרן דער צענטער פונם בירגער=קריג, וועלכער האָט געטראָגן נאָך
אַ מער אכזריותדיקן כאַראַקטער, ווי די וועלט=מלחמה. אין משך פון הע-
רער 2 יאָר זענען די יידישע שטעט און שטעטלעך איבערגעגאַנגען פון
האַנט צו האַנט, פון איין רעגירונג צו דער אַנדערער, און אפילו די גרויסע
שטעט האָבן איבערגעלעבט צענטליקער איבערקערענישן. ס׳איז איבע-
ריק זיך אָפּצושטעלן אויף דער ווירקונג פון דערדאָזיקער צווייאָריקער
בהלה אויפן עקאָנאָמישן מצב פון דער באַפעלקערונג, וועמענס ווירטשאַפט=
לעכע טעטיקייט איז פולשטענדיק פאַראַליזירט געוואָרן. אָבער די יידישע
מאַסן האָבן חוץ דעם אַלגעמיינעם חורבן נאָך איבערגעלעבט דעם שוידער=
לעכן פּאָגראָמשטורעם פון די פאַרשידענע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע
אַרמייען און באַנדעס, וועלכע האָבן אַבסאָלוט פאַרניכטעט דאָס גאַנצע יידי-
שע האָב און גוטס — די הייזער, די שטוב=חפצים, דאָס געצייג, די קראָ-
מען און די סחורה. אין ערשטן קאַפּיטל זענען שוין געבראַכט געוואָרן צי-
פערן וועגן די צאָל פּאָגראָמען אין אוקראַינע, אויך אין ווייסרוסלאַנד, אין
האָמלער גובערניע האָבן פיל שטעט און שטעטלעך געליטן (הגם אין אַ
קלענערער מאָס) פונם פּאָגראָם=גיהינום. אַרום און אַרום זענען, לויט נישט
פולע סאָוויעטישע ידיעות פּאָגראָמירט געוואָרן 911 יידישע ישובים. דעם
מאַטעריע׳ן שאָדן פון די פּאָגראָמען איז ליידער אוממעגלעך פעסטצושטעלן,
אָבער אייניקע ציפערן וועגן די היזיקות פון די אויסגעפּאָרשטע פּאָגראָ=
מירטע היימלאָזע אילוסטרירן די אומגעהויערע פאַרמעגנס=פאַרלוסטן פון
דער יידישער באַפעלקערונג. 62,2 פראָצענט פון די הייזער פון די היימ=
לאָזע איז פאַרברענט, צענומען און צוגענומען געוואָרן מיט גוואַלד. פון
די שטוב=חפצים איז געבליבן בלויז 3,2 פראָצענט, פונם אינווענטאַר אין
די אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן — 16,4 פראָצענט, און די סחורה פון

די קראָמען איז אינגאַנצן צערויבט געוואָרן 1). דידאָזיקע ציפערן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער היימלאָזער מאַסע, וועלכע האָט הילפלאָז געבלאָנדזשעט אין די גרויסע שטעט. נישט פיל בעסער איז געווען די לאַגע פון די געבליבענע אויף די ערטער. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך אין מיטעלע שטעט און אַ באַדייטנדיקער טייל פון די גרויסע שטעט האָט בעת די פּאָגראָמען פאַרלוירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן און איז פאַראָרימט געוואָרן ביזן לעצטן גראַד.

מיר גייען איצט איבער צו דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטן-מאַכט אין דעם פּעריאָד פונם „מיליטערישן קאָמוניזם”. די גאַנצע ערד און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינווענטאַר איז סאָציאַליזירט געוואָרן און איז איבערגעגעבן געוואָרן אין באַנוץ פון אַרבעטנדיקן פּויערטום, אָבער לויטן דעקרעט פונם 31 אָקטאָבער 1918 ווערט די גאַנצע פּראָדוקציע פון דער פּויערישער ווירטשאַפט אָפּגעגעבן דער מלוכה, אויסער דעם מינימום, וואָס איז נויטיק פאַרן אייגענעם געברויך. די סאָוויעטן-מאַכט האָט נאַציאָנאַליזירט די אינדוסטריע און די בענק, די פּקדונות פון די פּריוואַטע בירגער זענען קאָנפיסקירט געוואָרן. אַלע סחורות און רוישטאָפן זענען גענומען געוואָרן אויפן שטרענגן דיסקאָנט, דער פּריוואַטער האַנדל איז מער און מער באַשרענקט געוואָרן און סוף 1920 איז ער אינגאַנצן פאַרבאָטן געוואָרן. די ליי- און שפּאָר-קאַסעס זענען ליקווידירט געוואָרן און די גרויסע נעץ פון דער געברויכס-קאָאָפּעראַציע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איינפאַכן פאַרטיילונגס-אַפּאַראַט. כּדי אַרויסציען די מזומנים, וואָס זענען געבליבן אין פּריוואַטע הענט, איז אין אָקטאָבער 1918 אַרויסגעגעבן געוואָרן דעקרעטן וועגן אַן אויסעראָרדנטלעכן שטייער פון 10 מיליאַרד רובל און קאָנטריבוציעס, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף דער בורזשואַזיע דורך די אָרטיקע סאָוויעטן. ס'איז אפילו איינגעשטעלט געוואָרן אַ נאָרמע פאַר שטוב-חפצים (3 פאָר וועש פאַר מענער און 6 פאַר פרויען א. א. וו.), דאָס איבעריקע איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך אָפטע אַלגעמיינע הויז-זוכונגען. כּדי צו דעקן די מלוכה-הוצאות איז געבליבן דער נאַטורעלער לאַנדווירטשאַפטלעכער שטייער און די אומבאַגרענעצטע געלט-עמיסיע, וועלכע האָט שטאַרק פאַרקלענערט דעם ווערט פונם רובל און האָט מיט דער צייט געדאַרפט אים דערפירן ביז צום נול. די סאָוויעטן-מאַכט האָט געשטרעבט אריבערצופירן דאָס לאַנד צו אַ נאַטורעלער ווירטשאַפט, וועלכע ווערט רעגולירט דורכן מלוכה-אַפּאַראַט. ס'איז

1) זע: י. קאַראַלניק. „פּאָגראָם-מאַטעריאַלן”. בלעטער פאַר יידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק. נומ. 1. בערלין 1923.

קלאָר, אַז אין אַזאַ אינדוסטריעל אָפּגעשטאַנען לאַנד ווי רוסלאַנד, אין אַזאַ אַגראַריש לאַנד איז אוממעגלעך געווען צו פאַרווירקלעכן די פּאָליטיק, וואָס די סאָוויעטן-מאַכט האָט מיט גרויס עקשנות געפירט ביז 1921, און אַז דער מיליטערישער קאָמוניזם האָט געמוזט פירן צו אַן עקאָנאָמישן צוזאַמענברוך. די לאַגע איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דער ב ל אָ ק אַ ד ע, וועלכע האָט אָפּגעריסן רוסלאַנד פונם וועלט-מאַרק.

אין רעזולטאַט פון בירגער-קריג, בלאָקאַדע און דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטן-מאַכט האָט זיך די פאָלקסווירטשאַפט אין 1920—22 געפונען אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן צושטאַנד. פאָלגנדיקע ציפערן כאַראַקטעריזירן דעם מצב פון דער רוסישער ווירטשאַפט אין 1920 אין פאַרגלייך מיט דער פאַרמלחמהדיקער צייט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| די פּראָדוק. פון דער לאַנדווירט. | האָט באַטראָפן | 54,5% | פון דער פאַרמלחמהדיקער |
| „ „ „ גרויס-אינדוסטריע | „ | 13,8% | „ „ „ |
| דער דורכשניטלעכער אַרבעטס-לוין | „ | 32,3% | „ „ „ |

ווי האָט זיך אויסגעווירקט דער מיליטערישער קאָמוניזם אין דער יידישער סביבה?

די גרויס- און מיטל-בורזשואַזיע איז פולשטענדיק עקספּראָפּריאירט געוואָרן, און דאָס קליינבירגערטום, וואָס איז רויִנירט געוואָרן בעת די פּאָגראָמען, האָט פאַרלוירן אַלע מקורים פון פּרנסה. דער בעל-מלאכה איז געבליבן אָן געצייג און ווער ס'האָט נאָך עפּעס געראַטעוועט פון זיין וואַרשטאַט האָט נישט געקאָנט קריגן די נויטיקע רויסטאָפן און קרעדיטן. אַ סך בעלי-מלאכות זענען געוואָרן אַרבעטער, אָבער אויך דער אַרבעטער — דער פּריווילעגירטער קלאַס — האָט נישט געקאָנט לעבן פונם אַרבעטס-לוין (דער דורכשניטלעכער אַרבעטסלוין האָט אין די יאָרן 1919—21 באַטראָפן 7 גאָלד-רובל אַ חודש, איינשליסלעך אַלע דאָטאַציעס). אין נייער געביט האָט זיך געעפנט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג — אַרבעט אין די סאָוויעטן-אַנשטאַלטן. מיר ווייסן נישט גענוי די צאָל פון די יידישע סאָוויעט-אָנגעשטעלטע אין פּעריאָד פון מיליטערישן קאָמוניזם, אָבער אייניקע ציפערן ווייזן, אַז זי איז געווען זייער גרויס. אין מינסקער גובערניע און אין וויטעבסקער האָבן די יידן געבילדעט 62% פון אַלע סאָוויעט-באַאַמטע אין קיעוו 40% 1). אָבער ווי גרויס דער סאָוויעטישער אַפּאַראַט איז נישט געווען, האָט ער נישט געקענט איינשלינגען די גאַנצע שטאָטישע אַרבעטסלאָזע

1) יידן אין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד". בלעטער פאַר יידישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק. נומ. 1, בערלין 1923.

מאַסע און חוץ דעם האָט אויך דער אַרבעטסלוין אין די סאָוויעט-אַנשטאַלטן נישט געזיכערט אַפילו דעם באַשיידנסטן עקזיסטענץ-מינימום. אַ גרויסער טייל פון דער נישט-יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג איז זיך צעלאָפן פון די הונגעריקע שטעט אין די דערפער, ווו זיי האָבן פון ערד-אַרבעט געצויגן זייער חיונה. די יידן האָבן צום דאָרף קיין צוטריט נישט געהאַט, אַדאַנק די באַנדעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די דאָרפישע ישובים אויפן גאַנצן שטח פון אוקראַינע און טיילווייז פון ווייסרוסלאַנד און האָבן אַכזריותדיק געהרגעט יעדן יידן, וואָס האָט זיך דאָרטן באַוויזן. צווישן צוויי פייערן — דעם הונגער אין שטאָט און דעם באַנדיט אין שטעט, און דאָרף — האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג געפונען אין דער צייט פון מיליטערישן קאָמוניזם. די יידישע מאַסע האָט זיך ממש געראַנגלט פאַרן פיזישן קיום און כדי זיך דורכצולעבן איז געבליבן נאָר דער אומלעגאַ-לער „זעקל-האַנדל".

אין פולער פאַרצווייפלונג האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג גענומען פאַרן וואַנדער-שטאַק. נישט געקוקט אויף די אומגעהויערע שוועריקייטן פון דער אומלעגאַלער עמיגראַציע אין דער צייט פון בירגער-קריג האָבן זיך אין די יאָרן 1919—21 געצויגן גרויסע מחנות יידן צו דער רומענישער און פוילישער גרענעץ. אין בעסאַראַביע אַליין האָט זיך אין 1921 אָנגע-זאַמלט בערך 73.000 [1] יידן — אַנטלאָפענע פון אוקראַינע. אַ סך גרעסער איז געווען די צאָל יידישע עמיגראַנטן אין פוילן. זייער כאַראַקטעריסטיש זענען די דאַטן וועגן די סיבות פון עמיגראַציע, וועלכע ס'האָבן אָנגעוויזן די היימלאָזע אין בעסאַראַביע [2]). פון 20.398 פאַררעגיסטרירטע עמיגראַנטן זענען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד:

| | | | |
|---|---|---|---|
| צוליב פאָגראָמען און באַנדיטישע אָנפאַלן — | 9.619 | ד. ה. | 46,98 % |
| „ עקאָנאָמישן חורבן און בירגער-קריג — | 8.857, | „ | 43,28 % |
| „ צוליב אַנדערע סיבות — | 1,922, | „ | 9,74 % |

דידאָזיקע צוויי הויפט-סימנים — פאָגראָמען און עקאָנאָמישער חורבן — באַצייכענען דאָס יידישע לעבן אין די יאָרן פון בירגער-קריג און מיליטע-רישן קאָמוניזם.

### ב) דער „נעפ" (נייע עקאָנאָמישע פאָליטיק).

די ירידה פון דער פאָלקסווירטשאַפט, די סיסטעמאַטישע פאַרקלענע-רונג פונם פאַרזייאונגס-שטח דורכן פויערטום און דער חורבן פון דער אינ-

1 בעריכט פון „עמיגדירעקט" זייט 55, בערלין 1925.

2 באַריכט פון „עמיגדירעקט", זייט 123.

דוסטריע האָט געצוווּנגען די סאָוויעט-רעגירונג אָנהויב 1921 ראַדיקאַל צו ענדערן איר עקאָנאָמישע פּאָליטיק. דורך אַ ספּעציעלן דעקרעט פונם 15-טן מערץ 1921 איז איינגעפירט געוואָרן אַ נייע סיסטעם פונם נאַטוראַלן לאַנד-ווירטשאַפטלעכן שטייער 1). דער פּויער דאַרף שוין מער נישט אָפּגעבן דער מלוכה זיין גאַנצע פּראָדוקציע חוץ דעם מינימום פאַרן אייגענעם געברויך, נאָר אַ באַשטימטן טייל פון דער געראַטעניש, דעם נשאר קאָן דער פּויער פאַרקויפן אויפן פּריוואַטן מאַרק. דידאָזיקע ווענדונג אין דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטן-מאַכט, וועלכע איז געווען צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פונם פּויערטום האָט געעפנט נע-ווּיסע מעגלעכקייטן פאַר דער פּריוואַטער איניציאַטיוו אין דער אינדוסטריע און האַנדל און האָט ראַדיקאַל געענדערט די גאַנצע ווירטשאַפטלעכע סי-סטעם פונם סאָוויעטן-פאַרבאַנד. כדי אויפצושטעלן די רויִנירטע פּראָדוקציע איז פונדאַסניי אָרגאַניזירט געוואָרן דאָס קרעדיט-וועזן, שפּעטער איז איינגעפירט געוואָרן אַ פעסטע וואַלוטע און אַ נאָרמאַלער ביודזשעט, וועלכער באַזירט אויף באַשטימטע הכנסות פון שטייערן און אַנדערע קוועלן.

די רעזולטאַטן פונם „נעפּ" זענען געווען זייער גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער פאָלקסווירטשאַפט. פאָלגנדיקע טאַבעלן כאַראַק-טעריזירן דעם וווּקס פון דער פּראָדוקציע אין רוסלאַנד פאַרן „נעפּ"-פּעריאָד אין פאַרגלייך מיט דער פאַרמלחמהדיקער נאָרמע.

## די פּראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט [2].

(אין פּראָצענטן)

| | |
|---|---|
| 1913 . . . | 100,0 |
| 1920 . . . | 54,5 |
| 1923/24 . . . | 72,3 |
| 1924/25 . . . | 77,9 |
| 1925/26 . . . | 92,3 |
| 1926/27 . . . | 97,2 |

---

1 די געזעצן וועגן לאַנדווירטשאַפטלעכן שטייער האָבן זיך מיט דער צייט געענדערט, אין אַפּריל 1924 איז איינגעפירט געוואָרן אַן איינהייטלעכער געלט-שטייער פון דער לאַנדווירטשאַפט לויט דער צאָל פּערזענלעכע דעסיאַטין, פּי, א. א. וו. אין 1926 איז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שטייער ווידער געענדערט געוואָרן אויפן יסוד פון פּראָגרעסיווער שטופן-סיסטעם.

2 ציפערן בנוגע 1923—1927 פונם רעפעראַט פון אַ. ריקאָוו אויפן 4-טן סאָוויעטישן צו-זאַמענפאָר („איזוועסטיאַ" נומ. 93 פונם 23-טן אַפּריל 1927.)

אין די סאָוויעטישע אויסגאַבן געפינען מיר פאַרשידענע ציפערן וועגן די פאַרשידענע

די מעגלעכקייט אויסצונוצן פאַר זיך די גערעטעניש האָט סטימולירט דעם פויער צו פאַרגרעסערן דעם פאַרזייונגס-שטח און צו פאַרבעסערן די טעכנישע זייט פון זיין ווירטשאַפט. דאָס האָט אין 1927 דערהויבן די פראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט כמעט צו דעם פאַרמלחמהדיקן ניוואָ.

מיט נאָך אַ שנעלערן טעמפּ האָט זיך אַנטוויקלט די גרויס-אינדוסטריע, וועלכע די רעגירונג האָט ספּעציעל געשטיצט מיט קרעדיטן. די פּראָדוקציע פון דער צענז-אינדוסטריע האָט זיך פאַרגרעסערט פון 13,8 פּראָצענט אין 1920 ביז 104 % אין 1926/27 לגבי דער פאַרמלחמהדיקער אויסאַרבעטונג.

## די פּראדוקציע פוז דער צענז-אינדוסטריע [1].
(אין פּראָצענטן)

| | |
|---|---|
| 1913 . . . | 100,0 |
| 1921/22 . . . | 22,9 |
| 1922/23 . . . | 30,2 |
| 1923/24 . . . | 39,9 |
| 1924/25 . . . | 61,9 |
| 1925/26 . . . | 89,9 |
| 1926/27 . . . | 104,0 |

אויף אַזאַ אופן איז צום 10-יאָריקן יובל פון דער סאָוויעטנמאַכט כמעט פאַרענדיקט געוואָרן דער אויפשטעלונגס-פּראָצעס אין דער לאַנדווירטשאַפט, און די אויסאַרבעטונג פון דער אינדוסטריע האָט שוין אפילו איבערגעשטיגן די פאַרמלחמהדיקע פּראָדוקציע.

דער וווקס פון דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע האָט באַדייטנדיק פאַרבעסערט דעם עקאָנאָמישן מצב פון דער באַפעלקערונג. די אַרבעטער, וואָס זענען בעת דעם „מיליטערישן קאָמוניזם" אַנטלאָפן אין די דערפער, האָבן זיך אומגעקערט אין די פאַבריקן. אין 1926/27 יאָר האָט די צאָל

צווייגן פון דער רוסישער פאָלקסווירטשאַפט; אדאנק די אומצאָליקע סתירות איז אוממעגלעך מער-ווייניקער גענוי פעסטצושטעלן די פּראָדוקציע-סומען פון דער לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע. די פּארעפּנטלעכטע אין דער לעצטער צייט אין די סאָוויעטישע זשורנאַלן דאטן בנוגע דער לאַנדווירטשאַפט פאלן אין אלגעמיין צונויף מיט די געבראכטע אָנגאבן פון ה' ריקאָוו. זע אויך דעם ארטיקל פון ג. אַגאַנאָווסקי אין „עקאָנאָמיטשעסקאיע אָבאָזריעניע" נומ. 10, מאָסקווע, אָקטאָבער 1927.

1) אויסגערעכנט אויפן סמך פון די אבסאָלוטע ציפערן, וואָס זענען פּארעפנטלעכט געוואָרן אין „עקאָנאָמיטשעסקאיא זשיזן" נומ. 256 פונם 10-טן נאָוועמבער 1927. דאָס ווירטשאַפטס-יאָר ווערט אין סאָוויעט-רוסלאַנד גערעכנט פונם 1-טן אָקטאָבער ביזן 30-טן סעפּטעמבער.

אַרבעטער אויף די פאַבריקן באַטראָפן 102 % פון דער פאַרמלחמהדיקער[1] דער רעאַלער אַרבעטס-לוין איז ביסלעכווייז פאַרגרעסערט געוואָרן און אין 1926/27 האָט ער שוין דערגרייכט 104,6 % פונם פאַרמלחמהדיקן ניוואָ[2].
די דורכשניטלעכע הכנסה אויף איין איינוואוינער האָט אין 1926/27 באַטראָפן בערך 77 פּראָצענט פון דער הכנסה אין 1913 אַקעגן 38 פּראָצענט אין 1921 און מחמת דעם איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די קויפפעיקייט פון דער באַפעלקערונג. די פאָלגנדיקע טאַבעלע וועגן דעם פאַרברויך פון די וויכטיקסטע געברויך-אַרטיקלען אויף איין איינוואוינער אילוסטרירט דעם דאָזיקן וווקס:

| 1925/26 | 1924/25 | 1923/24 | 1922/23 | 1921/22 | יאָר פאַר דער מלחמה | אַרטיקל |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 16,6 | 11,6 | 7,4 | 4,1 | 2,3 | 20 | צוקער פונט |
| 24,1 | 23,0 | 21,0 | 17,7 | 13,1 | 33 | זאַלץ „ |
| 26,6 | 21,3 | 14,0 | 11,5 | 6,7 | 25 | שוועבעל. שאַכט. |
| 19,4 | 17,2 | 9,5 | 5,3 | 3,8 | 25 | מאַנופאַק. אַרשין |

די געבראַכטע ציפערן ווייזן בולט דעם סיסטעמאַטישן וווּקס פון דער רוסישער פאָלקסווירטשאַפט און די פאַרבעסערונג פונם מאַטעריעלן צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט אין פאַרגלייך מיטן פעריאָד פונם „מיליטערישן קאָמוניזם". כּדי אָבער זיך גענוי צו באַקענען מיטן עקאָנאָמישן מצב פונם רוסישן יידנטום איז נויטיק זיך אָפּשטעלן אויף דער ליניע פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק אין סאָוויעט-רוסלאַנד אין „נעפּ"-פעריאָד.

**די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער סאָוו.-רעגירונג.**

די גרויס-אינדוסטריע איז געבליבן נאַציאָנאַליזירט און דער אויסערן-האַנדל איז מאָנאָפּאָליזירט געוואָרן אין די הענט פון דער מלוכה. אויף די געביטן, ווו די פּריוואַטע איניציאַטיוו איז צוגעלאָזן געוואָרן, האָט די סאָוויעט-רעגירונג אָנגענומען אַ ריי מאָס מיט-

1 לויט די דאַטן פון העכסטן ווירטשאַפטס-ראַט, האָט די צאָל אַרבעטער אין דער צענזוס-אינדוסטריע באַטראָפן אין 1913 יאָר — 2.418,4 טויזנט און אין 1926/27 ווירטשאַפטס-יאָר — 2.469,1 טויזנט. זע: א. ראַבינאָוויטש „פּראָבלעמען פון אַרבעט אין ס. ס. ס. ר.", „עקאָנאָמיטשעסקאָיע אָבאָזרעניע" נום, 10, מאָסקווע אָקטאָבער 1927.

2 לויט די אָנגאַבן פון ה' ראַבינאָוויטש אין אָנגעוויזענעם אַרטיקל.

לען, וועלכע האָבן אַלץ מער באַגרענעצט די מעגלעכקייטן פונם פּריוואַטן אונטערנעמער. אויב דעם פּויערסום — דער הויפּט־פּראָדוצירנדיקער קראַפט אין לאַנד נאָך ביז היינטיקן טאָג [1] — זענען געמאַכט געוואָרן אַלץ גרע־סערע הנחות, איז בנוגע דער שטאָטישער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום מצד דער סאָוויעטן־מאַכט אָנגעווענדט געוואָרן אַלע קרעפטן צו מאַכן זי אומפעיק צו קאָנקורירן מיט דער מלוכהשער און קאָאָפּעראַטיווער אינדוסט־ריע און האַנדל און אַרויסגעשטויסן זי פונם מאַרק. אין דעם פּרט קאָן די „נעפּ"־תקופה געטיילט ווערן אויף 4 פּעריאָדן: 1) פון 1921 ביז דער צווייטער העלפט פון 1923. דער פּריוואַטניק האָט דעמאָלט געהאַט גרויסע מעגלעכקייטן פון פרייער אַנטוויקלונג. 2) פון האַרבסט 1923 ביז אַפּריל 1925. אין דעמדאָזיקן פּעריאָד האָט די סאָוויעטן־רעגירונג אָנגענומען מיט־לען אַרויסצושטויסן דעם פּריוואַטן קאַפּיטל פון די דערוואָרבענע דורך אים פּאָזיציעס. 3) פון אַפּריל 1925, ווען דעם פּריוואַטן האַנדל און אינדוסטריע זענען ווידער געמאַכט געוואָרן גרויסע הנחות. 4) פון האַרבסט 1926, ווען די סאָוויעטן־רעגירונג האָט ווידער אָנגעהויבן אַ שטאַרקן אָנגריף אויפן פּריוואַטן אונטערנעמער.

אין ערשטן פּעריאָד פונם „נעפּ" האָט אויפגעלעבט דער פּריוואַטער האַנדל. אָנהויב 1923 האָבן די פּריוואַטע האַנדלס־אונטערנעמונגען באַטראָפן 87.6 פּראָצענט פון דער גאַנצער האַנדלס־נעץ (לויט דער צאָל אַרויסגעגע־בענע פּאַטענטן) און האָבן קאָנצענטרירט אין זייערע הענט איבער 64 פּראָ־צענט פונם גאַנצן האַנדלס־אומזאַץ. אין האַרבסט 1923, אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטאַרקן אויפשטייג פון די פּרייזן אויף אינדוסטריעלע פּראָדוקטן, האָט די סאָוויעטן־רעגירונג אָנגענומען שטרענגע מיטלען, עקאָנאָמישע און אַדמיניסטראַטיווע, כדי אָפּצושטעלן די פּאַנאַנדערוויקלונג פון דער פּריוואַ־טער אינדוסטריע און האַנדל און אַלץ מער זיי קאָנצענטרירן אין די מלוכה־שע אָרגאַנען. פאַרן פּריוואַטן אונטערנעמער זענען געשאַפן געוואָרן גרויסע שוועריקייטן ביים באַקומען קרעדיטן, פאַבריקאַטן און רוישטאָפן. דער קאָאָפּעראַ־ציע זענען געגעבן געוואָרן גרויסע לגאָטעס און אויפן בירגערטום זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן שווערע שטייערן און אָפּצאָלן.

די שטייערן־לאַסטן האָבן אין יאָר 1923/24 און דער ערשטער העלפט פון 1924/25 דערגרייכט די העכסטע מדריגה און האָבן רואינירט אַ באַדייטנ־

---

1 אין 1926—27 ווירטשאַפטס־יאָר האָט די פּראָדוקציע פון דער לאַנדווירטשאַפט באַטראָפן 62 פּראָצענט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע־סומע אין לאַנד און די אויסאַרבעטונגען פון דער אינדוסטריע — 38 פּראָצענט (קאָנטראָל־ציפערן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט אויפן 1927/28 יאָר, מאָסקווע 1928, זייט 472).

דיקן טייל פון די פּריוואַטע אונטערנעמער. נישט באַהאַנדלענדיק אויספיר-לעך די סאָוויעטישע שטייער-סיסטעם, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף איי-ניקע מאָמענטן, וועלכע אילוסטרירן די אַנטוויקלונג פונם שטייער-דרוק אויף דער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום — דער עיקר אויפן געווערב- און הכנסה-שטייער[1].

דער געווערב-שטייער באַשטייט פון צוויי טיילן — פּאַטענט-אָפּצאָל און אויסגלייך-שטייער (אומזאַץ-שטייער). א פּאַטענט מוז מען אַרויס-נעמען, לויט די תקנות פונם 12-טן נאָוועמבער 1923, האַלביערלעך אויף יעדער אינדוסטריעלער און האַנדלס-אונטערנעמונג און אויף פּערזענלעכע באַשעפטיקונגען (האַנטווערקער, ליבעראַלע פּראָפעסיעס א. א. וו.). דער פּאַטענט-אָפּצאָל טיילט זיך אויף פאַרשידענע גראַדאַציעס לויט דעם מאַסשטאַב פון דער אונטערנעמונג, דער צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע און לויט די סחורות, וואָס ווערן פּראָדוצירט אָדער פאַרקויפט (פאַר לוקסוס-אַרטיקל איז נויטיק א הוספה-פּאַטענט, וועלכער באַטרעפט פון 100 ביז 250 פּראָצענט פונם גרונט-פּאַטענט). דער אויסגלייך-שטייער באַטרעפט לויט די תקנות פונם 21-טן יולי 1923 מערסטנטיילס 1% פונם אומזאַץ אין הורט-האַנדל, וועלכער איז קאָנצענטרירט הויפּטזעכ-לעך אין די מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַנען, און 1½% — אין לאחדים-האַנדל. די אָרטיקע סאָוויעטן האָבן דאָס רעכט צו פאַרגרעסערן דעם אויסגלייך-שטייער אויף 100 פּראָצענט פאַר אָרטיקע ביודזשעט-צוועקן, פּאַקטיש באַטרעפט אויף אַזאַ אופן דער אויסגלייך-שטייער דורכשניטלעך 2 און 3 פּראָצענט. פאַרן האַנדל מיט לוקסוס-אַרטיקלען איז דער אויסגלייך-שטייער נאָך גרעסער.

אין דער אינדוסטריע איז דער אויסגלייך-שטייער פון פּרי-וואַטע אונטערנעמונגען צוויי מאָל גרעסער ווי פון מלוכה-שע. פאַר קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען איז דער געווערב-שטייער (סיי דער פּאַטענט, סיי דער אויסגלייך-שטייער) פאַרקלענערט אויף 50% אין די פאַרמאַכטע קאָאָפּעראַציון, וואָס פאַרקויפן סחורות נאָך זייערע מיט-גלידער, און אויף 25 פּראָצענט אין די איבעריקע. לויטן דעקרעט פונם

---

1 די תקנות וועגן געווערב- און הכנסה-שטייער זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין נ[illegible] וועמבער 1923. דידאָזיקע געזעצן זענען נאָכדעם עטלעכע מאָל געענדערט געוואָרן, אייניקע ש[illegible] ערן זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן, אַנדערע זענען פאַרקערט געהעכערט געוואָרן. מיר האַלטן א[illegible] באַר נויטיק צו ברענגען די גרונט-פּרינציפּן פון דער סאָוויעטישער שטייער-פּאָליטיק אויף אין[illegible] [illegible] פונם שטייערן-דרוק אַנ[illegible] און הענדלער.

7-טן דעצעמבער 1923 ווערן אינגאַנצן באַפרייט פונם געווערב-שטייער: די אונטערשטע נעץ פון די דאָרפישע- און אַרבעטער פאַבריק-קאָאָפּעראַטיוון מיט אַ אומזאַץ ביז 20.000 רובל אַ יאָר, די לאַנדווירטשאַפטלעכע און אַ רייע אַנדערע אונטערנעמונגען פון די קאָאָפּעראַציע. אויף אַזאַ אופן איז בנוגע דעם געווערב-שטייער דער פּריוואַטער אונטערנעמער און הענדלער געשטעלט געוואָרן אין זייער שווערע באַדינגונגען, אויף וויפל זיין קאָנקורענט — די קאָאָפּעראַטיווע און רעגירונגס-אונטערנעמונגען צאָלן אַ סך קלענערע שטייערן. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז דער ווילקיר פון די אָרטיקע פינאַנץ-אָרגאַנען ביים אויסרעכענען דעם אויסגלייך-שטייער. די פינאנץ-אינספּעקטאָרן רעכענען זיך אַבסאָלוט נישט מיט די רעגיסטרירטע האַנדלס-ביכער און שטעלן פעסט דעם אומזאַץ לויט זייער אייגענער אָפּשאַצונג. אין קיעוו האָט די פינאַנץ-אינספּעקציע אין דער ערשטער העלפט פון 1924/25 אויסגערעכנט דעם אויסגלייך-שטייער לויט די האַנדלס-ביכער בלויז אין 184 אונטערנעמונגען, הגם די רעווידירטע ביכער זענען אין מער ווי 1.200 אונטערנעמונגען (פון 1.298) נישט געפּסלט געוואָרן 1). דער אויסגלייך-שטייער ווערט אַזוי אַרום פאַקטיש גרעסער פון די געזעצלעכע נאָרמעס און דריקט שטאַרק די אונטערנעמער, באַזונדערס דעם האַנטווערקער און קליינעם הענדלער.

נאָך שווערערע לאַסטן לייגט אַרויף דער *הכנסה-שטייער*. לויט די תקנות פונם 12-טן נאָוועמבער 1923 טיי,ן זיך די צאָלער פונם הכנסה-שטייער אויף 3 קאַטעגאָריעס: 1) אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס פאַרדינען נישט ווייניקער פון 75 טשערוואָנע רובל אַ חודש. 2) האַנטווערקער און קוסטאַרן, וואָס האָבן נישט קיין אונטערנעמונגען מיט געווערב-פּאַטענטן, ליבעראַלע פּראָפעסיעס און אַלע אַנדערע עלעמענטן, וואָס האָבן הכנסה פון פערזענלעכער *אַרבעט* און זענען נישט קיין אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. 3) האַנדלס- און אינדוסטריע-אונטערנעמער און אַלע אַנדערע, וואָס קריגן הכנסות פון נישט-אַרבעטנדיקע קוועלן. פאַר די קאַטעגאָריעס 2 און 3 איז איינגעשטעלט אַ *גרונט-שטייער*, וועלכער מוז אָפּגעצאָלט ווערן אומאָפּהענגיק פון דעם, צי דער באַשטייערנדיקער האָט געהאַט ריוח אָדער נישט. *אפילו אין פאַל פון היזק מוז דער גרונט-שטייער באַצאָלט ווערן.*

אויסער דעם גרונט-שטייער איז איינגעפירט אַ *פּראָגרעסיווער שטייער* פאַר גרעסערע הכנסות: ביי דער ערשטער קאַטעגאָריע, אויב

---

1) „הכנסה-שטייער" (רוסיש), אויסגאַבע פון פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר אַרבעטער-פּויערישער אינספּעקציע. ז"ט 88. מאָסקווע 1925.

די האַלביערלעכע הכנסה באַטרעפט מער ווי 1.200 ביז 1.400 רובל (אין פאַרשידענע געגנטן), ביי די קאַטעגאָריעס 2 און 3 — מער ווי 300 ביז 500 רובל. דער פּראָגרעסיווער שטייער פון 3% ביז 30% פון דער הכנסה אין פאַרן אָרטיקן ביודזשעט ווערט ער חוץ דעם פאַרגרעסערט אויף 25%. פאַר די מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען באַטרעפט דער הכנסה-שטייער נישט מער פון 8%, דערביי ווערט ער אין די פאַרמאַכטע קאָאָפּעראַטיוון פאַרקלענערט אויף 50% און אין די איבעריקע — אויף 25%. אַ גרויסע צאָל קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען זענען אינגאַנצן פריי פון הכנסה-שטייער: די גאַנצע אונטערשטע קאָאָפּעראַטיווע נעץ אין די דאָרפישע ישובים, און אין די שטעט — די קאָאָפּעראַטיוון פאַר אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אויב זייער יערלעכער אומזאַץ באַטרעפט נישט מער פון 20.000 רובל.

די קאָמיסיע פון דער אַרבעטער-פּויערישער אינספּעקציע, וואָס האָט אויסגעפאָרשט אין 1925 דעם הכנסה-שטייער אין אַ ריי שטעט, האָט פעסטגעשטעלט אין איר באַריכט, אַז דער הכנסה-שטייער איז פאַר דער 12-טער און 3-טער קאַטעגאָריע אומדערטרעגלעך און פירט צו ליקווידאַציע פון די אונטערנעמונגען[1]. די פינאַנץ-אינספּעקטאָרן זענען בנוגע דעם הכנסה-שטייער פּונקט אַזוי ווילקירלעך ווי ביים אויסרעכענען דעם אויסגלייך-שטייער. אויף וויפל דער הכנסה-שטייער לייגט אַרויף אומגעהויערע לאַסטן אויף די קאַטעגאָריעס 2 און 3 ווייזן די ציפערן פון די נישט-באַצאָלטע שטייערן. אין אוקראַינע האָט די סומע פון דעם נישט-באַצאָלטן גרונט-שטייער באַטראָפן:

אין דער ערשטער העלפט פון 1923/24 — 30,7% פונם גאַנצן גרונט-שטייער[2]
„ „ צווייטער „ „ „ — 42,6% „ „ „
„ „ ערשטער „ פון 1924/25 — 46,1% „ „ „

און אָדעס האָט די צאָל פּערזאָנען, וואָס האָבן נישט באַצאָלט דעם גרונט-שטייער, באַטראָפן דעם 15-טן מערץ 1925, נאָך צוויי חדשימדיקער צוואַנגס-אויפמאָנונג, גאַנצע 80,5% פון אַלע שטייער-צאָלער[3] — מ'דאַרף דערביי נעמען אין אַכט, אַז ביים אָפּמאָנען די שטייערן פלעגן זיך די פינאַנץ-אינספּעקטאָרן נישט אָפּשטעלן פאַר קיינע מיטלען. דער „עמעס" דערציילט, אַז „פאַרן נישט איינצאָלן קיין שטייערן פלעגט מען פאַרשטעמפּלען די קיזניע, צונעמען פּרעמדע פּויערישע שטיוול, נעמען אין משכנות

1) דאָרט, זייט 37.
2) דאָרט, זייט 45.
3) דאָרט, זייט 46.

די ניי-מאַשינען ביים שניידער" („עמעס" פונם 8-טן אַפּריל 1925). אַ בילד
זון די צוואַנגס-מעטאָדן ביים אויפמאָנען די שטייערן פון די קליינהענדלער
גיט מ. ליבעס אין זיין אַרטיקל וועגן שטעטל כאַבנע, קיעווער גובערניע:
„דאָס פאַרקויפן פון סאַמאָוואַר, מעבל און אַנדערע הויז-הפצים פאַרן פאַר-
טאָפּלטן און פאַרדרייפאַכטן (אַלס שטראָף) שטייער איז אַ געוויינלעכע
דערשיינונג. אָפּט קומען אויך פאָר פאַלן פון פאַרחתמנען די קראָמען,
פערזענלעכן אַרעסט" 1).

און פונדעסטוועגן האָבן אין אוקראַינע כמעט אַ העלפט פון אַלע
שטייער-צאָלער און אין אָדעס גאַנצע 4/5 ניִשט באַצאָלט די שטייערן.

אונטערן דרוק פונם שטייערן-פרעס זענען די קליינע אינטערנעמער
געצוואונגען געווען צו ליקווידירן זייערע אונטערנעמונגען. דאָס האָט אָפי-
ציעל אַנערקענט דער מיטגליד פון דער קאָלעגיע פון פאָלקס-קאָמיסאַריאַט
פאַר פינאַנצן כאַליודאָוו אין יוני 1925 („עמעס", נומ. 143 פונם 25-טן
יוני 1925). דאָס באַווייזן אויך די ציפערן וועגן דער פאַרקלענערונג פון
דער צאָל פערזאָנען, אויף וועלכע ס'ווערט אַרויפגעלייגט דער הכנסה-שטיי-
ער. אין דער ערשטער העלפט פון 1924/25 איז די צאָל שטייערן-צאָלער
פון דער 2-טער קאַטעגאָריע (קוסטאַרן און פרייע פּראָפעסיעס) פאַרקלענערט
געוואָרן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד אויף 13,8%, אין קיעוו — אויף 20,7%,
אין אָדעס — אויף 20,9%. אַזאַ פאַרקלענערונג איז קאָנסטאַטירט געוואָרן
אויך אין דער צווייטער העלפט פון 1923/24 2).

וועגן דעם ווילקיר פון די פינאַנץ-אינספעקטאָרן, באַזונדערס אין די
שטעטלעך שרייבן די קאָרעספּאָנדענטן פון דער יידישער קאָמוניסטישער
פרעסע פון אַלע עקן פונם סאָוויעטן-פאַרבאַנד. דער „עמעס" פונם 8-טן
אַפּריל 1925 שרייבט: „קוסטאַרן-יחידים, וועלכע האָבן אָפּט געהונגערט,
זענען באַלייגט געוואָרן מיט אַזעלכע גרויסע שטייערן, וואָס פלעגן זיי
רויניִרן ביז צום גרונט". אויף דער ערשטער מינסקער קרייז-קאָנפערענץ
פון די קוסטאַרן איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די פינאַנץ-אינספעקטאָרן
שאַצן אָפּ די פאַרדינסטן פונם קוסטאַר 10 מאָל מער ווי זיי זענען („עמעס",
נומ. 140 פונם 23-טן יוני 1925).

דער געווערב- און הכנסה-שטייער בילדן נאָר אַ טייל פון די שטיי-
ערן, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויפן פּריוואַטן אונטערנעמער. ס'עקזיסטירן
נאָך רענטן-שטייער, הערב- און צינז-אָפּצאָלונגען, און דעם 13-טן סעפּטעמ-

---

1) מ. ליבעס. „קאַמטשאַטקע פון קיעווער גובערניע". „דאָס יידישע שטעטל אין דער
רעוואָלוציע" (רוסיש), מאָסקווע 1926, זייט 62.

2) „הכנסה-שטייער", זייט 42—43.

בער 1925 איז איינגעפירט געוואָרן אַ שווערער מיליטער־שטייער. דערדאָזיקער שטייער ווערט אויפגעמאָנט אין משך פון 19 יאָר פון די בירגער, וואָס האָבן נישט קיין וואַל־רעכט אין די סאָוויעטן און ווערן דעריבער נישט אָנגענומען אין דער אַרמיי, נאָר פאַררעכנט אין רעזערוו אויף 19 יאָר (פון 21 ביז 40 יאָר).

אַחוץ דעם איז פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן דעקרעטן וועגן איינמאָליקע שווערע שטייערן: די צוואַנגס־פּאַרטיילונג פון דער ערשטער און צווייטער מלוכהשער געווינס־הלואה אין 1923 און 1924. דער איינמאָליקער שטייער פאַר געליטענע פון אומגערעטעניש (דעקרעט פונם 13־טן סעפּטעמבער 1924, אויפגעמאָנט אין 1925).

אויסער דעם עקזיסטירט נאָך אַ גרויסע צאָל אָרטיקע שטייערן, וועלכע פאַלן דער עיקר אויף דער שטאָטישער קליינבירגערלעכער באַפעלקערונג: געביידע־שטייער, געהילף־אָפּצאָל, שטייער אויף טראַנספּאָרט־מיטל (פערד, שיפלעך א. א. וו.), פּי־שטייער, אָפּצאָל פון אָפּמאַכן אויף דער בערזע, אויקציאָן־שטייער, אָפּצאָל פאַר רעגיסטראַציע און פּאַספּאָרטן און פיל אַנדערע, פון וועלכע דער וויכטיקסטער איז דער וווינונגס־שטייער פון דער נישט אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג לטובת דער אַרבעטער־וווינונגס־בויונג (דעקרעט פונם 16־טן מאַי 1924). דערדאָזיקער שטייער ווערט אויפגעמאָנט פון די שטייער־צאָלער פון דער 3־טער קאַטעגאָריע (אינדוסטריע־אונטערנעמער, הענדלער א. אנד.) און דערגרייכט ביז 10 רובל אַ חודש פון אַ קוואַדראַט־קלאַפטער פון דעם וווינונגס־שטח, וואָס דער באַשטייערטער פאַרנעמט. מ'דאַרף נאָך דערמאָנען די „פרייוויליקע זאַמלונגען", וועלכע פלעגן פאַקטיש פאַרוואַנדלט ווערן אין אָבליגאַטארישע אָפּצאָלן, און די היכע אָפּצאָלונגען פון דער נישט־אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פאַר דירות, ליכט, וואַסער וכדומה.

אין דער צווייטער העלפט פון 1924/25 ווירטשאַפטס־יאָר, ווען די סאָוויעטן־רעגירונג האָט אַדאַנק דער אַרבעטסלאָזיקייט און דעם סחורה־הונגער אין לאַנד אָנגעהויבן אַריינציען דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין דער אינדוסטריע איז דער שטייער־דרוק אָפּגעשוואַכט געוואָרן און אַ רייע סאָציאַלע גרופּן האָבן באַקומען באַדייטנדיקע שטייער־לגאָטעס. באַזונדערס וויכטיקע הנחות זענען געמאַכט געוואָרן פאַר די קוסטאַרן און האַנטווערקער. דעם 15־טן אַפּריל 1925 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ דעקרעט וועגן שטייערן־לגאָטעס פאַר דאָרפישע קוסטאַרן און האַנטווערקער און אין מאַי 1925 זענען געמאַכט געוואָרן וויכטיקע שטייער־הנחות אויך דעם שטאָטישן בעל־מלאכה. לויטן דעקרעט פונם 13־טן מאַי 1925 („איזוועסטיאַ", נומ. 107 פון 1925) ווערט באַדייטנדיק פאַרקלענערט דער פּאַטענט־אָפּצאָל

פון קוסטאַרן-יחידים און האַנטווערקער, וואָס האָבן נישט מער פון 3 אַרבעטער. זיי ווערן אינגאַנצן באַפרייט פון אויסגלייך-שטייער, און ס'ווערט אויך פאַרקלענערט דער הכנסה-שטייער, דערביי ווערן די די יונגטלעכע פאַמיליע-מיטגלידער, וואָס אַרבעטן ביי דידאָזיקע קאַטעגאָריעס האַנטווערקער, ווי אויך די ערשטע 2 לערנייגלעך, בכלל נישט גענומען אין אַכט ביי דער באַשטייערונג. דער דאָרפישער קוסטאַר האָט באַקומען נאָך גרעסערע לגאָטעס. אין משך פון 1925 זענען געמאַכט געוואָרן ווייטערדיקע הנחות די בעלי-מלאכות. אין סעפּטעמבער 1925 זענען אַנולירט געוואָרן די שטייערן-חובות, וועלכע די דאָרפישע און שטאָטישע בעלי-מלאכות זענען שולדיק געווען ביז צום 1-טן אַפּריל 1925 („איזוועסטיאַ“, נומ. 202 פונם 5-טן סעפּטעמבער 1925). פאַר די האַנטווערקער זענען אויך פאַרקלענערט געוואָרן די אָפּצאָלן פאַר דירה-געלט און קאָמונאַלער באַדינונג.

פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס זענען אייניקע גרופּן (דאָקטוירים, טעכניקער א. א.) פונם 1-טן אָקטאָבער 1925 באַפרייט געוואָרן פון געווערב-שטייער.

אויך פאַר די קליינהענדלער זענען אין 1925 געמאַכט געוואָרן אייניקע שטייערן-הנחות. לויטן דעקרעט פונם 28-טן אַפּריל 1925 ווערן באַפרייט פון פאַטענט-אָפּצאָל די גאַסנהענדלער (אָבער נישט די מאַרק-הענדלער), זיי דאַרפן אָנשטאָט אַ האַנדלס-פאַטענט אַרויסנעמען אַ פאַטענט אויף פּערזענלעכע באַשעפטיקונגען. גרעסערע לגאָטעס האָט באַקומען דער דאָרפישער האַנדל, כדי צו פאַרלייכטערן דעם פויער די מעגלעכקייט צו קריגן די נויטיקע פּראָדוקטן. דער דעקרעט פון 5-טן מאַי 1925 באַפרייט דעם גאַנצן מאַרק-האַנדל אין דאָרף (אויב דער מאַרק דויערט נישט מער פון 3 טעג) פון געווערב-שטייער, פאַר אַנדערע קאַטעגאָריעס דאָרפישע קליינהענדלער איז פאַרקלענערט געוואָרן דער פאַטענט-אָפּצאָל.

נישט געקוקט אויף דידאָזיקע הנחות האָבן זיך אויך אין יאָר 1925/26 די שטייערן-, אַסטן געלאָזט שטאַרק פילן אין פּריוואַטן האַנדל און אינדוסטריע. לויט די מאַטעריאַלן פונם האַנדלס-קאָמיסאַריאַט איז אין 1925/26 די באַשטייערונג פון די פּריוואַטע אונטערנעמונגען געווען 3,3 מאָל גרעסער פון די מלוכהשע [1].

פאָלגנדיקע טאַבעלע אילוסטרירט די פאַרטיילונג פון די שטייערן צווישן איינצלנע סאָציאַלע גרופּן אין 1925/26.

---

1) רעפעראַט פון ל. זאַלקינד אין מלוכה-פּלאַן („עקאָנאָמישעסקאַיאַ זשיזן“, נומ. 248 פונם 27-טן אָקטאָבער 1926).

## די הכנסות און שטייערן פון 1 איינוווינער אין 1925/26 יאָר [1]

(אין טשערוואָנע רובלס)

| סאָציאַלע גרופּע | דורכשניטלעכע הכנסה אויף 1 איינוווינער | דורכשניטלעכע שטייערן און אָפּצאָלן אויף 1 איינוווינער | % פון דער הכנסה |
|---|---|---|---|
| 1. פּויערים | 89 | 8,08 | 9,0 |
| 2. אַרבעטער | 315 | 39,77 | 12,6 |
| 2. אָנגעשטעלטע | 329 | 44,71 | 13,6 |
| 4. פערז. געווערבן (קוסטאַרן א. ז.) | 247 | 50,33 | 20,4 |
| 5. פרייע פּראָפעסיעס | 377 | 89,11 | 23.7 |
| 6. הענדלער און אינדוסטריעלע אונטערנעמער פון דער 1-טער און 2-טער קאַטעגאָריעס | 289 | 61,21 | 21,2 |
| 7. הענדלער פון דער 3-טער קאַטעגאָריע און אינדוסטריע-אונטערנעמער פון דער 3-טער און 4-טער קאַטעגאָריעס | 847 | 224,66 | 26,5 |
| 8. הענדלער פון דער 4 און 5 קאַטעגאָריע און אינדוסטריע-אונטערנעמער פון די קאַטעגאָריעס 12—5 | 2.060 | 688,10 | 33,4 |
| 9. הויזווירטן, אַרענדאַטאָרס און ראַנטיע | 227 | 56,36 | 24,9 |
| 10. די איבעריקע שטאָטישע באַפעלקערונג. | 144 | 18,32 | 12,7 |

דידאָזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז די שטייערן-לאַסטן אין רוסלאַנד זענען פאַרטיילט נישט נאָר לויט די הכנסות, נאָר אויך לויט סאָציאַלן שטאַנד פונם באַשטייערטן. די שווערסטע שטייערן פאַלן אויף די „נישט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן". אפילו די אָרימע הענדלער פון דער ערשטער און צווייטער קאַטעגאָריעס (גרופּע 6) צאָלן אַנדערהאַלבן מאָל מער שטייערן פון די אַרבעטער, הגם זייער הכנסה איז קלענער פונם פאַרדינסט פון אַן אַר-

1) מיירושעחייסקי: „עקאָנאָמיטשעסקאַיאַ אָבאָזרעניע" נומ. 5 מאָסקווע מאַי 1927.

בעטער. אויך די קוסטאַרן-יחידים און פּערזאָנען, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ליבעראַלע פּראָפעסיעס, זענען אַ סך שטאַרקער באַשטייערט ווי די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

אין סעפּטעמבער 1926 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן נייע תּקנות וועגן געווערב- און הכנסה-שטייערן, וואָס זענען איינגעפירט געוואָרן פונם 1-טן אָקטאָבער 1926. קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער שטייערן-סיסטעם האָבן דידאָזיקע תּקנות נישט אַריינגעטראָגן. מיר ברענגען דאָ די וויכטיקסטע שינויים. דער האַלביערלעכער אָפּצאָל פון געווערב- און הכנסה-שטייערן איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ יערלעכן טערמין. דער פּאַטענט-אָפּצאָל איז עטוואָס פאַרגרעסערט געוואָרן. דער אויסגלייך-שטייער איז אין אַלגעמיין געבליבן דער זעלבער, נאָר פון אים ווערט אַראָפּגערעכנט בלויז 50 פּראָצענט פונם פּאַטענט-אָפּצאָל (פריער איז אַראָפּגערעכנט געוואָרן דער גאַנצער פּאַטענט-אָפּצאָל). די האַנדלס-אונטערנעמונגען פון דער ערשטער מדריגה ווערן באַפרייט פונם אויסגלייך-שטייער („איזוויעסטיאַ“, נומ. 222 פונם 26-טן סעפּטעמבער 1926).

די הנחות פאַר דער קאָאָפּעראַציע בנוגע געווערב-שטייער זענען לויטן דעקרעט פונם 30-טן סעפּטעמבער 1926 פאַרק/ענערט געוואָרן. די לגאָטע באַטרעפט 25 פּראָצענט פאַר די פאַרמאַכטע קאָאָפּעראַטיון אין 10 פּראָצענט פאַר די איבעריקע (פריער 50 און 25 פּראָצענט).

וויכטיקערע שינוים זענען געמאַכט געוואָרן אין הכנסה-שטייער („איזוויעסטיאַ“ נומ. 223 פונם 28-טן סעפּטעמבער 1926). דער גרונט-שטייער איז אָפּגעשאַפט געוואָרן און ס'איז געבליבן נאָר דער פּראָגרעסיווער שטייער. די צאָ/ער טיילן זיך אויך איצט אויף 3 קאַטעגאָריעס. 1) אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. 2) אַנדערע אַרבעטנדיקע עלעמענטן (האַנטווערקער, ליבעראַלע פּראָפעסיעס. 3) נישט אַרבעטנדיקע עלעמענטן. דער נישט באַשטייערטער מינימום באַטרעפט ביי דער ערשטער קאַטעגאָריע פון 900 ביז 1.200 רובל (אין פאַרשידענע ראַיאָנען) ביי די קאַטעגאָריעס 2 און 3 — פון 500 ביז 800 רובל. דער פּראָגרעסיווער אָפּצאָל פון דער הכנסה איז פאַר דער 2-טער און באַזונדערס פאַר דער 3-טער קאַטעגאָריס שטייערצאָלער באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן אַקעגן די פריערדיקע נאָרמעס. אַלע לגאָטעס פאַר די מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען בלייבן אין קראַפט.

די אָפּשאַפונג פונם גרונט-שטייער האָט פאַרלייכטערט די לאַגע פון די אָרימסטע עלעמענטן פון די קאַטעגאָריעס 2 און 3, אין אַלגעמיין אָבער איז דער הכנסה-שטייער, לויט די נייע תּקנות באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט

געוואָרן. דאָס באַווייזן אויך די דאַטן וועגן הכנסה-שטייער אין די יאָרן 1925/26 און 1926/27.

## דער הכנסה-שטייער פון מלוכהשע און פּריוואַטע אונטערנעמונגען[1]

| יאָר | פון רעגירונגס און קאָאָפּע-ראַטיווע אונטערנעמונגען | פון פּריוואַטע אונטער-נעמונגען | בסך-הכל |
|---|---|---|---|
| 1925/26 | 64 מיליאָן רובל | 88 מיליאָן רובל | 152 מיל. רובל |
| 1926/27 | 49 „ „ | 119 „ „ | 168 „ „ |

די שטייערן פון די מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען זענען אין יאָר 1926/27 פאַרקלענערט געוואָרן אויף 15 מיליאָן רובל און פון די פּריוואַטע אונטערנעמער פאַרגרעסערט אויף 31 מיליאָן רובל. דער-ביי איז די רעגירונגס-אינדוסטריע און האַנדל פאַר דעם יאָר באַ-דייטנדיק אויסגעוואַקסן, בשעת די צאָל פּריוואַטע הכנסה-צאָלער איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן מחמת דער אָפּשאַפונג פונם גרונט-שטייער, אין אַל-געמיין איז דער הכנסה-שטייער פון די נישט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן פאַר-גרעסערט געוואָרן אויף 30 ביז 45 פּראָצענט, און פונם 1 יאַנואַר 1928 איז ער ווידער געהעכערט געוואָרן אויף בערך 20 פּראָצענט. בכלל האָט זיך דער שטייער-דרוק אין 1927/28 יאָר באַזונדערס שטאַרק פאַרשאַרפט. אין הסכּם מיטן אַלגעמיינעם לינקן קורס פון דער סאָוויעט-רעגירונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס עקשנות דאָס לעצטע יאָר, האָט זיך פאַרשטאַרקט דער ווילקיר פון די פינאַנץ-אינספּעקטאָרן ביי דער באַשטיי-ערונג פון די „נישטאַרבעטנדיקע" עלעמענטן. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ נייער שווערער שטייער — די אַזויגערופענע „זעלבסטבאַשטייערונג" פון דער באַפעלקערונג פאַר אָרטיקע קולטור-צוועקן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם דעקרעט פונם 14-טן אויגוסט 1927 און איז דורכגעפירט גע-וואָרן אין די דערפער און שטעטלעך ווינטער-צייט 1927—28. אין די דאָר-פישע ישובים האָט די זעלבסטבאַשטייערונג באַטראָפן ביז 35 פּראָצענט פונם לאַנדווירטשאַפטלעכן שטייער און אין די שטעטלעך — ביז 70 פּראָ-צענט פונם הכנסה-שטייער. די זעלבסטבאַשטייערונג איז דורכגעפירט גע-וואָרן אויפן ווילקירלעכסטן אופן, באַזונדערס אין די שטעטלעך. ה' קיפּער שילדערט אַזוי די זעלבסטבאַשטייערונג אין די אוקראַינישע שטעטלעך:

---

1) באַריכט פון פינאַנץ-קאָמיסאַר בוכאַרין „עקאָנאָמיטשעסקאיאַ זשיזן" נומ. 43, פונם 22טן פעברואַר 1927.

ביים דורכפירן די זעלבסטבאַשטייערונג אין שטעטל האָט מען אַלס כלל נישט גענומען אין אַכט די עקאָנאָמישע פעסטקייט פון דער באַפעלקערונג בכלל און פון באַזונדערע סאָציאַלע גרופן באַזונדער"... „אין פי, ערטער זענען די רוינירטע און דעקלאַסירטע נישטאַרבעטנדיקע צופיל באַשטייערט געוואָרן. מען האָט זיך גערעכנט מער מיט זייער פאַרגאַנגענהייט, ווי מיט זייער איצטיקער לאַגע", („שטערן" נומ. 84 פונם 8-טן אַפריל 1928). די-דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז חל נישט נאָר אויף דער „זעלבסטבאַשטייערונג", זי איז טיפיש פאַר אַלע שטייערן. אין 1927/28 האָבן די פינאַנץ-אינספעקטאָרן, ווי אין 1924 יאָר, אַרויסגעוויזן די גרעסטע הפקרות ביי דער באַשטייערונג פון דער „נישט-אַרבעטנדיקער" באַפעלקערונג, און די שטייערן-לאַסטן האָבן ווידער דערגרייכט דעם העכסטן גראַד. אַזוי אַרום איז דער שטייער-דרוק אויסערגעוויינלעך שטאַרק און אין באַצוג צו דער קאָנקורירנדיקער מלוכהשער אינדוסטריע און האַנדל געפינט זיך דער פרי-וואַטער אונטערנעמער אין אַ זייער שווערער סיטואַציע.

אויף גרויסע שוועריקייטן שטויסט זיך דער פריוואַטניק אָן ביים באַ-קומען קרעדיטן און סחורות, פאַבריקאַטן און רוישטאָפן. די קרעדיטי-רונג פונם פריוואַטן האַנדל און אינדוסטריע ווערט אילוסטרירט דורך פאָלגנדיקער טאַבעלע.

## די חובות פון די פריוואַטע אונטערנעמער אין טויזנטער טשערוואָנע רובל [1])

| טערמין | מלוכה-באַנק און ספעציעלע בענק | געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט | צוזאַמען |
|---|---|---|---|
| 1 אָקטאָבער 1923 | 42.419 | 4.811 | 47.230 |
| 1 אָקטאָבער 1924 | 21.356 | 8.756 | 30,112 |
| 1 אַפריל 1925 | 19.074 | 14.492 | 33.566 |
| 1 אָקטאָבער 1925 | 52.061 | 30.929 | 82.990 |
| 1 אַפריל 1926 | 43.885 | 42.124 | 86.009 |
| 1 אָקטאָבער 1926 | 50.630 | 51.380 | 102.010 |

פונם 1 אָקטאָבער 1923 ביז צום 1 אַפריל 1925 זענען די מלוכהשע קרעדיטן דער פריוואַטער קליענטור פאַרקלענערט געוואָרן מער ווי 2 מאָל.

1) ציפערן בנוגע 1923 פון ס. פרידמאַן „עקאָנאָמיטשעסקאָיע אָבאָזריעניע" נומ. 2, פעב-רואַר 1926, זייט 158, בנוגע 1924—1926 פון א. סאָקאָלסקי זאַמלבוך „פריוואַטער האַנדל אין ס.ס. ר.", מאָסקווע 1927, זייט 100.

אין דער צווייטער העלפט פון 1924/25 ווירטשאַפטס-יאָר איז אין צוזאַמענהאַנג מיטן נייעם רעגירונגס-קורס, די קרעדיטירונג פונם פּריוואַטן האַנדל און אינדוסטריע כּמעט 3 מאָל פאַרגרעסערט געוואָרן. אין 1925/26 באַמערקט זיך ווידער אַ טענדענץ צו פאַרקלענערן די קרעדיטן פאַרן פּריוואַטן אונטערנעמער. אויך די פאַרהעלטניש פון די קרעדיטן פאַר דער פּריוואַטער קליענטור צו דער אַלגעמיינער סומע פון די אַרויסגעגעבענע הלוואות האָט זיך פאַרקלענערט פון 3,2% צום 1 אָקטאָבער 1925 ביז 2,7% פּראָצענט צום 1 יולי 1926. אין 1926/27 איז דער קאַמף מיטן פּריוואַטן אונטערנעמער פאַרשטאַרקט געוואָרן, און די בענק האָבן באַקומען דירעקטיוון נישט קרעדיטירן די פּריוואַטניקעס אין די ווירטשאַפטלעכע צווייגן, וו זיי קאָנקורירן מיטן רעגירונגס-האַנדל. די קרעדיטן פאַר די פּריוואַטע האַנדל- און אינדוסטריע-אונטערנעמער זענען דעריבער אין 1926/27 יאָר דערפירט געוואָרן ביז צום מינימום.

## די חובות פון פּריוואַטע פּערזאָנען דער מלוכה-באַנק און די ספּעציעלע בענק

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| צום 1 | אָקטאָבער | 1926 | — | 50,6 | מיליאָן טשערוואָנצע רובל |
| „ 1 | אַפּריל | 1927 | — | 23,5 | „ „ „ |
| „ 1 | אָקטאָבער | 1927 | — | 17,5 | „ „ „ |

אין פאַרלויף פון 1 יאָר זענען די קרעדיטן פון די מלוכה-בענק פאַר פּריוואַטע פּערזאָנען 3 מאָל פאַרקלענערט געוואָרן.

די אויבנגעבראַכטע טאַבעלע באַווייזט די וויכטיקע באַדייטונג פון די „געזעלשאַפטן פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט" פאַרן פּריוואַטן אונטערנעמער [1]. אָבער אין 1925/26 האָבן די מלוכה-בענק פאַרקלענערט די קרעדיטירונג פון דידאָזיקע געזעלשאַפטן און דערמיט איז די לאַגע פונם פּריוואַטניק נאָך מער פאַרשווערט געוואָרן. דער אונטערנעמער איז געצוווּנגען געווען צו זוכן קרעדיט ביי פּריוואַטע פּערזאָנען אויף שווערע באַדינגונגען. אין אַ באַזונדערס קריטישער לאַגע געפינט זיך דער קליינהענדלער, וועלכער איז איינגאַנצן אָנגעוויזן אויפן וואָכערניק און צאָלט אומגעהייערע ציינזן [2].

---

1) צום 1-טן יולי 1927 האָט אין אוקראַינע ,,ציאַנירט 100 אַזעלכע געזעלשאַפטן און אין ווײַסרוסלאַנד — 12. אין די אַנדערע רעפּובליקן געפינען זיך די די געזעלשאַפטן הויפּטזעכלעך אין די יידישע הענט און באַדינען דער עיקר די גרעסערע אונטערנעמער. אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד איז צום 1 יולי 1927 געווען 289 געזעלשאַפטן פאַר קעגנזייטיקע קרעדיטן.

2) אין אוקראַינע זענען די קרעדיט-באַדינגונגען אַזעלכע: אין מלוכה-באַנק — 12—15

כדי צו באַקומען סחורות מוז דער פּריוואַטניק גובר זיין אַרויסער־געהיינלעכע שוועריקייטן. די רעגירונגס־אָרגאַנען פאַרקלענערן סיסטעמאַטיש דעם פאַרקויף פון סחורות דעם פּריוואַטן האַנדלס־אַפּאַראַט.

## דער סחורה־פאַרקויף פּריוואַטע פּערזאָנען דורך די טרעסטן און סינדיקאַטן[1].

אין דער 1־טער העלפט פון 1924/25 — 8,7 % פון אַלע סחורות
„ „ 2־טער „ „ „ — 10,5 % „ „ „
„ „ 1־טער „ „ 1925/26 — 9,7 % „ „ „
„ „ 2־טער „ „ „ — 7,5 % „ „ „

אין 1926/27 איז די לאַגע אין דעם פּרט נאָך פאַרערגערט געוואָרן און דער אָנטייל פונם פּריוואַטניק אין סחורה־פאַרקויף פון די טרעסטן און סינדיקאַטן האָט באַטראָפן אינגאַנצן בערך 6 פּראָצענט.

דער פּריוואַטער אונטערנעמער מוז דעריבער אַרויסקריגן סחורות פון פּריוואַטע און אומלעגאַלע קוועלן און צאָלן באַדייטנדיק העכערע פּרייזן.

די אָנגעוויזענע סיבות — די אומגעהויערע שטייער־לאַסטן, די שוועריקייטן צו באַקומען קרעדיטן און סחורות, ווי אויך אַ רייע אַנדערע באַגרעניצונגען (אין טראַנספּאָרט א. א. וו.) און אַדמיניסטראַטיווע מאָסמיטלען (אַרעסטן, פאַרשיקונגען אין די ווייטע מקומות א. א. וו.) פאַרשווערן שטאַרק די טעטיקייט פונם פּריוואַטניק און פירן צו דער ליקווידאַציע פון די אונטערנעמונגען, מחמת דעם ווערט סיסטעמאַטיש פאַרקלענערט די ראָלע פונם פּריוואַטן עלעמענט אין דער אינדוסטריע און האַנדל.

## די פּראָדוקציע פון דער אינדוסטריע אין מיליאָנען פאַרמלחמהדיקע רובל[2].

| יאָר | מלוכהשע אינדוסטריע | % | קאָאָפּעראַט. אינדוסטריע | % | פּריוואַטע אינדוסטריע | % | צוזאַמען | % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1924/25 | 3.562 | 72,2 | 451 | 9,1 | 923 | 18,7 | 4.936 | 100,0 |
| 1925/26 | 5.138 | 74,7 | 617 | 9,0 | 1.120 | 16,3 | 6.875 | 100,0 |
| 1926/27 | 6.024 | 77,1 | 694 | 8,8 | 1.102 | 14,1 | 7.820 | 100,0 |

פּראָצענט יערלעך, אין די געזעלשאַפטן פאַרן קאָנסומיסטן קרעדיט — 24—30 פּראָצענט יערלעך און ביים חאָכערניק 9 פּראָצענט מאָנאַטלעך („שטערן“, נומ. 181, פונם 11־טן אויגוסט 1926).

1) י. מינגולין „די וועגן פון דער אַנטוויקלונג פונם פּריוואַטן קאַפּיטאַל“, מאָסקווע 1927, זייט 72.

2) „קאָנטראָל־ציפערן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט אויף 1927—28, זייטן 484, 435, 488. אין

די פּראָדוקציע פון דער פּריוואַטער אינדוסטריע איז אויף אַזאַ אופן סיסטעמאַטיש רעלאַטיוו פאַרקלענערט געוואָרן, און אויך דער אַבסאָלוטער וווּקס האָט זיך אין 1926/27 יאָר אָפּגעשטעלט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די אויסאַרבעטונגען פון דער אינדוסטריע אין לאַנד האָט זיך פאַר דעם יאָר אין לאַנד פאַרגרעסערט אויף העכער 900 מיליאָן רובל.

די פּריוואַטע אינדוסטריע כאַפּט אַרום דער עיקר די קוסטאַר-האַנט-ווערקערישע אונטערנעמונגען, אין דער צענז-אינדוסטריע איז דער פּריוואַ-טער קאַפּיטאַל באַטייליגט אין זייער אַ קליינער מאָס.

## די פּראָדוקציע פון דער צענז- און קוסטאַרישע אינדוסטריע אין מיליאָנען פאַרמלחמהדיקע רובל [1].

| | 1924/25 | | 1925/26 | | 1926/27 | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | פּראָדוקציע סומע | % % | פּראָדוקציע סומע | % % | פּראָדוקציע סומע | % % |
| **א)** צענז-אינדוסטריע | | | | | | |
| מלוכהשע | 3.537 | 89,4 | 5.110 | 88,9 | 6.033 | 90,7 |
| קאָאָפּעראַטיווע | 251 | 6,3 | 393 | 6,9 | 450 | 6,7 |
| פּריוואַטע און קאָנצע-סיאָנירטע | 169 | 4,3 | 242 | 4,2 | 169 | 2,6 |
| **ב)** קוסטאַר-און קליין-אינדוסטריע | | | | | | |
| מלוכהשע | 25 | 3,6 | 28 | 3,4 | 28 | 3,1 |
| קאָאָפּעראַטיווע | 200 | 8,7 | 224 | 8,4 | 244 | 8,4 |
| פּריוואַטע און קאָנצע-סיאָנירטע | 754 | 87,7 | 878 | 88,2 | 937 | 88,5 |

פאַר 2 יאָר איז די פּראָדוקציע פון דער פּריוואַטער צענז-אינדוסטריע געבליבן אין אַבסאָלוטע צאָלן אויף דער זעלבער מדריגה, בעת די קוס-טאַר-האַנטווערקערישע אונטערנעמונגען האָבן פאַרגרעסערט זייער אויסאַר-

אוקראַינע מאַכט אויס די פּריוואַטע אינדוסטריעלע פּראָדוקציע 10 פּראָצענט און אין ווייסרוסלאַנד 35 פּראָצענט.

1) דאָרט, זייט 504,

בעטגג אויף כמעט 200 מיליאָן רובל. אין דער צענז-אינדוסטריע ווערט דער פּראָצענטועלער אָנטייל פון דער פריוואַטער פּראָדוקציע אַלץ מער פאַרקלענערט, אין דער קוסטאַרישער אינדוסטריע איז די פאַרהעלטעניש צווישן דער מלוכהשער און פריוואַטער פּראָדוקציע כמעט אַ סטאַבילע. אין דער ערשטער העלפט פון 1927/28 יאָר איז די ראָלע פון דער פריוואַטער צענז-אינדוסטריע נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן, איר פּראָדוקציע-סומע איז פאַר דעם האַלבן יאָר געפאַלן אויף 38 פּראָצענט אַקעגן 1926/27 ווירטשאַפטס-יאָר.

די ראָלע פונם פריוואַטן ה אַ נ ד ל אילוסטרירן פאָלגנדיקע טאַבעלעס.

## די דינאַמיק פון דער פריוואַטער האַנדלס-נעץ (אין פּראָצענטן)[1]

(לויט די צאָל אַרויסגענומע פאַטענטן)

2-טע העלפט פון 1922 — 100%
2-טע העלפט פון 1923/24 — 86%
1-טע „ „ 1924/25 — 80%
2-טע „ „ „ — 90%
1-טע „ „ 1925/26 — 109%
2-טע „ „ „ — 119%

## דער האַנדלס-אומזאַץ אין מיליאָנען טשערוואָנע רובל[2].

| ווירטשאפטס-יאר | מלוכה-האנדל | % | קאאפעראט. האנדל | % | פריוואטער האנדל | % | צוזאמען | % % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1923/24 | 3.189 | 29,4 | 2.841 | 26,2 | 4.810 | 44,4 | 10.840 | 100,0 |
| 1924/25 | 5.382 | 36,9 | 5.221 | 35,8 | 4.000 | 27,3 | 14.613 | 100,0 |
| 1925/26 | 8.210 | 34,8 | 9.626 | 40,8 | 5.770 | 24,4 | 23.606 | 100,0 |
| 1926/27 | 9.795 | 34,1 | 13.780 | 47,9 | 5.200 | 68,0 | 28.775 | 100,0 |

1) רעפעראט פון סטרומילין אין מלוכה-פלאן „עקאנאמיטשעסקאיא זשיזן", נומ. 248 פונם 27-טן אקטאבער 1926.

2) קאנטראל-ציפערן פון דער פאלקסווירטשאפט אויפן 1927—28 יאר, מאסקווע 1928, זייטן 246 און 484. אין אוקראינע באטרעפט דער אנטייל פונם פריוואטן הענדלער אין אלגעמיינעם נעמ[ע]סחורה-אומזאץ אין 1926—27 — 20,2 פראצענט, אין ווייסרוסלאנד — 24,4 פראצענט.

מ'דארף נעמען אין אכט, אז א גרויסער טייל פון די פריוואטע האנדלס-אפעראציעס קא-

דידאָזיקע טאַבעלעס שפּיגלען געגוי אָפּ די עטאַפּן פון דער סאָוויעטישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק אין דער „נעפּ״-תקופה. אין משך פון 1923/24 און דער ערשטער העלפט פון 1924/25 האָט זיך דער פּריוואַטער האַנדלט-אומזאַץ פאַרקלענערט אַבסאָלוט און רעלאַטיוו, נישט געקוקט אויפן וווקס פונם אַלגעמיינעם סחורה-אומזאַץ. אָנהויבנדיק פון דער צווייטער העלפט 1924/25 האָט זיך דעם פּריוואַטן אַפּאַראַט איינגעגעבן צו פאַרברייטערן זיין האַנדלס-נעץ און באַדייטנדיק צו פאַרגרעסערן זיין אַבסאָלוטן אומזאַץ, רעלאַטיוו ווערט ער אָבער אויך אין דעמדאָזיקן פּעריאָד פאַרקלענערט. אין 1926/27 איז, אַדאַנק די מאָסמיטלען פון דער סאָוויעטן-רעגירונג, דער פּריוואַטער האַנדל אויך אַבסאָלוט פאַרקלענערט געוואָרן אויף אַ האַלבן מיליאַרד אָדער אויף 10%, הגם דער אַלגעמיינער אומזאַץ אין לאַנד איז אויסגעוואַקסן אויף 5 מיליאַרד רובל. אויך די פּריוואַטע האַנדלס-נעץ איז פאַרקירצט געוואָרן אין 1926/27 ווירטשאַפטס-יאָר אויף 17 פּראָצענט. אין דער ערשטער העלפט פון 1927/28 באַמערקט זיך, אין צוזאַמענהאַנג מיט די שאַרפע מאָסמיטלען פון דער סאָוויעטן-רעגירונג, אַ ווייטערער שטאַרקער ריקגאַנג פונם פּריוואָטן האנדל — די צאָל פּריוואַטע האַנדלס-אונטערנעמונגען האָט זיך פאַר דעם האַלבן יאָר פאַרקלענערט אויף גאַנצע 28 פּראָצענט אַקעגן 1926/27 יאָר, און דער אומזאַץ פונם פּריוואַטן האַנדל איז געפאַלן אין הורט אויף 29,6% און אין איינצל-האַנדל — אויף 24,5 פּראָצענט.

דער פּריוואַטער האַנדל קאָנצענטרירט זיין ענערגיע הויפּטזעכלעך אין לאַחדים-האַנדל, אין הורט-האַנדל שפּילט ער אַ קליינע ראָלע.

## דער פּריוואַטער אומזאַץ אין הורט- און לאַחדים-האַנדל אין 1926/27 יאָר.

| | | |
|---|---|---|
| הורט-האַנדל | 780 מיליאָן, | אָדער 15% |
| לאַחדים-האַנדל | 4.520 „ | „ 85% |
| בסך-הכל | 5.200 מיליאָן, | אָדער 100% |

85 פּראָצענט פונם פּריוואַטן האַנדלס-אומזאַץ געפינט זיך אין איינצל-האַנדל, און נאָר 15 פּראָצענט אין הורט-האַנדל. מ'דאַרף דערביי באַמערקן, אַז אין אַלגעמיינעם הורט-אומזאַץ האָט זיך דער אָנטייל פונם פּריוואַטן

נען נישט דיסקאָנטירט ווערן, און צוליב דעם איז פאַקטיש דער אומזאַץ פונם פּריוואַטן האַנדלס-אַפּאַראַט און זיין אָנטייל אין אַלגעמיינעם סחורה-אומזאַץ גרעסער פון די אָנגעוויזענע ציפערן פון „פּלוכה-פּלאַן״. דאָס ענדערט אָבער נישט די אַלגעמיינע טענדענץ.

טוחר פאַרקלענערט פון 21,8 פראָצענט אין 1923/24 יאָר ביז 5,1 פראָצענט אין 1926/27 יאָר. אָבער אויך אין לאחדים-האַנדל, ווו דער פּריוואַטניק האָט זיך אַרויסגעוויזן קאָנקורענץ-פעיקער, אַדאַנק די גרויסע ביי-הוצאות פון די מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, באַמערקט זיך אַ רע-לאַטיווע פאַרקלענערונג פונם פּריוואַטן אומזאַץ. דערצו האָט גורם געווען דער עיקר דער וווקס פון דער קאָאָפּעראַציע איבערן גאַנצן לאַנד.

## די געברויך-קאָאָפּעראַציע אין סאָוויעטן-פאַרבאַנד [1].

| | 1 אָקטאָבער 1924 | 1 אָקטאָבער 1925 | 1 אָקטאָבער 1926 | 1 אָקטאָבער 1927 |
|---|---|---|---|---|
| צאָל געזעלשאַפטן | 22.621 | 25.625 | 28.656 | 28.614 |
| צאָ. מיטגל. (אין טויזנטער) | 7.093 | 9.436 | 12.462 | 15.073 |
| צאָל קראָמען | 37.129 | 51.458 | 62.736 | 71.413 |

אַדאַנק דער אויפלעבונג פון דער קאָאָפּעראַציע, וועלכע באַקומט גרויסע פּריווילעגיעס אויף אַלע געביטן פאַרקלענערט זיך די ראָלע פונם פּריוואַטן איינצל-האַנדל.

## דער לאחדים-האַנדל אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד אין מיליאָנען טשערוואָנע רובל [2].

| | 1924/25 | | 1925/26 | | 1926/27 | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | אבסאָלוט | % % | אבסאָלוט | % % | אבסאָלוט | % % |
| מלוכה-האַנדל | 1.322 | 16,7 | 1.976 | 16,1 | 2.155 | 15,9 |
| קאָאָפּעראַטיווער האַנדל | 3.212 | 40,6 | 5.526 | 45,0 | 6.987 | 51,5 |
| פּריוואַטער האַנדל | 3.372 | 42,7 | 4.782 | 38,9 | 4.420 | 32,6 |
| צוזאַמען | 7.906 | 100,0 | 12.284 | 100,0 | 13.562 | 100,0 |

אין 1923/24 האָט דער פּריוואַטער האַנדל פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אויפן לאחדים-מאַרק, און אין זיינע הענט איז געווען קאָנצענטרירט

1) ס. אַגעיעװ. „די געברויך-קאָאָפּעראַציע פאַר 10 יאָר רעטנמאַכט". „עקאָנאָמיטשעסקאָיע אָבאָזריעניע נום. 10, מאָסקווע אָקטאָבער 1927.

2) קאָנטראָל-ציפערן פון דער פאָלקסווירטשאַפט אויף 28—1927. זייטן 423,434.

במעט ⅗ פונם גאַנצן סחורה-אומזאַק, אין 1926/27 שפילט שוין די הויפּט-ראָלע דער קאָאָפּעראַטיווער האַנדל. אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד איז דער אָנטייל פונם פּריוואַטן האַנדל אין לאחדים-פּאַרקער גרעסער, ווי אין אַלפּאַרבאַנדישן מאַסשטאַב, אָבער אויך דאָרט ווערט ער סיסטעמאַטיש אַרויסגעשטויסן דורך דער קאָאָפּעראַציע.

די געבראַכטע ציפערן און פאַקטן באַווייזן, אַז נישט געקוקט אויפן אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן אויפבוי איז, ביי דער איצטיקער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער סאָוויעטנמאַכט, די לאַגע פונם פּריוואַטן האַנדל און אינ-דוסטריע זייער אַ שווערע.

## די לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער סאָוויעטן-רעגירונג האָט אַמשטאַרקסטן געטראָפן די יידישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט פאַר דער רעוואָלוציע גע-לעבט הויפּטזעכלעך פון האַנדל און אינדוסטריע. אין ערשטן „נעפּ"-פּע-ריאָד האָט די יידישע באַפעלקערונג, אויסנוצנדיק אירע טראַדיציאָנעלע דערפאַרונגען אין די שטאָטישע פּראָפעסיעס, באַוויזן אין די גרעסערע צענטרען צו פאַרכאַפּן עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, דער עיקר אויפן האַנדלס-געביט. ס'האָט זיך אפילו אויסגעבילדעט אַ היפּשע גרופּע יידישע האַנדלס-בורזשואַזיע. ערגער איז געווען די לאַגע אין די רוינירטע קליינע שטעט-לעך. אָנהויבנדיק פון 1923 יאָר, ווען דער סאָוויעטישער אַדמיניסטראַטי-ווער און עקאָנאָמישער אַפּאַראַט איז אָנגעווענדט געוואָרן קעגן דער פּרי-וואַטער איניציאַטיוו, איז די לאַגע פון די יידישע מאַסן געוואָרן ממש אַ טראַגישע. אַ סך האָט דאָ צו זאָגן אויך די פּאָליטיק פון דער יידישער סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי („יעווסעקציע") בשעת אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק האָט געהערשט דער לאָזונג „מיטן פּנים צום דאָרף" און די מלוכה-אָרגאַנען האָבן געזען זיך צופּאַסן צו די אינטערעסן פון קליינבירגער-לעכן מיטלען פויער, האָבן די יידישע קאָמוניסטן זיך כּלל וכלל נישט גערעכנט מיט דער פּאַקטישער לאַגע פונם יידישן קליינבירגערטום, מיטן דלות און דחקות, וואָס האָבן געהערשט אויף דער יידישער גאַס, און האָבן באַטראַכט דעם אָרימען האַנט-ווערקער און קליינעם הענדלער פאַר אַן עקספּלואַטאַטאָר, פּאַראַזיט אונספּעקולאַנט מיט וועלכן מ'דאַרף פירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף. דעמדאָזיקן פאַקט אָנערקענען איצט די יידישע קאָמוניסטן אַליין. דער פירער פון דער „יעווסעקציע" א. מערעזשין שרייבט אין „עמעס", נומ. 225, פונם 2-טן אָקטאָבער 1925:

„אין אַלפּאַרבאַנדישן מאַסשטאַב האָט זיך דער „נעפּ" אָנגע-הויבן אין 1921, ספּעציעל אין דער יידישער אַרבעט, אין דער באַ-ציונג צום יידישן אַרבעטנדיקן קליינבירגערטום האָט זיך אָבער דער

„נעפ" אָנגעהויבן נישט אין 1921, נאָר מיט אַ פּערספּעקטיוונג אויף אַ פּאָר יאָר".

דאָסזעלביקע האָט באַשטעטיקט אַ צווייטער פירער פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס א. ווײַנשטיין. אויף דער באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס ביים רוסלענדישן קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין נאָוועמבער 1925 האָט א. ווײַנשטיין דערקלערט:

„מ׳מוז אָנערקענען, אַז אין דער יידישער סביבה און אפילו אין אונזער פּאַרטיי־אַרבעט האָבן זיך די מעטאָדן פונם מיליטערישן קאָמוניזם פאַרצויגן לענגער ווי אין דער אַלגעמיינער סביבה" („עמעס", נומ. 268, פונם 24־טן נאָוועמבער 1925).

אין יאָר 1923/24 האָט די צענטראַל־ביוראָ פון די יידישע סעקציעס אָנגעהויבן פירן אַ קאַמפּאַניע צו ענדערן די באַציונג צום שטעטל, צום קוסטאַר א. א. וו. זי האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די אָרטיקע „יעווסעקישע" אָרגאַנען — די הויפּט-ביוראָען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

נישט געקוקט אויף די ידיעות פון דער יידישער קאָמוניסטישער פּרעסע און די באַריכטן פון די יידישע קורסאַנטן פון דער האָמ. ער פּאַר-טיי־שול וועגן דער קריטישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז אויף דער אַלאוקראַאינישער באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס אין האַרבסט 1924 דער פונקט פון דער רעזאָלוציע, וועלכער האָט גערעדט וועגן דער פּאַראָרימונג פון די יידישע מאַסן, געפונען געוואָרן פאַר נישט באַגרינדעט און איז נישט באַשטעטיקט געוואָרן (א. מערעזשין, „עמעס", נומ. 227, פונם 4־טן אָקטאָבער 1925). ערשט אין יאָר 1925 זענען די חילוקי דעות באַזייטיקט געוואָרן און דער פאַקט פון דער יידישער אָרימקייט און די נויטיקייט אָנגעמען מיטלען צו פאַרבעסערן דעם מצב פון די יידישע מאַסן איז אָנערקענט געוואָרן דורך אַ.ע טיילן פון דער „יעווסעקציע". די יידישע קאָמוניסטן טראָגן אַ היפּשן טייל פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שרעקלעכער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די ערשטע יאָרן פונם „נעפּ".

מיט צופרידנקייט דאַרף מען קאָנסטאַטירן, אַז די לעצטע דריי יאָר האָבן די יידישע קאָמוניסטן ראַדיקאַל געענדערט זייער ליניע און האָבן אַ סך געטאָן צו פאַרבעסערן דעם מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג און צו נאָרמאַליזירן דעם יידישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם. אָבער די לאַגע פונם רוסישן יידנטום איז אויך איצט זייער אַ שווערע און ווערט אַלץ מער פאַרערגערט. אין דער יידישער סביבה איז די נויט גרעסער ווי ביי

דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווייל די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער סאָוויעטן־רעגירונג טרעפט די יידישע מאַסן מיט זייער ספּעציפישן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל אַ סך מער, איידער די נישט־יידישע באַפעלקערונג פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד.

**דאָס שטעטל.** די שטעטלשע באַפעלקערונג, וועלכע האָט אַמשטאַרקסטן געליטן פון פּאָגראָמען, האָט דערביי נאָך פאַרלוירן אַלע מקורים פון הכנסה. צוליב דער אַ־געמיינער פּאַראַרימונג אין לאַנד, האָט דער שטעטלשער בעל־מלאכה ביזן 1925 יאָר פאַר־וירן זיין קאָנסומענט — דעם פּויער. די אַרבעטסלאָזיקייט צווישן די האַנטווערקער האָט דערגרייכט די העכסטע מדריגה און אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געוואָרן מאַרק־הענדלער. אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער שטעטלשער באַפעלקערונג איז בכלל געבליבן אָן יעטווידער באַשעפטיקונג. די שטייער־הפקרות האָט זיך אין שטעטל געפילט נאָך שטאַרקער, ווי אין דער גרויסער שטאָט. די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען זענען איבערפולט מיט באַשרייבונגען פון דער טרויעריקער לאַגע אין די שטעטלעך און אומעטום זעען מיר איין בילד: דלות און פאַרצווייפלונג הערשט אין יידישן שטעטל. מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט אייניקע אויסצוגן פון אָפיציעלע באַריכטן. אין דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע פון דער אוקראַאינער אַרבעטער־פּויערישער אינספּעקציע, וועלכע האָט אין 1925 אויסגעפאָרשט די לאַגע אין די שטעטלעך, ווערט געזאָגט:

„די לאַגע איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ שווערע. אין פאַרשידענע ראַיאָנען געפינען זיך 25 פּראָצענט פון דער שטעטלדיקער יידישער באַפעלקערונג אין שרעקלעכער דחקות און האָבן נישט מיט װאָס זיך צו פאַרנעמען. אין אַ באַזונדערס שווערער לאַגע געפינט זיך די קליינשטעטלדיקע יידישע יוגנט, וואָס האָט נישט קיין מעגלעכקייט אויסצולערנען זיך אַ וואָסערע נישט איז אַרבעט, אַדאַנק דעם, װאָס אין די שטעט־עך איז נישטאָ קיין אינדוסטריעלע און פּראָפעסיאָנעלע שולן“...

„די נישט ריכטיקע באַשטייערונגס־ און שטראָף־פּאָליטיק, װעלכע די מאַכט פון אייניקע ערטער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ מיטל אָנצאַפילן דעם אָרטיקן ביודזשעט, האָט געמאַכט אַ חורבה פון די קוסטאַרן און קליינהענדלער“...

„די מעדיצינישע הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג איז אָוועקגעשטעלט שלעכט. אין קראַנקן־הויז קומט אויס אויף 25 באַזעצטע פונקטן“...

„די אָרטיקע מאַכט גיט אַפּ ווײניק אויפמערקזאַמקייט דער שטעטלדיקער באַפעלקערונג“ 1).

דיזעלבע לאַגע איז אויך אין ווייסרוסלאַנד. אין באַריכט אויף דעם 9-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעצעמבער 1925, ווערט געזאָגט:

„אין די שטעטלעך זעען מיר אַ שאַרפן קריזיס, ס'וואַקסט די צאָל מענטשן אָן פּראָפעסיעס, אָנשטאָט פריערדיקע קרעמער און הענדלער. עס באַקומט זיך אַזאַ לאַגע, אַז טויזנטער פון דער יידישער באַפעלקערונג ווערן אויס פּריוואַט-אייגנטימער און ווערן נישט קיין אַרבעטער“.

אין 1925/26 ווירטשאַפטס-יאָר איז, אַדאַנק דער אַלגעמיינער אויפלעבונג פון דער פאָלקסווירטשאַפט און די שטייערן-הנחות, די לאַגע פון אייניקע גרופן, דער עיקר פון די קוואַליפיצירטע בעלי-מלאכות, עטוואָס פאַרבעסערט געוואָרן, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער שטעטלשער באַפעלקערונג האָט אויך דעמאָלט געלעבט אין שרעקלעכער דחקות. דער סעקרעטאַר פון דער צ. ב. פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס אַ. טשעמעריסקי האָט אויף דער באַראַטונג פון די דאָזיקע סעקציעס אין דעצעמבער 1926 אַזוי כאַראַקטעריזירט די לאַגע פונעם שטעטל: „נאָך עד היום שטעלט מיט זיך דאָס שטעטל פאָר, ווײניקסטנס טיילווייז, אַ קאָנצענטרירטע, נישט פאַרדעקטע אָרימקייט, דלות“ 2). אין 1926/27 יאָר און באַזונדערס אין דער ערשטער העלפט פון 1927/28 איז, אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטרענגן קורס פון דער סאָוועטן-רעגירונג, וואָס האָט טיילווייז דערמאָנט די מעטאָדן פונעם מיליטערישן קאָמוניזם, די לאַגע אין די שטעטלעך נאָך אַ סך ערגער געוואָרן. דער „קאָמזעט“ און אַנדערע סאָוועטישע אָרגאַנען האָבן ווינטער-צייט 1927/28 דורכגעפירט אַ רייע אויספאָרשונגען אין די יידישע שטעטלעך, וועלכע האָבן באַוויזן, אַז די אָרימקייט אין שטעטל האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. ה' סודאַרסקי שרייבט וועגן די רעזולטאַטן פון זייער אויספאָרשונג אין וואָלין און טולטשינער קרייז („טריבונאַ“ נומ. 7 פונעם 1-טן מאַי 1928):

„די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידישע מאַסן אין די שטעט און באַזונדערס אין די שטעטלעך פון די אָנגעוויזענע קרייזן איז זייער אַ שווערע“...

---

1) „עמעס“, נומ. 216 און 259 פון 1925.

2) „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס פון דער אַל.ק.פּ.ב.“. מאָסקווע 1927, זייט 53.

„דער פּריוואַטער האַנדל האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטייער-דרוק און אַנדערע מאָסמיטלען פון דער סאָוויעטנמאַכט בנוגע דעם פּריוואַטן האַנדל”... „ייִדן האָבן געהאַט אייגענע אונטערנעמונגען צו באַאַרבעטן לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן: אייל-זאַוואָדן, מילן, גרויפּן-רייסער, לעדער-וואַרשטאַטן א. ד. גל., וואָס זענען איצט אַ. ע. פאַרמאַכט געוואָרן, און די אָרימסטע ייִדן זענען געבליבן אָן עקזיסטענץ-מיטלען”...

„אויב מיר וועלן גלייבן די קוסטאַרן און זייערע פאַרייניקונגען — די קוסטאַרישע פאַריינען און די ליי- און שפּאָר-קאַסעס, באַקומט זיך, אַז 80 פּראָצענט קוסטאַרן זענען צוליב דעם מאַנגל אין רוישטאָף אַרבעטלאָז. מעגלעך, אַז דער פּראָצענט איז אַביסל איבערטריבן, אָבער בלי ספק האָט די אַרבעטלאָזיקייט צווישן די קוסטאַרן פאַר דער לעצטער צייט זיך אַנטוויקלט אין ברייטן מאַסשטאַב. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז אַ שווערע”...

„בנוגע דער יוגנט קאָן מען פעסט קאָנסטאַטירן, אַז 80 פּראָצענט יוגנטלעכע, אויב נישט מער, זענען כראָניש אַרבעטלאָז און האָבן נישט קיין שום פּערספּעקטיוון צו קריגן אַרבעט אין דער נאָענטסטער צוקונפט”... „די וווינונגס-באַדינגונגען פון די אָרימע מאַסן זענען אויסערגעוויינלעך שלעכטע. אַסך משפּחות צו 5 און מער מענטשן, וווינען אין איין קליין, נאַס און פינסטער צימערל, אָפט אָן פּאָדלאָגעס, די פענסטער זענען פאַרהאַקט מיט ברעטער אָדער פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס”... „די קינדער זענען מאָגער און בלאַס און אַסך פון זיי זיצן אין בעט, ווייל זיי האָבן נישט קיין שיך”.

אַזוינע טרויעריקע רעזולטאַטן האָבן געבראַכט די אויספאָרשונגען אויך אין אַנדערע ראַיאָנען. דאָס איז אַ טיפּיש בילד, וואָס איז חל אויף אַלע שטעטלעך אין אוקראַינע. דאָס האָט באַשטעטיקט אויך דער פּלענום פון דער הויפּט-ביוראָ פון די ייִדישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין אוקראַינע אין פעברואַר 1928:

„דער פּלענום האָט קאָנסטאַטירט, אַז די לאַגע פון דער ייִדישער אָרימקייט אין שטעטל האָט זיך פאַר די לעצטע חדשים פאַרערגערט, דער פּראָצעס פון אַרויסשטויסן דעם קליינעם קרעמער און פאַרמיטלער דורך דער קאָאָפּעראַציע און מלוכה-האַנדל האָט זיך פאַרשטאַרקט. צווישן די קוסטאַרן און בעלי מלאכות איז פאַרגרעסערט געוואָרן די אַרבעטלאָזיקייט”... „דער איצטיקער קריזיס פון דער שטעטלדיקער עקאָנאָמיק איז אַ טיפער און פעסטער” („שטערן” פון 1-טן מערץ 1928).

די זעלבע לאַגע איז אויך אין די ווייסרוסישע שטעטלעך. אויפן צוזאַמענפאָר פון די ייִדישע פּויערים אין ווייסרוסלאַנד אין יאַנואַר 1928 האָט דער אַגראָנאָם פּרוכט אַזוי געשילדערט דעם מצב פונם שטעטל:

„די שטעטלדיקע באַפעלקערונג באַשטייט פון אָרימעלייט, וועלכע

שטאַרבן דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער. די איינציקע מעניו אין שטעטל איז איצט בולבעס" („עמעס" נומ. 22 פונם 26-טן יאַנואַר 1928).

אויף דער פרעזידיום פונם נאַציאָנאַליטעטן-ראַט ביים אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט האָט אין זיין רעזאָלוציע וועגן ווייסרוסלאַנד ספּעציעל אונטערגעשטראָכן די „שווערע עקאָנאָמישע לאַגע פון דער שטעטלדיקער אַרבעטנדיקער יידישער באַפעלקערונג" („איזוועסטיאַ" נומ. 66 פונם 18-טן מערץ 1928).

די אויבנגעבראַכטע אויסצוגן פון אָפיציעלע באַריכטן נויטיקן זיך נישט אין קיינע פירוש'ים, זיי באַווייזן בולט, אַז די יידישע שטעטלשע באַפעלקערונג לעבט אין שרעקלעכער אָרימקייט און אַז אין שטעטל הערשט יאוש און פאַרצווייפלונג.

## דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אויף דער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס פון אַל. ק. פּ. ב. אין דעצעמבער 1926 האָט א. טשעמערינסקי אָנגעגעבן אַזוינע ידיעות וועגן סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוויעט-רוסלאַנד. אַרבעטער און אָנגעשטעלטע — 400.000, מיט די פאַמיליען-מיטגלידער — 1.000.000, קוסטאַרן און האַנטווערקער — 200.000, מיט די פאַמיליעס — 800.000, ערדאַרבעטער (נפשות) — 170.000, צוזאַמען 1.970.000 נפשות, די איבעריקע יידישע מאסע באַשטייט פון הענדלער און דעקלאַסירטע עלעמענטן. די ציפערן פון א. טשעמערינסקי זענען שטאַרק איבערטריבן, און אויף דער באַראַטונג גופא האָבן די דעלעגאַטן אָנגעוויזן, אַז זיי זענען נישט קיין רעאַלע; לויטן געלונגענעם אויסדרוק פונם פּראָסקוראָווער דעלעגאַט, ה' פאָרטנאָי, האָט א. טשעמערינסקי פאַרלוירן אין זיין פאָרטראַג דעם קרעמער („עמעס", נומ. 3 פונם 5-טן יאַנואַר 1927). קיין גענויע דאַטן וועגן דער צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָט ה' טשעמערינסקי נישט געהאַט אין זיין רשות, זיינע אָנגאַבן זענען געבויט אויף נישט באַגרינדעטע השערות [1]) און זענען דורכגעדרונגען מיט דער טענדענץ צו באַווייזן דעם וווקס פון דער צאָל יידישע אַרבעטער אין סאָוויעט-רוסלאַנד. אַזוי, למשל, האָט ה' טשעמערינסקי אַבסאָלוט נישט גענומען אין אַכט די צאָל אַרבעטלאָזע, וועלכע איז ביי יידן פּראָצענטועל אַסך גרעסער ווי ביי נישט-יידן. ה' טשעמערינסקי האָט אַפילו אויסגעדרוקט זיין איבערצייגונג, אַז ביי יידן אין דער

1) זע: „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס", זייטן 37—39.

פראָצענט אַרבעטסלאָזע נידעריקער איידער דער אַלגעמיינער פראָצענט [1]. הגם פאַר יעדן אָביעקטיוון באַאָבאַכטער איז געווען קלאָר, אַז גראָד ביי ייִדן איז דער פראָצענט אַרבעטסלאָזע גרעסער פון זייער פראָצענט צו דער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט. דאָס האָבן אויך באַשטעטיקט די אָפיציעלע ידיעות וועגן די אַרבעטסלאָזע אין אוקראַינע צום 1-טן מערץ 1927 — די ייִדן האָבן געבילדעט 23,3 פון די אַרבעטסלאָזע [2] בשעת אין די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען מאַכן זיי אויס נאָר 12,1 פראָצענט. ד. ה., אַז ביי ייִדן איז דער אַרבעטסלאָזער עלעמענט כמעט צוויי מאָל גרעסער ווי ביי די מיטגלידער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען בכלל. מ'דאַרף נאָך באַמערקן, אַז צווישן די ייִדישע אַרבעטסלאָזע האָבן מיר אַ באַדייטנדיקן טייל אַזוינע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר נישט קיין שטאַנדהאַפטיקן אַרבעטער-עלעמענט. די ייִדישע באַפעלקערונג לעבט איבער אַן איבערגאַנגס-פעריאָד, זי געפינט זיך אין פּראָצעס פון אומשיכטונג. אַ היינטיקער הענדלער קען מאָרגן ווערן אַן ערד-אַרבעטער, אָדער אַ קוסטאַר, און פאַרקערט, אַ נעכטיקער אַרבעטער קען היינט צוליב אַרבעטסלאָזיקייט איבערגיין צו האַנדל. צווישן די ייִדישע אַרבעטסלאָזע איז פאַראַן אַסך שוואַרצאַרבעטער, וואָס זוכן נאָר אַ קורצע צייט באַשעפטיקט אין דער פּראָדוקציע. בלי ספק האָט אַ היפּשער טייל פון זיי זיך אומגעקערט צו האַנדלס-פּרנסות און אַ טייל ווערט אינגאַנצן דעקלאַסירט. ה' טשעמערינסקי האָט ווייטער צוגערעכנט צו די אַרבעטער אַלע לערנייִנגלעך און שילער פון די פראָפעסיאָנעלע און פאַבריק-זאַוואָדישע שולן, לויטן פאָרמעלן סימן, וואָס זיי זענען מיטגלידער פון פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דידאָזיקע קאַטעגאָריעס קאָנען אָבער בשום אופן נישט פאַררעכנט ווערן פאַר אַרבעטער. אויף דעם-דאָזיקן מאָמענט איז אָנגעוויזן געוואָרן אויך אויף דער באַראַטונג. באַזונדערס אייגנאַרטיק האָט טשעמערינסקי פאַרטיילט די פּראָפּאָרץ צווישן די פיזישע און גייסטיקע אַרבעטער. ער האָט אין דעם פּרט ווידער אויסגענוצט דעם פאָרמעלן סימן — די גרופּירונג פון די ייִדישע מיטגלידער אין די אינדוסטריעלע און אינטעלעקטועלע פאַראיינען.

לויט די פעסטגעשטעלטע דאַטן בנוגע אוקראַינע אין 1926 און ווייס-רוסלאַנד אין 1925 האָבן זיך די ייִדישע מיטגלידער פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אַזוי געטיילט:

1) דאָרט זייט 53.

2) מ. קיפּער „צען יאָר אָקטיאַבער", קיעוו 1927, זייט 48.

| | אוקראַינע | ווייסרוסלאַנד |
|---|---|---|
| אינדוסטריעלע און אַנדערע | | |
| פיזיש-אַרבעטנדיקע | 57,9% | 67,4% |
| אינטעלעקטועלע | 42,1% | 32,6% |

אויף דעם סמך האָט ה' טשעמערינסקי אויסגערעכנט, אַז די אינטע-לעקטועלע עלעמענטן פון די יידישע לוין-אַרבעטער בילדן אין דורכשניט 39 פּראָצענט אָדער 156.000 מאַן. עס איז גענוג זיך צו באַקענען מיט דער סיסטעם פון די רוסישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, כדי זיך איבערצייגן, אַז די דאָזיקע דאַטן זענען אַבסאָלוט פאַלשע. די רוסישע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג איז געבויט אויפן פּראָדוציר-פּרינציפּ, אין פאַריין גייען אַריין נישט נאָר די אַרבעטער נאָר אויך די אָנגעשטעלטע, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַטן פון דער אַנטשפּרעכנדיקער פּראָדוקציע (למשל, אַ בוכהאַלטער אָדער אַ מאַשיניסטין אין מעטאַל-פאַבריק רעכנט זיך פאַר אַ מיטגליד פון מעטאַל-פאַריין און נישט פון פאַריין פון די אָנגעשטעלטע). דורכשניטלעך באַטרעפן די אָנגעשטעלטע בערך 15 פּראָצענט פון די מיטגלידער אין די אינדוסטריעלע פאַריינען, ביי יידן איז דער פּראָצענט אָנגעשטעלטע נאָך אַ העכערער. די צאָל יידישע אָנגעשטעלטע איז דעריבער אַסך גרעסער פון דער צאָל אַרבעטער. נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט בילדן די אָנגעשטעלטע צווישן די יידישע מיטגלידער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין ר.ס.פ.ס.ר. ה' טשעמערינסקי נעמט אָן, אַז אין ר.ס.פ.ס.ר. איז פאַראַן 75.000 יידן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, די צאָל יידישע אַרבעטער אין גרויס-רוסלאַנד איז אָבער זייער אַ קליינע, פאַרקערט די צאָל יידישע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע איז דאָרט זייער אַ באַדייטנדיקע. שטאַרק זענען אויך געווען איבערגעטריבן די דאַטן בנוגע 170.000 יידישע ערדאַרבעטער אין 1926 יאָר. לויט די אָפיציעלע באַריכטן האָט די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג אין 1926 געציילט 141.780 נפשות („טריבונאַ" נומ. 7—6, מאָסקווע 1927).

די פאָלקס-ציילונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעמזעלביקן דעצעמבער 1926, האָט פולשטענדיק אָפּגעלייקנט די השערות פון ה' טשעמערינסקי. די פאָרלויפיקע ידיעות, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן די עקאָנאָמיש-אַקטיווע עלעמענטן (זעלבסטעטיקע) צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און מאָסקווע, באַווייזן, אַז די אַרבעטער בילדן אינגאַנצן 40 פּראָצענט פון דער צאָל יידן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט לוין-אַרבעט, און אַז די הויפּט-ראָלע אין יידישן עקאָנאָמישן לעבן שפּילן די אָנגעשטעלטע און די קוסטאַרן.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער זעלבסטעטיקער יידישער באַפעל־קערונג, וואָס האָט אַ וועלכע עס איז זעלבסשטענדיקע הכנסה, איז לויט דער פאָלקסציילונג אין 1926 געווען אַזוינער:

## דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער עקאָנאָמיש־אַקטיווער יידישער באַפעלקערונג [1].

| סאָציאַלע גרופּע | אוקראַינע: אבסאָלוטע צאָל (אין טויזנטער) | אוקראַינע: % % | ווייסרוסלאַנד: אבסאָלוטע צאָל (אין טויזנטער) | ווייסרוסלאַנד: % % | מאָסקווע: אבסאָלוטע צאָל (אין טויזנטער) | מאָסקווע: % % | צוזאַמען: אבסאָלוטע צאָל (אין טויזנטער) | צוזאַמען: % % |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אַרבעטער | 93,2 | 15,3 | 25,2 | 16,7 | 5,9 | 8,3 | 124,3 | 14,9 |
| פויערים | 59,7 | 9,8 | 19,8 | 13,1 | 0,029 | — | 79,5 | 9,5 |
| קוסטאַרן און האַנטווערקער | 126,5 | 20,6 | 39,8 | 26,4 | 6,5 | 9,2 | 172,8 | 20,8 |
| אָנגעשטעלטע | 126,5 | 20,6 | 25,5 | 17,0 | 35,3 | 50,1 | 187,3 | 22,4 |
| הענדלער | 80,8 | 13,3 | 15,4 | 10,2 | 3,4 | 4,9 | 99,6 | 12,0 |
| ליבעראַלע פראַ־פעסיעס | 9,8 | 1,6 | 1,2 | 0,7 | 1,5 | 2,2 | 12,5 | 1,5 |
| אַרבעטלאָזע | 54,5 | 8,9 | 10,3 | 7,0 | 10,3 | 14,6 | 75,1 | 9,0 |
| אַנדערע | 61,0 | 9,9 | 13,7 | 8,9 | 7,6 | 10,7 | 82,3 | 9,9 |
| בסך־הכּל | 612,0 | 100,0 | 150,9 | 100,0 | 70,5 | 100,0 | 833,4 | 100,0 |

די ידיעות וועגן די זעלבסטעטיקע כאַפּן אַרום 2.112 טויזנט מערבֿ־יידן, ד. ה. 81 פּראָצענט פון אַלע מערבֿ־יידן און 79 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז רעגיסטרירט בעת דער ציילונג אין 1926, זיי זענען דעריבער בלי ספק טיפּיש פאַרן גאַנצן רוסישן יידנטום.

די טאַבעלע באַווייזט, אַז דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די יידישע זעלבסטעטיקע עלעמענטן פאַרנעמען די אָנגעשטעלטע און באַאַמטע, אויפן צווייטן אָרט גייען די זעלבסשטענדיקע בעלי־מלאכות (צוזאַמען מיט די פאַמיליע־מיטגלידער, וואָס העלפן זיי אין דער אַרבעט) און ערשט דאָס דריטע אָרט פאַרנעמען די אַרבעטער. אַ באַדייטנדיקן טייל, כמעט אַ צענטל,

1) ציפערן פון ביולעטין פון רוסישן „אַרט“ נומ. 1 און 2, מאָסקווע 1928.

בילדן די פּויערים [1]), און אַ פּאַרהעלטנישמעסיק קליין אָרט פאַרנעמען די הענדלער — אינגאַנצן 12 פּראָצענט.

מ'דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז צווישן די גרופּעס „אַרבעטלאָזע“ און „אַנדערע“ איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל הענדלער. פאַר אַרבעטלאָזע האָט מען פאַרצייכנט נישט נאָר אַרבעטער, וואָס זענען בעת דער ציילונג געווען אָן אַרבעט, נאָר אויך ערווערבלאָזע פּערזאָנען פון אַנדערע פּראָפעסיעס. אויך אין דער גרופּע „אַנדערע“ איז אַריין אַ גרויסע צאָל הענדלער און פאַרמיטלער, דער עיקר אַזוינע, וואָס טרייבן זייער פּראָפעסיע אומלעגאַל, אָן אַ פּאַטענט, וועלכע האָבן מורא געהאַט אָנגעבן זייער אמתע באַשעפטיקונג און האָבן זיך פאַררעגיסטרירט אַלס פּערזאָנען אָן באַשטימטע פּראָפעסיעס. פאַקטיש איז דער פּראָצענט הענדלער כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די דאַטן פון דער אָנגעוויזענער טאַבעלע.

וואָס איז שייך די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, דאַרף מען באַמערקן, אַז אַהער גייען אַריין נישט נאָר פּערזאָנען מיט אינטעליגענטע פּראָפעסיעס (אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, אינזשענירן א. א. וו.) נאָר אויך די גייסטלעכע (כלי קודש). די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער אינטעליגענץ פיגורירט אונטער דער רובריק „אָנגעשטעלטע“. יעדער אינטעליגענט שטרעבט זיך איינצואָרדנען אין די מלוכהשע אַנשטאַלטן, כדי צו ווערן אַ מיטגליד פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אַזוי אַרום צאָלן קלענערע שטייערן און ווייניקער דירה-געלט און בכלל זיך אָנקניפּן אין פּריווילעגירטן קלאַס פון לאַנד. נאָר אַ קליינער פּראָצענט יידישע אינטעליגענטן איז אַריין אין דער גרופּע ליבעראַלע פּראָפעסיעס, אַ באַדייטנדיקער טייל פון דערדאָזיקער סאָציאַלער גרופּע באַשטייט פון כלי-קודש (רבנים, שוחטים, חזנים א. א. וו.).

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער יידישער מאַסע אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער נישט-יידישער באַפעלקערונג. דאָס באַווייזט בולט פאָלגנדיקע טאַבעלע וועגן דער סאָציאַלער גלידערונג פון דער זעלבסטשטענדיקער באַפעלקערונג אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אין 1926.

1) מען דאַרף באַמערקן, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט זענען אַלס זעלבסטשטענדיקע פאַרצייכנט געוואָרן אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע, אומאָפּהענגיק פון זייער עלטער, וואָס באַשעפטיקן זיך אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. אין 1897 האָט מען אַלס זעלבסטשטענדיקע רעגיסטרירט נאָר די הויפּטן פון די פּויערשע פאַמיליעס.

# די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער זעלבסטטעטיקער באַפעלקערונג אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אין 1926.

(אין פּראָצענטן)

| סאָציאַלע גרופּע | אוקראַינע: בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג | אוקראַינע: בײַ יידן | ווייסרוסלאַנד: בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג | ווייסרוסלאַנד: בײַ יידן |
|---|---|---|---|---|
| אַרבעטער | 5,8 | 15,3 | 3,8 | 16,7 |
| פּויערים | 83,0 | 9,8 | 85,1 | 13,1 |
| קוסטאַרן | 2,0 | 20,6 | 2,9 | 26,4 |
| אָנגעשטעלטע | 4,1 | 20,6 | 3,1 | 17,0 |
| הענדלער | 0,6 | 13,3 | 0,5 | 10.2 |
| ליבעראַלע פּראָפעסיעס | 0,1 | 1,6 | 0,1 | 0,7 |
| אַרבעטסלאָזע | 1,8 | 8,9 | 0,8 | 7,0 |
| אַנדערע | 2,6 | 9,9 | 3,7 | 8,9 |
| בסך הכּל | 100,0 | 100,0 | 100,0 | 100,0 |

די פּראָדוצירנדיקע און פיזיש-אַרבעטנדיקע עלעמענטן (אַרבעטער, פּויערים, קוסטאַרן) מאַכן אויס אין אוקראַינע בײַ יידן — 45,7 פּראָצענט און בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג 90,8 פּראָצענט, אין ווייסרוסלאַנד — אַנטשפּרעכנדיק 56,2 פּראָצענט און 91,8 פּראָצענט. בײַ דער יידישער באַפעלקערונג זענען די פּראָדוצירנדיקע גרופּן צווישן די זעלבסטעטיקע כּמעט 2 מאָל קלענער ווי בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג. פאַרקערט, די הענדלער, אַרבעטסלאָזע און אַנדערע בילדן בײַ יידן אין אוקראַינע 32,1 פּראָצענט און אין ווייסרוסלאַנד 26,1 פּראָצענט. בײַ דער גאַנצער באַפעלקערונג באַטרעפן די דאָזיקע גרופּן אינגאַנצן פון 4 ביז 5 פּראָצענט. אויב מיר וועלן אויסטיילן די נישט-פּויערשע עלעמענטן, וועלן מיר באַקומען, אַז בײַ יידן איז דער פּראָצענט אַרבעטער צווישן די עקאָנאָמיש-אַקטיווע עלעמענטן אין אוקראַינע צוויי מאָל און אין ווייסרוסלאַנד אַנדערהאַלבן מאָל קלענער, און דער פּראָצענט קוסטאַרן כּמעט צוויי מאָל גרעסער ווי בײַ דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דער הויפּט-אונטערשייד צווישן יידן און נישט-יידן בלײַבט דער סטאַטישער כאַראַקטער פון דער יידישער נאַציע.

אויפן סמך פון די אויבנגעבראכטע דאטן וועגן דער צאל זעלבסטעטיקע יידן אין רוסלאנד קאנען מיר צונויפשטעלן א בערכדיקע טאבעלע וועגן די הכנסות פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג (צוזאמען מיט די פאמיליען-מיטגלידער). מ׳דארף דערביי נעמען אין אכט, אז ביי אונז פעלן נאך ידיעות וועגן א טייל זעלבסטעטיקע יידן, וואס וווינען אין גרויסרוסלאנד, טראנסקאוקאז און אוזבעקיסטאן. אין דידאזיקע ראיאנען איז די צאל יידישע ארבעטער זייער קליין (חוץ לענינגראד, וואס ציילט עטלעכע טויזנט יידישע ארבעטער), פארקערט די צאל יידישע אנגעשטעלטע אין די צענטראלע רוסישע גובערניעס איז זייער א באדייטנדיקע. אזוי אז די אלגעמיינע צאל יידישע ארבעטער דארף מען רעכענען בערך 140.000 און די צאל אנגעשטעלטע בערך 220.000. בנוגע די קוסטארן דארף מען נעמען אין אכט, אז צווישן זיי איז פאראן א באדייטנדיקע צאל עלעמענטן, וואס האבן א קנאפע שייכות צו מלאכה. דאס זענען די אויסגעריסענע פיקטיווע קוסטארן — אונטערנעמער און הענדלער, וואס באהאלטן זייער אמתע פראפעסיע אונטערן קוסטארישן פאטענט. די צאל יידן, וואס איז באשעפטיקט אין האנטווערק, באטרעפט אין סאוויעטישן פארבאנד מאקסימום 200.000 (מיט די פאמיליען-מיטגלידער, וואס העלפן די עלטערן אין דער ארבעט). די לאנדווירטשאפטלעכע יידישע באפעלקערונג האט אנהייב 1928 יאר לויט אונזערע ידיעות באטראפן 160.000 נפשות (מיט די פאמיליען-מיטגלידער). אזוי ארום באקומען מיר אזא טאבעלע:

## די סאציאלע גלידערונג פון דער יידישער באפעלקערונג [1]

(מיט די פאמיליען-מיטגלידער)

| סאציאלע גרופעס | אבסאלוטע צאל נפשות | % % |
|---|---|---|
| ארבעטער | 280.000 | 10,0 |
| אנגעשטעלטע | 440.000 | 15,7 |
| קוסטארן | 700.000 | 25,0 |
| פויערים | 160.000 | 5,7 |
| ליבעראלע פראפעסיעס | 24.000 | 0,9 |
| הענדלער און אנדערע (ארבעטלאזע, כלי קודש, אומבאשטימטע פראפעסיעס) | 1.196.000 | 42,7 |
| בסך הכל | 2.800.000 | 100,0 |

דידאָזיקע טאַבעלע איז נאַטירלעך אַ בערכדיקע, זי איז אָבער זייער נאָענט צו דער ווירקלעכקייט. זי ווייזט, אַז די צאָל יידן, וואָס לעבט פון פ י ז י ש ע ר אַרבעט איז אין 1928 קלענער ווי אין 1897 יאָר. אין 1928 האָבן די עלעמענטן, וואָס לעבן פון פיזישער אַרבעט, באַטראָפן 40,7% און אין 1897 — 49,57 פּראָצענט (אַראָפּרעכענענדיק די פאַרוואַלטונגס-אַפּאַראַטן — בערך 46 פּראָצענט). די לוין-אַרבעט איז באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן אויף דער יידישער גאַס, זי איז אָבער געוואַקסן אויפן חשבון פון די אָנגעשטעלטע, פון די אינטעלעקטועלע עלעמענטן. ס'איז באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן דער יידישער ע ר ד אַ ר ב ע ט ע ר-קלאַס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָלאָניזאַציע-אַרבעט פון די לעצטע יאָרן. עס האָט זיך פאַרקלענערט דער פּראָצענט ק ר ע מ ע ר און ה ע נ ד ל ע ר, ס'איז אָבער געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע מחנה ל ו פ ט-מ ע נ ט ש ן, דעקלאַסירטע עלעמענטן, וועלכע האָבן בכלל נישט קיין באַשטימטע פּראָפעסיעס און פון וועלכע אַ גרויסער טייל באַשעפטיקט זיך מיט האַנדל אומלעגאַל.

מיר גייען איצט איבער צו דער לאַגע פון די איינצלנע סאָציאַלע גרופּעס.

## דער יידישער האַנדל

די גענויע צאָל יידישע האַנדלס-עלעמענטן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד איז אונז ליידער נישט באַקאַנט. אין אַ ל ג ע מ י י ן האָט זיך דער יידישער האַנדלס-קלאַס פאַרקלענערט, אָבער געווים נישט אין אַזאַ מאָס, ווי ס'ווייזן די ציפערן פון דער פאָלקס-ציילונג אין 1926 יאָר[2]), ווייל

1) די צאָל אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן מיר געכפּלט אויף 2, ווייל צווישן זיי געפינט זיך אַ גרויסע צאָל יונגע אומפאַרהייראַטע מענער און פרויען. צו די ליבעראַלע פּראָפעסיעס האָבן מיר גערעכנט נאָר די אינטעליגענץ (אָן די כלי קודש), זייער צאָל האָבן מיר געכפּלט אויף 3. ביי די קוסטאַרן האָבן מיר גערעכנט 3,5 נפשות אין אַ משפּחה, נעמענדיק אין אכט, אַז אין דער צאָל קוסטאַרן זענען אַריין אויך די פאַמיליען-מיטגלידער, וואָס העלפן אין דער אַרבעט.

2) אויפן סמך פון די אויבנגעבראַכטע דאַטן פון דער פאָלקס-ציילונג אין 1926 האָט די צאָל יידישע הענדלער אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד באַטראָפן בערך 125.000, ד. ה. בערך אַ העלפט פון די עקאָנאָמיש-אַקטיווע יידישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל אין 1897. ליידער איז אוממעגלעך צו פאַרגלייכן די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס-ציילונג אין 1926 מיט די דאַטן פון 1897 יאָר, ווייל אין 1926 האָט אַ גרויסער טייל יידישע הענדלער, ווי געזאָגט, נישט אָנגעגעבן די אמתע פּראָפעסיע. חוץ דעם, כאַפּן די ידיעות פון 1926 אַרום נאָר די ז ע ל ב ס-

צווישן די קאַטעגאָריעס „אַרבעטלאָזע" און „אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס", געפינט זיך אַ גרויסע צאָל אומלעגאַלע הענדלער, אויפקויפער און פאַרמיטלער. אַרום און אַרום לעבט איצט אין רוסלאַנד פון קרעמערײַ און האַנדל בערך 20—25 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מ'דאַרף באַמערקן, אַז אין ראַיאָן פונם געוועזענעם תחום — אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד — דאָמינירן די יידן אין פּריוואַטן האַנדל. לויט דער ציילונג פון דעצעמבער 1926 מאַכן די יידן אויס אין אוקראַינע $^2/_3$ פונם האַנדלס-קלאַס און אין ווייסרוסלאַנד — ביז 90 פּראָצענט, ד. ה. אַז אין ווייסרוסלאַנד געפינט זיך דער פּריוואַטער האַנדלס-אַפּאַראַט כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט.

די לאַגע פונם יידישן האַנדלס-קלאַס איז צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות זייער אַ שווערע. מיט דער מאָנאָפּאָליזאַציע פונם אויסערלעכן האַנדל האָט דער יידישער האַנדלס-קלאַס פאַרלוירן איינעם פון זיינע וויכטיקסטע טעטיקייטס-געביטן. אָבער אויך אויפן איגערלעכן מאַרק ווערט דער יידישער סוחר און הענדלער סיסטעמאַטיש אַרויסגעשטויסן פון זיינע פּאָזיציעס. אַפילו דער תבואה-האַנדל, אין וועלכן די יידן האָבן פאַר דער מלחמה אין תחום געבילדעט גאַנצע 93 פּראָצענט, ווערט אַלץ מער קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער מלוכה און קאָאָפּעראַציע. אין 1924/25 יאָר איז 75 פּראָצענט פון די ברויט-פאַרגרייטונגען געמאַכט געוואָרן דורך די מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע האַנדלס-אָרגאַנען, און בלויז 25 פּראָצענט דורך די פּריוואַטע הענדלער. אין 1925/26 האָט זיך דער אָנטייל פונם פּריוואַטניק אין די פאַרגרייטונגען פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פאַרקלענערט ביז 21 פּראָצענט. אין 1926 זענען מצד דער סאָוויעטנרעגירונג אָנגענומען געוואָרן אַ רייע מאָסמיטלען וועלכע אַרויסצושטויסן דעם פּריוואַטן האַנדל פונם ברויט-מאַרק: די מלוכה-בענק איז פאַרבאָטן געוואָרן צו קרעדיטירן די פּריוואַטע ברויט-פאַרגרייטער, ס'איז איינגעפירט געוואָרן באַגרענעצונגען פאַרן פּריוואַטניק אין טראַנספּאָרט און ביי דער באַנוצונג פון מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע מילן א. א. וו. די דאָזיקע מאָסמיטלען האָבן פאַרקלענערט די ראָלע פונם פּריוואַטן הענדלער אויפן לאַנדווירטשאַפטלעכן מאַרק ביז צום מינימום. אפילו אין אוקראַינע האָט אין 1926/27 יאָר דער פּריוואַטער האַנדלס-אַפּאַראַט אויסגעפירט נאָר 12 פּראָצענט פון די ברויט-פאַרגרייטונגען („איזוועסטיאַ" נומ. 234 פונם 12-טן אָקטאָבער 1927).

---

*) שטענדיקע הענדלער, בשעת אין 1897 זענען אין דער האַנדלס-גרופּע אַריין אויך די האַנדלס-אַנגעשטעלטע.

ס'האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט דער כאַראַקטער פונם יידישן האַנדל. פאַר דער מלחמה האָבן מיר אויסער אַ גרויסער אַרמיי קליינהענדלער און אויפקויפער געהאַט אַ היפשן קלאַס מיטעלע סוחרים, וועלכע האָבן שוין באַוויזן צו שאַפן קלענערע און גרעסערע קאַפּיטאַלן. איצט איז די צאָל מיטעלע סוחרים און הענדלער פאַרקלענערט געוואָרן ביז אַן אומבאַדייטנדיקן מינימום. אנשטאַט די פריערדיקע קראָמען זענען אויסגעוואַקסן שטעלכלעך און טישלעך און אַ גרויסע צאָל הענדלער פון דער האַנט, פונם זאַק און פונם קאָשיק. דאָס באַשטעטיקן הונדערטער קאָרעספּאָנדענטן אין דער יידישער קאָמוניסטישער פרעסע פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך. די שוועריקייטן צו באַקומען סחורה טרייבט דעם פּריוואַטן הענדלער אויף אומלעגאַלע וועגן און אומגעזונטע ספּעקולאַטיווע קאָמבינאַציעס (למשל, דער איבערפאַרקויף פון די סחורות פון די קאָאָפּעראַטיוון און מלוכה-אָרגאַנען דעם פּריוואַטן האַנדל), וועלכע טראָגן אַריין אין האַנדלס-אַפּאַראַט אַ שטאַרקע דעמאָראַליזאַציע.

די הנחות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין 1925 אויפן שטייערן-געביט פון די קליינהענדלער, האָבן עטוואָס פאַרליכטערט די לאַגע פון די יידישע האַנדלס-עלעמענטן. אַ גרעסערע באַדייטונג האָבן פאַר די קליינע שטעטלעך געהאַט די וויכטיקע לגאָטעס דעם דאָרפישן האַנדל, באַזונדערס נאָך דער לעצטער איבעררייאָנירונג, ווען אַ גרויסע צאָל שטעטלעך איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר דאָרפישע ישובים (אין ווייסרוסלאַנד למשל איז פון 165 שטעטלעך 118 איבערגעפירט געוואָרן אין דער דאָרפישער קאַטעגאָריע). בכלל איז דער אַדמיניסטראַטיווער דרוק אויפן קליינהענדלער אין דער צווייטער העלפט פון 1925 יאָר פאַרהעלטנישמעסיק שוואַכער געוואָרן און אַ קליינע קאַטעגאָריע הענדלער האָט אפילו געהאַט באַקומען וואַל-רעכט אין די סאָוויעטן.

נישט געקוקט אויף די דאָזיקע הנחות איז די מאַטעריעלע לאַגע פונם קליינהענדלער אויך דעמאָלט געווען זייער אַ טרויעריקע. די אויספאָרשונג אין פּאָדאָליער גובערניע האָט באַוויזן, אַז דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַ קליינהענדלער מיט אַ פּאַטענט פון דער ערשטער מדריגה באַטרעפט פון 2 ביז 10 רובל אַ חודש, און פון דער צווייטער און דריטער מדריגה — 20—30 רובל אַ חודש („עמעס", נומ. 71 פונם 28-טן מערץ 1926). די ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט אויסגעפאָרשט אין 1926 יאָר די שטעטלעך פון באַלאַצערקווער קרייז, שרייבט אין איר באַריכט: „ביטער ביז גאָר איז די לאַגע פון די קליינהענדלער, קיין פאַרמעגלעכע איז כמעט ווי נישטאָ" („שטערן", נומ. 139, פונם 25 אויגוסט 1926). די לאַגע פון די הענדלער

אין די ווײַסרוסישע שטעטלעך אין 1926 כאַראַקטעריזירט די יידישע ביוראָ בײַם צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווײַסרוסלאַנד אַזוי:

„אין אַלגעמיין ווײַזט אַרויס דער שטעטלדיקער האַנדל, אין אַלגעמיין גענומען, אַ טענדענץ צו פֿאַלן און בנוגע די שטײַערן הייזט זיך אַרויס, אַז ער איז צופֿיל באַשטײַערט. דאָס רוב שטעטלדיקע הענדלער — אײַנצל־פּאַרקויפֿער געפֿינען זיך אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע. די באַציִונג פֿון די אָרטיקע סאָוועטאָרגאַנען צו זיי, ווי צו אַ הענדלער־עלעמענט, פֿאַרשווערט נאָך מער די לאַגע".
(„אָקטיאַבר", נומ. 139, פֿונם 20־טן יוני 1926).

נאָך שווערער איז געוואָרן די לאַגע פֿונם פּריוואַטן הענדלער אין 1926/27 יאָר. די 15־טע קאָמוניסטישע פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ אין נאָוועמבער 1926 האָט געגעבן אַ דירעקטיוו מיט אַלע מעגלעכקייטן צו באַהערשן דעם האַנדלס־מאַרק דורך די מלוכהשע און קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. דערדאָזיקער באַשלוס ווערט דורכגעפֿירט מיט דער גרעסטער ענערגיע, און קעגן פּריוואַטן האַנדלס־אַפּאַראַט זײַנען אָנגענומען געוואָרן שטרענגע עקאָנאָמישע און אַדמיניסטראַטיווע מיטלען. דער עיקר איז פֿאַרשווערט געוואָרן דער אָפּלאָז פֿון סחורות דורך די סינדיקאַטן און טרעסטן דעם פּריוואַטן הענדלער. אַזוי למשל, האָט דער האַנדלס־קאָמיסאַריאַט באַשלאָסן נישט פֿאַרקויפֿן מאַנופֿאַקטור קיין יחידים, נאָר קאָלעקטיוון און פֿאַרייניקונגען פֿון פּריוואַטע לאַחדים־הענדלער אויפֿן יסוד פֿון סאָלידאַרער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַז זיי וועלן נישט פֿאַרקויפֿן העכער פֿון די פֿעסטגעשטעלטע פּרײַזן, און די הורט־הענדלער אײַנגאַנצן נישט אָפּלאָזן קיין מאַנופֿאַקטור („עמעס" נומ. 21 פֿונם 17 יאַנואַר 1927). אין די גרויסע שטעט איז זומער 1927 אײַנגעפֿירט געוואָרן אין פּריוואַטן האַנדל פֿעסטע פּרײַזן אויף אַ רײ געברויכס־אַרטיקלען (צוקער, זאַלץ, קעראָסין, רײַז א. א.). יעדער פּרוּוו עובר צו זײַן אויף די אײַנגעשטעלטע פּרײַזן ווערט באַגלייט מיט שאַרפֿע רעפּרעסיעס. אַרעסטן און פֿאַרשיקונגען פֿון פּריוואַטע סוחרים קיין סיביר זײַנען געוואָרן אַן אַלטעגלעכע דערשײַנונג אין 1927 יאָר. צוליב דידאָזיקע סיבות האָט דער יידישער האַנדלס־קלאַס אין 1926/27 יאָר פֿאַרלוירן אַ גרויסן טייל פֿון די פּאָזיציעס, וואָס ער האָט פֿאַרכאַפּט די לעצטע 2 יאָר, און אַסך פּריוואַטע קראָמען אין פֿאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך זײַנען געצוווּנגען געוואָרן זיך צו ליקווידירן. אָבער נישט נאָר די גרויסע סוחרים, נאָר אויך די קליינע הענדלער מיט פּאַטענטן פֿון דער 1־טער און 2־טער מדריגה האָט דער נײַער קורס שטאַרק געטראָפֿן. די לאַגע פֿונם קליינהענדלער, וועלכער האָט אין 1925 געקריגן געוויסע

שטײַערלעכע הכנסות און פּאָליטישע פּאַרלײַכטערונגען, איז װידער געװאָרן אַ קריטישע. לױטן נײַעם גאַל-געזעץ האָבן די קלײנהענדלער פּאַרלױרן דאָס װאַל-רעכט און זענען פּאַררעכנט געװאָרן פּאַר נישט אַרבעטנדיקע עלעמענטן. דערמיט זענען אױטאָמאַטיש פּאַרגרעסערט געװאָרן זײערע הכנסה-שטײַערן און אָפּצאָלן פּאַר דירה, װאַסער, ליכט א. א. װ. אין דערזעלבער צײַט זענען זײ געצװוּנגען אָפּצוהיטן די אָפּיציעלע פּרײַזן.

אַ באַזונדערס שטאַרקן קלאַפּ האָט דער האַנדל באַקומען אין 1927/28. אַדאַנק די נידעריקע אָפּיציעלע פּרײַזן אױף לאַנדװירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, װאָס זענען געבליבן כּמעט אױף דעם פּאַרמלחמהדיקן ניװאָ, און די הױכע פּרײַזן אױף אינדוסטריעלע סחורות, האָבן די פּױערים װינטערצײַט 1927/28 נישט געפירט קײן תּבֿואה אױפן מאַרק, און די ברױט-פּאַרגרײטונגען זענען שטאַרק פּאַרקלענערט געװאָרן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַנטשטאַנענעם קריזיס האָט די סאָװיעטן-רעגירונג אָנגענומען אױסערגעװײנלעכע מיטלען כּדי צו איבערװינדן דעם װידערשטאַנד פֿון דעם פּױערטום און אַרױסציִען דאָס ברױט פֿונם דאָרף. פּאַר דעם צװעק זענען אָנגעװענדט געװאָרן שטרענגע רעפּרעסיעס קעגן די פּאַרמעגלעכע פּױערים און די תּבֿואה-הענדלער. איבערן גאַנצן לאַנד האָבן זיך אָנגעהױבן קאָנפֿיסקאַציעס פֿון תּבֿואה בײַ די פּױערים און ברױט-הענדלער, װי אױך מאַסן-אַרעסטן און פּראָצעסן פּאַר „בײַזװיליקער ספּעקולאַציע”. דורך דידאָזיקע מאָסמיטלען איז דער מאַרק-האַנדל פּאַקטיש ליקװידירט געװאָרן, און די פּריװאַטע מוכר-תּבֿואהניקעס (כּמעט אױסשליסלעך ייִדן) זענען אינגאַנצן פּאַרשװוּנדן פֿונם ברױט- און רױשטאָף-מאַרק. אױך די קלײנע לאַחדים-הענדלער האָבן שטאַרק געליטן פֿונם לינקן קורס. די קאָאָפּעראַציע עפֿנט פּאַר דער לעצטער צײַט אַ גרױסע צאָל בײַדלעך אױף די מערק, באַקומענדיק דערבײַ װיכטיקע פּריװילעגיעס. די פּריװאַטע קלײנהענדלער זענען אַבסאָלוט נישט בּיכולת צו קאָנקורירן מיטן קאָאָפּעראַטיװן האַנדל, און אױף אַזאַ אופֿן װערט דער פּריװאַטער האַנדלס-אַפּאַראַט אַרױסגעשטױסן פֿון זײַן לעצטער פּאָזיציע — פֿונם קלײנהאַנדל מיט געברױך-אַרטיקלען. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָט אַ גרױסער טײל פֿון די קלײנהענדלער װינטערצײַט 1927/28 אומגעקערט די פּאַטענטן און אױפֿגעגעבן דעם האַנדל. זעלבספּאַרשטענדלעך, אַז אַ געװיסער טײל טרײַבט דעם האַנדל אומלעגאַל, אָבער די לאַגע װערט דורכדעם נאַטירלעך מער פּאַרשװערט.

דידאָזיקע פּאַקטן פֿון דער לעצטער צײַט באַװײַזן, אױף װיפֿל דער פּריװאַטער האַנדל האָט נישט קײן פּעסטן באָדן אונטער זיך אין סאָװיעטן-פּאַרבאַנד. דער פּריװאַטער הענדלער איז אַ דאָרן אין אױג פֿון דער סאָװיעטנמאַכט, ער װערט קוים געדולדעט, און װערט באַטראַכט, װי אַן

עלעמענט, פון וועלכן מ׳דאַרף זיך אומבאַדינגט באַפרייען. מ׳קאָן נאַטירלעך נישט פאָרויסזען די וויטערדיקע ליניע פון דער סאָוויעטן־רעגירונג בנוגע דעם פּריוואַטן האַנדל, אָבער ביי דער איצטיקער עקאָנאָמישער פּאָליטיק האָט דער יידישער האַנדלס־עלעמענט (צוגלייך מיטן גאַנצן האַנדלס־קלאַס) קיין שום פּערספּעקטיוו נישט.

## די יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

די צאָל יידישע אַרבעטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד באַטרעפט, ווי געזאָגט 140.000. אין 1898 איז אויף דער איצטיקער רוסלענדישער טעריטאָריע געווען האַנטווערק־ און פאַבריק־אַרבעטער, שוואַרץ־אַרבעטער און הויזדינסטן איבער 180.000 1) (נישט רעכענענדיק די לערניינגלעך). דער יידישער אַרבעטס־קלאַס איז אויף אַזאַ אופן איצט קלענער אויף העכער 20 פּראָצענט אַקעגן 1898 יאָר. בלי ספק איז פאַר דער מלחמה די צאָל יידישע אַרבעטער געווען גרעסער ווי אין 1898 און איצט איז אין סאָוויעטן־רוסלאַנד פאַראַן נאָר 140.000 יידישע אַרבעטער. מיט וואָס דערקלערט זיך דידאָזיקע פאַרקלענערונג? דער אַרבעטער איז דער פּריווילעגירטער קלאַס אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד און דער יידישער אַרבעטער, אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער אַרבעטער־משפּחה, באַקומט די פּריווילעגיעס, וואָס זענען אייגעשטעלט פאַר אַרבעטער בכלל. פאַרוואָס איז ביי דידאָזיקע באַדינגונגען די צאָל יידישע אַרבעטער פונדעסטוועגן פאַרקלענערט געוואָרן? די סיבה דאַרף מען זוכן אינם באַשטאַנד פונם יידישן אַרבעטער־קלאַס. דער יידישער אַרבעטער איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען באַשעפטיקט כמעט אויסשליסלעך אין דער קוסטאַר־אינדוסטריע, וועלכע האָט זיך די ערשטע יאָרן פון „נעפּ" געפונען הויפּטזעכלעך אין פּריוואַטע הענט און האָט ביז 1925 בכלל אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע ירידה.

ביז דער צווייטער העלפט פון יאָר 1925 האָבן די בעל־מלאכות, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער פאַראָרימונג אין לאַנד, שטאַרק געליטן פון אַרבעטלאָזיקייט. ביי אַזאַ לאַגע האָט דער יידישער האַנטווערקישער פּראָלעטאַריאַט נישט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט; חוץ דעם ווייל דער זעלבשטענדיקער בעל־מלאכה נישט אָננעמען קיין אַרבעטער, אפילו ווען ער נויטיקט זיך אין זיי, ווייל דאָס קרוינט אים מיטן געפערלעכן נאָמען

1) די צאָל יידישע אַרבעטער אין 1898 האָבן מיר אויסגערעכנט אויף דעמזעלבן אופן ווי די צאָל יידישע בעלי־מלאכות, דערביי האָבן מיר פון די שוואַרץ־אַרבעטער אָפּגערעכנט די בעל־עגלות, וועלכע רעכענען זיך איצט מערסטנטיילס פאַר קוסטאַרן.

„בורזשוי-עקספלואַטאַטאָר“ און איז פֿאַרבונדן מיט שטייערן און פֿאַרשידע-נע אָפּצאָלן (די אָפּצאָלן פֿאַר סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג און אין פֿאַריין האָבן באַטראָפֿן בערך 20 פּראָצענט פֿונם אַרבעטס-לוין). אַ טייל פֿון די יידישע אַרבעטער זענען געוואָרן זעלבשטענדיקע קוסטאַרן און אַ טייל איז געצוווּנגען געווען איבערגיין צו אַנדערע פּראָפֿעסיעס. ערשט אין די לעצטע 3 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַריינדרינגען פֿון דעם יידישן אַרבעטער אין דער גרויסער פֿאַבריק. דערדאָזיקער פּראָצעס איז אָבער זייער אַ שווערער און גייט זייער לאַנגזאַם און דעריבער איז פּראָצענט-על דער וווּקס פֿון דער צאָל אַרבעטער אין דער יידישער סביבה קלענער ווי ביי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג 1).

וועגן דער פֿאַרטיילונג פֿון די יידישע אַרבעטער צווישן די איינצלנע פֿאַכן האָבן מיר גענויע ידיעות נאָר בנוגע אוקראַינע, ווו אין אַפּריל-מאַי 1926 איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַן אויספֿאָרשונג צווישן די מיטגלידער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. די אויספֿאָרשונג האָט באַוויזן, אַז אויף יע-דע הונדערט פֿאַריין-מיטגלידער איז געווען: (זע: טאַבעלע, זייט 99).

דידאָזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז ביי יידן איז דער פּראָצענט פּראָ-דוצירנדיקע פֿיזיש-אַרבעטנדיקע פֿאַריין-מיטגלידער באַדייטנדיק קלענער ווי ביי דער גאַנצער מיטגלידערשאַפֿט, ביי יידן בילדן דידאָזיקע עלעמענטן — 57,5 פֿון אַלע פֿאַריין-מיטגלידער, ביי דער גאַנצער מיטגלידערשאַפֿט — 75,3 2), אָבער אין די פּראָדוצירנדיקע גרופּן גופֿא באַמערקן מיר אַ וויכ-טיקן אונטערשיד צווישן די יידישע און ניט-יידישע אַרבעטער. ביי יידן בילדן די באַרג-אַרבעטער, מעטאַליסטן און אייזנבאַנער 7,8 פּראָצענט; ביי דער גאַנצער מיטגלידערשאַפֿט 36,9 פּראָצענט. די יידישע אַרבעטער זענען דער עיקר קאָנצענטרירט אין דער לייכטער און האַנטווערקערישער אינ-

---

1) לויט די אָנגאַבן פֿון ה׳ טשעמעריגסקי איז אין אוקראַינע פֿונם 1 מאַי 1924 ביז צום 1 אַפּריל 1926 די צאָל מיטגלידער פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען אויסגעוואַקסן אויף 49 פּראָצ. ביי יידן—נאָר אויף 31 פּראָצענט. אין ווייסרוסלאַנד איז די מיטגלידערשאַפֿט פֿון די פֿאַריינען פֿאַרגרע-סערט געוואָרן פֿונם 1-טן מאַי 1924 ביז צום 1-טן אָקטאָבער 1925 אויף 45 פּראָצענט, ביי יידן — אויף 37 פּראָצענט. (זע: „אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג פֿון די יידישע סעקציעס“, זייטן 31 און 33).

2) פֿאַקטיש איז דער פּראָצענט פּראָדוצירנדיקע און פֿיזיש-אַרבעטנדיקע קלענער, ווייל אין סאָוויעטישן פֿאַרבאַנד זענען די פֿאַריינען געבויט אויפֿן פּראָדוציר-פּרינציפּ און אין פֿאַריין גייען אַריין ניט נאָר די אַרבעטער נאָר אויך די אָנגעשטעלטע, וואָס זענען באַשעפֿטיקט אין די פֿאַרוואַלטונג-אַפּאַראַטן פֿון דער אַנטספּרעכנדיקער פּראָדוקציע. ביי יידן מאַכן די אַרבעטער אויס 40 פּראָצענט פֿון אַלע עלעמענטן, וואָס לעבן פֿון לוין-אַרבעט.

**אויף יעדע 100 פאַריין-מיטגלידער איז געווען:**

| פאַריין | בײַ ייִדן | בײַ דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט |
|---|---|---|
| באַרג-אַרבעטער | 0,6 | 13,1 |
| מעטאַליסטן | 6,7 | 12,7 |
| כעמיקער | 2,7 | 2,6 |
| לעדער-אַרבעטער | 5,7 | 1,2 |
| צוקער-אַרבעטער | 2,6 | 3,5 |
| שפּײַזלער | 12,6 | 4,6 |
| טעקסטילער | 1,3 | 0,8 |
| נאָדל-אַרבעטער | 5,1 | 0,7 |
| דרוקער | 3,9 | 0,9 |
| פּאַפּיר-אַרבעטער | 0,3 | 0,2 |
| האָלץ-אַרבעטער | 2,1 | 0,8 |
| בוי-אַרבעטער | 3,7 | 4,0 |
| אײַזנבאַן-אַרבעטער | 0,5 | 11,1 |
| וואַסער-אַרבעטער | 0,4 | 0,8 |
| אָרטיקער טראַנספּאָרט | 3,0 | 2,1 |
| פאָלקס-פאַרבינדונג-אַרבעטער | 0,3 | 1,1 |
| קאָמונאַלע אַרבעטער | 3,3 | 2,5 |
| פאָלקס-דערנערונג-אַרבעטער | 1.6 | 2,5 |
| ערד- און וואַלד-אַרבעטער | 1,1 | 10,1 |
| סאָוויעט- און האַנדלס-אָנגעשט. | 22,0 | 12,2 |
| מעדיצינישֿ-סאַניטאַרע טוער | 11,2 | 4,2 |
| בילדונגס-טוער | 6,6 | 7,5 |
| קונסט-טוער | 2,7 | 0,6 |
| צוזאַמען | 100,0 | 100,0 |

דוסטריע, אין דער שווערער אינדוסטריע איז דער יידישער אַרבעטער ביז איצט אַריינגעדרונגען אין אַ קליינער מאָס. דאָס באַווייזט אויך די פאָלגנדיקע טאַבעלע וועגן דער ראָלע פון די יידן אין די איינצלנע פאַריינען.

## ‏%-ער פּראָצענט יידישע מיטגלידער אין איינצלנע פאַריינען [1].

| פ אַ ר י י ן | אוקראַינע אין 1926<br>% יידן פון אַלע מיטגל. | ווייסרוסלאַנד אין 1925<br>% יידן פון אַלע מיטגל. |
|---|---|---|
| באַרג־אַרבעטער | 0,5 | — |
| מעטאַליסטן | 6,9 | 38,6 |
| כעמיקער | 14,1 | 16,0 |
| לעדער־אַרבעטער | 48,6 | 74,9 |
| צוקער־אַרבעטער | 9,3 | — |
| שפּינלער | 28,6 | 42,6 |
| טעקסטילער | 16,9 | 32,3 |
| נאָדל־אַרבעטער | 73,4 | 93,3 |
| דרוקער | 39,4 | 66,0 |
| פּאַפּיר־אַרבעטער | 17,5 | 15,7 |
| האָלץ־אַרבעטער | 29,7 | 41,4 |
| בוי־אַרבעטער | 9,8 | 47,6 |
| אייזנבאַן־אַרבעטער | 0,7 | 1,4 |
| וואַסער־טראַנספּאָרט | 6,4 | 25,2 |
| אָרטיקער טראַנספּאָרט | 15,8 | 43,4 |
| פּאָלקספאַרבינדונג־אַרבעטער | 2,5 | 1,8 |
| קאָמונאַלע אַרבעטער | 15,5 | 28,0 |
| פאָלקסדערנערונג־אַרבעטער | 7,6 | 22,5 |
| וואַלד־ און ערד־אַרבעטער | 2,9 | 3,8 |
| סאָוועט־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטע | 22,9 | 31,0 |
| מעדיציניש־סאַניטאַרע טוער | 27,2 | 36,3 |
| בילדונגס־טוער | 12,2 | 16,9 |
| קונסט־טוער | 39,8 | 46,3 |
| סך־הכּל אין אַלע פאַריינען | 12,1 | 28,2 |

1) „אַלפאַרבאַנדישע בפאַרטונג פון די יידישע סעקציעס", זייטן 27 און 32.

די יידישע אַרבעטער דאָמינירן אָדער בילדן אַ באַדייטנדיקן טייל נאָר אין דער לייכטער און האַנטווערקערישער אינדוסטריע, דערביי באַמערקן מיר אַ גרויסן אונטערשיד צווישן דעם אינדוסטריעל-אָפּגעשטאַנענעם ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע, וווּ ס׳איז קאָנצענטרירט די שווערע אינדוסטריע.

אין ווייסרוסלאַנד באַטרעפן די יידן גאַנצע 28 פּראָצענט פון דער מיטגלידערשאַפט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (אין 1927 — 24,6 פּראָצ.), אין אוקראַינע — בלויז 13,1 פּראָצענט; אין ווייסרוסלאַנד, ווו די צאָל גרויסע אונטערנעמונגען איז זייער קליין, דאָמינירן די יידן אין 3 פאַריינען, אין אוקראַינע, בלויז אין נאָדלפאַך. אויך אין אַנדערע פּראָדוקטירנדיקע פאַריינען בילדן די יידן אין ווייסרוסלאַנד אַ באַדייטנדיק גרעסערן פּראָצענט ווי אין אוקראַינע. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז די גרופּע מעטאַליסטן: אין אוקראַינע באַטרעפן די יידישע מעטאַליסטן קנאַפּע 7 פּראָצענט און אין ווייסרוסלאַנד גאַנצע 38,6 פּראָצענט. אָבער אויך אין אוקראַינע זענען די יידישע מעטאַליסטן פאַרנומען הויפּטזעכלעך אין דער קליינער אינדוסטריע און נישט אין דער גרויסער פאַבריק. דידאָזיקע הנחה ווערט באַשטעטיקט דורך פאָלגנדיקע ציפערן וועגן דעם פּראָצענט פון די יידן מעטאַליסטן אין פאַרשידענע קרייזן פון אוקראַינע.

| קרייז | % יידן אין מעטאַליסטן-פאַריין |
|---|---|
| וויניצער | 32 |
| אומאַנער | 58 |
| באַרדיטשעווער | 36,8 |
| ניקאָלאַיעווער | 6,2 |
| יעקאַטערינאָסלאַווער | 5,8 |
| כאַרקאָווער | 6,5 |

אין די רעכטברעגיקע אוקראַינישע קרייזן, ווו די מעטאַל-אינדוסטריע איז זייער שוואַך אנטוויקלט, בילדן די יידן אַ באַדייטנדיקן טייל פון די מעטאַליסטן, אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן — בלויז בערך 6 פּראָצענט. דאָס באַווייזט, אַז די יידישע מעטאַליסטן זענען באַשעפטיקט הויפּטזעכלעך אין די האַנטווערקישע מעטאַל-פאַכן. די ירושה פון די פאַררעוואָלוציאָנערע צייטן לאָזט זיך נאָך שטאַרק פילן צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. פונדעסטוועגן קאָן מען שוין פעסטשטעלן וויכטיקע דערגרייכונגען. אין דער ערשטער רייע איז נויטיק צו פאַרצייכענען דעם ק אָ נ-

צענטראַציע-פּראָצעס פונם יידישן אַרבעטער-קלאַס. אַ באַדייטנדיקער טייל פונם יידישן האַנטווערקישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געווען צעוואָרפן איבער קליינע וואַרשטאַטלעך, האָט זיך קאָנצענטרירט אין די מלוכהשע זאַוואָדן און פאַבריקן פון דער לייכטער אינדוסטריע. כמעט אין אַלע גרויסע שטעט פונקציאָנירן גרויסע ניי-פאַבריקן, לעדער-זאַוואָדן א. א. מיט הונדערטער יידישע אַרבעטער. דער אויפשטעלונג-פּראָצעס פונם יידישן אַרבעטער-קלאַס איז אַזוי אַרום געווען פאַרבונדן מיט פּאָזיטיווע רעקאָנסטרוקטיווע מאָמענטן, אָבער, ווי געזאָגט, הויפּטזעכלעך אין די פּראָדוקציע-צווייגן, אין וועלכע די יידישע אַרבעטער זענען אויך פריער געווען באַשעפטיקט (שניידעריי, לעדער-באַאַרבעטונג, האָלץ-באַאַרבעטונג, טאַבאַק, שפּייז-אינדוסטריע, זאָקן-מאַכעריי א. א. וו.

קלענערע רעזולטאַטן זענען פאַראַן אין דער שווערער אינדוסטריע — אין דער באַרג-אינדוסטריע, אויף די אייזנבאַנען, אין דער מעטאַל-אינדוסטריע א. א. אָבער אויך אויף דעם געביט זענען פאַראַן געוויסע דערגרייכונגען.

אין די לעצטע 2—3 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן בילדן אינזלען פון יידישע אַרבעטער אין די גרויסע מעטאַל-פאַבריקן און זאַוואָדן (קיעוו, אָדעס, כאַרקאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, ניקאָלאַיעוו, באַכמוט, יוזאָווקע א. א.), אין אַ ריי אינדוסטריעלע צווייגן, וווּ ביז איצט איז קיין יידישע אַרבעטער אינגאַנצן נישט געווען, ציילן מיר שוין איצט אַ געוויסע צאָל יידישע אַרבעטער (אייזנבאַנער, פאַרבינדונג א. א.), און אין דער אוקראַינישער צוקער-אינדוסטריע שפּילן שוין די יידן אַ וויכטיקע ראָלע און בילדן כמעט אַ צענט חלק פון דער מיטגלידערשאַפט אין פאַריין פון צוקער-אַרבעטער. דער דראַנג אין דער גרויס-אינדוסטריע טראָגט אַ סטיכישן כאַראַקטער, די יידישע פאַרצווייפלטע מאַסן האָבן מיט זייער געזונטן חוש געפונען דעם דאָזיקן אויסוועג. דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט אונטערשטיצט מצד די צענטראַלע און אָרטיקע אָרגאַנען פון דער סאָוועטן-רעגירונג. אַ ריי באַשלוסן און צירקולאַרן פון די צענטראַלע, גובערניאַלע און קרייזישע מלוכה-אַנשטאַלטן צייכענען אָן פּראַקטישע מאָסמיטלען אַריינצוציען די רוינירטע יידישע מאַסן אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דער אינדוסטריאַליזירונגס-פּראָצעס גייט אָבער זייער לאַנגזאַם און שטויסט זיך אָן אויף גרויסע שוועריקייטן. יידן זענען פריער אין די דערמאָנטע פּראָדוקציע-צווייגן כמעט אינגאַנצן נישט געווען פאַרטראָטן, און דעריבער איז זיי געווען זייער שווער אַריין אין די זאַוואָדן און די פאַבריקן, ווייל די פריערע פלעצער ווערן אין דער ערשטער ריי פאַרנומען דורך די רוסישע אַרבעטער, זייערע קינדער און קרובים. די גרעסטע מניעה ביים איבער-

גאַנג צו פאַבריק־אַרבעט איז דער מאַנגל אין קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין דער יידישער סביבה, אין דער שווערער אינדוסטריע זענען דעריבער די יידישע אַרבעטער מייסטנס שוואַרץ־אַרבעטער, וועלכע ליידן מער פון אַלע אַנדערע אַרבעטער־גרופּן פון אַרבעטלאָזיקייט (53 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטלאָזע אין רוסלאַנד בילדן די נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטער) און דעריבער איז אין דער יידישער סביבה די אַרבעטלאָזיקייט אַסך גרע־סער ווי ביי נישט־יידן.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז ביי יידן איז דער פּראָצענט אַרבעט־לאָזע צוויי מאָל גרעסער, ווי ביי די מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען בכלל, ד. ה. אַז ביי יידן קומט פאָר אַן אַרויסשטויסונג־פּראָ־צעס פון די פּאָזיציעס אין דער אינדוסטריע, וועלכע זיי האָבן פאַרכאַפּט די לעצטע יאָרן. די פאָלגנדיקע טאַבעלע אילוסטרירט דעם פּראָצענט אַר־בעטלאָזע, וואָס די יידן האָבן אויסגעמאַכט אין די אינדוסטריעלע פאַריינען צום 1־טן מערץ 1927 אין אוקראַינע.

## דער פּראָצענט יידן צווישן די אַרבעטלאָזע אין אוקראַינע [1]

| פ אַ ר יי ן | % יידן צווישן די מיט־גלידער פון פאַריין | % יידן צווישן די אַרבעטלאָזע |
|---|---|---|
| באַרג־אַרבעטער | 0,5 | 0,7 |
| מעטאַליסטן | 6,9 | 13,48 |
| כעמיקער | 14,1 | 28,26 |
| לעדער־אַרבעטער | 48,6 | 25,16 |
| צוקער־אַרבעטער | 9,3 | 47,56 |
| שפּייזלער | 28,6 | 33,57 |
| טעקסטילער | 16,9 | 40,55 |
| נאָדל־אַרבעטער | 73,4 | 55,53 |
| דרוקער | 39,4 | 36,29 |
| פּאַפּיר־אַרבעטער | 17,5 | 36,25 |
| האָלץ־אַרבעטער | 29,7 | 25,13 |
| בויער | 9,8 | 13,35 |

1) מ. קיפּער „10 יאָר אָקטיאַבער“, קיעוו 1927, זייטן 45 און 48.

דידאָזיקע טאַבעלע איז זייער באַלערנדיק, זי ווייזט, אַז דער פּראָצענט יידן צווישן די אַרבעטלאָזע איז ביי די מעטאַליסטן, כעמיקער און פּאַפּיראַרבעטער 2 מאָל גרעסער פון זייער פּאַרהעלטניש צו דער מיטגלידערשאַפט, ביי די טעקסטילער $2\frac{1}{2}$ מאָל און ביי די צוקער-אַרבעטער זאָגאַר 5 מאָל מער פון זייער פּראָפּאָרץ אין פּאַריין. פּאַרקערט, ביי די נאָדל-אַרבעטער, לעדערניקעס, דרוקער- און האָלץ-אַרבעטער איז דער פּראָצענטועלער אָנטייל פון די יידן צווישן די אַרבעטלאָזע קלענער פונם פּראָצענט, וואָס זיי מאַכן אויס אין די פּאַריינען. די גרעסטע אַרבעטלאָזיקייט הערשט צווישן די יידישע אַרבעטער אין די אינדוסטריע-צווייגן, אין וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינגען נאָך דער רעוואָלוציע. ביי דער ערשטער כוואַליע פון אַרבעטלאָזיקייט האָבן די יידישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן דאָרט צו באַפעסטיקן, געליטן אַ סך מער פון זייערע קריסטלעכע חברים, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידישע אַרבעטער איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דידאָזיקע נייע אינדוסטריען. אין די „יידישע" פּאַכן (שניידער, שוסטער א. א. וו.) האָבן די יידן נישט נאָר איינגעהאַלטן זייערע פּאָזיציעס, נאָר זייער פּראָצענט צווישן די אַרבעטלאָזע איז דאָ אַפילו קלענער פון זייער פּאַרהעלטנישצאָל צו דער אַלגעמיינער צאָל אַרבעטער אין די פּאַריינען. נישט געקוקט אויפן איבערפלוס פון אַרבעטסקראַפט אין דידאָזיקע פּאַכן פילן זיך דאָרט די יידן גענוג פעסט. די אַרויסשטויסונג גייט הויפּטזעכלעך פון די גייע פּראָדוקציע-צווייגן, פון דער שווערער אינדוסטריע.

מען דאַרף נאָך אונטערשטרייכן, אַז אין 1927/28 איז די אַרבעטלאָזיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער נאָך מער אויסגעוואַקסן. אַדאַנק דעם שווערן קריזיס אין האַנטווערק, וואָס איז אַנטשטאַנען אין 1927/28 יאָר צוליבן מאַנגל אין רוישטאָף און דעם אָנגריף אויפן פּריוואַטן אונטערנעמער, זענען די קאַדרען אַרבעטלאָזע באַרייכערט געוואָרן מיט נייע טויזנטער יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען קאָנצענטרירט אין פּריוואַטן וואַרשטאַט.

אין אַ באַזונדערס שווערער לאַגע געפינט זיך די יידישע אַרבעטער-יוגנט.

די יוגנט האָט פּשוט נישט קיין מעגלעכקייט צו באַקומען אַ פּראָפעסיאָנעל-טעכנישע צוגרייטונג. די האַנטווערקער ווילן נישט אָננעמען קיין לערן-ייִנגלעך, אַדאַנק די שטייערן, דעם אָפּצאָל פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און דעם קורצן אַרבעטס-טאָג (לויטן געזעץ פון 31-טן מאַי 1923 איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ 4-שעהדיקער אַרבעטס-טאָג פאַר לערן-ייִנגלעך אין עלטער פון 14 ביז 16 יאָר און אַ זעקס-שעהדיקער אין עלטער פון 16

ביז 18 יאָר). דער דעקרעט פונם 13=טן מאַי 1925 האָט אָפּגעשוואַכט די שטייערן פאַר די ערשטע צוויי לערניינגלעך, אָבער דידאָזיקע פאַרלייכטערונג האָט נישט געגעבן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן, ווייל ס'איז נאָך געבליבן דער קורצער אַרבעטס=טאָג, די אָפּצאָלן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג און אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און די נויטיקייט צו שליסן ספּעציעלע אָפּמאַכן, פאַר וועלכע די בעל=מלאכות שרעקן זיך. חוץ דעם ווירקט נאָך די האַרטע פּאָליטיק פון די אָרטיקע פאַרטייאישע און געווערקשאַפטלעכע טוער בנוגע דעם קוסטאַר. דאָס באַשטעטיקן אויך די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען אין צענטליקער אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן פון די ערטער. אין ווייסרוסלאַנד איז אין 1925 געווען אינגאַנצן 1.500 לערנייגלעך, אנשטאט 13.500, וועלכע וואָלטן געדאַרפט זיין לויט דער צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג לגבי 1898 („עמעס", נומ. 246, פונם 27=טן אָקטאָבער 1925, רעפעראַט פון ה. וואָלאָברינסקי אויף דער באַראַטונג פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין ווייסרוסלאַנד). נישט פיל בעסער איז געווען די לאַגע סוף 1926. ביי 16.300 קוסטאַרן און האַנטווערקער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין ווייסרוסישן קוסטאַריש-געווערבלעכן פאַרבאַנד („קוסטפּראָמסאָיוז") איז געווען אינגאַנצן 782 לערניינגלעך („אָקטיאַבר" נומ. 50 פונם 2=טן מערץ 1927). די זעלבע לאַגע איז אויך אין אוקראַינע. אין די אַרטעלן באַטרעפט אין אוקראַינע די צאָל שילער 4—5 פּראָצענט לגבי דער אַלגעמיינער צאָל אַרטעל=מיטגלידער. אין 50 פּראָצענט אַרטעלן איז בכלל קיין לערניינגלעך נישטאָ („דער קוסטאַר" נומ. 3 פונם 15=טן דעצעמבער 1927). אין אדעס איז צום 1=טן סעפּטעמבער 1926 געווען אינגאַנצן 600 לערניינגלעך, פון זיי 450 ביי האַנטווערקער און קוסטאַרן (אין אָדעס איז דעמאָלט געווען העכער 10.000 זעלבשטענדיקע בעל=מלאכות) און 150 אין די קוסטאַרישע אַרטעלן („עמעס", נומ. 224 און 234 פונם 29=טן סעפּטעמבער און 10 אָקטאָבער 1926). די אויספאָרשונג פון 2322 קוסטאַרן אין קיעוו האָט באַוויזן, אַז בלויז 8,8 פּראָצענט האָבן לערניינגלעך („עמעס", נומ. 143, פונם 25=טן יוני 1926). אַרום און אַרום איז אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד אָנהויב 1927 געווען 10.000 יידישע האַנטווערקער=שילער („עמעס" נומ. 34 פונם 11=טן פעברואַר 1927), אין 1898 האָבן די לערניינגלעך דורכשניטלעך אויסגעמאַכט איין פינפטל פון אַלע באַשעפטיקטע אין האַנטווערק און איצט בילדן זיי אַ נישטיקן פּראָצענט אין דער מלאכה.

די שווערע לאַגע פון דער יוגנט האָט געצוווּנגען דעם קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אַרויסצושטעלן אַ פאָדערונג צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטסטאָג פאַר לערניינגלעך אין די דערפער און שטעטלעך און פאַרקלענערן דעם אָפּצאָל פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג אין די שטעט און אים אינ-

גאַנצן אָפּשאַפן אין די דאָרפישע און שטעטלשע ישובים („עמעס“, נומ. 170 פונם 26-טן יולי 1925). אַן אַנטשפּרעכנדיקער דעקרעט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אָקטאָבער 1926 („איזוועסטיאַ“, נומ. 252, פונם 31-טן אָקטאָבער 1926). דער נייער געזעץ וועגן האַנטווערקער-שילעריי פאַרלענגערט דעם אַרבעטס-טאָג ביז 6 און 8 שעה, פאַרלייכטערט די באַדינגונגען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג און אַרבעטס-לוין און גיט נאָך אַ רייע לגאַטעס דעם קוסטאַר אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע געזעצן. דערדאָזיקער דעקרעט האָט לכתחילה געהאַט אַ גינסטיקע ווירקונג און אין יאָר 1926/27 איז די צאָל לערניינגלעך פאַרגרעסערט געוואָרן, אָבער אויך דעמאָלט איז דער פּראָצענט לערניינגלעך אין דער מלאכה געווען עטלעכע מאָל קלענער ווי פאַרן קריג. די האַנטווערקער מיידן נאָך אויך אויס אָנצונעמען לערניינגלעך, באַזונדערס אין די שטאָטישע ישובים, ווו זיי זענען נאָך פאַרפליכטעט צו צאָלן באַדייטנדיקע אָפּצאָלן (לויטן נייעם געזעץ ווערן נאָר די דאָרפישע שילער באַפרייט פון אָפּצאָלן). חוץ דעם האָט נאָך זייער שלעכט געווירקט די נייע וואַל-אינסטרוקציע, וועלכע האָט לכתחילה אָפּגענומען דאָס וואַלרעכט אויך ביי די קוסטאַרן, וואָס האַלטן לערניינגלעך. דערדאָזיקער פעלער איז שפּעטער באַזייטיקט געוואָרן, און קוסטאַרן, וואָס האָבן נישט מער פון 2 לערניינגלעך, בלייבן וואַלבאַרעכטיקט, אָבער דערדאָזיקער פאַקט האָט דאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין זין פון פאַרהאַלטן די אַנטוויקלונג פון דער מלאכה-שילעריי. זייער וויכטיק איז אויך דער פאַקט, וואָס די לערניינגלעך בלייבן געוויינלעך נישט די גאַנצע צייט אין דער לערע ביים בעל-מלאכה. ווי נאָר מ'דאַרף איבערפירן דעם שילער אין אַ העכערער קאַטעגאָריע און אים צאָלן אַ גרעסערן געהאַלט, זאָגט זיך דער קוסטאַר אָפּ אים ווייטער צו האַלטן. אַ גרויסער טייל פון די לערניינגלעך דערלערנען דעריבער נישט ווי געהעריק די מלאכה.

דער אַלגעמיינער קריזיס אין 1927/28 יאָר האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך שטאַרק געטראָפן די יוגנטלעכע, און זייער מצב איז דאָס לעצטע יאָר נאָך אַ סך פאַרערגערט געוואָרן. אויב אין די לעצטע יאָרן האָבן די האַנטווערקער ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויפנעמען לערניינגלעך (אמת, אין זייער אַ קליינער מאָס), האָבן איצט די יוגנטלעכע, אַדאַנק דער גוואַלטיקער אַרבעטלאָזיקייט צווישן די קוסטאַרן, פאַרלאָרן די לעצטע האָפנונג זיך איינצואָרדנען אין דער מלאכה. *די האַנטווערקער-שילעריי איז דאָס לעצטע יאָר שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן.* אין איניקע קרייזן כמעט אויף גאַנצע 50 פּראָצענט (באַרדיטשעוו א. א.).

די יוגנט קאָן גאָך קריגן אַ פּראָפעסיאָנעלע דערציונג אין די פּראָפעסיאָנעל-טעכנישע און פאַבריק-שולן, אָבער די נעץ פון דידאָזיקע שולן

איז זייער קליין און אין די שטעטלעך און קלענערע שטעט איז קיין פּראָפעסיאָנעלע שולן בכלל נישטאָ. סך הכל האָבן זיך אין 1927 געלערנט אין די פּראָפטעכנישע, קוסטאַרישע און פאַבריק-זאַוואָדישע שולן בערך 15 טויזנט יידישע יוגנטלעכע 1).

צוליב דידאָזיקע סיבות באַשטייט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט פון לייִדיקגייער. אין דעם שוין ציטירטן רעפעראַט פון ה׳ וואָלאָ-בּרינסקי ווערט אָנגעוויזן, אַז אין ווייסרוסלאַנד איז אין 1925 יאָר 10 פּראָ-צענט פון דער שטאָטישער יוגנט געווען פאַרנומען אין דער פּראָדוקציע, 20 פּראָצענט—„רייבן זיך אַרום דער שול און אַנדערשוווּ“ און 70 פּראָצענט האָבן נישט געהאַט קיין שום באַשעפטיקונג („עמעס“, נומ. 246, פונם 27-טן אָקטאָ-בער 1925). אויף דער האָמלער באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס ביים קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז 60 פּראָצענט פון דער שטאָטישער און שטעטלשער יוגנט האָט נישט קיין באַשעפטיקונג און דערביי דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט, וועלכע איז אָן אַ באַ-שעפטיקונג, פאַלט אויף דער יידישער יוגנט („עמעס“, נומ. 210, פונם 15-טן סעפטעמבער 1925). אויף דער קיעווער קוסטאַרן-קאָנפערענץ אין מאַי 1926 איז די לאַגע פון דער יוגנט אַזוי געשילדערט געוואָרן. דער גרעס-טער טייל איז „אַרבעטלאָז, לערנט זיך נישט קיין שום מלאכה, אַ טייל איז געבליבן אינמיטן נישט דערלערנט“ („שטערן“, נומ. 142, פונם 25-טן יוני 1926).

אין די יאָרן 1925/26 און 1926/27 זענען טויזנטער יידישע יוגנט-לעכע אַריינגעדרונגען אין דער פּראָדוקציע, אָבער די אַלגעמיינע לאַגע פון דער יידישער יוגנט איז נאָך געווען זייער אַ טרויעריקע. ה׳ קאַלמאַנ-סאָן שרייבט אין „עמעס“ פונם 17-טן אויגוסט 1927 : „די לעצטע צייט האָבן מיר אַ גרויסע צאָל אַרבעטלאָזע מינדעריעריקע, וואָס זענען פאַר-שריבן אויף די אַרבעט-בירזשעס 2) און האָבן פאַקטיש נישט קיין פּערספּעק-טיוון איינצואָרדנען זיך אין דער אינדוסטריע. מיר האָבן אין אַלע שטעט גרויסע מחנות מינדעריעריקע, וואָס האָבן נישט קיין שום קוואַליפיקאַציע

---

1) גענויער וועגן פּראָפטעכנישער בילדונג זע ווייטער אין קאַפּיטל „יידישע בילדונג און קולטור-אַנשטאַלטן“.

2) מען דאַרף באַמערקן, אַז אויף די אַרבעט-בירזשעס קאָן זיך רעגיסטרירן נאָר די אַר-בעטער-יוגנט, די קינדער פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. די קינדער פון קוסטאַרן און הענדלער קאָנען, לויטן צירקולאַר פון 4-טן מערץ 1927, נישט רעגיסטרירט ווערן אויף די בירזשעס און בע-שיקט ווערן אויף אַרבעט. די צאָל אַרבעטלאָזע יוגנטלעכע איז דעריבער פאַקטיש אַ סך גרעסער פון די צאָל, וואָס עס גיבן אָן די אַרבעט-בירזשעס.

און קאָנען בשום אופן נישט ווערן אויסגענוצט". אויף דער אַלפּאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס פונם קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד אין אָקטאָבער 1927 האָט דער פירער פון דידאָזיקע סעקציעס י. ראַזומאַן, רעזומירנדיק די דערגרייכונגען פון דער יידישער יוגנט פאַר די לעצטע יאָרן, אַזוי פאָרמולירט די געשאַפענע לאַגע: „די אַלע דערגרייכונגען זענען טיילווייזע. דער פּראָצעס פון רויניר ונג קומט פאָר מיט אַ שנעלערן טעמפּ, איידער דאָס אַריינציען אין אַלע פּראָדוציר-צווייגן" („עמעס", נום. 247 פונם 28-טן אָקטאָבער 1927).

מ׳דאַרף נאָך באַמערקן, אַז דער עיקר ליידן די קינדער פון דער יידישער אָרימקייט. ה׳ יאַנקל לעווין שרייבט אין „עמעס" פונם 22-סטן דעצעמבער 1926 וועגן פּראָסקוראָווער קרייז: „ערגער איז די לאַגע פון דער אָרימער יוגנט, ווייל עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די יוגנט פון די רייכערע עלטערן אָרדנט זיך איין ביי די קוסטאַרן אויף דער לער און דער קוסטאַר באַקומט דערביי באַצאָלט סיי פאַרן לערנען, סיי אפילו פאַר סאָציאַלע פאַרזיכערונג). דידאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז חל נאַטירלעך נישט נאָר אויף פּראָסקוראָווער קרייז, דאָס איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין אַלע שטעט און שטעטלעך. דאָס האָט באַשטעטיקט אויך ה׳ טשעמערינסקי אויף דער דערמאָנטער באַראַטונג פון די קאָמיוגישע סעקציעס אין אָקטאָבער 1927, וועלכער האָט דערקלערט, אַז „דער סאַמע אָרימסטער טייל פון דער יוגנט באַגעגנט די גרעסטע שוועריקייט ביים אַריינדרינגען אין דער פּראָדוקציע — פאָרן אין די אינדוסטריעלע ראַיאָנען און אין שטאָט האָט ער נישט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייט און אָנקומען צום בעסערן האַנטווערקער און קוסטאַר שטערט אויך די געשאַפענע לאַגע. פּאַקטיש ציט זיך סיי אין שטאָט אין דער אינדוסטריע, סיי אין דער קוסטאַרעריי די פעסטערע יוגנט, וועלכע האָט אַ באַשטימטן מאַטעריעלן מינימום" („עמעס", נום. 243 פונם 23-טן אָקטאָבער 1927).

די לעצטע ידיעות פון 1927/28 מאָלן שרעקלעכע בילדער פון דעקלאַסירונג-פּראָצעסן צווישן דער יידישער יוגנט. די אויספאָרשונגען, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן אין פּאָדאָליע, וואָלין, מאָלדאַוויע, באַרדיטשעוו און פּערוואָמאַיסקער קרייזן א. א. ראַיאָנען, האָבן אומעטום געבראַכט די זעלבע רעזולטאַטן: די אַרבעטלאָזיקייט צווישן דער יידישער יוגנט דערגרייכט פון 60 ביז 80 פּראָצענט און קיין שום פּערספּעקטיוון צו קריגן אַרבעט אין דער נאָענטער צוקונפט איז נישטאָ.

די סאָוויעטישע אָרגאַנען זוכן מיטלען צו לינדערן די נויט און מערקן אָן מאָסמיטלען צו קוואַליפיצירן און איינאָרדנען אַ טייל פון די

יידישע יוגנטלעכע (גרינדן קוסטאַר־שולן, איינאָרדנען אויף סעזאָן־אַרבעטן און אין די אונטערנעמונגען, אַריבערפירן אַ געווויסע צאָל יוגנטלעכע אין די ראַיאָנען פון דער גרויס־אינדוסטריע), אָבער דאָס זענען אַלץ פּאַליאַטיוון, וואָס העלפן נאָר אַ קליינעם ברוך־טייל פון דער יידישער יוגנטמאַסע, דער רוב פון דער יידישער יוגנט, באַזונדערס אין די שטעטלעך, בלייבט הילפלאָז און געפינט זיך אין אַ קריטישער לאַגע.

אַ באַדייטנדיקער טייל פון די יידישע אַרבעטער איז אויך איצט באַשעפטיקט אין קליינעם וואַרשטאַט. אין דעם פּרט זענען זייער כאַראַקטעריסטיש די אויספאָרשונגען פון די אַרבעטער פון די פּריוואַטע אונטערנעמונגען.

## די פּריוואַטע וואַרשטאַטן אין וויטעבסק אין 1926 [1]

| פ אַ ך | צאָל וואַרשטאַטן | צו 1 אַרבעטער | צו 2 | צו 3 | צו 4 | מער ווי 4 אַרבעטער |
|---|---|---|---|---|---|---|
| שניידער | 52 | 36 | 11 | 3 | 2 | — |
| לעדער | 222 | 205 | — | 10 | 3 | 4 |
| מעטאַל | 98 | 95 | — | — | 1 | 2 |
| צוזאַמען | 372 | 336 | 11 | 13 | 6 | 6 |

90 פּראָצענט פון די פּריוואַטע וואַרשטאַטן האָבן נאָר צו 1 אַרבעטער און בלויז 6 וואַרשטאַטן ציילן מער ווי 4 אַרבעטער! אין אָדעס זענען אין 1926 יאָר אויסגעפאָרשט געוואָרן 3.500 אַרבעטער אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען פון סווערדלאָווער ראַיאָן. די אויספאָרשונג האָט אַרומגעכאַפּט די פאַכן, וווּ די יידן שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָלע — שניידער, לעדערניקעס, האָלץ־אַרבעטער, דרוקער, מעטאַליסטן, כעמיקער און טראַנספּאָרטלער. פון 1.400 פלאַקס־דערנערונג־אַרבעטער זענען 1.200 הויזדינסטן, די איבעריקע 2.300 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון ראַיאָן זענען צעוואָרפן צווישן העכער 1.000 פּריוואַטע אונטערנעמונגען. אויף איין אונטערנעמונג קומט אויס אין דורכשניט עטוואָס מער פון 2 מענטשן". אונטערנעמונגען מיט מער פון 10 אַרבעטער איז פאַראַן בלויז 7 — ביי די מעטאַליסטן 5 (פון 177 אונטערנעמונגען) און ביי די כעמיקער 2 (פון 25 אונטערנעמונגען)[2].

1) „אָקטיאַבר“, נומ. 199, פונם 1־טן סעפטעמבער 1926.

2) זע: י. ראַפּיטשעוו („עמעס“, נומ. 239, פונם 16־טן אָקטאָבער 1926).

אין אוקראַינע האָבן אין 1927 יאָר 4.623 מיטגלידער פון נאָדל־פאַריין געאַרבעט אין 3.159 פּריוואַטע וואַרשטאַטן, ד. ה. דורכשניטלעך צו אַנדערהאַלבן אַרבעטער אויף אַ וואַרשטאַט. אונטערנעמונגען מיט מער פון 5 אַרבעטער איז געווען אינגאַנצן 34 („שטערן", נום. 205 פונם 9־טן סעפּטעמבער 1927).

אין גרויסע פאַבריק־אונטערנעמונגען און וואַרשטאַטן געפינען זיך נאָר די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען אַריינגעצויגן אין דער מלוכה־אינדוסטריע, אָבער ווי געזאָגט איז אַ באַדייטנדיקער טייל פונם יידישן אַרבעטער־קלאַס קאָנצענטרירט אין פּריוואַטן קליינעם וואַרשטאַט. אין אוקראַינע איז אין דער ניי־אינדוסטריע באַשעפטיקט אין מלוכהשע אונטערנעמונגען נאָר 41,9 פּראָצענט אַרבעטער, די איבעריקע זענען אָנגעוויזן אויפן פּריוואַטן בעל־הבית [1].

דער ספּעציפישער האַנטווערקישער כאַראַקטער פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט האָט אויך זייער שטאַרק געווירקט אויף זיין מאַטעריעלער לאַגע. כדי צו קריגן אַרבעט איז דער יידישער אַרבעטער געצוווּנגען זיך אָפּצוזאָגן פון אַ היבשן טייל פּריווילעגיעס, וועלכע דער „אַרבעטס־קאָדעקס" פון ס.ס.ס.ר. גיט דעם אַרבעטער. זייענדיק אָפּהענגיק פון די פּריוואַטע קליינע בעלי־הבתים, וועלכע ווילן נישט אָננעמען קיין אַרבעטער, איז אַ באַדייטנדיקער טייל יידישע אַרבעטער געצוווּנגען איבערצוגיין צו דער שווערסטער הויז־אַרבעט. די יידישע אַרבעטער ציילן אַ גרויסע צאָל קוואַרטירניקעס, וועלכע אַרבעטן ביי זיך אינדערהיים פאַרן פּריוואַטן בעל־מלאכה און ליידן פון דער שווערסטער עקספּלואַטאַציע — פאַר זיי עקזיסטירט נישט דער 8־שעהדיקער אַרבעט־טאָג, זיי געניסן נישט פון דער סאָציאַלער פאַרזיכערונג און פון אַ רייע אַנדערע לגאָטעס, וועלכע די סאָוויעטישע געזעצגעבונג האָט איינגעפירט פאַרן אַרבעטער. אויפן אַלאוקראַינישן צוזאַמענפאָר פונם נאָדל־פאַריין דעם 31־טן יאַנואַר 1926 איז די לאַגע פון די הויז־אַרבעטער געשילדערט געוואָרן אויף פאָלגנדיקן אופן:

„די שטוב־אַרבעטער ווערן שווער עקספּלואַטירט דורך די פּריוואַטניקעס"...

„אַדאַנק דער אומלעגאַלער אַרבעט צאָלן זיי (די פּריוואַטניקעס נ. ג.) נישט קיין סאָציאַלע פאַרזיכערונג און אַנדערע שטייערן און קאָנען דעריבער פאַרקויפן וואָלוועלער די סחורה".

די דעלעגאַטן האָבן אין די רעדעס אָנגעוויזן, אז „ס'איז נייטיק צו

---

[1]) „די רויטע נאָדל", נום. 1, כאַרקאָוו 1928.

לעגאַליזירן די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, געבן די מעגלעכקייט די קוס־טאַרן אָננעמען אַרבעטער, וויפל זיי ווילן, דאָס וועט מאַכן אַ סוף צו דער באַהאַלטענער אַרבעט פון די שטוב־אַרבעטער און וועט פאַרקלענערן די אַרבעטלאָזיקייט" („עמעס", נומ. 31, פונם 7־טן פעברואַר 1926). וועגן דער לאַגע פון די וויטעבסקער שניידער-הויז־אַרבעטער לייענען מיר אין „אָקטיאַבר", פונם 2־טן יולי 1926: „ביז איצט עקזיסטירן נאָך אונטערערדישע שוויצ־גריבער. די קליינע קוסטאַרלעך, וואָס זענען צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטאָט מיידן נאָך עד היום אויס צו נעמען אַן אַרבעטער און גיבן בעסער אָפּ די אַרבעט אויף אַהיים. קיין אַרבעט-טאָג קאָן דעריבער נישט איינגעשטעלט ווערן, מען אַרבעט מיט ווייב און קינדער, מען אַרבעט טאָג און נאַכט אין קעלערס, אויף בוידימער און מען באַקומט דערפאַר קדחת מיט כשרע פּאָ־דים". דיזעלבע באַדינגונגען געפינען מיר אין אַ רייע אַנדערע פאַכן פון דער האַנטווערקער־אינדוסטריע. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן די לעצטע יאָרן געפירט אַ קאַמף קעגן דער סיסטעם פון אומלעגאַלער היים־אַרבעט, אָבער די צאָל קוואַרטירניקעס פאַרקלענערט זיך נישט, פאַרקערט אין יאָר 1927 באַמערקט זיך אומעטום אַ שטאַרקער וווּקס פון דער צאָל הויז־אַרבעטער. אין באַריכט פון נאָדל־פאַריין אין אוקראַינע ווערט געזאָגט, אַז די בעלי־הבתים „באַנוצן אַלץ מער געדונגענע אַרבעטקראַפט אויף אַן אומלעגאַלן אופן" („שטערן" פונם 20-טן אַפּריל 1927). אין באַריכט פון לעדער־פאַריין אין ווייסרוסלאַנד לייענען מיר: „אַ סך קוסטאַרן סטאַרען זיך אָפּיציעל צו פאַרמאַכן זייערע וואַרשטאַטן און אָפּזאָגן די אַרבעטער, אָבער פאַקטיש ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי גיבן אַרבעט אַהיים דיזעלבע אַרבעטער, נאָר אומלעגאַל" („עמעס", נומ. 124, פונם 4-טן יוני 1927). אין אַדעס האָבן די פּריוואַטע קאָנפעקטן-פאַבריקלעך „אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די אַר־בעט צו וויקלען קאָנפעקטן די קוואַרטירניקעס, אָרעמע אויסגעמוטשעטע מיידלעך, וואָס אַרבעטן צו 12 און 14 שעה און באַקומען פאַר זייער האָ־רעוואַניע גראָשנס" („שטערן", נומ. 138, פונם 21-טן יוני 1927). אַזוינע ידיעות זענען פאַראַן אויך בנוגע אַנדערע שטעט. מ'דאַרף נאָך אָנווייזן, אַז די לעצטע צייט ווערט די הויז-אַרבעט שטאַרק פאַרשפּרייט דורך דער סיסטעם פון פיקטיווע קוסטאַרן, די אַזוי־גערופענע „פּאַטענטניקעס". דער קוואַרטירניק נעמט אַרויס אַ פּאַטענט אויף פּערזענלעכע באַשעפטיקונג, פאָרמעל פיגורירט ער אויף אַזאַ אופן ווי אַ קוסטאַר־יחיד, פאַקטיש אָבער אַרבעט ער פאַרן פאַרמעגלעכן בעל-מלאכה און הענדלער און ווערט שרעקלעך עקספּלואַטירט. אַדאַנק דערדאָזיקער שווערער לאַגע און דער גוואַלטיקער אַרבעטלאָזיקייט גייט אַ טייל יידישע אַרבעטער איבער צו קוסטאַרערײַ און צו לאַנדווירטשאַפט.

אַ באַזונדערן אינטערעס רופן אַרויס די ידיעות וועגן די יידישע
באַאַמטע און אָנגעשטעלטע. יידן האָבן אָנגעהויבן אַריינדרינ-
גען אין מלוכה-אַפּאַראַט ערשט נאָך דער רעוואָלוציע, עס איז דעריבער
באַזונדערס וויכטיק פעסטצושטעלן דעם פּלאַץ, וואָס די יידן פאַרנעמען אויף
דעמדאָזיקן נייעם טעטיקייט-געביט. ליידער איז אוממעגלעך אויסצוטיילן
באַזונדער די צאָל באַאַמטע, ווייל אין דער גרופּע אָנגעשטעלטע גייען אַריין
באַאַמטע אין מלוכה-אַנשטאַלטן, אָנגעשטעלטע אין די קאָאָפּעראַטיוון און
דער אינדוסטריע און אויך אין די פּריוואַטע אַנשטאַלטן. אָבער די צאָל
אָנגעשטעלטע אין פּריוואַטן האַנדל און אינדוסטריע איז קליין און נישטיק,
די קאָאָפּעראַציע איז אין סאָוויעט-רוסלאַנד פּאַקטיש אַ מלוכה-אינסטיטוציע,
אַזוי, אַז די ציפערן וועגן די אָנגעשטעלטע גיבן אין אַלגעמיין אַ בילד
וועגן דער ראָלע פון די יידן אין מלוכה-אַפּאַראַט. די אַבסאָלוטע צאָל אָנ-
געשטעלטע אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און מאָסקווע — 187,4 טויזנט
(אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד — בערך 220.000) איז זייער אַ באַדייטנ-
דיקע. אָבער זייער פּראָפּאָרץ לגבי דער אַלגעמיינער צאָל אָנגעשטעלטע
איז אין די שטעט (און נאָר אין די שטעט איז קאָנצענטרירט דער סאָ-
וויעטישער מלוכה-אַפּאַראַט) קלענער פונם פּראָצענט יידן אין דער שטאָטי-
שער באַפעלקערונג: אין אוקראַינע מאַכן די יידישע אָנגעשטעלטע אין די
שטעט אויס 20,5 פּראָצענט און אין דער באַפעלקערונג — 22,7 פּראָצענט;
אין ווייסרוסלאַנד אַנטשפּרעכנדיק — 30,5 פּראָצענט און 40,1 פּראָצענט.
עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ביי נישט-יידן איז אין די שטעט דער וואָג פון
די באַאַמטע נישט קלענער ווי ביי יידן. אַן אויסנאַם בילדן נאָר די גרויסע
צענטערן, ווו דער פּראָצענט אָנגעשטעלטע ביי יידן איז אַ סך העכער פונם
דורכשניטלעכן ניוואָ: אין מאָסקווע בילדן די אָנגעשטעלטע 50,1 פּראָצענט
פון אַלע עקאָנאָמיש-אַקטיווע יידישע עלעמענטן, אין כאַרקאָוו 43,8 פּראָצענט,
אין לענינגראַד — 40 פּראָצענט, בשעת אין אוקראַינע מאַכן זיי אויס אין
די שטעט 24,6 פּראָצענט און אין ווייסרוסלאַנד — בלויז 19,8 פּראָצענט.
די יידן האָבן ווירקלעך דערוואָרבן פעסטע פּאָזיציעס אין מלוכה-אַפּאַראַט,
באַזונדערס אין די גרויסע צענטערן, אָבער די אַרבעטסלאָזיקייט אין צווישן
די יידישע אָנגעשטעלטע פּראָפּאָרציאָנעל גרעסער, ווי ביי דער גאַנצער
באַפעלקערונג. די יידן האָבן אויסגעמאַכט אין אוקראַינע אין 1927 יאָר
22,9 פּראָצענט פון די סאָוויעט- און האַנדלס-אָנגעשטעלטע און צווישן די
אַרבעטסלאָזע האָבן זיי געבילדעט 41,4 פּראָצענט, ד. ה. כמעט צוויי מאָל
מער פון זייער פאַרהעלטניש צו דער מיטגלידערשאַפט. די ווירקונג פון
דער אוקראַיניזאַציע און ווייסרוסיזאַציע לאָזט זיך שטאַרק פילן אין דער

ייִדישער סבֿיבֿה, און דער פּראָצענט אַרבעטלאָזע איז דעריבער צווישן די ייִדישע באַמטע און אָנגעשטעלטע אַ סך גרעסער, ווי בײַ נישט-ייִדן.

## קוסטאַרן און האַנטווערקער

די בעלי-מלאָכות בילדן איצט כּמעט אַ העלפט פון די פּראָדוצירנדיקע עלעמענטן אין דער ייִדישער סבֿיבֿה און פאַרנעמען אויף אַזאַ אופן אַ וויכטיקן פּלאַץ אין ייִדישן עקאָנאָמישן לעבן. ביז 1925 איז אָבער דער קוסטאַר באַטראַכט געוואָרן ווי אַן עקספּלואַטירנדיקער עלעמענט, און אויף אים זענען געפאַלן שווערע שטײַערלאַסטן און אַנדערע אָפּצאָלונגען. דערצו האָט נאָך דער בעל-מלאָכה געליטן פון אַרבעטלאָזיקייט, אַדאַנק דער פאַרקלענערונג פון דער קויף-פעיִקייט פון דער דאָרפישער און שטאָטישער באַפעלקערונג. דאָס האָט געפירט צו דער פאַרקלענערונג פון דער צאָל ייִדישע קוסטאַרן און דער דעגראַדאַציע פון דער ייִדישער קוסטאַר-אינדוסטריע. אַ טייל ייִדישע קוסטאַרן און האַנטווערקער האָבן ליקווידירט זייערע וואַרשטאַטן און האָבן זיך גענומען פאַר האַנדל, באַרײַכערנדיק דעם מאַרק מיט נײַע שטעלכלעך און טישלעך. אמת, דער הענדלער האָט נישט נאָר נישט געהאַט קיין גרעסערע פּריווילעגיעס פונעם בעל-מלאָכה, נאָר אין פאַרשידענע הינזיכטן איז זײַן רעכטלעכע לאַגע געווען אַ סך שווערער. אָבער פונעם האַנדל האָט מען מינדעסטנס געקאָנט האָפן צו קריגן אַ קלײנעם עקזיסטענץ-מינימום, בשעת די קוסטאַרערײַ האָט קוים געקלעקט צו באַצאָלן די שטײַערן. אַ באַדײַטנדיקע צאָל ייִדישע קוסטאַרן איז איבערגעגאַנגען צו ערדאַרבעט. צווישן די רעגיסטרירטע אויף לאַנדווירטשאַפט אָנהויב 1925 בילדן די קוסטאַרן אין אוקראַינע — 31 פּראָצענט און אין ווײַסרוסלאַנד — 30 פּראָצענט 1). די ידיעות, וואָס מיר פאַרמאָגן בנוגע דער קוסטאַר-אינדוסטריע אויף אוקראַינע און אין ווײַסרוסלאַנד באַווײַזן בולט דעם אונטערגאַנג פון דער זעלבשטענדיקער מלאָכה ביז דעם 1925 יאָר. פונעם 15-טן מערץ 1925 ביז צום 1-טן אַפּריל 1925 איז אין אוקראַינע די צאָל קוסטאַרן פאַרקלענערט געוואָרן פון 170.000 ביז 143.000, ד. ה. אויף העכער 20 פּראָצענט („עמעס", נומ. 287, פונעם 16-טן דעצעמבער 1925). בלי ספק איז נאָך פאַר דער צײַלונג אין 1923 די צאָל בעלי-מלאָכות שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, באַזונדערס אין דער ייִדישער סבֿיבֿה, אַדאַנק די פּאָגראָמען, ווען די ייִדישע האַנטווערקער האָבן פאַרלאָרן זייער געצייג

1) י. גאָלדע. „דער סך הכּל פון דער רעגיסטראַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג". „דער ייִדישער פּויער", זײַט 40, מאָסקווע 1925.

און אינוועגטאַר פון די וואַרשעווער אַמט. אין ווייסרוסלאַנד איז לויט די ידיעות פון דער סאָוויעטישער פרעסע אין 1925 געווען בערך 25.000 יידישע בעלי-מלאכות. לויט דער פראָפאָרץ פון דער באַפעלקערונג אַקעגן 1898 יאָר וואָלט דאָרט געדאַרפט זיין איבער 32.000 יידישע קוסטאַרן [1].

אין 1925 יאָר איז די לאַגע פון די קוסטאַרן ראַדיקאַל געענדערט געוואָרן. דער וווּקס פון דער אַרבעטלאָזיקייט אַדאַנק דעם צופלוס פון די דאָרפישע עלעמענטן אין שטאָט פון איין זייט, און דער סחורה-הונגער פון דער צווייטער זייט — האָט אַרויסגערופן מצד דער סאָוויעטן-רעגירונג אַ רייע מאָסמיטלען צו אויפלעבן די קוסטאַר-אינדוסטריע, כדי אויף אַזאַ אופן שאַפן אַרבעט-מעגלעכקייטן פאַר די אַרבעטלאָזע עלעמענטן און פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון די אַרטיקלען, אין וועלכע דאָס פּויערטום האָט זיך שטאַרק גענויטיקט. די האַנטווערקער האָבן געקריגן גרויסע הנחות אויפן שטייערן-געביט, און ס'איז אויך געגעבן געוואָרן וויכטיקע גאָטעס בנוגע דירה-געלט, קאָמונאַלער באַדינונג און מעדיצינישער הילף פאַר בעלי-מלאכות. דער דאָזיקער נייער קורס פון דער סאָוויעטנמאַכט האָט באַדייטנדיק פאַרבעסערט די לאַגע פונם יידישן בעל-מלאכה. די האַנטווערקער, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע יאָרן אַוועקגעוואָרפן די מלאכה, האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אומקערן צו זייער פּראָפעסיע. אין אוקראַינע איז אין משך פון איין האַלב יאָר, פונם 1-טן אַפּריל ביזן 1-טן אָקטאָבער 1925, די צאָל קוסטאַרן און האַנטווערקער (יידן און נישט-יידן) פאַרגרעסערט געוואָרן אויף העכער 37.000. אין 1925/26 ווירטשאַפט-יאָר איז די קוסטאַרישע אינדוסטריע באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן אין אַלע טיילן פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד און איר פּראָדוקציע האָט באַטראָפן העכער 17 פּראָצענט פון אַלע אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען אין לאַנד.

צו קוסטאַרעריי גייען די לעצטע יאָרן איבער אויך אַ סך עלעמענטן פון אַנדערע פּראָפעסיעס, וואָס זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. די דאָזיקע דערשיינונג באַמערקט זיך באַזונדערס שטאַרק אין דער יידישער סביבה, וווּ צו מלאכה גייען איבער אַרבעטלאָזע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, געוועזענע קרעמער א. א. די צאָל זעלבשטענדיקע יידישע בעלי-מלאכות האָט שוין דעריבער איבערגעשטיגן דעם

1) וואָס איז שייך די פאַרטיילונג פון די יידישע בעלי-מלאכות צווישן די איינצלנע פאַכן איז קיין גענויע ידיעות וועגן דעם נישטאָ. אָבער די דאַטן וועגן דעם באַשטאַנד פון די קוסטאַרן־שע מיטגלידער פון די לייַ- און שפּאָר-קאַסעס און די אויספאָרשונג פון „אָרט" אין 1927 יאָר האָבן באַוויזן, אַז קיין וויכטיקע ענדערונגען זענען אין דעם פּרט אַקעגן 1898 יאָר נישט פאָרגעקומען.

פאַרמלחמהדיקן ניוואָ. אין 1898 האָט די צאָל יידישע האַנטווערקער אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד באַטראָפן בערך 180.000 (מיט די לערניינגלעך, אָבער אָן די אַרבעטער), איצט דערגרייכט די צאָל יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין דער מלאכה, ביז 200.000. די צאָל לערניינגלעך איז, ווי געזאָגט, איצט זייער אַ קליינע, בשעת אין 1898 יאָר האָבן זיי אויסגעמאַכט 38 פּראָצענט פון די מייסטערס (אָן די פּועלים), אַזוי אַז די צאָל זעלבשטענדיקע קוסטאַרן איז איצט גרעסער ווי אין 1898 יאָר.

די יידישע מלאכה אין רוסלאַנד צייכנט זיך אויס מיט איר אָפּגעשטאַנענקייט און שלעכטער אויסשטאַטונג. די ציילונג פון דער אוקראַינישער קוסטאַרישער אינדוסטריע אין 1925 האָט באַוויזן, אַז נאָר 17 פּראָצענט פון די קוסטאַרישע אונטערנעמונגען באַנוצן זיך מיט מעכאַנישע באַוועגער. פון די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן מעכאַנישע באַוועגער, געהערן 83,5 פּראָצענט צו דער שפּייז-אינדוסטריע, הויפּטזעכלעך מילן, בײַ שוסטער און שניידער איז אינגאַנצן נישט פאַרגעסטרירט קיין פאַל פון באַנוצן מעכאַנישע טרײַבקראַפט. („שטערן“, נומ. 200 פונם 3-טן סעפּטעמבער 1927). דער יידישער האַנטווערקער איז אַזוי אַרום טעכניש שטאַרק אָפּגעשטאַנען און איז נאָך אינגאַנצן נישט באַקאַנט מיט דער נייער מאַשין אין האַנטווערק. דערצו איז נאָך די אויסשטאַטונג, וואָס דער בעל-מלאכה פאַרמאָגט, שטאַרק אָפּגענוצט און נויטיקט זיך אין באַנייאונג. ה׳ אָרטנבערג שרייבט אין „עמעס“ פונם 26-טן אויגוסט 1927: „מ׳קאָן מיט פולער זיכערקייט זאָגן, אַז די קוסטאַרישע וואַרשטאַטן האָבן שוין 13 יאָר, זייט אָנהויב מלחמה, חוץ אייניקע קליינע אויסנאַמען, קיין נייעם אינסטרומענט נישט געזען“. אַ גרויסער טייל יידישע האַנטווערקער האָט בכלל נישט קיין געצייג, דאָס זענען דער עיקר די בעלי-מלאכות, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייער אויסשטאַטונג בשעת די פּאָגראָמען, און אויך די נייע האַנטווערקער, וואָס האָבן די לעצטע יאָרן זיך אָנגעהויבן לערנען אַ מלאכה.

די קוסטאַרן און האַנטווערקער באַגעגענען אין זייער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט אויך איצט גרויסע שוועריקייטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד, דער עיקר אויפן קרעדיט-געביט און ביים באַקומען רוישטאָפן.

וואָס אנבאַלאַנגט קרעדיטן פאַר די בעלי-מלאכות, איז אין דעם פּרט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע די ל״י און שפּאָר-קאַסעס, וועלכע האָבן ווידער אויפגעלעבט אונטער דעם „נעפּ“.

פאַר דער מלחמה איז אויף דער טעריטאָריע פון אוקראַינע און ווייס-

רוסלאַנד געווען 329 ליי- און שפּאָר-קאַסעס מיט 250.000 מיטגלידער. אין פּעריאָד פון „מיליטערישן קאָמוניזם" זענען די קאַסעס ליקווידירט געוואָרן און ערשט אונטערן „נעפּ" איז לויטן דעקרעט פון 24-טן יאַנואַר 1922 דערלויבט געוואָרן צו אָרגאַניזירן קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון. צום 1 אָקטאָבער 1924 זענען אין 102 ליי- און שפּאָר-קאַסעס געווען פאַרייניקט 36.289 מיטגלידער. אָנהויב 1927 האָבן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד פונקציאָנירט 337 קאַסעס (אין אוקראַיִנע 276 און אין ווייסרוסלאַנד — 61), וועלכע האָבן געציילט ביז 110.000 מיטגלידער 1). די ליי- און שפּאָר-קאַסעס פאַרייניקן דער עיקר קוסטאַרן און האַנטווערקער. לויטן באַריכט פון אוקראַינע איז צום 1-טן אָקטאָבער 1926 אין די קאַסעס געווען אָרגאַניזירט ביז 85.000 מיטגלידער, דערביי האָבן די בעלי-מלאכות געבילדעט 84,5 פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט. (פאַר דער מלחמה האָבן די בעלי-מלאכות אויסגעמאַכט 32,7 פּראָצ. פון אַלע מיטגלידער). די קאַסעס טראָגן אַזוי אַרום אַ כאַראַקטער פון ג ע ו ע ר ב ל ע ך - ק ו ס ט אַ ר י ש ע קרעדיט-קאָאָפּעראַטיוון. די געבראַכטע ציפערן ווייזן, אַז די יידישע קרעדיט-קאָאָפּעראַטיווע נעץ האָט שוין אַריבערגעשטיגן די קאַסעס אין דער פאַרמלחמהדיקער צייט. אָבער לויט זייער צושטאַנד האָבן די קאַסעס נאָך ווייט נישט דערגרייכט דעם פאַרמלחמהדיקן ניווֹאָ. די קאַסעס ליידן נאָך שטאַרק פונם מאַנגל אין קאַפּיטאַלן. די אייגענע קאַפּיטאַלן פון די קאַסעס זענען נאָך קליין, דער פּאַיען-קאַפּיטאַל באַטרעפט אינגאַנצן בערך 12 פּראָצענט פין זייער באַלאַנס און די פּקדונות בילדן נאָך אַ קליינעם פּראָצענט פונם אומזאַץ-קאַפּיטאַל (צום 1 אָקטאָבער 1926 — 16,3 פּראָצענט; אין 1911 — 66,4). די אָפּעראַציעס ווערן דערייבער געפירט דער עיקר אויף די קרעדיטן, וואָס די קאַסעס קריגן פון די בענק און טיילווייז פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — „יקא" און „דזשאָינט". אויב אָבער „יקא" באַקומט פאַר די קרעדיטן 6 פּראָצענט יערלעך, און די הלוואות פון „דזשאָינט" זענען אינגאַנצן אָנפּראָצענטיקע, מוזן די קאַסעס צאָלן גרויסע צינזן די בענק און מהמת דעם, ווי אויך צוליב די גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס-הוצאות, זענען די קוסטאַרן נאָך אויך איצט געצוווּנגען צו צאָלן 2—3 פּראָצענט מאָנאַטלעך פאַר די הלוואות, וואָס זיי באַקומען פון די קאַסעס. צוליב דעם מאַנגל אין אומזאַץ-קאַפּיטאַל גיבן די קאַסעס אַרויס זייער קליינע הלוואות — אין 1924 האָבן די הלוואות ביז 30 רובל אויסגעמאַכט 50,3 פּראָצענט פון אַלע הלוואות, און אין 1925

1) דאָ און ווייטער רעדט זיך נאָר וועגן די קאָאָפּעראַטיוון מיט אַ איבערוויגנדיקער יידישער מערהייט. אין אוקראַינע האָבן די יידן צום 1 אָקטאָבער 1926 געבילדעט 78,8 פּראָצענט פון אַלע מיטגלידער.

האָט אין אוקראַינע דורכשניטלעך א הלוואה באַטראָפן 46,2 רובל. גישט בעקוקט אויף די אָנגעוויזענע מניעות האָבן די קאַסעס פאר די לעצטע 2 יאָר זיך באַדייטנדיק פאַרפּעסטיקט. באַזונדערס זענען אויסגעוואַקסן די אָפּעראַציעס פון די קאַסעס אין די גרויסע שטעט. דעם צושטאַנד פון די קאַסעס אין פארגלייך מיט דער פאַרקריגס-צייט אילוסטרירט די פאָלגנדיקע טאַבעלע וועגן 302 קאַסעס פאר דער מלחמה און 135 קאַסעס צום 1 אָקטאָבער, וואָס ווערן קרעדיטירט דורך יק"א.

## באַלאַנס פון די ליי- און שפּאָר-קאַסעס [1]

| | צום 1 יאַנור. 1912 (302 קאַסעס) | | צום 1 אָקטאָבער 1926 (135 קאַסעס) | |
|---|---|---|---|---|
| | רובל | %% | רובל | %% |
| **אַקטיוו** | | | | |
| קאַסע און לויפנדיקע חשבונות | 2.398,573,54 | 14,0 | 281.263,37 | 4,9 |
| פאַרמעגן און ווערט-פּאַפּירן | 350.071,44 | 2,7 | 383.567,52 | 6,6 |
| הלוואות די מיטגלידער | 14.091.582,51 | 83,0 | 3.719.042,76 | 64,5 |
| סחורה און פאַרמיטלונגס-אָפּעראַציעס | 33.041.23 | 0,2 | 961.908,67 | 16,7 |
| פאַרשידענע אַקטיוון | 28.654,99 | 0,1 | 412.991,75 | 7,1 |
| דעפּיציט | 195,10 | — | 10.150,72 | 0,2 |
| באַלאַנס | 16.902.118,81 | 100,0 | 5.768.924,79 | 100,0 |
| **פּאַסיוו** | | | | |
| פּאַי-קאַפּיטאַל | 3.040.591,14 | 17,9 | 676.735,87 | 11,7 |
| אַנדערע אייגענע קאַפּיטאַלן | 764.579,22 | 4,5 | 485.354,17 | 8,4 |
| פקדונות | 10.879.169,68 | 64,4 | 942.513,85 | 16,3 |
| הלוואות פון די בענק און אָרגאַניזאַציעס | 1.254.613,29 | 7,5 | 2.639.[illegible]9[illegible],43 | 45,8 |
| אַנדערע פּאַסיוון | 522.152,20 | 3,1 | 684.65[illegible],[illegible]2 | 11,9 |
| ריוח | 440.013,28 | 2,6 | 339.870,11 | 5,9 |
| באַלאַנס אויף 1 קאַסע | 55.967,27 | — | 42.732,78 | — |
| באַלאַנס אויף 1 מיטגל. | 78,72 | — | 86,86 | — |

1) באריכט וועגן דער סטאַטיסטיק פון „יקא" אין 1926 (רוסיש) מאָסקווע 1927.

דער באַלאַנס אויף 1 מיטגליד האָט אין 1911 באַטראָפן אין דורכ־
שניט 78,7 רובל, אין 1926 — 86,8 רובל, נעמענדיק אין אַכט דעם ר ע־
אַ ל ן ווערט פון טשערוואָנע רובל באַקומען מיר, אַז דער באַלאַנס אויף
אַ מיטגליד האָט אין 1926 אויסגעמאַכט בערך 60 פּראָצענט פון דער פאַר־
מלחמהדיקער צייט. די לעצטע 2 יאָר האָבן זיך די קאַסעס נאָך מער באַ־
פעסטיקט און זייער אומזאַץ איז שטאַרק אויסגעוואַקסן.

אין די גרויסע שטעט שטייען שוין די ליי- און שפּאָר-קאַסעס אויף
אַ פעסטן באָדן, אין די קליינע שטעטלעך זענען זיי נאָך לעת עתה שוואַך
און דאָרט דאַרף נאָך פיל געטאָן ווערן, כּדי זיי אַוועקצושטעלן אויף דער
געהעריקער הויך.

די קרעדיטן פון די ליי־ און שפּאָר־קאַסעס קאָנען נאָך אָבער נישט
באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דער קוסטאַר-אינדוסטריע, באַזונדערס אין
די קלענערע ישובים, און די בעלי־מלאכות זענען דעריבער געצוווּנגען צו
זוכן הלוואות ביים וווכערניק און צאָלן הויכע צינזן.

די ליי־ און שפּאָר-קאַסעס שפּילן אויך אַ וויכטיקע ראָלע בנוגע
פאַרזיכערונג פון די קוסטאַרן מיט רוישטאָפן, ווייל לויטן דעקרעט פון
3-טן מאַי 1927 ווערן אין דער ערשטער רייע באַזאָרגט מיט רויוואַרג די
קאָאָפּערירטע קוסטאַרן, וואָס זענען פאַראייניקט אין אַרטעלן און קאַסעס.
די קאַסעס באַפרידיקן אָבער נאָר אַ קליינעם טייל פונם באַדאַרף אין רוי־
שטאָפן, און דער מאַנגל אין רויוואַרג און האַלבפאַבריקאַטן לאָזט זיך זיי־
ער שטאַרק פילן צווישן די בעלי מלאכות. אַדאַנק דעם סחורה־הונגער אין
לאַנד זענען די קוסטאַרן געצוווּנגען צו קויפן רוישטאָפן ביי פּריוואַטע
הענדלער און צאָלן איבעריקע 150—200 פּראָצענט. די קוסטאַרן פאַלן צו־
ליב דעם אריין אין די הענט פון די אויפקויפער און ווערן אָפט פאַקטיש
פאַרוואַנדלט אין זייערע לוין־אַרבעטער. באַזונדערס האָט זיך די רוישטאָף־
פראַגע פאַרשאַרפט אין 1927/28 יאָר, אין צוזאַמענהאַנג מיטן לינקן קורס
פון דער רעגירונג, וועלכע האָט מאָנאָפּאָליזירט דעם רוישטאָף־מאַרק און
גיט אָפּ די פאַרגרייטע פּראָדוקטן דער מלוכהשער און קאָאָפּעראַטיווער
אינדוסטריע.

בכלל האָט דער לינקער קורס פונם לעצטן יאָר דערלאַנגט אַ שטאַרקן
קלאַפּ די קוסטאַרן און האַנטווערקער. אָנהויבנדיק פון דער צווייטער העלפט
פון 1925 יאָר האָט זיך דער מצב פון די בעלי־מלאכות געהאַלטן אין בע־
סערן, און אין 1926 האָבן די קוסטאַרן געבילדעט דעם סאַמע פעסטן עקאָ־
נאָמישן עלעמענט אויף דער יידישער גאַס. דאָס לעצטע יאָר האָט זיך דאָס
בילד ראַדיקאַל געענדערט, די אַלגעמיינע רוינירונג האָט פאַרכאַפּט אויך
דידאָזיקע יידישע סאָציאַלע גרופּע. אויפן געביט פון קוסטאַרעריי באַמערקן

זיך איצט פּאַראַ׳על צווי פּראָצעסן. פון איין זייט וואַקסט אומאויפהערלעך
די צאָל בעלי-מלאכות. צו קוסטאַרעריי גייען איבער די אַרויסגעשטויסענע
קרעמער און הענדלער, די ארבעטלאָזע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, די
דעקלאַסירטע אָרימקייט. פון דער צווייטער זייט וואַקסט בליץ=שנעל די אַר=
בעטלאָזיקייט צווישן די בעלי-מלאכות. די גרעסטע מניעה אין דער אַנט-
וויקלונג פון דער קוסטאַרעריי איז דער מ אַ נ ג ל א י ן ר ו י ש ט אָ ף. די
אַלטע און נייע בעלי-מלאכות קענען נישט קריגן קיין רויוואַרג און זיצן
אָן אַרבעט. אין טריקאָטאַזשן-פאַך, למשל, וועלכער איז די לעצטע צייט
שטאַרק אויסגעוואַקסן און ציילט אַליין אין אוקראַינע 15,000 יידן (פאַרן
קריג בערך 1.200 מאַן) באַמערקט זיך שטאַרק דערדאָזיקער קריזיס און
דער אָפיציעלער אָרגאַן „דער קוסטאַר" ווייזט אָן, אז צוליב דעם מאַנגל
אין רוישטאָף איז נויטיק אָפּצושטעלן דעם וווּקס פון די טריקאָטאַזשניקעס
(„דער קוסטאַר" נומ. 4). דיזעלבע דערשיינונג באַמערקט זיך אויך ביי די
שניידער און שוסטער, וואָס אַרבעטן אויף דעפיציטע סחורות — מאַנופאַק-
טור און לעדער. דערביי באַמערקט זיך שוין אין די „יידישע" פאַכן אַ
קוסטאַרישע א י ב ע ר ב אַ פ ע ל ק ע ר ו נ ג אין געוועזענעם „תחום". ביי
די שוסטער, למשל, קומט אויס אין פּאָדאָליער און וואָלינער גובערניעס
צו 13 אויף 1.000 איינוווינער, אין כערסאָנער און קיעווער גובערניעס—12,
בשעת אין דאָנער באַסיין איז פאַראַן בלויז 4 שוסטער אויף 1.000 נפשות.
דערדאָזיקער שטאַרקער וווּקס פון בעלי=מלאכות און דער מאַנגל אין רוי-
שטאָפן האָבן אַוועקגעשטעלט די מערהייט יידישע קוסטאַרן אין אַ זייער
שווערער לאַגע. ה' קיל שרייבט אין „עמעס" פונם 20=טן מערץ 1928: „די
לעצטע חדשים איז צו באַמערקן אַ גוואַלטיקן דראַנג מצד די דעקלאַסירטע
עלעמענטן צו דער מלאכה. סטיכיש וואַקסן אין די גרעסערע שטעט אויס
זאָקנמאַכער-טריקאָטאַזשניקעס און קיינער רעגולירט נישט די פראַגע, קיי-
נער ווייזט נישט אָן מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן. האָט זיך געשאַפן אַזאַ
לאַגע, אַז הונדערטער מענטשן, אָרעמע לייט, האָבן פאַר די לעצטע בעבע=
כעס איינגעהאַנדלט מאַשינדלעך און האַלטן זיך מיט זיי, ווייל עס איז דאָך
נישטאָ קיין רוישטאָף פאַר זיי".

די ליקווידאַציע פונם פריוואַטן האַנדל אויפן רוישטאָף=מאַרק האָט
אָפּגענומען די לעצטע מעגלעכקייט צו קריגן רויוואַרגן אויפן פריוואַטן
מאַרק, און די רוישטאָפן, וואָס די רעגירונג גיט פאַר דער קוסטאַר-אינ=
דוסטריע, ווערן אין דער ערשטער ריי פארטייל׳ט צווישן די ארטעלן. אין
אָדעס, למשל, אַרבעטן אין אַרטעלן בלויז 18 פּראָצענט פון די קוסטאַרן
און זיי באַקומען גאַנצע 80 פּראָצענט פונם רוישטאָף, וואָס די קאָאָפּעראַ-
ציע באַקומט פאַר די קוסטאַרן. („שטערן" נומ. 69 פונם 22-טן מערץ 1928).

אין כאַרקאָוו באַקומט די ליי- און שפּאָר-קאַסע רוישטאָף פאַר 500—600 שניידער און גיט עס אײַנגאַנצן אָפּ אַן אָפּזאַץ-געזעלשאַפט, ווו עס אַרבעטן נאָר 150 מאַן, „דאַן ווען פיל יחידים גייען אויס פאַר אַ שטיקל רויוואַרג” („שטערן”, נומ. 72 פונם 25-טן מערץ 1928). אזוינע ידיעות געפינען מיר אין דער יידישער קאָמוניסטישער פרעסע פון אַלע עקן פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד. אַ געוויסן קליינעם טייל רוישטאָף באַקומען אויך די קוסטאַרן, וואָס זענען קאָאָפּערירט אין די ליי- און שפּאָר-קאַסעס. דערפאַר אָבער בלייבן די נישט-קאָאָפּערירטע אינגאַנצן אָן רויוואַרג. בערך אַ העלפט פון די יידישע בעלי-מלאכות זענען נישט פאַרייניקט אין דער קאָאָפּעראַציע. דאָס זענען הויפּטזעכלעך די אָרימסטע עלעמענטן און זיי ליידן אַמשטאַרקסטן ביי דערדאָזיקער סיטואַציע. עס באַמערקט זיך דעריבער דאָס לעצטע יאָר אַ שטאַרקער דראַנג אין די אַרטעלן. די פאָלגנדיקע דאַטן בנוגע ווייסרוס-לאַנד אילוסטרירט דעם וווּקס פון די אַרטעלן:

## די צאָל אַרטעלן אין ווייסרוסלאַנד

| דאַטום | צאָל אַרטעלן | צאָל מיטגלידער |
|---|---|---|
| 1 אָקטאָבער 1926 | 175 | 1.911 |
| 1 „ 1927 | 265 | 4.159 |
| 1 יאַנואַר 1928 | 325 | 5.891 |

די צאָל אַרטעלן איז פאַר 15 חדשים אויסגעוואַקסן אויף 90 פּראָצ. און די מיטגלידערשאַפט האָט זיך פאַרגרעסערט 3 מאָל, ד. ה., אז די אַר-טעלן זענען שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן. אויך אין אוקראַינע איז פונם 1-טן אַפּריל 1927 ביז צום 1-טן אָקטאָבער 1927 די אַרטעל-נעץ אויסגעוואַקסן פון 1.500 מיט 25.736 מיטגלידער ביז 1.891 מיט 33.131 מיט-גלידער. די לעצטע חדשים זענען לויט די ידיעות פון דער סאָוויעטישער פרעסע, די אַרטעלן באַרייכערט געוואָרן מיט טויזנטער נייע מיטגלידער. דער דראַנג צו דער קאָאָפּעראַציע איז אַזוי שטאַרק, אַז אויך דאָ באַמערקט זיך שוין אַן איבערפלוס און די קאָאָפּעראַטאָרן האַלטן שוין פאַר נויטיק אָנצונעמען מיטלען אָפּצושטעלן דעם וווּקס. דער פאָרזיצער פון דער כאַרקאָ-ווער קוסטאַרן-געזעלשאַפט ה׳ גרין שרייבט אין „שטערן” פונם 25-טן מערץ 1928 אַז „עס קומט שוין אויס צו איבערצייגן, אַז אַלעמען קאָאָפּערירן פאַר איין האַלב שעה קאָן מען נישט”. אויך אין „אָקטיאַבר” לייענען מיר:

„מיר קענען נישט האָפן, אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועט זיין געענדערט דער קאָאָפּערירן אַלע קוסטאַרן, וואָס ווילן גיין אין אַרטעלן" („אָקטיאַבר" נום. 87 פונם 12 אַפּריל 1928). די לאַגע איז דעריבער געוואָרן אַ קריטישע, באַזונדערס אין די קליינע ישובים, וווּ די אַרבעטלאָזיקייט צווישן די קוסטאַרן איז אומגעהויער גרויס. ה' סודאַרסקי שרייבט אין „טריבונאַ" פונם 1-טן מאַי 1928, אַז לויט די ידיעות פון די קוסטאַרישע אָרגאַניזאַציעס בלייבן 80% פון די קוסטאַרן אין וואָלין און טולטשינער קרייז אַרבעטלאָז, צוליב דעם מאַנגל אין רוישטאָף, און די גרעסטע מערהייט פון די, וואָס האָבן אַרבעט, פאַרדינען 7—8 רובל אַ וואָך. אַ בילד וועגן דער לאַגע פונם שטעטלדיקן קוסטאַר אין קיעווער גובערניע גיט ה' אַרטנבערג אין „עמעס" פונם 3-טן יולי 1928. ה' אַרטנבערג שרייבט: „ווען מיר קומען איצט אין אַ שטעטל און פאָרשן אויס די עקאָנאָמישע לאַגע פון די קוסטאַרן, קאָנסטאַטירן מיר, ליידער, נאָר עלנט און נויט"... „נעמט די באַרימטע איוואַנקיווקער שוסטער, די שפּאָלער גאַרבער, די באָגוסלאַווער וועבער, די פּאָגרעביטשער בייטשנמאַכער און נאָך טויזנטער פּראָדוצירער פון צענדליקער יידישע שטעטלעך — וואָס טוען זיי איצט אין דער מערהייט? — זיי טוען גאָרנישט, זיי גייען אַרום ליידיק! פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן נישט קיין רויוואַרג".

די סאָוויעטישע רעגירונג האַלט אויך איצט פאַר נויטיק מיטצוהעלפן דער אַנטוויקלונג פון דער קוסטאַר-אינדוסטריע וועלכע שלינגט איין אַ סך אַרבעטקראַפט און באַפרידיקט די באַדערפענישן פונם פויער. דעם 27-טן מאַי 1928 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ נייער דעקרעט, וועלכער שטרעבט צו פאַרשטאַרקן די קוסטאַרישע אינדוסטריע און די געווערב-קאָאָפּעראַציע. דערדאָזיקער דעקרעט גיט אַ רייע נייע הנחות די קאָאָפּעראַטיווע קוסטאַרן: די, וואָס אַרבעטן אין אַרטעלן ווערן צוגעגליכן צו אַרבעטער בנוגע רעגיסטראַציע אויף די אַרבעט-בירזשעס[1], בנוגע דעם אָפּצאָל פאַר דירות און קאָמונאַלע באַדינונג א. א. וו. דער דעקרעט לייגט אויף פאַר איבערצוגעבן דער קוסטאַר-אינדוסטריע די אויסשטאַטונג פון די מלוכהשע

---

1) דידאָזיקע הנחה איז ווייטער אַ וויכטיקע. לויטן צירקולאַר פונם 4-טן מערץ 1928 האָבן די קוסטאַרן קיין רעכט נישט רעגיסטרירט צו ווערן אויף די בירזשעס און געשיקט ווערן אויף אַרבעט. דער אַרבעטלאָזער בעל-מלאכה קאָן דעריבער נישט ווערן קיין אַרבעטער אַפילו אין די פאַבריק וויסיקט זיך אין אים. דער דעקרעט פונם 27-טן מאַי שאַפט אָפּ דידאָזיקע באַגרענעצונג בנוגע די אַרטעלירטע אַרבעטער.

אונטערנעמונגען, וואָס ווערן נישט אויסגענוצט, אויך זאָל מער געטאָן ווערן אויפן געביט פון פאַרזאָרגונג מיט רוישטאָפן א. א. וו. מעגלעך, אַז דער דאָזיקער דעקרעט וועט עטוואָס פאַרלייכטערן די לאַגע, אָבער ראַדיקאַלע ענדערונגען ביי דעם אַלגעמיינעם איצטיקן קורס איז שווער צו דערוואַרטן. די הויפּטפראַגע — דער מאַנגל אין רוישטאָפן בלייבט שטיין פאַרן בעל-מלאכה מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, און ביז וואַנען די דאָזיקע פּראָבלעם איז נישט געלייזט איז אוממעגלעך צו ליקווידירן די אַרבעטלאָזיקייט צווישן די קוס-טאַרן, יעדנפאַלס איז אין איצטיקן מאָמענט די לאַגע אַ קריטישע: צענד-ליקער טויזנטער בעלי-מלאכות זיצן אָן אַרבעט און גייען איבער אין די רייען פון די דעקלאַסירטע עלעמענטן, וואָס לעבן פון קצבה און שטיצע פון אַמעריקאַנישע קרובים.

## די יידישע לאַנדווירטשאַפט.

### 1. די אַלטע יידישע קאָלאָניעס.

די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים האָבן שטאַרק געליטן פונם בירגערקריג און באַנדיטיזם. די אַלטע נעסטן פון יידישער ערדאַרבעט, די קאָלאָניעס אין כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס, האָבן צו-גלייך מיט אַנדערע יידישע ישובים איבערגעלעבט פיל פּאָגראָמען און באַנ-דיטישע אָנפאַלן. באַזונדערס שטאַרק זענען רואינירט געוואָרן די קאָלאָניעס אין יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, צוויי קאָלאָניעס — טרודאָליובאָווקע און ניעטשאַיעווקע — זענען אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן און עקזיסטירן נישט מער. אויך אין כערסאָנער ראַיאָן האָבן אַ רייע קאָלאָניעס (נאָוואָ-פּאָלטאַווקאַ, דאָבראַיע א. א. וו.) געהאַט פיל אויסצושטיין פון די פּאָגראָם-באַנדיטן. אין ווייסרוסלאַנד איז אַ טייל קאָלאָניעס (קושיצע, קאָזלאָוויטש א. א.) אין די יאָרן 1920—1921 חרוב געוואָרן דורך די פּאָגראָמען פון די פאַרשידענע באַנדעס. אַ סך קאָלאָניסטן זענען זיך צעלאָפן אין די גרוי-סע שטעט, זייערע הייזער זענען רואינירט, צענומען און צעגענומען געוואָרן מיט געוואַלט, דער לעבעדיקער און טויטער אינווענטאַר איז צערויבט און פאַרניכטעט געוואָרן. ערשט נאָך דער פאַרפעסטיקונג פון דער סאָוועטנ-מאַכט האָבן די יידישע אַרבעטער זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אומקערן אין די קאָלאָניעס, אָבער דער שרעקלעכער הונגער פון 1921 האָט ווידער דער-לאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ די דרום-אוקראַינישע יידישע קאָלאָניעס. נאָר אַדאַנק די ענערגישע הילפס-אַקציע מצד די אויסלענדישע יידישע געזעל-שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — „דזשאָינט“, „יקא“, „אָרט“, — האָט זיך איינ-געגעבן צו ראַטעווען די קאָלאָניעס פון אונטערגאַנג.

אין איצטיקן מאָמענט איז די באַפעלקערונג פון די דרום=אוקראַאינישע קאָלאָניעס באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן. אַהער האָבן אין יאָר 1924 איבערגעוואַנדערט עטלעכע הונדערט יידישע פאַמיליעס פון פאַרשידענע געגנטן פון סאָוויעטן=פאַרבאַנד, וועלכע האָבן באַקומען די ערד=שטחים, וואָס זענען פריי געוואָרן בעתן בירגערקריג. דידאָזיקע איבערוואַנדערער האָבן געשאַפן ביי די קאָלאָניעס 7 ישובים. חוץ דעם האָבן זיך ביי די קאָלאָניעס אויסגעבילדעט 6 ישובים, אַזויגערופענע „ויסעלקעס", וווהין עס האָבן זיך אַריבערגעצויגן די פויערים פון די יידישע קאָלאָניעס, וועמענס לאַנד עס האָט זיך געפונען ווייט פון די דערפער. אַרום און אַרום געפינט זיך איצט אין ראַיאָן פון די יידישע קאָלאָניעס אין יעקאַטערינאָסלאַווער און כערסאָנער גובערניעס 49 ישובים. אָנהויב 1927 האָבן זיי געציילט 7614 ווירטשאַפטן. דער ערד=שטח פון די אַלטע יידישע קאָלאָניעס איז פאַרגרעסערט געוואָרן, אין 1924 האָט זייער ערדבאַזיץ באַטראָפן 98.420 דעסיאַטין. דער לעבעדיקער און טויטער אינווענטאַר האָבן נאָך נישט דערגרייכט דעם פאַרמלחמהדיקן צושטאַנד; אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט ווירטשאַפטן האָבן אינגאַנצן נישט קיין פערד, בהמות. לויט די אָנגאַבן פון ה׳ קאַנטאָר („עמעס" נומ. 213 פון 18 סעפטעמבער 1927) מאַכן אויס די ווירטשאַפטן אָן פערד אין די אַלטע קאָלאָניעס פון קריוואָראָגער קרייז 46,6 פּראָצענט און און יעליסאַוועטגראַדער קרייז — 58,4. אין צוזאַמענהאַנג מיטן מאַנגל אין אינווענטאַר זענען אַ סך קאָלאָניסטן געצוווּנגען אָפּצוגעבן זייערע ערד=חלקים אין אַרענדע. פונדעסטוועגן גייט די אויפבוי=אַרבעט אַדאַנק דער ענערגישער טעטיקייט פון „יקא" מיט פאַרהעלטנישמעסיק שנעלן טעמפּאָ. דער פאַרזייונגס-שטח וואקסט פון יאָר צו יאָר. אין 1924 — 41.038 דעסיאַטין און אין 1926 — 45.096. אויך די צאָל בהמות און פערד פאַרגרעסערט זיך שטענדיק. אין 1926 אַליין זענען צוגעקומען 598 פערד און 162 בהמות [1]. ס׳האָבן אויך ווידער אויפגעלעבט די באַהילפיקע אונטערנעמונגען. דער עיקר קעז- און פוטער-קאָכערייען. אין די קאָלאָניעס עקזיסטירן 24 לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, יעדע געזעלשאַפט האָט אַ קאָאָפּעראַטיוון מילך=זאַוואָד. אין יאָר 1925/26 האָבן 20 זאַוואָדן איבערגעאַרבעט 4.022.829 קילאָ מילך און האָבן אַרויסגעלאָזט 331.396 קילאָ קעז, און 36.099 קילאָ פוטער [2]. חוץ דעם אַרבעטן אויס קעז און פוטער אַ סך קאָלאָניסטן אינדערהיים. ס׳אַנטוויקלט זיך אויך סעדעריי און ווייַנגערטנעריי. אין 1926 איז

1) זע „באַריכט פון דער טעטיקייט פון „יקא" אין 1926 יאָר, מאָסקווע 1921, רוסיש׳ זייטן 20 און 29.

2) דאָרט זייט 24.

אין די קאָלאָניעס געווען 724 ווייַנגערטנער [1]. אין אַלגעמיין וערן די קאָ־לאָניעס פּלאַנמעסיק אויפגעשטעלט.

בנוגע די קאָלאָניעס אין אַנדערע ראַיאָנען פאַרמאָגן מיר נישט קיין גענויע ידיעות, אָבער אויך דאָרט איז זייער פיל אויפגעטאָן געוואָרן און די פויערשע ווירטשאַפטן האָבן זיך אויך דאָרט באַדייטנדיק פאַרפעסטיקט. אָנהויב 1927 האָבן זיך אין די אַלטע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים געפונען 10.217 משפחות, וועלכע האָבן פאַרמאָגט 113.334 דעסיאַטין ערד.

## 2. די אויסער־פּלאַנמעסיקע קאָלאָניזאַציע.

נאָך אין פעריאָד פון „מיליטערישן קאָמוניזם“ האָט די פּאַראָרימטע יידישע באַפעלקערונג אַרויסגעוויזן אַ שטרעבונג איבערצוגיין צו לאַנד־ווירטשאַפט. אָבער צוליב די אומצאָליקע באַנדעס האָבן יידן זיך נישט גע־קאָנט באַזעצן אין די דאָרפישע געגנטן, ווו ס'איז געווען פרייע ערד. נאָר אין האָמלער גובערניע און טיילווייז אין צפון־ווייסרוסלאַנד, ווו די סאָ־וויעטנמאַכט איז געווען גענוג פעסט, האָבן יידן אין די יאָרן 1919—1921 געקריגן גרעסערע שטחים ערד. אין די איבעריקע ראַיאָנען האָט די יידי־שע באַפעלקערונג געזוכט צו קריגן ערד ביי די שטעט און שטעטלעך; און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן די ביישטעטלשע לאַנדווירט־שאַפט. אונטער דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, ווען דער פּריוואַטער האַנדל האָט ווידער אויפגעלעבט, איז לכתחילה דער איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און א טייל קאָלעקטיוון זענען זיך צעפאַלן, אָבער אינגיכן איז די שטרעבונג צו לאַנדווירטשאַפט ווידער פאַרשטאַרקט געוואָרן [2]. אין דער רעכט-בר׳עניקער אוקראַינע האָבן יידן אין די יאָרן 1919—1924 געקריגן בערך 8000 דעסיאַטין ערד. אָדעסער גובערניע האָט אין יאָר 1923 געציילט 2069 משפחות, וואָס האָבן געהאַט אין זייער רשות ביי די ישובים פון שטאָטישן טיפּ 16.392 דעסיאַטין [3]). אויך אין ווייסרוס־לאַנד איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די ביישטעטלשע לאַנדווירטשאַפט. סך הכל

---

1) דאָרט זייט 26.

2) אין האָמעלער גוב., צ. ב., איז אין 1921 געווען 128 קאָלעקטיוון מיט קרוב צו 25.000 נפשות. אונטערן „נעפּ“ זענען זיי צעפאַלן געוואָרן און אין 1923 איז דאָרט געבליבן בלויז 9 קאָלעקטיוון. אין 1925 איז דאָרט געווען אין קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע ווירטשאַפטן 600 יידישע ערדאַרבעטער-פאַמיליעס, חוץ די 4 אַלטע קאָלאָניעס מיט 64 פאַמיליעס („עמעס“ 290 №, פון 19 דעצעמבער 1925.)

3) ר. קאַלעסקעוויטש. „דער יידישער פויער“, נומ 2, זייט 200.

האָבן ביז 1925 בערך 6.500 פאַמיליעס באַקומען ביי די שטעטלעך ביז 45.000 דעסיאַטין לאַנד.

מ׳דאַרף נאָך באַמערקן, אַז אויך נאָך דער גרינדונג פון „קאָמזעט״ און דער פּלאַנמעסיקער רעגולירונג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון דער ביישטעטלשער לאַנדווירט-שאַפט. אין פאַרשידענע געגנטן פונם סאָוויעטן-פאַרבאַנד באַקומען יידן אויפן יסוד פון אינערלעכער פונאַנדערזעצונג ערד-חלקים ביי די שטעטלעך. אַרום און אַרום איז פאַר די נישט-פּלאַנמעסיקע קאָלאָניסטן ביז 1927 יאָר אויס-געטיילט געוואָרן 55.417 דעסיאַטין ערד. אויך אין 1927 איז אין אוקראַינע אויסגעטיילט געוואָרן פאַר ביישטעטלדיקע ייִדישע קאָלאָניסטן בערך 10.000 דעסיאַטין ערד („עמעס״ נומ. 132 פון 15 יוני 1927). די ערד-נאָרם ביי די שטעטלעך איז זייער אַ קליינע און דערצו ווערן די ביישטעטלדיקע לאַנדווירטן זייער ווייניק געשטיצט מיט קרעדיטן, זיי זענען דעריבער נישט ביכולת אַוועקצושטעלן זייער ווירטשאַפט אויף דער געהעריקער הויך. נאָר אין ווייניקע ראיאָנען האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרפעסטיקן די ביישטעטל-שע לאַנדווירטשאַפט, אין אַ גרויסן טייל ישובים אָבער געפינט זי זיך אין אַ שווערן מצב. דאָס האָט אויך באַוויזן די אויספאָרשונג פון די יידישע ערדאַרבעטער אין אָדעסער קרייז, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די ביי-שטעטלדיקע קאָלאָניסטן האָבן נאָך ביז איצט נישט געבויט קיין הייזער און אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער ערד איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַרענדע („עמעס״ נומ. 524 פון 5 נאָוועמבער 1927).

צוליב דעם מאַנגל אין געלט-מיטלען און אינווענטאַר הויבט אָן אַ געוויסער טייל פון די ביישטעטלדיקע ערדאַרבעטער אַריבערפאָרן אויף די פאָנדן, ווו די איבערוואַנדערער באַקומען אַ ברייטע אונטערשטיצונג. פון 822 אויסגעפאָרשטע שטעטלשע פאַמיליעס, וואָס האָבן איבערגעוואַנדערט פרילינגס-צייט 1926, זענען 139, אָדער 16,7 פּראָצענט געווען ערדאַרבע-טער. די שטעטלשע לאַנדווירטשאַפט שפּילט אָבער אַ וויכטיקע ראָלע אין יידישן לעבן און דאַרף געשטיצט ווערן דורך די יידישע אָרגאַניזאַציעס מיט קרעדיטן און אַגראָנאָמישער הילף.

## די איבערוואַנדערונגס-באַוועגונג און די פּלאַנמעסיקע יידישע קאָלאָניזאַציע.

דער שווערער עקאָנאָמישער מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט, ווי געזאָגט, שוין זייט 1919 אַרויסגערופן אַ באַוועגונג איבערצוגיין צו ערדאַרבעט. די האָפענונגען צו בלייבן ביי די אַ/טע פרנסות אונטערן „נעפ״ האָבן זיך איינגיכן אַרויסגעוויזן פאַר אומבאַגרינדעט, די אָרימקייט

אויף דער יידישער גאַס איז, אַדאַנק דעם עקאָנאָמישן און אַדמיניסטראַטיוון דרוק מצד דער סאָוויעטן־רעגירונג אויפן פריוואַטן אונטערנעמער און הענד־לער, געוואַקסן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט און האָט פאַרכאַפּט אַלץ גרעסערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. דידאָזיקע פאַר־צווייפלטע לאַגע האָט פאַרשטאַרקט די שטרעבונג פון יידן צו לאַנדווירט־שאַפט. אָבער די געגנטן, ווו ס'זענען קאָנצענטרירט די יידישע מאַסן — אין צפון־אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד — איז קיין פרייע ערד נישטאָ, פון דאָרט ציט זיך אַפילו אַן איבערוואַנדערונגס־שטראָם פון נישט־יידישע פוי־ערים. יידן האָבן דעריבער דאָרט נישט געקאָנט קריגן קיין ערד. דאָס האָט אָנהויב 1923 אַרויסגערופן אַן איבערוואַנדערונגס־באַוועגונג אין די ראַיאָנען, ווו ס'איז געווען גרויסע פרייע ערד־פאָנדן. דידאָזיקע באַוועגונג האָט גע־טראָגן אַ ריין ס ט י כ י ש ן כאַראַקטער. געטריבן פון הונגער און נויט האָבן די יידישע מאסן מיטן אייגענעם געזונטן חוש געזוכט אַן אויסוועג אין איבערוואַנדערונג. פון קיעווער, פּאָדאָליער, וואָלינער גובערניע האָבן זיך, אָנהויבנדיק פון פרילינג 1923, געצויגן מרגלים אין אָדעסער גובער־ניע, אין קרים און אין די אַלטע דרום־אוקראַינישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס מיטן צוועק צו באַקומען ערד פאַר די געבילדעטע אויף ·די־ערטער גרופן איבערוואַנדערער. אָן קיין שום אָנפירונג און לכתחילה אויך אָן געזעלשאַפטלעכער הילף האָבן די שטעטלשע יידן אָנגעווענדעט זייערע כוחות צו דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן ציל — קריגן ערד פון די ערד־קאָמיסאַריאַטן.

די סאָוויעטן־רעגירונג האָט פון אָנהויב אָן אָנגענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דערדאָזיקער סטיכישער באַוועגונג און אינגיכן איז אויסגע־טיילט געוואָרן לאַנד פאַר די יידישע איבערוואַנדערער. אין די יאָרן 1923—1924 זענען אין אָדעסער ראַיאָן אויסגעטיילט געוואָרן 9.422 דעסיאַ־טין ערד פאַר 680 פאַמיליעס, אין קרים האָבן זיך באַזעצט — 638 משפחות, וועלכע האָבן באַקומען אויף אַרענדע־יסודות 18.262 דעסיאַטין [1]. און אין די יידישע קאָלאָניעס, ווו אַ טייל נחלאות איז נישט באַזעצט געוואָרן אַ דאַנק דער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג בעת די פּאָגראָמען און הונגער, האָבן אין 1923—1924 איינגעוואַנדערט 627 פאַמיליעס.

רעכענענדיק זיך מיט דער ספּעציפישער לאַגע פון די יידישע מאַסן, וועל־כע האָבן פאַר דער רעוואָלוציע זיך נישט געטאָרט באַשעפטיקן מיט לאַנד־

1) די איניציאַטאָרן פון דער קרימער קאָלאָניזאַציע זענען געווען די חלוצים; די איבער־דירטע ערד האָבן די קאָלאָניסטן מיט דער הילף פון „קאָמזעט“ באַקומען אין אַפּריל 1925 אין שטענדיקן באַנוץ.

ווירטשאַפט, האָט די סאָוויעטן-רעגירונג געמאַכט פאַר די יידישע איבערוואַנדערער אַ ריי ספּעציעלע הנחות, כדי צו פאַרלייכטערן זיי דעם איבערגאַנג צו ערדאַרבעט. לויט די ערד-קאָדעקסן פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד ווערט די ערד אויסגעטיילט אין דער ערשטער ריי פאַר פויערים, וואָס באַשעפטיקן זיך שוין מיט לאַנדווירטשאַפט. מחמת דעם וואָלטן די שטאָטישע נישט-פויערישע יידישע עלעמענטן נישט געקאָנט קריגן קיין ערד. דורך ספּעציעלע באַשטימונגען פון די אוקראַינישע און ווייסרוסישע רעגירונגען איז די דאָזיקע שוועריקייט באַזייטיקט געוואָרן און די מעלדונגען אויף ערד, וואָס ווערן אָנגעגעבן דורך שטאָטישע און שטעטלשע יידן, ווערן באַפרידיקט אויף דיזעלבע יסודות, ווי די מעלדונגען פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג. די אוקראַינישע סאָוויעטן-רעגירונג האָט געמאַכט נאָך אַנדערע וויכטיקע אויסנאַמען בנוגע די יידישע איבערוואַנדערער. צוליב דער גרויסער צאָל אָרימע פויערשע ווירטשאַפטן אין אוקראַינע און מאַנגל אין ערד ווערט דאָרט נישט דערלאָזט קיין לאַנדווירטשאַפטלעכע איבערוואַנדערונג פון די געגנטן, וואָס געפינען זיך אויסער די גרעניצן פון דער אוקראַינישער רעפּובליק. בנוגע די יידישע איבערוואַנדערער איז די דאָזיקע באַגרעניצונג לכתחילה נישט שטרענג דורכגעפירט געוואָרן און אַ געווויסע צאָל ווייסרוסישע יידן האָבן זיך אין יאָר 1924 באַזעצט אין די דרום-אוקראַינישע קאָלאָניעס. הארבסט 1925 האָט די אוקראַינישע רעגירונג געמאַכט נאָך אַ וויכטיקע הנחה פאַר די יידישע איבערוואַנדערער. לויטן אוקראַינישן ערד-קאָדעקס האָבן דאָס רעכט צו איבערוואַנדערן נאָר פאַמיליעס מיט אַ באַשטאַנד פון נישט ווייניקער ווי 5 נפשות. דאָס האָט געמאַכט גרויסע שוועריקייטן פאַר קלענערע יידישע משפחות, וועלכע האָבן געוואָלט איבערגיין צו ערדאַרבעט. דער אוקראַינישער ערד-קאָמיסאַריאַט האָט דעריבער בנוגע די יידישע איבערוואַנדערער אָפּגעשאַפט די אָבליגאַטאָרישע „5-נפשות"דיקע נאָרמע [1]). אויך בנוגע קאָאָפּעראַטיווע פאַריייניקונגען האבן

1) ליידער איז די דאָזיקע הנחה אין 1927 אָפּגעשאַפט געוואָרן. לויטן באַשלוס פון אוקר. „קאַמזעט" איז אפילו נויטיק, אז אין יעדער איבערוואַנדערער-פאַמיליע זאָל זיין נישט ווייניקער פון 3 אַרבעטספעיקע מיטגלידער. דער דאָזיקער באַשלוס האָט זיך שוין שטאַרק געלאָזט פילן אין דער הארבסט-קאַמפּאַניע פון 1927, ווען אַ סך יידישע משפחות האָבן פאַרלוירן די מעגלעכקייט איבערצופאָרן אויף די פעלדן. אין דער יידישער פּרעסע לאָזן זיך הערן שטימען וועגן דער נויטיקייט אָפּצושאַפן דעם דאָזיקן באַשלוס. אין אַ ריי אַרטיקלען פון די ה"ה סודארסקי, קאַבאַסער און חפץ איז מיט ציפערן באַוויזן געוואָרן, אז ביז 50 פּראָצענט פון די יידישע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן זיך באַזעצט ביז דעם דערמאָנטן באַשלוס פון „קאַמזעט" וואָלטן ביי דער אָנווענדונג פון דער 5-נפשותדיקער נאָרמע נישט געקאָנט קאָלאָניזירט ווערן.

די יידישע איבערוואַנדערער געקריגן פריווילעגיעס. די סאָוויעטישע געזעצן דערלויבן נישט אַריינצוטרעטן אין איבערוואַנדערער-געזעלשאַפטן (זיי באַקומען ספּעציעלע לגאָטעס) פערזאָנען, וואָס האָבן נישט קיין וואַלרעכט אין די סאָוויעטן. דורך ספּעציעלע צירקולאַרן מצד די רעגירונגען פון די איינצלנע סאָוויעטישע רעפּובליקן איז אַלע יידישע איבערוואַנדערער, בתוכם אויך הענדלער און אַנדערע נישט וואַל-באַרעכטיקטע עלעמענטן, געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט זיך צו אָרגאַניזירן אין איבערוואַנדערונגס-געזעלשאַפטן. זעלבספאַרשטענדלעך, אַז די יידישע איבערוואַנדערער געניסן אויך פון די אַלע פריווילעגיעס אויפן געביט פון שטייערן, טראַנספּאָרט א. א. וו., וואָס זענען איינגעשטעלט פאַר איבערוואַנדערער בכלל.

אין יאָר 1924 האָט די איבערוואַנדערונגס-באַוועגונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אָנגענומען אַ מאַסנכאַראַקטער. כדי צו רעגולירן דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט דער „סאָוונאַרקאָם" (פאָלקסקאָמיסאַרן-ראַט) פונם פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן דעם 29-טן אויגוסט 1924 געשאַפן ביים פרעזידיום פון ראַט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אַ ספּעציעלן „קאָמיטעט פאַר ערד-איינאָרדנונג פון אַרבעטנדיקע יידן", פאַרקירצט „קאָמזעט". דער „קאָמזעט" פירט אָן מיט דער גאַנצער קאָלאָניזיר-אַרבעט פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך זיינע אָרטיקע אָפּטיילונגען ביי די צענטראַלע אויספיר-קאָמיטעטן פון די איינצלנע רעפּובליקן און ביי די גובערניאַלע עקזעקוטיוו-קאָמיטעטן. דאָס פּראָגראַם פון „קאָמזעט" איז — צו באַזעצן אין די נאָענטסטע 10 יאָר אויפן לאַנד 100.000 יידישע פאַמיליעס. די ערד ווערט לויט די סאָוויעטישע געזעצן געגעבן אומזיסט אין שטענדיקן באַנוץ, די געלט-מיטלען, פאַר דער קאָלאָניזאַציע גיבן די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס, דער עיקר דער „אַגראָדזשאָינט", און די סאָוויעטן-רעגירונג [1]. די איבערוואַנדערער קריגן פון די דאָזיקע מיטלען לאַנג-טערמיניקע קרעדיטן.

אַדאַנק דער פּאָזיטיווער באַציאונג מצד דער סאָוויעטן-רעגירונג און דער שטיצע פון „אַגראָדזשאָינט" איז די קאָלאָניזיר-אַרבעט זייט 1925 געפירט געוואָרן אין אַ גרויסן מאַסשטאַב. די רעזולטאַטן פון דער נייער קאָלאָניזאַציע אין סאָוויעטן-פאַרבאַנד צום 1-טן יאַנואַר 1928 זענען פאָלגנדיקע:

---

1) לויטן אָפיציעלן באַריכט פון „קאָמזעט" האָבן די הוצאות אויף דער יידישער קאָלאָניזאַציע פאַר די יאָרן 1925—1927 באַטראָפן 14.873.807 רובל, דערפון פון די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס — 9.525.638 רובל (א. מערעזשין „דריי יאָר ערד-איינאָרדענונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן", מאָסקווע 1928, זייט 39.

## די צאָל באַזעצטע יידישע מיטגלידער צום 1 יאַנואַר 1928

| רעפובליק | צאָל אויסגעטיילטע העקטאַר ערד | צאָל באַזעצטע פאַמיליעס |
|---|---|---|
| אוקראַינע | 165.334 | 7.251 |
| קרים | 119.623 | 2.312 |
| ווייסרוסלאַנד און האָמלער גוב. | 20.560 | 1.727 |
| ר.ס.פ.ס.ר. (מיט צפון קאַוקאַז און דאַגעסטאַן) | 18.166 | 432 |
| אוזבעקיסטאַן | 1.500 | 143 |
| בסך הכל | 325.183 | 11.865 |

פון די 11.865 משפחות האָבן זיך באַזעצט ביז 1925 יאָר 1868 פאַמיליעס: אין אָדעסער ראַיאָן – 662, אין קרים — 623, אין קריוואָראָגער ראַיאָן — 435 און אין וואָלין 148. אויף אַזאַ אופן איז אין די יאָרן 1925—1927 באַזעצט געוואָרן 9.997 משפחות — איבערוואַנדערער און קאָלאָניזירטע אויפן יסוד פון אינערלעכער פאַנאַנדערזעצונג („ראַזסעלענצעס"). אַלס קאָלאָניזירטע האָבן מיר גערעכנט נאָר די איבערוואַנדערער, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו באַאַרבעטן זייער ערד-שטח און אים פאַרזייען. מיר האָבן אויך אַראָפּגערעכנט די צוריקוואַנדערער אין די אַלטע היימען.

די איבערוואַנדערונגס-פאָנדן, ווו עס קאָנצענטרירט זיך די קאָלאָניזאַציע-אַרבעט און עס בילדן זיך גרויסע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, געפינען זיך אין אוקראַינע און אין קרים. אויף דידאָזיקע הויפּט-פאָנדן איז אויסגעטיילט געוואָרן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע ביז 1928 יאָר 13.503 חלקים און עס איז באַזעצט געוואָרן 8.564 משפחות לויט די איינצלנע ראַיאָנען טיילן זיי זיך אַזוי (זע טאַבעלע אויף זייט 130):

די אַלגעמיינע צאָל פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד האָט סוף 1927 באַטראָפן בערך 160.000 נפשות (מיט די פאַמיליען-מיטגלידער) 1).

1) וועגן דער צאָל קאָלאָניזירטע יידישע פאַמיליעס געפינען מיר אין די סאָוויעטישע אויסגאַבן פאַרשידענע ציפערן. ניטש נאָר די דאַטן פון די איינצלנע מחברים (טשעמערינסקי,

| ראַיאָן | צאָל חלקים | צאָל באַזעצטע פאַמיליעס |
|---|---|---|
| כערסאָנער | 2.945 | 1.980 |
| קריוואָראָגער (מיט ניקאָפּאָלער) | 3.907 | 2.544 |
| מאַריאַנפּאָל-זאַפּאָראָזשער | 1.286 | 746 |
| אָדעסער | 1.159 | 929 |
| מעליטאָפּאָלער | 462 | 53 |
| קרים | 3.744 | 2.312 |
| בסך הכּל | 13.503 | 8.564 |

די ערד איז אויסגעטיילט געוואָרן אין גרעסערע מאַסיוון, אין אוקראַינע בײַ די אַלטע יידישע קאָלאָניעס; אַזוי אַרום בילדן זיך גרויסע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, און מען וועט קענען שאַפן אַ רייע אַדמיניסטראַטיווע יידישע ראַיאָנען — אין כערסאָנער, קריוואָראָגער און מאַריאַנפּאָל-זאַפּאָראָזשער קרייזן. אין כערסאָנער קרייז איז שוין דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אָרגאַניזירט געוואָרן אין מערץ 1927. דערדאָזי-

פינקעל, מעריעזשין א. א.) זענען זיך סותר, נאָר אפילו אין די אָפיציעלע באַריכטן פון „קאָמזעט" איז פאַראַן פיל סתירות. לויטן באַריכט פון „קאָמזעט" אין „טריבונא" נום. 3 האָט די צאָל „באַזעצטע" אויף ערד יידישע משפחות ביז 1927 באַטראָפן 10.229 און לויטן באַריכט וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טריבונא" נום. 6—7, זענען קאָלאָניזירט געוואָרן 9.230 פאַמיליעס. דער אונטערשייד דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין ערשטן באַריכט זענען גענומען געוואָרן די איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן פאַר זיך פאַרפיקסירט ערד, און אין צווייטן באַריכט זענען פאַררעכנט געוואָרן נאָר די איבערוואַנדערער, וואָס זענען געקומען אויף די פעלדן און זענען דאָרט פאַקטיש געבליבן. באַזונדערס גוזמאותדיקע ציפערן האָט אָנגעגעבן דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון „אָזעט", מ. קאַמענשטיין. לויט די אָנגאַבן פון ה' קאַמענשטיין האָט די צאָל קאָלאָניזירטע יידישע משפחות אין 1925—1927 באַטראָפן 16.670 (מ. קאַמענשטיין „די סאָוויעטנמאַכט, די יידישע ערד-אײַנאָרדנונג און „אָזעט", מאָסקווע 1928 זייט 19), בשעת לויטן אָפיציעלן באַריכט פונם סעקרעטאַר פון „קאָמזעט" א. מערעזשין אויף דער אָרגאַניזאַציאָנס באַראַטונג אין פעברואַר 1928 איז אין 1925—1927 באַזעצט געוואָרן אינגאַנצן בײַ 12.500 פאַמיליעס (א. מערעזשין. „דרײַ יאָר ערד אײַנאָרדנונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן", זייט 8) אַן אונטערשייד אויף העכער 4000 משפחות!

BIBLIOTHECA UNIVERSITATIS TARTU

קער ראַיאָן פּאַרייניקט 14.710 איינוווינער, דערפון 11.743 יידן („עמעס“ נומ. 203 פונם 7-טן סעפּטעמבער 1927).

אַ באַזונדערן אינטערעס רופט אַרויס די פראַגע וועגן דער צאָל צוריקוואַנדערער, וואָס קערן זיך אום אין די אַלטע היימען. אין דער לעצטער צייט איז אין דער יידישער קאָמוניסטישער פרעסע אויפגעהויבן געוואָרן אַ שטאַרקער אַלאַרם קעגן דעם גרויסן „אָפּפאַל“ צווישן די יידישע איבערוואַנדערער. אַ. סודאַרסקי האָט אַפילו פעסטגעשטעלט בנוגע קריוואָראָגער ראַיאָן, אַז דער אָפּפאַל האָט אין 1926 באַטראָפן גאַנצע 47 פּראָצענט („עמעס“ נומ. 162 פונם 20-טן יולי 1927). אַ. מערעזשין האָט געפּרוווט באַרויקן די עפנטלעכע מיינונג מיט דער דערקלערונג, אַז אויך ביי די נישט-יידישע איבערוואַנדערער באַמערקט זיך דערדאָזיקער פּראָצעס און יידן בילדן אין דער הינזיכט נישט קיין אויסנאַם („עמעס“ נומ. 173 פונם 2-טן אויגוסט 1927). דער אמת איז, אַז סיי סודאַרסקי, סיי מערעזשין באַגייען אַ פעלער ביים אויסרעכענען דעם אַזויגערופענעם „אָפּפאַל“. ביז דער לעצטער צייט האָט מען אין דער סאָוויעטישער פרעסע גערעכנט פאַר קאָלאָניזירטע אַלע איבערוואַנדערער, וואָס האָבן פאַר זיך פאַרפיקסירט ערד, הגם זיי זענען קיינמאָל אויף די פעלדן נישט געווען. דערדאָזיקער פאַלשער אויסגאַנגס-פונקט האָט געבראַכט צו פאַלשע אויספירן בנוגע דעם אָפּפאַל. די משפחות, וואָס האָבן פאַר זיך פאַרפּאַסטיקט ערד דורך מרגלים זענען נאָך קיין קאָלאָניסטן נישט, אַלס באַזעצטע קאָן מען רעכענען נאָר די איבערוואַנדערער, וואָס זענען געקומען אויף די אויסגעטיילטע חלקים און האָבן באַארבעט דאָס לאַנד, און נאָר די, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון די פעלדן צוריק אין די אויסוואַנדערונגס-ערטער דאַרפן פאַררעכנט ווערן אַלס צוריקוואַנדערער. דאָס איז די אײנציקע ריכטיקע שטעלונג פון דער פראַגע, אָבער דאַן באַקומען מיר גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטן. אין דורכשניט באַטרעפן די צוריקוואַנדערער ביז 20 פּראָצ. פון די קאָלאָניסטן. דערדאָזיקער פּראָצענט איז נישט גרעסער, ווי ביי די נישט-יידישע איבערוואַנדערער. מען דאַרף נאָך דערביי נעמען אין אכט די אָפטע אומגערעטענישן אין סטעפּישן ראַיאָן, וואָס צווינגען אַ טייל פון די נייע יידישע פויערים זיך אומקערן אין די אויסוואַנדערונגס-ערטער. קיין שום גרונט פאַר אַלאַרם איז אין דעם פּרט נישטאָ.

דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די איבערוואַנדערער ווערט כאַראַקטעריזירט דורך פאָלגנדיקער טאַבעלע וועגן 1220 פאַמיליעס, וואָס זענען קאָלאָניזירט געוואָרן אין אוקראַינע פרילינגס-צייט 1926:

## דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די פאַמיליען־הויפּטן פון די אַריבערוואַנדערער [1]

| | | | |
|---|---|---|---|
| ערדאַרבעטער . . . | 189 | 15,4 | פּראָצענט |
| קוסטאַרן און אַרבעטער . | 749 | 61,1 | „ |
| אָנגעשטעלטע . . . | 82 | 8,0 | „ |
| הענדלער . . . . | 146 | 11,1 | „ |
| פרייע פּראָפעסיעס . . | 12 | 1,0 | „ |
| אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס | 42 | 3,4 | „ |
| צוזאַמען . . . | 1220 | 100,0 | פּראָצענט |

דידאַקטיש דאַטן איז אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן מיטן פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון די רעגיסטרירטע אויף ערדאַרבעט אין 27 אוקראַינישע קרייזן אין יאָר 1926.

## סאָציאַלער באַשטאַנד פון די פאַררעגיסטרירטע אויף ערדאַרבעט יין אוקראַינע אין 1926

| | אַבסאָלוטע צאָל | % |
|---|---|---|
| ערדאַרבעטער . . . . . | 2.640 | 14,5 |
| בעלי־מלאכות און בעלי־עגלות | 4.840 | 26,7 |
| אַרבעטער . . . . . . | 2.027 | 11,2 |
| אָנגעשטעלטע . . . . . | 1.117 | 6,2 |
| הענדלער . . . . . | 2.159 | 11,9 |
| פרייע פּראָפעסיעס . . . . | 353 | 1,9 |
| אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס . | 5 002 | 27,6 |
| צוזאַמען . . . . . | 18.138 | 100,0 |

די פּראָדוצירנדיקע און פיזיש־אַרבעטנדיקע עלעמענטן (ערדאַרבעטער, בעלי־מלאכות און אַרבעטער) האָבן געבילדעט אין 1926 ביי די רעגיסטרירטע 52,4 פּראָצענט און ביי די קאָלאָניזירטע 76,5 פּראָצענט. פאַרקערט, די הענדלער און אומבאַשטימטע עלעמענטן באַטרעפן ביי די רעגיסטרירטע

1) ל. יאַכנאָוויטש. „עמעס", נומ. 199, פונעם 31־טן אויגוסט 1926. אין דער קוסטאַרישער גרופּע גייען אויך אַריין בעלי־עגלות.

39,5 פּראָצענט און בײַ די באַזעצטע אויף ערד 14,5 פּראָצענט. די געבראַכ־טע ציפערן באַווײַזן, אַז די איבערוואַנדערער האָבן זיך אין אוקראַינע אין 1926 רעקרוטירט הויפּטזעכלעך פון די אַרבעטנדיקע עלעמענטן און אַז די הענדלער אין אומבאַשטימטע (מייסטנס אויך הענדלער) האָבן געבילדעט אַ קלײנעם פּראָצענט צווישן די קאָלאָניזירטע, בשעת אין די יאָרן 1924 און 1925 האָבן די הענדלער אויסגעמאַכט פון 25 ביז 30 פּראָצענט. דאָס דער־קלערט זיך מיט דער פאַרברייטערונג פון פּריוואַטן האַנדל אין די יאָרן 1925—1926. די הענדלערישע עלעמענטן האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט צו עקזיסטירן אין זייערע אַלטע וווינונגס־פּרטער און האָבן זיך דעריבער גע־האַט אָפּגעזאָגט איבערצוגיין צו אַזאַ שווערער און אומבאַקאַנטער פּראָ־פעסיע, ווי לאַנדווירטשאַפט. אין ק ר י ם אָבער האָבן די הענדלער אויסגע־מאַכט אויך אין 1926 יאָר גאַנצע 29,1 פּראָצענט פון אַלע באַזעצטע פאַ־מיליעס. דער אונטערשיד צווישן אוקראַינע און קרים דערקלערט זיך דער־מיט, וואָס קיין קרים זענען געגאַנגען איבערוואַנדערער פון ווייסרוסלאַנד און האָמלער גובערניע, וווּ די אָרימקייט פון די הענדלער האָט שוין דע־מאָלט דערגרייכט דעם העכסטן גראַד. אין 1927 האָט זיך די לאַגע ראַדי־קאַל געענדערט אין אוקראַינע, דער אָנגריף אויפן פּריוואַטניק האָט אין לעצטן יאָר אַרויסגעשטויסן אַ סך הענדלער פון זייערע פּאָזיציעס. דער פּראָצענט הענדלער אין דער אַריבערוואַנדערונג אין אוקראַינע איז דערי־בער אין 1927 שטאַרק אויסגעוואַקסן. לויט די ידיעות פון 2.276 משפּחות, וואָס זענען קאָמפּלעקטירט געוואָרן פרילינג 1927, זענען 32,3 פּראָצענט געווען הענדלער. פּאַרקערט, דער פּראָצענט אַרבעטער און קוסטאַרן איז אין 1927 יאָר פאַרקלענערט געוואָרן.

רעדנדיק וועגן מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס גייט איבער צו ערדאַרבעט, דאַרף מען נאָך אָנווייזן אויף דעם פ אַ ר מ ע ג נ ס ־ צ ו ש ט אַ נ ד פון די איבערוואַנדערער. אין דעם פּרט זענען פאַר 3 יאָר פ. אַנמעסיקער קאָלאָני־זאַציע פאָרגעקומען וויכטיקע ענדערונגען. אין 1925 האָט יעדע איבער־וואַנדערער־פאַמיליע געמיזט אַריינטראָגן אין אוקראַינע 300 און אין קרים 400 רובל. מחמת דעם האָבן די אָרימסטע שיכטן נישט געהאַט די מעג־לעכקייט איבערצוגיין צו ערדאַרבעט. דער „קאָמזעט" האָט דעריבער איינ־געשטעלט ק אַ ס ע ג אָ ר י ע ס, וואָס לייגן אַריין אַ פאַרשידענעם סכום איי־גענע מיטלען אין דער ווירטשאַפט לויט זייער פאַרמעגלעכקייט. לכתחלה איז אָנגעמערקט געוואָרן צו פאַרטיילן די ערד־חלקים אויף פאָלגנדיקן אופן:

| פּאַי | פּראָצענט פון די איבערוואַנדערער | פונגם פּאַי ווערט אַריינגעלייגט דירעקט אין דער ווירטשאַפט |
|---|---|---|
| 10 רובל . . . . | 30 | — |
| 150 „ . . . . | 30 | 100 |
| 300 „ . . . . | 25 | 200 |
| 500 „ . . . . | 10 | 400 |
| די גאַנצע נויטיקע סומע — | 5% | די גאַנצע נויטיקע סומע |

די רעגיסטראַציע פון 1926 האָט אָבער באַוויזן, אַז צוליב דער שרעקלעכער אָרעמקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז נויטיק צו פאַרגרעסערן דעם פּראָצענט אומבאַמיטלטע איבערוואַנדערער. אין אַפּריל 1926 איז פאַר די ערשטע 2 קאַטעגאָריעס אָפּגעגעבן געוואָרן 80 פּראָצענט פון אַלע אָרדערס (10 רובלדיקע — 30 פּראָצענט און 150 רובלדיקע — 50 פּראָצ.). אין 1927 איז דער פּראָצענט אָרימע עלעמענטן נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן און ביי דער האַרבסט-קאַמפּאַניע אין 1927 יאָר זענען די נאַריאַדן אַזוי צעטיילט געוואָרן:

ערשטע קאַטעגאָריע (אָנגעלטיקע) . . 45 פּראָצ.
2-טע קאַטעגאָריע (150-רובלדיקע) . . 40 „
די איבעריקע קאַטעגאָריעס . . 15 „

לעצטנס איז אויף דער אַגראָ-טעכנישער באַאַרבעטונג ביים „קאָמזעט" אין פעברואַר 1928 באַשלאָסן געוואָרן אָפּגעבן אַ טייל ערד-חלקים אַזוינע עלעמענטן, וואָס האָבן נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו דערנערן אויף אייגענע מיטלען ביז צו דער ערשטער גרעטעניש. דידאָזיקע קאַטעגאָריע וועט קריגן ספּעציעלע קרעדיטן אויף דערנערונג פאַר זיך און פוראַזש פאַרן פי. אויף אַזאַ אופן וועלן אין דער איבערוואַנדערונג אַלץ מער אַריינגעצויגן די דעקלאַסירטע און אָרימסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דער צושטאַנד פון די יידישע ווירטשאַפטן ווערט כאַראַקטעריזירט דורך די דאַטן וועגן אינווענטאַר, בנינים און פאַרזיי-שטח. לויט די ידיעות פון „קאָמזעט" איז דער לעבעדיקער אינווענטאַר אויף די הויפּטפּאָנדן סוף 1927 געווען אַזוינער (זע די טאַבעלע אויף זייט 135):

דידאָזיקע ציפערן באַווייזן, אַז די פאַרזאָרגונג מיט לעבעדיקן אינווענטאַר איז צום 1 יאַנואַר 1928 אין אַלגעמיין געווען אַ באַפרידיקנדיקע. אַ מיטעלע פּויערשע ווירטשאַפט נויטיקט זיך אין 2 פערד און איין בהמה. די דורכשניטלעכע צאָל בהמות האָט שוין כמעט דערגרייכט דעם נאָרמאַלן צושטאַנד, פערד-קראַפט פעלט נאָך אויס, אָבער אין דעם פּרט ווערט די

| ראַיאָן | צאָל אַרבעטס-פי אין פערד אויף 100 משפחות | צאָל בהמות אויף 100 פאַמיליעס |
|---|---|---|
| כערסאָנער | 114,3 | 107,6 |
| קריוואָראָגער (מיכאַילאָ-װער) | 116,5 | 76,2 |
| ניקאָפּאָלער | 95,5 | 58,8 |
| מאַריאַנפּאָל-זאַפּאָראָזשער | 126,2 | 48,6 |
| אָדעסער | 129,2 | 107,7 |
| קרים | 111,4 | 77,8 |
| אין דורכשניט | 113,2 | 82,4 |

לאַגע פאַרלייכטערט דורך די טראַקטאָרן. סוף 1927 האָט מען אין די הויפּט-פּאָנדן אין אוקראַינע און קרים געציילט 185 טראַקטאָרן. די ערשטע יאָרן ליידן די איבערוואַנדערער שטאַרק פון מאַנגל אין לעבעדיקן אינווענטאַר. אָבער די ווירטשאַפט פונם נייעם יידישן פויער האַלט אין וואַקסן פון יאָר צו יאָר. דאָס באַווייזן בולט די פאָלגנדיקע דאַטן וועגן דער פערד-קראַפט אין דער צאָל בהמות בנוגע 5.472 משפחות אין ראַיאָן פון „אַגראָדזשאָינט”:

| דורכשניטלעך אויף 100 ווירטשאַפטן | ביי די באַזעצטע אין 1924 יאָר | ביי די באַזעצטע אין 1925 יאָר | ביי די באַזעצטע אין 1926 יאָר | ביי די באַזעצטע אין 1927 יאָר |
|---|---|---|---|---|
| אַרבעטס-פי (פערד און אָקסן) | 165 | 133 | 133 | 82 |
| בהמות | 126 | 119 | 80 | 29 |

די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין 1927 יאָר האָבן נאָך זייער ווייניק אינווענטאַר. ביי די קאָלאָניזירטע אין די פריערדיקע יאָרן איז דער לעבעדיקער אינווענטאַר באַדייטנדיק פאַרגרעסערט געוואָרן.

וואָס אָנבאַלאַנגט בנינים איז אויף די פאָנדן אין אוקראַינע און קרים ביז 1928 יאָר אויסגעבויט געוואָרן 5.589 הייזער. די ווירטשאַפטן זענען אַזוי אַרום געווען פאַרזאָרגט מיט הייזער אויף 65 פּראָצענט. אויך אין דעם פּרט באַמערקן מיר אַ סיסטעמאַטישן וווקס. צום 1 יאַנואַר 1927 זענען די איבערוואַנדערער געווען פאַר-

1) צווישן די אַרבעט-פי זענען פאַררעכנט פערד און אָקסן, דערביי זענען 3 אָקסן גלייכן צו 2 פערד.

זאָרגט מיט בנינים אויף 31,7 פּראָצענט און צום 1 יאַנואַר 1928 — אויף 65 פּראָצענט, די צאָל הייזער איז אין 1927 אויסגעוואַקסן כמעט אויף 150 פּראָצענט. דער פּראָצענט קאָלאָניסטן, וואָס איז געווען פאַרזאָרגט מיט הייזער סוף 1927 אין איינצלנע ראַיאָנען, איז געווען אַזוינער:

| | | |
|---|---|---|
| כערסאָנער | — | 83,3 |
| קריוואָראָגער (מיכאַילאָווער) | — | 59,6 |
| ניקאָפּאָלער | — | 83,0 |
| מאַריאופּאָל-זאַפּאָראָזשער | — | 52,8 |
| אָדעסער | — | 86,0 |
| קרים | — | 43,7 |
| אין דורכשניט | | 65,3 |

אין 1927 יאָר איז די בויאונגס-אַרבעט געפירט געוואָרן זייער אינטענסיוו, אין די פריערדיקע יאָרן איז די געבויאונגען זייער לאַנגזאַם און דאָס האָט שטאַרק פאַרשווערט די לאַגע פון די איבערוואַנדערער. בכלל ווערט די בויאונג געפירט הויפּטזעכלעך פונם צווייטן יאָר. דעם ערשטן יאָר איז דער קאָלאָניסט שטאַרק איבערלאַסטעט מיט אַרבעט און נאָר אַ קליינער טייל איז בכּוח זיך אויסצובויען. די איבערוואַנדערער זענען דעריבער געצוווּנגען אַ לענגערע צייט צו וווינען אין באַראַקעס, געצעלטן און ערד-הייזלעך („זעמליאַנקעס").

אויף גרויסע שוועריקייטן שטויסן זיך אָן די איבערוואַנדערער אויף די אוקראַינער סטעפּעס און אין קרים בײַ דער באַזאָרגונג מיט וואַסער, וואָס ליגט דאָרט זייער טיף. די ברונעמס קומט דאָ אויס צו בויען אין דער טיף פון 80 ביז 120 מעטער. אַדאַנק דער באַנוצונג מיט ספּעציעלע מאַשינעס האָט זיך איינגעגעבן בײַצוקומען די שוועריקייטן. ביז צום 1 יאַנואַר 1928 איז אויף די הויפּט-פאָנדן געשאַפן געוואָרן 668 ברונעמס.

נישט געקוקט אויף די אָנגעוויזענע שוועריקייטן האָבן די נייע קאָלאָניסטן, מערסטנטייל׳ס שטאָטישע און שטעטלשע איינוווינער, וועלכע זענען אינגאַנצן ביז איצט נישט באַקאַנט געווען מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט, שוין באַוויזן צו דערגרייכן באַדייטנדיקע דערפאָלגן. דאָ האָט אַ סך צו זאָגן די איבערגעגעבנקייט פון די איבערוואַנדערער צו זייער נייער פּראָפעסיע און זייער פאַרהעלטנישמעסיק הויכער קולטורעלער ניוואָ. די יידישע איבערוואַנדערער הערן זיך צו צו די אָנווייזונגען פון די אַגראָנאָמען און בויען זייער ווירטשאַפט פונם אָנהייב אָן מיט פּראָגרעסיווע מעטאָדן — זיי פירן אַריין די סיסטעם פון פילפעלדיקן זיי-פּאַרקער, זייען נייע קולטורן א. ד. גל.

דער *פּאַרזיי־שטח* ביי די יידישע פויערים האָט אין דורכשניט דערגרייכט אין 1927 יאָר אין אוקראַינע — 8,7 העקטאַר אויף אַ ווירטשאַפט און אין קרים 14,4 העקטאַר. אין איניקע ערטער איז דער פּאַרזיי־שטח ביי די יידישע איבערוואַנדערער געווען גרעסער ווי ביי די אַרומיקע פויערים. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער פראַגע וועגן *אַרענדע* אין די יידישע ישובים. די לעצטע אויספאָרשונגען אין אַ רייע ישובים באַווייזן, אַז די ידיעות וועגן דער נטיה פון די יידישע איבערוואַנדערער אָפּצוגעבן זייער ערד אין אַרענדע זענען אומבאַגרינדעט. לויט דער אויספאָרשונג פון 69 משפּחות אין אָדעסער ראַיאָן האָבן 36 פּראָצענט פויערים אָפּגעגעבן אין אַרענדע אַ *טייל* פון זייערע נחלאות. פון 6.205 דעסיאַטין איז געווען אין אַרענדע 1.159 ד. ה. 18,7 פּראָצענט („עמעס", נומ. 254 פונם 5־טן נאָוועמבער 1927). צוויי דריטל פון די נייע יידישע פויערים באַאַרבעטן אַליין זייערע ערד־חלקים. און נאָר ווייניקער פון איין פינפטל פון לאַנדבאַזיץ געפינט זיך אין אַרענדע. נאָכן גינסטיקער זענען די ידיעות פונם יידישן קאַלינינדאָרפער ראַיאָן, וווּ פון 10.000 דעסיאַטין, וואָס געפינען זיך אין רשות פון די איבערוואַנדערער, זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַרענדע אינגאַנצן 135 („עמעס", נומ. 234 פונם 9־טן אָקטאָבער 1927). ביי דעם מאַנגל אין לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר, וואָס פילט זיך נאָך אין די נייע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, זענען דידאָזיקע צאָלן געוויס נישט קיין גרויסע, און די אויבנגעבראַכטע ציפערן וועגן פּאַרזיי־שטח באַווייזן, אַז די יידישע איבערוואַנדערער שטרענגען אָן אַלע זייערע כּוחות צו באַהערשן זייער שטיקל לאַנד און זוכן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרפעסטיקן זייער ווירטשאַפט.

אויפן צושטאַנד פון די יונגע יידישע ווירטשאַפטן ווירקן זייער שלעכט די *אָפּטע אומגערעטענישן* אין די סטעפּ־געגנטן, ווו עס ווערט געפירט די פּלאַנמעסיקע יידישע קאָלאָניזאַציע. די קאָלאָניסטן זענען אָנגעוויזן אויף די צופעליקע וועטער־באַדינגונגען, וועלכע פאַלן אָפט זייער שלעכט אויס אין דידאָזיקע ראַיאָנען. די איבערוואַנדערער־ווירטשאַפט קאָן דעריבער נישט געבויט ווערן בלויז אויף קערנער־קולטורן, עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו פאַרשפּרייטן וויינגערטנעריי און אַנדערע אינטענסיווע קולטורן, ווי אויך אַנטוויקלען פיצוכט, כּדי דער פויער זאָל אויך ביי אַ שלעכטער גערעטעניש האָבן אַ מעגלעכקייט צו עקזיסטירן. אויפן געביט פון *וויינגערטנעריי* זענען שוין געמאַכט געוואָרן געלונגענע פּרוּוון צום 1 יאַנואַר 1928 זענען שוין געווען פאַרפלאַנצט מיט ווייַנטרויבן 470 העקטאַר.

וואָס איז שייך די *פאָרם פונם ערד־באַנוץ* אין די נייע

יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, איז לכתחילה די יידישע קאָלאָניזאַ-
ציע געפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך אויף קאָלעקטיווע יסודות. אין יאָר
1925 איז אין אוקראַינע אַליין געווען 193 קאָדעקטיוון. שפּעטער זענען די
קאָלעקטיווע פאַראייניקונגען צעפאַלן געוואָרן און צום 1 יאַנואַר 1928 איז
אין אוקראַינע און קרים איינגאַנצן געווען 7 אַרטעלן און קאָמונעס, און
32 מאַשין-געזעלשאַפטן. נאָר אין ווייסרוסלאַנד האָט זיך די קאָלעקטיווע
פאָרם פאַרפעסטיקט. צום 1 יאַנואַר 1928 האָט מען אין ווייסרוסלאַנד גע-
ציילט 169 יידישע אַרטעלן. אין ווייסרוסלאַנד האָבן זיך די אַרטעלן פאַר-
פעסטיקט דער עיקר צוליב דעם, וואָס דאָרט איז זייער שווער געווען צו
פאַנאַנדערטיילן די ערד צווישן די מיטגלידער; דאָרט זענען אויף די
אויסגעטיילטע שטחים געווען אַלגעמיינע בנינים, באַזונדערס אין די געווע-
זענע רעגירונגס-ווירטשאַפטן („סאָווכאָזן"). אַ געוויסע ראָלע האָט אויך גע-
שפּילט אין דעם פּרט די פּאָליטיק פונם עזר-קאָמיסאַריאַט, וועלכער פירט
אָן מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ווייסרוסלאַנד; די קאָלעקטיוון
באַקומען גרעסערע קרעדיטן און ווערן בכלל בעסער פאַרזאָרגט ווי די
אינדיווידועלע ווירטשאַפטן. די אַגראָנאָמישע באַראַטונג פון „קאָמזעט" אין
פעברואַר 1928 האָט אין הסכם מיטן נייעם אַלגעמיינעם קורס אויף קאָלעק-
טיוויזאַציע באַשלאָסן אָנצונעמען מיטלען צו פאַרשפּרייטן פונדאַסניי די
קאָלעקטיוויזאַציע אויך אין אוקראַינע און קרים. דערביי ווערט אויסדריק-
לעך באַטאָנט, אַז די קאָלעקטיוויזאַציע דאַרף געפירט ווערן אויף פרייוויי-
ליקע יסודות. קיין צוואַנגס-קאָלעקטיוויזאַציע טאָר גישט דערלאָזט ווערן.

באַדייטנדיקע דערגרייכונגען דאַרף מען פאַרצייכענען אויפן געביט
פון קאָאָפּעראַציע. אין דער ערשטער רייע דאַרף מען דערמאָנען די
16 קרעדיט-געזעלשאַפטן אין אוקראַינע און קרים, וועלכע האָבן
סוף 1927 געציילט 4.399 מיטגלידער. לויט די ראַיאָנען טיילן זיך די קרע-
דיט-געזעלשאַפטן אַזוי:

| | | | |
|---|---|---|---|
| כערסאָנער | — | 5 | געזעלשאַפטן |
| קריוואָראָגער | — | 4 | „ |
| אָדעסער | — | 3 | „ |
| מאַריאַנפּאָל-זאַפּאָראָזשער | — | 1 | „ |
| קרים | — | 3 | „ |
| בסך הכל | — | 16 | געזעלשאַפטן |

קאָנסום-קאָאָפּעראַטיוון איז סוף 1927 געווען 10 — צו 5
אין כערסאָנער קרייז און אין קרים. קיין פּריוואַטע האַנדלס-אונטערנעמונ-

גען איז אין די נייע יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים נישטאָ.

אין די נייע ישובים באַמערקט זיך אויך אַ פאַרהעלטנישמעסיק שנע-לע אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציר-קאָאָפּעראַציע. סוף 1927 האָבן עקזיסטירט 86 קאָאָפּעראַטיווע קעז- און פוטער-קאָכערייען, דערפון 60 אין ווייסרוסלאַנד, 21 אין אוקראַינע און 5 אין קרים. די איבערוואַנ-דערער ווייזן בכלל אַרויס פיל איניציאַטיוו אין פּרט פון אָרגאַניזירונג פון באַהילפיקע אונטערנעמונגען. חוץ די אָנגעוויזענע קעז-און פוטער-קאָכערייען האָבן סוף 1927 אין אוקראַינע, קרים און ווייס-רוסלאַנד פונקציאָנירט 80 פאַרשידענע אונטערנעמונגען (אייל-זאַוואָדן, גאַר-בערייען, וועבערייען, קראַכמאַל-זאַוואָדן א. ד. גל.).

אַזוי אַרום קאָנסטאַטירן מיר, אַז די ווירטשאַפט פונם יידישן איבער-וואַנדערער וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אויף אַלע געביטן און אַז די קאָ-לאָניזאַציאָנס-אַרבעט פון די לעצטע יאָרן אין סאָוויעט-רוסלאַנד האָט גע-שאַפן אַ געזונטן קלאַס יידישע פויערים, וועלכע קאָנען שוין פאַרצייכענען וויכטיקע דערגרייכונגען אין זייער אַרבעט.

דער אָנטייל פון די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּלאַנמעסיקער קאָלאָניזאַציע ביז 1928 ווערט אילוסטרירט דורך פאָלגנ-דיקע דאַטן וועגן די באַזעצטע פאַמיליעס אין די הויפט-פאָנדן (אין פּראָצענטן):

| | |
|---|---|
| „אַגראָדזשאָינט" | — 63,3 |
| „יקא" | — 21,7 |
| „אָרט" | — 9,7 |
| „אָזעט" | — 5,3 |
| סך הכל | — 100,0 |

די הויפט-אַרבעט אויף די איבערוואַנדערונגס-פאָנדן — כמעט צווי דריטל — איז דורכגעפירט געוואָרן דורך „אַגראָדזשאָינט", אויך די טעטי-קייט פון „יקא" איז געווען גאַנץ באַדייטנדיק. מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז די קאָלאָניזאַציע-אַרבעט אין ניקאָפּאָלער ראַיאָן (1,126 פאַמיליעס האָט אָנגעפירט „אָזעט" און ערשט אין 1927 יאָר האָט „יקא" איבערגענומען די באַדינונג פונ׳ם דאָזיקן ראַיאָן. מחמת דעם איז פאַקטיש דער אָנטייל פון „אָזעט" אין דער אָפּעראַטיווער אַרבעט, פאַר דעם איבערגאַנג פון ניקאָפּאָ-לער ראַיאָן צו „יקא", געווען גרעסער און האָט דערגרייכט 18.3 און פון „יקא" — 8,7 פּראָצענט (חוץ די אַלטע קאָלאָניעס). צום 1 יאַנואַר 1928 האָבן די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס באַדינט 95 פּראָצענט פון אַלע יידישע איבערוואַנדערער אויף די הויפט-פאָנדן אין אוקראַינע און קרים.

# פערספעקטיוון פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע

ביי דער אָפּשאַצונג פון די ווייטערדיקע מעגלעכקייטן פאַר דער ייִדי-שער קאָלאָניזאַציע איז נויטיק פעסטצושטעלן: 1) ווי גרויס איז דער מענטשן-רעזערוו פאַר דער איבערוואַנדערונג 2) אויף וויפל אין סאָוויעטן-פאַרבאַנד איז פאַראַן פרייע ערד-פאָנדן און 3) וואָסערע קאַפּיטאַלן קאָנען אַריינגעלייגט ווערן אין דער קאָלאָניזיר-אַרבעט.

ביי דער רעגיסטראַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין 1925 האָבן אויסגעדריקט דעם ווונטש אַריבערצוגיין צו לאַנדווירטשאַפט [1]:

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אין אוקראַינע . . . . . . | 14.998 | פאַמיליעס מיט | 73.000 | נפשות |
| „ ווייסרוסלאַנד . . . . . | 6.836 | „ „ | 34.035 | „ |
| „ האָמלער גוב. . . . . . | 665 | „ „ | 3,300 | „ |
| „ סמאָלענסקער גוב. . . . | 147 | „ „ | 865 | „ |
| „ פסקאָווער גוב. . . . . | 211 | „ „ | 961 | „ |
| צוזאַמען . . . | 22.857 | פאַמיליעס מיט | 112.161 | נפשות |

די רעזולטאַטן פון דער רעגיסטראַציע אין 1926 זענען נאָר טיילווייז פאַרעפנטלעכט געוואָרן [2].

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אוקראַינע (27 קרייזן פון 41) . | 15.258 | פאַמיליעס מיט | 66.669 | נפשות |
| האָמלער גוב. . . . . . . | 1.521 | „ „ | 7.898 | „ |
| פסקאָווער גוב. . . . . . . | 69 | „ „ | 316 | „ |
| בריאַנסקער גוב. . . . . | 319 | „ „ | 1.860 | „ |
| צוזאַמען . . . | 17.167 | פאַמיליעס מיט | 76.743 | נפשות |

די אַלגעמיינע צאָל רעגיסטרירטע אין 1926 באַטרעפט, לויט די ידיעות פון דער ייִדיש-סאָוויעטישער פרעסע, בערך 26.000 משפחות מיט 127.738 נפשות [3]. אין יאָר 1927 איז דער דראַנג פון די ייִדישע מאַסן צו ערד-אַרבעט נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן צוליב דעם נייעם דרוק מצד דער סאָוויעטן-רעגירונג אויפן פריוואַטן הענדלער און אונטערנעמער.

1) י. גאָלדע, „דער סך-הכל פון דער רעגיסטראַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג", „יעווריעיסקי קרעסטיאַנין", זייט 38, מאָסקווע 1925.

2) „עמעס", נומ. 124, פונם 1 יוני 1926.

3) „עמעס", נומ. 36, פונם 11-טן פעברואַר 1928.

ביי דער סרויעריקער עקאנאמישער לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג אין סאוויעט-רוסלאנד און דער אוממעגלעכקייט פון עמיגראציע אין די איבער-אקעאנישע לענדער, זענען צווישן די יידישע מאסן נאך בלי ספק פאראן גרויסע רעזערוון פאר איבערוואנדערונג.

די אויסטיילונג פון נייע ערד-נחלאות באגעגנט גרויסע שוועריקייטן. אין אוקראינע, דעם ביז איצטיקן הויפטצענטער פון דער יידישער קאלאניזאציע, איז דער פרייער ערדפאנד אינגאנצן אויסגעשעפט. און פון אוקראינע גופא ווערט שוין א טייל יידישע איבערוואנדערער געשיקט קיין קרים, ווו ס'איז נאך פאראן פרייע ערד. גרויסע ערד-פאנדן זענען פאראן אין ר. ס. פ. ס. ר., דער עיקר אין סיביר, ווייטן מזרח, אוראלער געגנט, אין צפון אייראפעישן ראיאן, טיילווייז אויך אין וואלגא-קאנט און צפון-קאווקאז. א. מערעזשין ווייזט אן, אז אראפרעכענענדיק די באזעצטע לענדערייען און די טונדרעס און מדבריות, בלייבט נאך אין רוסלאנד 1.204.000.000 העקטאר ערד. אזוי ארום באווייזט א. מערעזשין, איז קיין מאנגל אין ערד נישטא („עמעס", נומ. 196 פונם 30 אויגוסט 1927). ה' מערעזשין פארגעסט אבער אנצווייזן, אז דער גרעסטער טייל לענדערייען זענען אבסאלוט נישט צוגעגרייט צו לאנדווירטשאפט, אז זיי געפינען זיך ממש הינטער די הרי-חושך, אז מ'מוז ערשט דאס לאנד אנטווארצלען, באוואסערן, באזארגן מיט אייזנבאנען, און אז פאר דעם צוועק זענען נויטיק קאלאסאלע קאפיטאלן און אנשטרענגונגען. אין דערזעלבער צייט איז די אגרארישע איבערבאפעלקערונג אין רוסלאנד אומגעהויער גרויס און די טויגבארע ערד-פאנדן קלעקן נישט צו באפרידיקן די ערדלאזע נישט-יידישע פויערים אפילו אין א קליינער מאס. א בילד וועגן דעם ערד-הונגער אין ראטנפארבאנד איז געגעבן געווארן אויף דער אלרוסלענדישער בעראטונג וועגן איבערוואנדערונג אין מערץ 1927. די פארטרעטער פון פאלקס-קאמיסאריאט פאר ערד-ענינים האט אנגעוויזן, אז די אגרארישע איבערבאפעלקערונג אין רוסלאנד באטרעפט ביז 24 מיליאן נפשות, אז אין די באוווינטע ראיאנען וועלן די פרייע ערד-פאנדן אויסגעשעפט ווערן אין משך פון די נאענטסטע 5 יאר. און נאכדעם וועט מען מוזן צוטרעטן צו קאלאניזירן די נישט-באוווינטע געגנטן, אין דער ערשטער רייע די „טייגא". נישט געקוקט אויף דער גע-וואלטיקער איבערבאפעלקערונג האט די בעראטונג באשלאסן אין די נאענטסטע צען יאר איינצואָרדענען נאר 4.714.000 נפשות איבערוואנדערער, דערפון אין סיביר און ווייטן מזרח 3.250.000 (זע „עקאנאמיטשעסקאיא זשיזן" פון 1, 2-טן און 16-טן מערץ און „עמעס" פון 12 מערץ 1927). עס איז כדאי צו באמערקן, אז לויטן אנגעמערקטן פלאן דארפן די הוצאות פאר דער איינארדנונג פון די אנגעוויזענע איבערוואנדערער באטרעפן א

מיליאַרד רובל, ד. ה. אין דורכשניט 1.000 רובל אויף אַ פאַמיליע, בשעת ביז איצט ווערט מצד דער סאָוויעטן-רעגירונג אַסיגנירט פאַר אַן איבערוואַנדערער-פאַמיליע ביז 250. דידאָזיקע קורצע ידיעות באַווייזן בולט, אַז די פראַגע וועגן אויסטיילן ערד-נחלאות איז זייער שווער צו לייזן. אויף דידאָזיקע שוועריקייטן האָט בשעתו אָנגעוויזן אויך א. מערעזשין. אין אַרטיקל „אָן אילוזיעס", שרייבט ה' מערעזשין וועגן זיין באַזוך אין סאַלסקער קרייז: „אויף יעדער נישט פאַרנומענער דעסיאַטין ערד זענען דאָ בעלנים. בעת ה' פאַבריקאַנט און איך האָבן באַזוכט דעמדאָזיקן קרייז האָט זיך ביי אונז געשאַפן אַ פעסטע מיינונג, אַז אויב דער „קאָמערד" וועט באַצייטנס נישט פאַרנעמען די אָנגעמערקטע 150.000 דעסיאַטין 1) וועט שפעטער זייער שווער זיין צו באַקומען זיי" („עמעס", נומ. 280, פונם 8 דעצעמבער 1925). אין אַ צווייטן אַרטיקל „איבערוואַנדערונגס-פראַגן" האָט א. מערעזשין געשריבן וועגן די נישט-יידישע איבערוואַנדערער: „העכער 70 פראָצענט פון אַלע איבערוואַנדערער אין 1624—25 זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן איבערגעוואַנדערט סטיכיש, אָן שום דערלויבעניש, אָן נאַריאַדן, געקומען, געטראָפן פרייע ערד, זיך אַוועקגעזעצט און מער גאָרנישט. גיי טרייב!".

ביי דידאָזיקע באַדינגונגען, ביי דעם אַלץ וואַקסנדיקן ערד-הונגער צווישן פויערטום צוליב דעם גרויסן נאַטירלעכן צוּוווּקס, איז זייער שווער צו קריגן ערד פאַר הונדערט טויזנט יידישע פאַמיליעס.

אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער ערד-פראַגע שטייט דאָס פראָבלעם פון [illegible] פון אַ יידישער אויטאָנאָמער טעריטאָריע, וועגן וועלכער ס'ווערט אין דער לעצטער צייט גערעדט אין דער רוסישער און אויסלענדישער יידישער פרעסע. די ביז איצטיקע קאָלאָניזאַציע איז געפירט געוואָרן אין פאַרשידענע געגנטן. אויף די באַזעצטע פאָנדן קאָן מען שאַפן 4 יידישע ראַיאָנען, וואָס פאַרייניקן יעדער 10—15 טויזנט יידישע נפשות. כדי אָבער צו שאַפן אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט, אַ „יידישע רעפובליק", איז נויטיק איינצואָרדנען מינדעסטנס 50.000 יידישע ערד-אַרבעטער-משפחות אויף איין ערד-שטח. דאָס אָנערקענט אויך דער סעקרעטאַר פון צ. ק. פון די יידישע סעקציעס א. טשעמערינסקי אין זיין בוך „די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פאַרטיי און די יידישע מאַסן". אַזאַ דורכאויסיקער פרייער פלאַץ איז געפונען געוואָרן אויפן ווייטן-מזרח, אין ביראַ-

1) ווי באַקאַנט האָט דער „קאָמזעט" אין הערבסט 1925, באַשלאָסן אויסצוטיילן פאַר יידן אין סאַלסקער קרייז 150.000 דעסיאַטין. דערדאָזיקער ערד-שטח איז שפעטער אָפגענומען געוואָרן פון די פאָנדן פון דער יידישער ערד-איינאָרדנונג.

בידזשאַן. לויטן באַשלוס פון „קאָמזעט" פונם 17-טן יאַנואַר 1928 ווערט ביראָ-בידזשאַנער ראַיאָן איבערגעגעבן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע מיטן צוועק צו שאַפן דאָרט אַ טעריטאָריאַל-אויטאָנאָמישן יידישן ישוב, אַ „יידיש לאַנד" לויטן אויסדרוק פון ה' טשעמערינסקי. דעדדאָזיקער באַשלוס איז ענדגילטיק סאַנקציאָנירט געוואָרן פון אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט דעם 28-טן מערץ 1928. נאָך דער פעסטשטעלונג פון די גרענעצן פון ביראָ-בידזשאַנער ראַיאָן באַטרעפט דער שטח ערד, וואָס ווערט באַניצט פאַר יידישע איבערוואַנדערער 3.895.748 העקטאַר. דערפון באַרג-וואַלדישע מאַסיוון — 1.845.149 העקטאַר, פאַרזומפּיקטע שטחים — 508.423 העקטאַר און לייכט-באַהערשבאַרע לענדערייען — 1.542.176 העקטאַר. אויף די לעצטע ערד-שטרעקעס וועט מען, לויט דער מיינונג פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט אין 1928 יאָר ווידער אויסגעפאָרשט דעם ראַיאָן, קאָנען באַזעצן בערך 200.000 מענטשן. אָבער אויך די לייכט-באַהערשבאַרע שטחים נויטיגן זיך אין אַ טיילווייזער מעליאָראַציע, די איבערוואַנדערער וועלן קריגן נאָר אַ טייל פון זייער נחלה טויגבאַרע ערד [1].

די שלעכטע קלימאַטישע באַדינגונגען פון ביראָ-בידזשאַן — דער קורצער וועגעטאַציע-פעריאָד, דער קאַלטער און ווייניק-שנייאיקער ווינטער, די אומגינסטיקע פאַרטיילונג פון רעגן-פעריאָד, — די שווערע באָדן-תנאים, די אומגעהויערע ווייטקייט פון די אויסוואַנדערונגס-ערטער און די קאָלאָסאַלע מיטלען, וואָס זענען נויטיק פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון דעמדאָזיקן מדבר-ראַיאָן, האָבן לכתחילה אָנגעוויזן אויף אומגעהייערע שוועריקייטן, וועלכע מען וועט באַגעגענען אין דער פראַקטישער אַרבעט. די ערשטע פרווון פון 1928 יאָר און די נייע אויספאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז די שוועריקייטן זענען אַ סך גרעסער, ווי מען האָט זיך דאָס לכתחילה פאָרגעשטעלט. נישט צופעליק האָבן זיך פאַר די ערשטע 4 חדשים אומגעקערט אין די אַלטע היימען ביז 50 פּראָצענט פון די ערשטע פּאַרטיעס איבערוואַנדערער, וואָס זענען אַלס פּיאָנערן געשיקט געוואָרן פרילינגס-צייט 1928 קיין ביראָ-בידזשאַן. קיין ראַיאָן האָט אונטער די ערגסטע באַדינגונגען נישט געגעבן אַזאַ געוואַלדיקן פּראָצענט צוריקוואַנדערער ווי ביראָ-בידזשאַן.

יעדער פרווו צו באַזעצן אַ גרויסע מאַסע יידן אויף אַ דורכאויסיקן שטח דאַרף בלי ספק באַגריסט ווערן, אָבער ביראָ-בידזשאַן רופט אַרויס דעם גרעסטן סקעפּטיציזם. אין דעמדאָזיקן לאַנד פון פוילע וועלדער, שטאַרקע קעלטן און געפערלעכע פליגן („גנוס") איז מער ווי שווער צו שאַפן אַ גרויסן יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב. ביראָ-בידזשאַן לייזט

1) זע דעם באַריכט פון א. מערעזשין אין „עמעס" נומ. 168 פונם 21 יולי 1928.

נישט די „יידישע פראַגע״ אין רוסלאַנד, ווי דאָס האָט אָנגעזאָגט די סאָוויעטישע יידישע פרעסע.

עס איז דעריבער באַזונדערס צו באַגריסן דעם באַשלוס פון ערד־קאָמיסאַריאַט אויסצוטיילן אין קרים נייע 109.000 העקטאַר לאַנד פאַר יידן. די אויסזיכטן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים זענען אַסך, אַסך גינסטיקערע, ווי אין בירא־בידזשאַן. קיין יידישע רעפובליק קאָן מען אין קרים נישט שאַפן, אָבער נייע טויזנטער יידישע משפחות קאָנען און ווילן דאָרט באַזעצט ווערן אויפן לאַנד.

וואָס אָנבאַלאַנגט געלט־מיטלען פאַר דער קאָלאָניזאַציע, איז אין דער הינזיכט די לאַגע נאָך נישט קלאָר. די דערפאַרונג פון די לעצטע 3 יאָר האָט באַוויזן, אַז די איינאָרדנונג פון אַ מער־ווייניקער פעסטער מיטעלער ווירטשאַפט דאַרף קאָסטן ביז 2.000 רובל. די איבערוואַנדערער אַליין טראָגן אַריין אַן אומבאַדייטנדיקן טייל אין דער ווירטשאַפט. אין 1925 האָבן די איבערוואַנדערער געמוזט אַריינטראָגן אין אוקראַינע 300 רובל און אין קרים — 400. די לעצטע 2 יאָר מאַכט אויס דער אָנטייל פון די איבערוואַנדערער אין די הוצאות אויף דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אַ זייער קליינעם פראָצענט. ווייל אין דער איבערוואַנדערונג זענען אַריינגעצויגן געוואָרן (און מיט רעכט) די אָרימסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. לויטן אָפיציעלן באַריכט פון „קאָמזעט״ האָבן די הוצאות פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין די יאָרן 1925—1927 באַטראָפן 14.873.807 רובל, דערפון:

פון מלוכה־ביודזשעט און די לאַנדווירטשאַפט־לעכע בענק — 3.748.169 רובל, אָדער 25%

פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — 9.525.638 „ „ 64%

פון די איבערוואַנדערער — 1.600.000 „ „ 11%

אין די יאָרן 1926 און 1927 האָבן די מיטלען פון די איבערוואַנדערער אויסגעמאַכט אין דורכשניט 100 רובל אויף אַ משפחה. כדי צו באַזעצן 100.000 פאַמיליעס איז נויטיק קרוב צו 200 מיליאָן רובל. אויב מיר וועלן אפילו רעכענען, אַז במשך פונם קאָלאָניזאַציע־פעריאָד וועלן די איבערוואַנדערער אומקערן 50 מיליאָן רובל (אַ זייער אָפטימיסטישע השערה) און וועלן אַראָפּרעכענען די ביז איצטיקע הוצאות, וועט נאָך נויטיק זיין צו שאַפן אַ פאָנד פון בערך 125 מיליאָן רובל.

די סאָוויעטן־רעגירונג איז נישט ביכולת צו אַסיגנירן גרויסע סומען פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. ביז איצט איז צוויי דריטל פונם ביודזשעט געדעקט געוואָרן דורך די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, דער עיקר דורך

„אַגראָדזשאָינט" 1). דער ווײַטערדיקער דערפֿאָלג פֿון דער קאָלאָניזאַציע הענגט דעריבער פֿולשטענדיק אָפּ פֿון די מיטלען, וואָס וועלן געשאַפֿן ווערן אין אויסלאַנד, הויפּטזעכלעך דורך „דזשאָינט" און „יקא". מ'דאַרף האָפֿן, אַז די ייִדישע עפֿנטלעכקייט וועט דערפֿילן איר חוב און שאַפֿן די נויטיקע געלט-מיטלען. די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין סאָוויעט-רוסלאַנד האָט הינטער זיך אַ פּעסטן עקאָנאָמישן באָדן און ווערט געפֿירט אין אַ גרעסערן מאַס-שטאַב, ווי אַ וועלכן נישט איז אַנדער לאַנד. אמת, דער פּלאַן צו קאָלאָניזירן 100.000 משפּחות אין משך פֿון 10 יאָר איז נישט קיין רעאַלער, ס'איז אָבער דורכאויס מעגלעך צו באַזעצן בערך 30 טויזנט ייִדישע פֿאַמיליעס אויפֿן לאַנד. דאָס איז אַן אויפֿטו, וועלכער האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג פֿאַר די ייִדישע מאַסן אין רוסלאַנד און דאַרף צוציען די סימפּאַטיעס פֿון אַלע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן.

1) די הוצאות פֿון „אַגראָדזשאָינט" אויף דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע ביז 1928 יאָר האָבן באַטראָפֿן העכער 8-מיליאָן רובל.

# דאס פאליטישע און געזעלשאפטלעכע לעבן
# פון דער יידישער באפעלקערונג

פ

## יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער עפנטלעכקייט אונטער רשום צאַרישן רעזשים איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געווען געווענדעט אויפן קאַמף פאַר בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַר דער אָפּשאַפונג פון די ספּעציעלע באַגרעניצונגען און גזירות, וועלכע האָבן פּאַראַליזירט דאָס יידישע עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע. די יידן האָבן דעריבער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע און בירגערלעך-דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן באַקעמפט דעם צאַרישן זעלבסטהערשונג־רעזשים, און אַ ריי יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס געשפּילט אַ באַדייטנדיקע און אפילו אַן אָנפירנדיקע ראָלע. גלייכצייטיק מיטן אָנטייל אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אין די ניינציקער יאָרן פונם פאָריקן יאָרהונדערט און אָנהויב פונם 20־טן יאָרהונדערט אויסגעבילדעט יידישע בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און גרופּן, וועלכע האָבן, אויסער אַלגעמיין-פּאָליטישע פאָדערונגען — צו רעאָרגאַניזירן די רוסישע מלוכה אויף מאָדערנע מערב-אייראָפּעישע פּרינציפּן, — איינגעשלאָסן אין זייערע פּראָגראַמען די איבערבויאונג פונם יידישן אינערלעכן לעבן אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג. מ׳דאַרף באַמערקן, אַז נישט געקוקט אויף פאַרשידענע ריכטונגען און שטרעמונגען, האָט די גאַנצע יידישע אָרגאַנידירטע עפנטלעכקייט און אַלע יידישע פּאַרטייען באַטראַכט דאָס רוסישע יידנטום נישט נאָר ווי אַ רעליגיעזע געמיינשאַפט, נאָר ווי אַ נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם, וואָס נויטיקט זיך אין אַ ספּעציעלער עפנטלעך-רעכט-

דעכער אָרגאַניזאַציע צו רעגולירן דאָס יידישע נאַציאָנאַל-קולטורעלע לעבן. אין דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש די גרינדונג אין 1905 פונם פאַרבאַנד צו דערגרייכן נאַציאָנאַלע פולבאַרעכטיקונג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, אין וועלכן ס'זענען אריין פאַרשידענע יידישע בירגער-עכע און דעמאָקראַטישע גרופּירונגען. אויפן 2-טן צוזאַמענפאַר פון דעמדאָזיקן פאַרבאַנד אין נאָוועמבער 1905 איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס צונויפצורופן אַן אַלרוסלענדישע יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, וואָס זאָל פעסטשטעלן די פאָרמען און פּרינציפּן פון דער יידישער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג 1). די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען („בונד", יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי, און „פּועלי-ציון") האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע 2) מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער קאָמפּעטענץ. פון די בירגערלעכע יידישע פּאַרטייען האָט נאָר די „פאָלקספּאַרטיי" זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, די איבעריקע בירגערלעכע פּאַרטייען און גרופּן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג דורך די רעאָרגאַניזירטע יידישע קהלות און זייערע פאַראייניקונגען.

מיטן אויסברוך פון דער פ ע ב ר ו אַ ר - ר ע װ אָ ל ו צ י ע האָט זיך די פּאָליטיש-רעכטלעכע ליניע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד ראַדיקאַל געענדערט. דעם 22-טן מערץ 1917 איז דורך דער צייטווייליקער רעגירונג פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער געזעץ וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט אַלע רעכטלעכע באַגרעניצונגען פאַר יידן. די יידישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע גרופּן האָבן איצט קאָנצענטרירט זייער אויפמערקזאַמקייט אויפן איבערבוי פונם יידישן נאַציאָנאַל-קולטורעלן לעבן. שוין אין מערץ 1917 איז אין פּעטראָגראַד געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט אויף צונויפרופן אַן אַלרוסלענדישן יידישן צוזאַמענפאָר, וועלכער זאָל פעסטשטעלן די יסודות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע אין דער פרייער רוסלענדישער רעפּובליק. אין משך פון די נאָענטסטע חדשים זענען אויפן גאַנצן שטח פון דער רוסישער טעריטאָריע

1) דער פאַרבאַנד איז צעפאַלן די חלוקי דיעות פון די פאַרשידענע גרופּן, וואָס זענען אריינגעגאַנגען אין זיין באַשטאַנד, ליקווידירט געוואָרן אין 1907. זע: „די יידישע ענציקלאָפּעדיע" באַנד 14, זייטן 515—517.

2) פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן נאָר די סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן (ס. ס.) זיך אַרויסגעזאָגט קעגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אָבער נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע האָט אויך דידאָזיקע פּאַרטיי אָנערקענט די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אַלס די איינציק-ריכטיקע לייזונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסלאַנד.

פאַרגעקומען די וואַלן פון דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן, געהיימען און פּראָפּאָרציאָנעלן וואַל-רעכט. אָבער אַדאַנק דעם בירגער-קריג, וואָס איז אינגיכן אויסגעבראָכן אין לאַנד, איז דער צוזאַמענפאָר נישט פאָרגעקומען.

וואָס אָנבאַלאַנגט די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן זיך נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע אַ ל ע יידישע פּאַרטייען (מיטן אויסנאַם פון דער „יידישער פאָלקס-גרופּע”, וועלכע האָט געהאַט ווייניק אָנהענגער אין די ברייטע יידישע שיכטן) געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דיזאָזיקע יידישע פאָדערונג איז געזעצלעך אָנערקענט געוואָרן אין אוקראַינע 1).

לויטן באַשלוס פון צייטווייליקן אוקראַאינישן פּאַרלאַמענט — דער צענטראַלער ראַדע — פונם 1-טן יולי 1917 איז ביים גענעראַל-סעקרעטאַר פאַר צווישן-פעלקערישע ענינים אין אוקראַינע געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער וויצע-סעקרעטאַריאַט מיט דער אויפגאַבע צו שיצן די רעכט פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט און אָפּהיטן די אַנטוויקלונגס-פרייהייט פון איר אינעווייניקסטן נאַציאָנאַלן לעבן 2). דעם 1-טן נאָוועמבער 1917 איז דער יידישער וויצע-סעקרעטאַריאַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבשטענדיקן סעקרעטאַריאַט און שפּעטער אין אַ מיניסטעריום. דעם 9-טן יאַנואַר 1918 האָט די צענטראַלע ראַדע אָנגענומען דעם געזעץ וועגן נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן יידישן מיניסטעריום. לויטן דעמדאָזיקן געזעץ בילדעט יעדע נאַציאָנאַלע מינדערהייט אַ נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד, אין וועלכן עס גייען אַריין אַלע מיטגלידער פון דער געגעבענער נאַציע. די קאָמפּעטענץ פון נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד ווערט פעסטגעשטעלט דורך דער נאַציאָנאַלער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און ווערט באַשטעטיקט דורך דער אַלאוקראַאינישער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. אין די גרעניצן פון זיין קאָמפּעטענץ האָט דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד דאָס רעכט פון ג ע ז ע צ ג ע ב ו נ ג און פ אַ ר וו אַ ל ט ו נ ג. דעם נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד קלייבט אויס אַ נאַציאָנאַלע געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג וועלכע האָט איר אויספירונגס-אָרגאַן — אַ נאַציאָנאַל-ראַט 1). כדי צו פאַר

1) באַמערקונג. מ׳דאַרף רעכענען, אַז די אַלרוסלענדישע גרינדונגס-פאַרוואַלטונג וואָלט אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ווייל די מערהייט פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג — די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן איינגעשלאָסן אין זייערע פּראָגראַמען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

2) זע: ד״ר מ. זילבערפאַרב. „דאָס יידישע מיניסטעריום און די יידישע אויטאָנאָמיע אויף אוקראַינע”, קיעוו 1919, זייטן 4—6.

1) דאָרט, ביילאַגע נומער 14, זייטן 79—82.

ווירקלעכן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין דער יידישער סביבה איז דאָס יידישע מיניסטעריום צוגעטראָטן צו די הכנות צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, אָבער די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן דידאָזיקע אַרבעט אָפּגעשטעלט. די העטמאַנישע רעגירונג האָט אין יולי 1918 באַשלאָסן אויפלייזן די נאַציאָנאַלע מיניסטעריומס און דעם 6-טן סעפּטעמבער 1918 איז דאָס יידישע מיניסטעריום שוין געווען ליקווידירט. אין יאַנואַר 1919 איז דאָס יידישע מיניסטעריום ווידער אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער דירעקטאָריע פון דער אוקראַינישער פאָלקס-רעפּובליק. אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך אויף אוקראַינע צעפלאַקערט דער שאַרפסטער בירגערקריג און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע פּאָגראָם-כוואַליע. אוקראַינע איז פאַרנומען געוואָרן דורך דער סאָוויעטנמאַכט און אין די הענט פון דער אוקראַינישער דירעקטאָריע איז געבליבן בלויז אַ קליינער שטח אין גרענעץ-פּאַס. דאָס יידישע מיניסטעריום, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט ביי דער פּעטלורישער רעגירונג (ניט געקוקט אויף די בלוטיקע פּאָגראָמען פון דער פּעטלורישער אַרמיי), האָט אָנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות צו באַקעמפן די פּאָגראָמען און צו העלפן די פּאָגראָם-קרבנות, קיין פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע אַרבעט איז ביי די־דאָזיקע באַדינגונגען אוממעגלעך געווען צו פירן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אויך אין אוקראַינע ניט איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן די יידישע אויטאָנאָמיע.

ד י  פּ אָ ל י ט י ש ע  ש ט י מ ו נ ג ע ן פון דער יידישער באַפעלקערונג ווערן אילוסטרירט דורך די דאַטן וועגן פּאַרטייאישן צוזאַמענשטעל פון דער צייטווייליקער יידישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין אוקראַינע אין נאָוועמבער 1918 און דעם צוזאַמענפאָר פון די יידישע קהלות אין גרויסרוסלאַנד אין יולי 1918. די „צייטווייליקע יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג" איז אויסגעקליבן געוואָרן אויפן יסוד פון פּראָפּאָרציאָנעלן וואַלרעכט דורך די רעאָרגאַניזירטע יידישע קהלות 1) און איז באַשטאַנען פון 125 דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן זיך אַזוי געטיילט: 2)

(זע טאַבעלע אויף זייט 153)

די בירגערלעכע פּאַרטייען (די ערשטע פיר פּאַרטייען) זענען געווען פאַרטראָטן דורך 79 דעפּוטאַטן (63,2 פּראָצענט) און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געציילט 46 דעפּוטאַטן 36,8 פּראָצ.).

אויפן צוזאַמענפאָר פון די רעאָרגאַניזירטע קהלות אין גרויס-רוסלאַנד

---

1) וועגן דער רעאָרגאַניזאַציע פון די יידישע קהלות זע ווייטער אין דעמזעלבן קאַפּיטל.

2) „די יידישע אויטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַל-סעקרעטאַריאַט אויף אוקראַינע־קיעוו, 1920.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ציוניסטן . . . . . . | 42 | דעפוטאַטן, ד.ה. | 33,6 | פּראָצ. |
| אחדות (רעליגיעזע פּאַרטיי) . | 19 | „ „ | 15,2 | „ |
| צעירי-ציון . . . . . | 14 | „ „ | 11,2 | „ |
| פֿאָלקס-פּאַרטיי . . . . | 4 | „ „ | 3,2 | „ |
| בונד . . . . . . | 23 | „ „ | 18,4 | „ |
| פֿאַראייניקטע יידישע סאָציאַ-ליסטישע פּאַרטיי . . | 12 | „ „ | 9,6 | „ |
| פּועלי-ציון . . . . . | 11 | „ „ | 8,8 | „ |
| סך הכּל . . . | 125 | | 100,0 | פּראָצ. |

האָבן די בירגערלעכע יידישע פּאַרטייען באַקומען 63 פּראָצענט פֿון אַלע מאַנדאַטן און די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — 37 פּראָצענט. אויף אַזאַ אופֿן זעען מיר, אַז סיי אין אוקראַינע, סיי אין גרויסרוסלאַנד האָט די מערהייט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג געשטימט פֿאַר די בירגערלעכע פּאַרטייען.[1]

**די יידישע קהלות.** דער יידישער קהל, אַלס עפֿנטלעך-רעכטלעכער אָרגאַן צו אויפֿמאָנען מלוכה-שטייערן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און פֿאַרוואַלטן מיט די אינערלעכע יידישע רעליגיעזע און צדקה-ענינים, איז לויטן געזעץ פֿונם 19-טן דעצעמבער 1844 אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, און די ספּעציעלע יידישע ווירטשאַפֿטלעכע און שטייערלעכע ענינים זענען איבערגעגאַנגען אין רשות פֿון די אַלגעמיינע אָרטיקע זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען. אָבער די יידישע געמיינדע אַלס יורידישע פּערזאָן האָט אויך ווייטער פֿונקציאָנירט און אויף איר איז דורכן געזעץ אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די פֿליכט צו שאַפֿן אַנשטאַלטן פֿאַר קראַנקע, אַלטע לייט א. א. וו.[1] די קאָמפּעטענץ פֿון דער געמיינדע איז אָבער שטאַרק באַגרענעצט געוואָרן. די יידישע געמיינדעס האָבן געקליבן באַאַמטע מיט ספּעציעלע פֿונקציעס: באַפֿולמעכטיקטע דורכצופֿירן די „ראַסקלאַדקע" (באַשטייערונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג לטובת די רעליגיעזע און צדקה-אַנשטאַלטן) און אויפֿמאָנער פֿון די יידישע שטייערן. די געמיינדעס האָבן אויך געקליבן קאַנדידאַטן אויפֿן פּאָסטן פֿון געזעצלעכן רבינער און

1) ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז ביי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג איז די איבערוויגנדיקע מערהייט שטימען אָפּגעגעבן געוואָרן ביי די וואַלן צו דער גרינדונגס-פֿאַרזאַמלונג און די אָרטיקע זעלבסטפֿאַרוואַלטונגען פֿאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

2) געזעצן פֿון דער רוסישער אימפּעריע, 9-טער באַנד. אַרטיקל 797.

געשלאָסן מיט זיי ספּעציעלע אָפּמאַכן. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די געמיינדע-מיטגלידער האָבן געהאַט דאָס רעכט אָנצונעמען החלטות זיך משתדל זיין ביי די אַנטשפּרעכנדיקע רעגירונגס-אָרגאַנען וועגן שאַפן פאַרשידענע אַנשטאַלטן, וועגן אַסיגנירונגען פון דער „קאָראָבקע" א. אז. וו. אָבער קיין אַלגעמיינעם פאַרוואַלטונגס- און פאַרטרעטונגס-אָרגאַן האָבן די יידישע קהלות פון 1244 אָן נישט געהאַט. די דירעקטע פאַרוואַלטונג מיט די יידישע שטייערן און אַנשטאַלטן האָט זיך געפונען אין די הענט פון די שטאָט-אויפראַוועס (מאַגיסטראַטן). די פאַרוואַלטונג פון די יידישע ענינים איז געווען שטאַרק צעשפּליטערט אין פאַרשידענע אָרגאַנען, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט איינצלנע געביטן — ווירטשאַפטלעכע, שטייערלעכע און רעליגיעזע.

לויט די געזעצן פון דער רוסישער אימפּעריע האָט די יידישע באַפעלקערונג געהאַט פולע רעליגיעזע פרייהייט 1). די מיטגלידער פון יעדן בית-המדרש האָבן געבילדעט אַ זעלבשטענדיקע רעליגיעזע קהלה, קיין אַלגעמיינעם אָרגאַן פון אַלע בתי-מדרשים אין שטאָט האָט דער געזעץ נישט אָנערקענט. בראש פון יעדער רעליגיעזער קהלה שטייט אַ פאַרוואַלטונג, וועלכע ווערט געקליבן דורך די קהלה-מיטגלידער און דאַרף באַשטעטיקט ווערן פון די גובערניאַלע רעגירונגס-אַנשטאַלטן. דער ועד-הקהלה פאַרוואַלטעט מיט די ווירטשאַפטלעכע ענינים פון בית-המדרש און די צדקה-אַנשטאַלטן, וואָס געפינען זיך ביי דעם דאָזיקן בית-המדרש 2), און געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון דער שטאָט-אופראַווע.

אין יעדער יידישער געמיינדע געפינט זיך אַ געזעלשאַפטלעכער ראַבינער, וואָס ווערט לויטן געזעץ פונם 8-טן יוני 1901 געקליבן דורך באַפעלמעכטיקטע פון אַלע בתי-מדרשים. די פונקציעס פונם ראַבינער זענען לויטן געזעץ פאָלגנדיקע: דער ראַבינער איז דער רעליגיעזער פירער פון דער געמיינדע, ער פירט די מעטריקאַציע איבער געבורטן, שטערבלעכקייט, חתונות און גיטין ביי דער יידישער באַפעלקערונג און דאַרף זען, אַז די געמיינדע-מיטגלידער זאָלן לאָיאַל אויספירן די מלוכה-געזעצן און די באַשטימונגען פון דער רעגירונג. הגם די ראַבינערס האָבן געזאָלט זיין די

1) געזעצן פון דער רוסישער אימפּעריע, 11-טער באַנד, אַרטיקל 1299.

2) די פאַרוואַלטונגען פון די בתי-מדרשים האָבן אָבער נישט געהאַט דאָס רעכט אָנצופירן מיט די צדקה-אַנשטאַלטן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן לויטן באַשלוס פון דער גאַנצער יידישער געמיינדע, די דאָזיקע אַנשטאַלטן ווערן פאַרוואַלטעט דורך ספּעציעלע אָרגאַנען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן ביי דער גרינדונג פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס.

גייסטיקע פירער פון דער יידישער געמיינדע, האָט זיך פון זיי געפּאָדערט נאָר אַן אַלגעמיינער בילדונגס־צענז, קיין ספּעציעלע יידישע בילדונג האָט דער צאַרישער געזעץ נישט פאַרלאַנגט. דער ראַבינער־אינסטיטוט איז דע־ריבער געווען זייער אומפּאָפּולער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די פּאַקטישע רעליגיעזע אָנפירער פון די געמיינדעס זענען געווען די אָרטאָ־דאָקסישע רבנים און נישט די געזעלשאַפטלעכע ראַבינערס.

מ׳דאַרף נאָך דערמאָנען די ר א ַ ב י נ ע ר ־ ק א ָ מ י ס י ע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1848 צו באַטראַכטן די וויכטיקסטע יידישע רעלי־גיעזע פראַגן. די יידישע געמיינדעס פונם תחום האָבן געקליבן 32 קאַנדי־דאַטן, פון וועלכע דער אינערן־מיניסטער באַשטימט אַ פּאָרזיצער און 6 מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. דידאָזיקע קאָמיסיע פלעגט זייער זעלטן צו־נויפגערופן ווערן און פאַר דער גאַנצער צייט פון איר עקזיסטענץ ביז דער רעוואָלוציע האָט זי געהאַט נאָר עטלעכע סעסיעס.

די הכנסות פון די רעליגיעזע קהלות ווערן געבילדעט הויפּטזעכלעך פון פרייוויליגע אָפּצאָלן און נדבות און טיילווייז פון דער „קאָראָבקע”. די קאָראָבקע־מיטלען ווערן אַסיגנירט נאָר אויף ווירטשאַפטלעכע הוצאות פון די בתי־מדרשים. די אויסגאַבן אויף ריין־רעליגיעזע ענינים און דער גע־האַלט די ראַבינערס, חזנים א. א. וו. ווערן געדעקט פון פרייוויליקע אָפּ־צאָלן. ביי מאַנגל אין מיטלען קאָן דורכגעפירט ווערן אַ באַשטייערונג פון די קהלה־מיטגלידער, דידאָזיקע באַשטייערונג ווערט אָבער דורכגעפירט נישט דורך דער קהלה זעלבסט, נאָר דורך דער שטאָטישער אויפּראַווע, נאָך אַ באַראַטונג מיט די „פאַרמעגלעכע און איינגעזעסענע” מיטגלידער פון דער רעליגיעזער קהלה.

גלייכצייטיק מיט דער אָפּשאַפונג פונם יידישן קהל אין 1844 איז פון דער רעגירונג פאַרעפנטלעכט געוואָרן תקנות וועגן „קאָראָבקע־אָפּצאָל” און „ליכט־אָפּצאָל”. די הכנסות פון „ליכט־אָפּצאָל” גייען לטובת די יידישע קאַזיאָנע שולן 1). לויטן געזעץ פון 1853 ווערט די סומע פונם אָפּצאָל יערלעך פאַרטיילט דורכן אינערן־מיניסטעריום צווישן די יידישע געמיינ־דעס. די באַשטייערונג פון די געמיינדע־מיטגלידער ווערט דורכגעפירט דורך די באַפולמעכטיקטע פון דער געמיינדע. דער אָפּצאָל ווערט אויפגעמאָנט דורך די יידישע שטייער־מאַנער און ווערט איבערגעגעבן די שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונגען.

דער „קאָראָבקע־אָפּצאָל איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: א ַ ל ג ע ־

---

1) וועגן דידאָזיקע שולן זע ווייטער אין קאַפּיטל „יידישע בילדונג און קולטור־אַנ־שטאַלטן”.

מ ײ נ ע ר  אָפּצאָל פון כשר פלײש און  באַ ה י ל פּ י ק ע ר  אָפּצאָל פון די
הכנסות פון די ײדישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, הײזער, ירושות
א. א. וו. פון די קאָראָבקע-הכנסות װערן געדעקט די שטײערלעכע חובות
פון די ײדישע געמײנדעס און די הוצאות פון די בתי-מדרשים, שולן,
שפּיטאָלן, מושב זקנימס און אַנדערע צדקה-אַנשטאַלטן 1). דער קאָראָבקע-
אָפּצאָל איז אויף אַזאַ אופן געװען דער װיכטיקסטער הכנסה-מקור פאַר די
ײדישע קהלה-אינסטיטוציעס, אָבער די פאַרװאַלטונג פון דער קאָראָבקע
האָט זיך פון 1844 געפונען נישט אין רשות פון דער ײדישער געמײנדע,
נאָר אין די הענט פון די שטאָט-אויפּראַװעס. די אויפּראַװעס באַראַטן זיך
לויטן געזעץ מיט די „פּאַרמענלעכע און אײנגעזעסענע" געמײנדע-מיטגלי-
דער װעגן די ביודזשעטן פון די ײדישע אַנשטאַלטן און װעגן דער טאַק-
סע אויף אײנצלנע אַרטיקלען אויף די נאָענטסטע פיר יאָר. אָבער אַפילו
דער קלײנער קרײז „פּאַרמעגלעכע און אײנגעזעסענע" האָט געהאַט נאָר
באַראַטונגס-רעכט, ענטגילטיקע באַשטימונגען װערן אָנגענומען דורך די אוי-
פּראַװעס און װערן באַשטעטיקט פון די גובערניאַלע פאַרװאַלטונגען „גוי-
ביערנסקאָיע פּראַװליעניע"). אַזוי אַרום זענען די יורידישע און פּאַקטי-
שע באַלעבאַטים איבער די ײדישע אָנגעלעגנהײטן געװאָרן די שטאָט-אוי-
פּראַװעס און די גובערנסקע פּראַװלעניעס און אַ היפּשער טײל פון די
ײדישע שטײער-הכנסות זענען דורך זײ אַסיגנירט געװאָרן אויף אויסהאַלטן
פּאָליצײ, פײערלעשער וכדומה.

די שװערע לאַסטן, װאָס די קאָראָבקע- און ליכט-אָפּצאָלן האָט אַרויפ-
געלײגט אויף די ברײטע ײדישע מאַסן, און די ביוראָקראַטישע פאַרװאַל-
טונג פון די ײדישע ענינים דורך די צאַרישע באַאַמטע האָט אַרויסגערופן
אַ שטאַרקע אומצופרידנהײט צװישן דער ײדישער באַפעלקערונג, די ײדישע
פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען האָבן דעריבער געפאָדערט אַ
ראַדיקאַלע רעאָרגאַניזאַציע פון דער ײדישער קהלה אויפן יסוד פון נאַ-
ציאָנאַלער זעלבסטפאַרװאַלטונג. די באַראַטונג פון די ײדישע געזעלשאַפט-
לעכע טוער, װאָס איז פאָרגעקומען אין קאָװנע אין יאָר 1909, האָט פאָר-
געלײגט צו רעאָרגאַניזירן די ײדישע קהלות אויף פאָלגנדיקע פּרינציפּן:
אין יעדער שטאָט װערט אויסגעקליבן דורך די געמײנדע-מיטגלידער אַ
קהלה-ראַט, װאָס האָט זײן אויספיר-אָרגאַן צו פאַרװאַלטן מיט אַלע רעלי-
גיעזע און נאַציאָנאַלע ײדישע אינסטיטוציעס. די קאָראָבקע- און ליכט-אָפּ-
צאָלן װערן אָפּגעשאַפט און ס'װערט אײנגעפירט אַ פּראָגרעסיװער הכנסה-

1) אַרטיקלען 1 און 58 פון די תקנות װעגן קאָראָבקע-אָפּצאָל. בײלאַגע צום אַרטיקל 916
פונם 9-טן באַנד געזעצן פון דער רוסישער אימפּעריע, אויסגאַבע פון 1899 יאָר.

שטייער. קיין רעפאָרם פון דער יידישער קהלה איז אָבער ביז דער רעוואָלוציע נישט דורכגעפירט געוואָרן.

נאָך דער פ ע ב ר ו אַ ר ־ ר ע װ אָ ל ו צ י ע איז די אָרגאַניזאַציע פון די קהלות געבליבן אויף די פריערדיקע יסודות, די „צייטווייליקע רעגירונג" האָט נישט באַוויזן צו ענדערן די תקנות וועגן דער פאַרוואַלטונג מיט די אינערלעכע יידישע ענינים. אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט אין דעם פרט אַרויסגעוויזן אַ ברייטע איניציאַטיוו. גלייך נאָך דער רעוואָלוציע איז אין די שטעט און שטעטלעך געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן צו רעאָרגאַניזירן די קהלות אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישן וואַל־רעכט, אין אַ קורצער צייט זענען דורכגעפירט געוואָרן די וואַלן, און די נייע דעמאָקראַטישע קהלה־ראַטן זענען צוגעטראָטן איבערצונעמען די פאַרוואַלטונג פון אַלע יידישע אינסטיטוציעס. די דאָזיקע רעאָרגאַניזאַציע האָט אָבער געטראָגן אַ פ ר ײ װ י ל י ק ן כאַראַקטער, די פאַרוואַלטונג מיט דער „קאָראָבקע" און דער ראַבינאַט, זענען נאָך אַלץ געבליבן אין רשות פון די אופּראַוועס און גובערנסקע פּראַוולעניעס.

אין א ו ק ר אַ י נ ע האָט די רעגירונג לויט דער פאָדערונג פון דעם יידישן מיניסטעריום אַרויסגעגעבן אַ צירקולאַר צו די אופּראַוועס און גובערנסקע פּראַוולעניעס, אַז בנוגע די קהלות, קאָראָבקע און ראַבינאַט דאַרפן זיי זיך האַלטן ביי די אָנווייזונגען, וואָס וועלן געגעבן ווערן פונם יידישן מיניסטעריום. די ביוראָקראַטישע באַאַמטע זענען אַזוי אַרום געשטעלט געוואָרן אונטערן קאָנטראָל פונם יידישן מיניסטעריום. דעם 2־טן דעצעמבער 1917 האָט די צענטראַלע ראַדע אָנגענומען דעם געזעץ, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן פונם יידישן מיניסטעריום „וועגן דער שאַפונג פון די קהלה־ראַטן און וועגן וואַלן פון זייערע מיטגלידער". לויט דעם דאָזיקן געזעץ פאַרוואַלטן די יידישע קהלה־ראַטן „מיט אַלע יידישע נאַציאָנאַלע ענינים און אַנשטאַלטן" 1). דורך דעם דאָזיקן געזעץ האָט די יידישע קהלה אויף אוקראַינע באַקומען אַ יורידישן באָדן. אויפן סמך פון דעם געזעץ זענען אויסגעוויילט געוואָרן אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם און פּראָפּאָרציאָנעלן וואַל־רעכט יידישע קהלה־ראַטן אין אַלע גרעסערע שטעט און שטעטלעך, סך הכל אין 203 ישובים. אָבער די קאָמפּעטענץ פון דער יידישער קהלה איז אויך אויף אוקראַינע נאָך נישט גענוי פאָרמולירט געוואָרן און דער עיקר — דעם געזעץ וועגן אָפּשאַפן די „קאָראָבקע" און איינפירן אַ פּראָגרעסיוון הכנסה־שטייער האָט דאָס יידישע מיניסטעריום, אַדאַנק די ווייטערדיקע פּאָ־

1) דר. מ. זילבערפאַרב. „דאָס יידישע מיניסטעריום און יידישע אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע", קיעוו 1919, ביילאַגע נומ. 5, זייטן 48, 56.

ליטישע געשעענישן, נישט באַוויזן דורכצופירן. די יידישע קהלות האָבן דעריבער אויך אויף אוקראַינע נישט געהאַט קיין נאָרמאַלן פינאַנציעלן יסוד און האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע.

די „צייטווייליקע יידישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג", וואָס איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1918, האָט אָנגעצייכנט די קאָמפּעטענץ פון די קהלות און האָט אויסגעאַרבעט אַ געזעץ וועגן צוואַנג-שטייער פון די קהלה-מיטגלידער. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אויך אויסגעקליבן אַ נאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער העכסטער אָרגאַן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין אוקראַינע און אָנפירן מיט דער טעטיקייט פון די קהלות. דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַריאַט האָט אָבער נישט באַקומען קיין געזעצלעכע אָנערקענונג און האָט פונקציאָנירט ווי אַ פרייוויליקער אָרגאַן.

אין ג ר ו י ס - ר ו ס ל אַ נ ד איז אין יולי 1918 פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די פרייוויליק רעאָרגאַניזירטע קהלות. דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן אַ צענטראַלן ועד, וועלכער האָט פונקציאָנירט ווי אַ פרייוויליקע אָרגאַניזאַציע. אויך אין קרים איז אין אויגוסט 1918 פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון די יידישע קהלות, וועלכער האָט געשאַפן אַ נאַציאָנאַלן ראַט, אלס העכסטן פאַרטרעטער פון דער יידישער באַפעלקערונג און אָנפירער פון די יידישע נאַציאָנאַלע ענינים.

אויף אַזאַ אופן זענען אין אַלע טיילן פון דער געוועזענער רוסישער אימפעריע די יידישע קהלות אין 1917—1918 רעאָרגאַניזירט געוואָרן אויף דעמאָקראַטישע יסודות און ס'זענען געשאַפן געוואָרן טעריטאָריאַלע פאַראייניקונגען פון די קהלה-ראַטן. אָבער אַדאַנק דעם בירגער-קריג אין לאַנד האָבן די קהלות נישט באַוויזן זיך צו באַפעסטיקן און איבערנעמען אַלע יידישע אַנשטאַלטן אין זייער רשות. אין יוני 1919 זענען די יידישע קהלות און זייערע צענטראַלע אָרגאַנען אויפגעלייזט געוואָרן דורך די יידישע קאָמיסאַריאַטן און יידישע אָפּטיילונגען ביי די קאָמיסאַריאַטן פאַר אינערלעכע ענינים.

### די יידישע צדקה-אַנשטאַלטן און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניז.

די טראַדיציאָנעלע יידישע צדקה האָט אין רוסלאַנד, אַדאַנק דעם שווערן עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די יידישע מאַסן געהאַט אַ ברייט פעלד פאַר אַרבעט. לויט דער אויספאָרשונג פון „יקא" אין 1898—1899 האָט 18,8 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג זיך געניויטיקט אין געזעלשאַפטלעכער אונטערשטיצונג און אין די גרויסע שטעט האָט דער פראָצענט נויטבאַדערפטיקע דערגרייכט ביז 30—35.

שפעטער איז די צאָל פאַופעריזירטע עלעמענטן אין דער יידישער סביבה נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן 1). די יידישע צדקה-אַנשטאַלטן זענען, ווי געזאָגט, געווען ענג פאַרבונדן מיט די בתי-מדרשים און קהלות, אָבער גלייכצייטיק האָבן אין אַלע שטעט און שטעטלעך עקזיסטירט אויך חברות און געזעלשאַפטן צו אונטערשטיצן די אָרימע יידישע באַפעלקערונג. דידאָזיקע געזעלשאַפטן זענען טיילווייז געווען פארבונדן מיט די קהלות אין די אַלגעמיינע קאָמיטעטן ביי די בתי-מדרשים, טיילווייז האָבן זיי פונקציאָנירט זעלבשטענדיק. די צאָל יידישע פילאַנטראָפישע חברות האָט אין דער רוסלענדישער אימפעריע דערגרייכט ביז עטלעכע טויזנט. די אויספאָרשונג פון „יקא" אין 1898 האָט אין 1.000 ישובים פונם „תחום המושב" פעסטגעשטעלט איבער 3.000 שטענדיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס 2), וועלכע האָבן געשטיצט די יידישע אָרימקייט אויף פאַרשידענע געביטן. פאָלגנדיקע ציפערן אילוסטרירן די נעץ יידישע אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן לויט דער „יקא"-אויספאָרשונג.

| אַנשטאַלט | צאָל אין די 25 גובערניעס פון תחום. | צאָל אין די 11 תחום-גובערניעס, וואָס בייען איצט אריין אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד. 2) |
|---|---|---|
| אַלגעמיינע קאָמיטעטן | 291 | 208 |
| געזעלשאַפטן צו העלפן דער אָרימער יידישער באַפעלקערונג | 86 | 55 |
| גמילת חסד | 350 | 144 |
| הקדש און נאַכטהיימען פאַר דורכרייזנדיקע אָרימע לייט | 180 | 55 |
| ביליקע קיכן און טייהייזער | 50 | 35 |
| מלבוש ערומים | 72 | 31 |
| „בקור חולים" און „לינת הצדק" | 665 | 279 |

1) זע: „די יידישע ענציקלאָפּעדיע", 4-טער באַנד, וווילטעטיקייט.

2) אזהער זענען נישט אריין די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געטראָגן אַ ציטווייליקן כאַראַקטער, ווי מעות-חטים קאָמיסעטן, קאָמיטעטן צו באַזאָרגן די יידישע אָרימקייט מיט האָלץ א. א.

3) אַ טייל פון וואָלינער מינסקער און וויטעבסקער גובערניעס זענען איבערגעגאַנגען

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אָפּגעגעבן דער פראַגע וועגן „מעדיצינישער הילף“ דער יידישער אָרימקייט. די חברות „בקור חולים“, „לינת הצדק“ און אַנדערע האָבן אומעטום באַזאָרגט מיט דאָקטוירים און רפואות די אָרימע חולאים. חוץ דעם איז איין די גרעסערע פּונקטן געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע נעץ יידישע שפּיטאָלן און היילאַנשטאַלטן. צום 1 יאַנואַר 1913 האָט אין רוסלאַנד עקזיסטירט 132 יידישע שפּיטאָלן און היילאַנשטאַלטן מיט 4.400 בעטן [1], דערפון אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פונם סאָוועטישן פאַרבאַנד — 69 אַנשטאַלטן מיט 1.922 בעטן. לויט די איינצלנע איצטיקע טעריטאָריאַלע ראַיאָנען האָבן זיך די יידישע שפּיטאָלן און היילאַנשטאַלטן אזוי געטיילט:

| ראַיאָן | צאָל שטעט | צאָל אַנשטאַלטן | צאָל בעטן |
|---|---|---|---|
| אוקראַינע | 48 | 51 | 1.433 |
| ווייסרוסלאַנד און האָמלער גוב. | 11 | 15 | 337 |
| קרים | 2 | 2 | 32 |
| דאָנער-געגנט (ראָסטאָוו) | 1 | 1 | 120 |
| סך הכל | 62 | 69 | 1.922 |

ביי די שפּיטאָלן האָבן אויך פונקציאָנירט אַמבולאַטאָריעס. יידישע אַמבולאַטאָריעס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ סך ישובים, וווּ קיין יידישע שפּיטאָלן זענען נישט געווען.

די דאָזיקע גרויסע נעץ יידישע אינסטיטוציעס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן טיילווייז אויפן חשבון פון דער „קאָראָבקע“ [2], טיילווייז פון מיטגליד-אָפּצאָל, זאַמלונגען און הכנסות פון פאַראַנשטאַלטונגען.

---

צו פוילן און ליטלאַנד, מיר האָבן אָבער לײדער נישט די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן גענוי די צאָל אַנשטאַלטן אויף דער איצטיקער טעריטאָריע. פאַרן קריג איז די צאָל יידישע אָרגאַניזאַציעס געווען פיל גרעסער, ווייל נאָך דער „יקאַ“-פאַרטיילונג, באַזונדערס נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, איז די צאָל יידישע חברות און געזעלשאַפטן שטאַרק אויסגעוואַקסן.

1) „די מעדיציניש-סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג“ (רוסיש) אויסגאַבע פון „אָזע“, פעטערבורג 1914. ביילאַגע נום. 1, זייטן 103—107.

2) די ביזנעסמען פון די יידישע שפּיטאָלן למשל זענען אויף צוויי דריטל געדעקט געוואָרן דורך דעם קאָראָבקע-אָפּצאָל.

נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף פיל אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלן מיר נאָר דערמאָנען די צענטראַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — „יקאָ", „אָרט" (געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן מלאכה און ערדאַרבעט צווישן יידן, „אָפּע" (חברה מפיצי השכלה), וועלכע האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט צווישן די יידישע מאַסן אויפן עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט.

די העכסטע מדריגה האָט די אַרבעט פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס דערגרייכט אין מלחמה-פּעריאָד. גלייך נאָך דעם אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה האָבן זיך אין אַלע יידישע ישובים געגרינדעט קאָמיטעטן צו העלפן די געליטענע פון דער מלחמה. בראש פון דיזאָזיקע קאָמיטעטן האָט זיך געשטעלט דער פּעטראָגראַדער יידישער קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון דער מלחמה — „יעקאָפּאָ". די הילפס-אַרבעט איז איבערגעגעבן געוואָרן די אַנטשפּרעכנדיקע ספּעציעלע יידישע אָרגאַניזאַציעס און זייערע אָפּטיילונגען אויף די ערטער און איז פאַרייניקט געוואָרן דורכן צענטראַלן קאָמיטעט „יעקאָפּאָ". לויטן געזעץ פון 1915 איז „יעקאָפּאָ" אָנערקענט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג, אַלס די נאַציאָנאַלע יידישע הילפס-אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אירע פאָרטרעטער אין דער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע צו העלפן די היימלאָזע 1) און באַקומט אין איר רשות די סומען, וואָס ווערן אסיגנירט פון דער רעגירונג פאַר די יידישע מלחמה-געליטענע. „יעקאָפּאָ" איז אַזוי אַרום געוואָרן דער צענטראַלער אָרגאַן, אין וועלכן ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט די מיטלען פון דער רעגירונג און די הכנסות פון זאַמלונגען און פון די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

פאָלגנדיקע דאַטן אילוסטרירן דעם מאַסשטאַב פון דער יידישער הילפס-אַרבעט. די „גיכע הילף" איז געווען קאָנצענטרירט אין די קאָמיטעטן „יעקאָפּאָ", וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער עוואַקואַציע פון די היימלאָזע און האָבן זיי באַזאָרגט מיט וווינונג, דערנערונג, קליידונג און יורידישע הילף. סוף 1916 זענען איבער 250.000 פערזאָנען אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון „יעקאָפּאָ".

„אָרט" האָט איבערגענומען די אָרגאַניזאַציע פון הילף דורך אַרבעט. דורך 70 אַרבעט-פאַרמיטלונג-ביוראָען זענען דורכגעגאַנגען ביז 80.000 היימלאָזע און בערך 25.000 פּערזאָן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן. „אָרט" האָט אויך אָרגאַניזירט 20 וואַרשטאַטן, וווּ ס'האָבן געאַרבעט בערך 15.000 אַר-

---

1) לויטן דערמאַנטן געזעץ איז געשאַפן געוואָרן אַ מלוכהשע „באַראַטונג וועגן היימלאָזע", וועלכע האָט רעגולירט די הילפס-אַרבעט און אסיגנירט מיטלען פאַר די איינצלנע אָרגאַניזאַציעס.

בעטער. פאַר יוגנטלעכע האָט „אָרט" געשאַפן 40 לערן-וואַרשטאַטן און האָט געזאָרגט פאַר דער אַנטוויקלונג פון האַנדווערקער-שילערײַ בײַ פּריוואַטע בעלי-מלאכות. אַרום און אַרום האָט מיט דער הילף פון „אָרט" 6.000 יוגנטלעכע זיך געלערנט אַ מלאכה. חוץ דעם האָט „אָרט" געשאַפן 22 קרעדיט-קאַסעס צו אַרויסגעבן הלוואות די היימלאָזע בעלי-מלאכות.

די קאָאָפּעראַטיווע אָפּטיילונג פון „יקאַ" האָט אָרגאַניזירט די קרע-דיטירונג פון די מלחמה-געליטענע דורך די לײַ-און שפּאָר-קאַסעס. בערך 50 קאַסעס האָבן זיך באַטייליקט אין דערדאָזיקער אַרבעט. אויסער דעם איז דורך דער צענטראַלער קרעדיט-קאָמיסיע פון „יקאַ" און „יעקאָפּאָ" געגרינ-דעט געוואָרן 63 קרעדיט-קאַסעס פאַר די היימלאָזע. „יקאַ" האָט אויך גע-שאַפן 30 שולן פאַר פאַך-בילדונג.

„אָפּע" האָט אָנגעפירט מיט דער שול-אַרבעט צווישן די היימלאָזע. פאַרן מלחמה-פּעריאָד האָט „אָפּע" אָרגאַניזירט 215 יידישע שולן, אין וועלכע ס'האָבן זיך געלערנט העכער 30.000 קינדער.

„אָזע" 1) (געזעלשאַפט פון פאַרהיטן דאָס געזונט פון דער יידישער באַפעלקערונג) האָט אָרגאַניזירט די מעדיצינישע-סאַניטאַרע און קינדער-הילף. ס'איז געשאַפן געוואָרן 42 מעדיצינישע פליג-אָפּטיילונגען, 105 אַמבולאַ-טאָריעס און 23 שפּיטאָלן, 17 קינדער-קאָנסולטאַציעס מיט טראָפּן-מילך און 87 שפּײַז-פּונקטן פאַר שול-קינדער, 125 קינדער-גערטנער און 115 קינדער-פּלעצער.

וואָס אָנבאַלאַנגט געלט-מיטלען, האָבן אַליין די הכנסות פון צענטראַלן קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" פון אויגוסט 1914 ביז יולי 1917 באַטראָפן 31.130.332 רובל. חוץ דעם זענען געזאַמלט געוואָרן גרויסע סומען דורך די אָרטיקע הילפס-קאָמיטעטן און די ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס 2).

דערדאָזיקער קורצער סך-הכל באַווײַזט וואָס פאַר אַ גראַנדיעזע אַר-בעט ס'איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין דער צייט פון דער מלחמה. מיטן אויסברוך פונם בירגער-קריג איז די טע-טיקייט פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס ביסלעכווייז פּאַראַ-ליזירט געוואָרן און אין 1921 זענען זיי דורכן יידישן קאָמיסאַריאַט טייל-ווייז קאָמוניזירט און טיילווייז ליקווידירט געוואָרן.

---

1) „אָזע" איז געגרינדעט געוואָרן אין 1912. די אַרבעט פון דער געזעלשאַפט האָט זיך ברייט אַנטוויקלט ערשט אין דער צייט פון דער מלחמה.

2) די ציפערן וועגן דער אַרבעט פון איינצלנע אָרגאַניזאַציעס האָבן מיר גענומען פונם „באַריכט פון צענטראַלן יידישן קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון דער מלחמה", פּעטראָגראַד, 1918 און פון נישט פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן פון „יעקאָפּאָ". וועגן „אָזע" האָבן מיר אויך אויס-געניצט די בראָשור „פאַרבאַנד פאַרן יידישן געזונט-שוץ „אָזע", בערלין 1924.

## 2.

# דאָס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער דער סאָוויעטן-מאַכט.

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע אין אָקטאָבער 1917 האָט אין דער יידישער סביבה אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנהייט. נישט נאָר די יידישע בירגערלעכע עלעמענטן האָבן זיך פיינטלעך געשטעלט צו די פּרוּוון פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איבערצובויען די רוסלענדישע מלוכה אויף סאָציאַליסטישע יסודות, נאָר אפילו אין די יידישע אַרבעטער-קרייזן האָט זיך די סאָוויעטן-מאַכט אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקער אָפּאָזיציע. די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע האָבן פאַרייניקט אין זייערע רייען דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, האָבן זיך דערקלערט אַלס שאַרפע קעגנער פון באָלשעוויזם. דיזאָזיקע שטימונג פון די יידישע אַרבעטער האָט געפונען איר אויסדרוק אינם אויפרוף פונם יידישן קאָמיסאַריאַט פון 15-טן מערץ 1918. אין דעמזאָזיקן אויפרוף ווערט געזאָגט: [1]

„די יידישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען פּיאָנערן פון סאָציאַליזם אין רוסלאַנד און זענען תמיד געווען אין דער ערשטער רייע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זענען געבליבן היטערשטעליג אין דעם גרויסן קאַמף"...

„די יידישע אַרבעטער האָבן זיך דערווייטערט פון די סאָוויעטן, פונם צענטער, ווו ס'גרופּירן זיך אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות".

אויך די יידישע אינטעליגענץ האָט אַרויסגעוויזן אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. דער קאָמוניסט ש. אַגורסקי דערציילט, אַז נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע איז געווען זייער שווער צו שאַפן אַ יידישע צייטונג, ווייל „מען האָט אין לעגינגראַד קיין יידישן שרייבער נישט געקאָנט קריגן, וואָס זאָל וועלן מיטאַרבעטן אין אַ צייטונג, וואָס האָט פאַרטיידיקט די סאָוויעטן-מאַכט" [1] און „פאַר קיין געלט האָט מען דעמאָלט נישט געקאָנט קריגן אַ יידישן שרייבער, וואָס זאָל אפילו וועלן איבערזעצן באָלשעוויסטישע ליטעראַטור" [2].

ערשט אין יאָר 1919 האָבן די קאָמוניסטישע אידעען אָנגעהויבן

---

1) ש. אַגורסקי. „דער יידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג", מינסק 1925, זייטן 16—17.

1) דאָרט זייט 5.

2) דאָרט זייט 9.

אַריינדרינגען אין די רייען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט (אַ גרויסע ראָלע האָבן אין דעם פּרט געשפּילט די פּאָגראָמען פון די אַנטיבאָלשעוויסטישע אַרמעען), פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך דעמאָלט אויסגעטיילט קאָמוניסטישע גרופּן, וועלכע האָבן געבילדעט יידישע קאָמוניסטישע פּאַרבאַנדן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. אָבער דער קאָמוניזירונגס-פּראָצעס פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג איז געגאַנגען זייער לאַנגזאַם און האָט זיך פאַרענדיקט ערשט אין מערץ 1921, ווען דער קאָמוניסטישער „בונד" איז אַריינגעטרעטן און דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אָבער אויך נאָך דער קאָמוניזירונג פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג איז אַ גרויסער טייל פון דער יידישער מיטגלידערשאַפט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נישט אַריינגעטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס באַווייזן בולט די דאַטן בנוגע אוקראַינע. אין די יאָרן 1917–1918 האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אוקראַינע געציילט בערך 40.000 מיטגלידער („בונד" 20.000, „פאַריינִיקטע" און „פּועלי-ציון" — בערך די זעלבע צאָל) און אַ היפּשע צאָל יידן איז געווען אָרגאַניזירט אין די רייען פון די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. לויט די פּאַרטיי-ציילונג אין 1922 האָט די צאָל יידן-קאָמוניסטן באַטראָפן אין אוקראַינע [1]) אינגאַנצן 5.649 און אין יאַנואַר 1927 איז לויט דער פּאַרטיי-ציילונג געווען 20.306 יידן-קאָמוניסטן און קאַנדידאַטן [1]), דאָס הייסט, אַז אויפן 10-טן יאָר פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט די צאָל יידן-קאָמוניסטן אין אוקראַינע דערגרייכט קוים אַ העלפט פון דער צאָל מיטגלידער פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע.

**יידן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.** דער וווּקס פון דער צאָל יידן-קאָמוניסטן ווערט אילוסטרירט דורך פאָלגנדיקער טאַבעלע [1]):

| יאָר | | צאָל יידן-קאָמוניסטן | % פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט |
|---|---|---|---|
| יאַנואַר 1922 | (פּאַרטיי-ציילונג) | 19.562 | 5,2 |
| „ 1925 | — | 31.200 | 5,2 |
| „ 1926 | — | 44.300 | 4,0 |
| „ 1927 | (פּאַרטיי-ציילונג) | 45.342 | 4,0 |

1) מ. קיפּער „צען יאָר אָקטיאָבער", קיעוו 1927, זייט 94

1) ציפערן בנוגע 1922–1926 פון דער בראָשור „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס פון דער אַל. ק. פּ. ב.", מאָסקווע 1927. בנוגע 1927 פון „עמעס" נומ. 257 פונעם 11-טן נאָוועמבער 1927.

דידאָזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז פאַר 5 יאָר איז די צאָל יידן-קאָמוניסטן אויסגעוואַקסן מער ווי 2 מאָל, אָבער אין דערזעלבער צייט איז די פאַרהעלטניש פון די יידן לגבי דער אַלגעמיינער צאָל קאָמוניסטן שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, דאָס הייסט, אַז ביי דער נישט-יידישער באַפעלקערונג איז דער וווּקס פון דער צאָל קאָמוניסטן געגאַנגען אַ סך אינטענסיווער, ווי אין דער יידישער סביבה.

פונדעסטוועגן איז דער פּראָצענט יידן-קאָמוניסטן אויך איצט מער ווי 2 מאָל גרעסער פונם פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג. מ'דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז קאָנצענטרירט אין די שטאָטישע ישובים, וווּ דער פּראָצענט קאָמוניסטן איז פיל גרעסער ווי אין דאָרף. דאָס באַווייזן אויך די דאַטן וועגן סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

## דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי [1].

(אין פּראָצענטן)

| | |
|---|---|
| אַרבעטער . . . . | 56,3 |
| אָנגעשטעלטע . . | 21,5 |
| פּויערים . . . . | 22,0 |

אין די שטאָטישע ישובים וועט ווייניקער ווי אַ פינפטל פון דער גאַנצער רוסלענדישער באַפעלקערונג און אין דער פּאַרטיי בילדן די שטאָטישע עלעמענטן [2] העכער דרייפערטל.

ביים פאַרגלייך פון דער צאָל ש ט אָ ט י ש ע קאָמוניסטן ביי דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג אין 1927 באַקומען מיר פאָלגנדיקע רעזולטאַטן (אין קיילעכדיקע ציפערן):

(זע טאַבעלע אויף זייט 166)

אין אוקראַינע איז די צאָל יידן-קאָמוניסטן צווישן דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג נאָך קלענער, דאָרט מאַכט ער אויס נאָר 1,6 אַקעגן 2,0 אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד.

---

1) באַריכט פון צ. ק. אויפן 15-טן צוזאַמענפאָר פון ר. ק. פּ. אין דעצעמבער 1927 („איזוועסטיאַ", נומ. 280, פונם 7-טן דעצעמבער 1927).

2) צווישן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע קאָמוניסטן איז פאַראַן אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל דאָרפישע עלעמענטן.

| סטאַטישע-איינוווינער | צאָל קאָמו-ניסטן | % פון דער סטאַטי-שער באַפעלקערונג. |
|---|---|---|
| אַלגעמיינע צאָל . . . 26,3 מיליאָן | 845.000 | 3,2 |
| דערפון יידן [3] . . . 2,2 מיליאָן | 45.000 | 2,0 |

ביי יידן איז דער פּראָצענט קאָמוניסטן אַ סך קלענער, ווי ביי דער אַלגעמיינער סטאַטישער באַפעלקערונג, דאָס דערקלערט זיך מיטן סאָציאַלן בוי פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע באַשטייט הויפּטזעכלעך פון קליינבירגערלעכע עלעמענטן. צוליב דערזעלבער סיבה באַמערקט זיך אויף דער יידישער גאַס אויך דער שוין דערמאָנטער קלענערער וווקס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

וועגן דער פאַרטיילונג פון די יידן-קאָמוניסטן אין די איינצלנע רעפּובליקן האָבן מיר די ידיעות נאָר בנוגע 1926. די 44.300 יידן-קאָמוניסטן האָבן זיך אַזוי געטיילט:

| ראַיאָן | צאָל יידן-קאָמוניסטן | % פון אַלע יידן קאָמוניסטן |
|---|---|---|
| אוקראַינע | 16.988 | 38,4 |
| ווייסרוסלאַנד | 2.922 | 6,6 |
| האָמלער גוב. | 1.511 | 3,5 |
| ס"ה | 21.421 | 48,5 |
| אַנדערע טיילן פון סאָוויעטישן פאַרבאַנד | 19.513 | 44,0 |
| געפינען זיך אין אַרמיי, פלאָט, און אין אויסלאַנד | 3.366 | 7,5 |
| צוזאַמען | 44.300 | 100,0 |

דידאָזיקע טאַבעלע ווייזט אויף אַן אייגנאַרטיקע פאַרטיילונג פון די יידן קאָמוניסטן אין פאַרשידענע ראַיאָנען פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד. אין

3) אין יידישן דאַרף איז פאַראַן אַ גישטיקע צאָל קאָמוניסטן און דעריבער האָבן מיר במעט אַלע יידן-קאָמוניסטן פאַררעכנט פאַר שטאָטישע עלעמענטן.

אוקראַינע, װײַסרוסלאַנד און האָמלער גוב. איז פֿאַראַן 48,5 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדן-קאָמוניסטן און אין די איבעריקע טײלן פֿונם סאָװיעטישן פֿאַר-באַנד גאַנצע 44 פּראָצענט, בשעת די ייִדישע באַפֿעלקערונג מאַכט דאָרט אויס העכסטנס 25 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדן אין סאָװיעט-רוסלאַנד. דידאָזי-קע פֿאַרטײלונג פֿאַרדינט נאָך אַ גרעסערע אויפֿמערקזאַמקײט צוליב דעם, װאָס אין די ראַיאָנען מחוץ „לתחום" איז פֿאַראַן זײער װײניק ייִדישע אַר-בעטער. דאָס באַװײזט, אַז די ייִדן-קאָמוניסטן רעקרוטירן זיך הויפּטזעכלעך פֿון די אינטעליגענטישע עלעמענטן און נישט פֿון די אַרבעטער-קרײזן. דאָס באַשטעטיקן אויך די דאַטן װעגן ס אָ צ י אַ לֿ ן ב אַ ש ט אַ נ ד פֿון די ייִדן-קאָמוניסטן.

## דער סאָציאַלער באַשטאַנד פֿון די ייִדן-קאָמוניסטן אין אוקראַינע אין 1926 [1].

| | |
|---|---|
| אָנגעשטעלטע | 48,3% |
| אַרבעטער | 36,6% |
| לערן-יוגנט | 10,3% |
| פּויערים, קוסטאַרן און אַנדערע | 4,8% |

ביים פֿאַרגלײַך פֿון דערדאָזיקער טאַבעלע מיט די אויבנגעבראַכטע ציפֿערן װעגן סאָציאַלן באַשטאַנד פֿון דער גאַנצער קאָמוניסטישער פּאַרטײ באַמערקן מיר אַ ראַדיקאַלן אונטערשיד צװישן דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם פֿון די ייִדישע און נישט-ייִדישע קאָמוניסטן. ביי דער אַלגעמײנער באַפֿעלקע-רונג דאָמינירן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ די אַרבעטער, װעלכע בילדן 56,3% פֿון די פּאַרטײ-מיטגלידער. אין דער ייִדישער סביבה פֿאַרנע-מען דעם ערשטן פּלאַץ די אָנגעשטעלטע, זײ מאַכן אויס כמעט אַ העלפֿט פֿון אַלע ייִדן-קאָמוניסטן. צוזאַמען מיט דער לערן-יוגנט באַטרעפֿן די אינ-ט ע ל י ג ע נ ט י ש ע עלעמענטן 58,6% פֿון דער ייִדישער מיטגלידערשאַפֿט.

1) „שטערן" נומ. 257 פֿון 7-טן נאָװעמבער 1926.

מיר האָבן לײַדער נישט קײן ידיעות װעגן סאָציאַלן באַשטאַנד פֿון די ייִדן-קאָמוניסטן אין אַלפֿאַרבאַנדישן מאַסשטאַב. יעדנפֿאַלס איז דער פּראָצענט אַרבעטער צװישן די ייִדישע קאָמוניסטן איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פֿונם סאָװיעטישן פֿאַרבאַנד געװיס נישט גרעסער װי אין אוקראַינע: פֿאַרקערט, מ'דאַרף רעכענען, אַז אין ר. ס. פֿ. ס. ר. בילדן די אָנגעשטעלטע נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט.

בשעת די אַרבעטער בילדן ביי יידן אינגאַנצן עטוואָס מער ווי אַ דריטל 1). דאָס דערקלערט זיך נישט נאָר מיט דעם, וואָס ביי יידן איז דער פּראָצענט אַרבעטער קלענער, ווי ביי דער נישט-יידישער באַפעלקערונג, נאָר אויך מיט דעם, וואָס אַ גרויסער טייל יידישע אַרבעטער ווייזן נאָך עד-היום אַרויס, אַדאַנק זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע, אַן אָפּאָזיציאָנעלע באַציונג צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. באַזונדערס ווייניק קאָמוניסטן איז פאַראַן צווישן די אַרבעטער אויף פּריוואַטע אונטערנעמונגען און אין די קליינע שטעטלעך. אין „אָקטיאַבר" שרייבט ה' קאַבאַקאָוו וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון די קאָמוניסטישע אידעען צווישן די אַרבעטער פון די פּריוואַטע אונטערנעמונגען אין וויטעבסק: „צווישן 52 שניידער האָבן מיר קיין איין קאָמוניסט נישט, צווישן 320 לעדער-אַרבעטער האָבן מיר סך-הכל 5 קאָמוניסטן, צווישן 200 מעטאַליסטן האָבן מיר 1 קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי („אָקטיאַבר", נומ. 200, פונם 2-טן סעפּטעמבער 1926). דיזעלבע לאַגע איז אויף די פּריוואַטע אונטערנעמונגען אויך אין אַנדערע שטעט. וועגן די פּאָליטישע שטימונגען פון די יידישע אַרבעטער אין די שטעטלעך לייענען מיר אין אָפיציעלן באַריכט פון דער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד פאָלגנדעס:

„די שלעכטע לאַגע פון די שטעטלדיקע אַרבעטער, די כראָנישע אַרבעטלאָזיקייט און דער קליינער פאַרדינסט און אויך די שוואַכע פּאָליט-אויפקלער-אַרבעט צווישן זיי רופן אַרויס נישט קיין געזונטע שטימונגען וועלכע נעמען אָן, בײַ דער מער אָפּגעשטאַנענער און נישט קוואַליפיצירטער מאַסע פון די שטעטלדיקע אַרבעטער, אַ פאָרם פון „אַנטוישן זיך" אין דער רעוואָלוציע, און אידעאַליזירן די פאַרמלחמה-צייט, אין פאָרשטעלן זיך דעם געוועזענעם גביר ווי אַן אַרבעטגעבער („איז געווען דער גביר – איז

1) ה' קיפּער ווייזט אָן אין זיין בראָשור „10 יאָר אָקטיאַבר", אַז נאָך די „ריינינגונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע האָט זיך דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון די יידן-קאָמוניסטן ראַדיקאַל געענדערט. ה' קיפּער פאַרגלייכט דערביי דעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די יידישע קאָמוניסטן אין 1922 און אין 1927 און ברענגט אינגאַנצן נישט די ציפערן פון 1926. לויט די דאַטן פון ה' קיפּער האָבן די אַרבעטער צום ערשטן אָקטאָבער 1927 אויסגעמאַכט 67,5 פּראָצ. און די אָנגעשטעלטע 28,8 פּראָצ. דער פּראָצענט אַרבעטער איז אַזוי אַרום אָקעגן 1926 געוואָרן כמעט 2 מאָל גרעסער און דער אָנטייל פון די אָנגעשטעלטע האָט זיך פאַרקלענערט כמעט אויף דער העלפט. דיזאַדיקע ציפערן רופן אַרויס גרויסע ספיקות. עס איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אַז פאַר אַזאַ קורצער צייט זאָלן פאָרקומען אַזעלכע גרונטלעכע שינויים אין דער יידישער סביבה בשעת אין דער לעצטער צייט איז דער פּראָצענט אַרבעטער אין דער פּאַרטיי בכלל פאַרקלענערט געוואָרן.

געגען אַרבעט, איז נישטאָ קיין גביר — איז נישטאָ קיין אַרבעט")[1].

בנוגע דעם אָנטייל פון די יידן אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָבן מיר נאָר אייניקע ידיעות. אויפן לעצטן 15-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין דעצעמבער 1927 האָבן די יידן באַטראָפן 7,4 פּראָצ. פון אַלע דעלעגאַטן, ד. ה. כמעט פיר מאָל מער פון דער פּראָפּאָרץ, וואָס יידן מאַכן אויס אין דער באַפעלקערונג. דאָס דערקלערט זיך מיטן שטאָטישן כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג, און די שטאָטישע עלעמענטן שפּילן די הויפּטראָל אויף די קאָמוניסטישע קאָנגרעסן (די פּויערים האָבן אויף דעם דערמאָנטן צוזאַמענפאָר געבילדעט אינגאַנצן 5,7 פּראָצ.), מ'דאַרף באַמערקן, אַז אין פאַרגלייך מיטן ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע איז פאַר די לעצטע יאָרן די ראָלע פון די יידן אין די פּאַרטיי-אָרגאַנען שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן אין פונם 13-טן ביזן 15-טן צוזאַמענפאָר איז דער פּראָצענט יידן צווישן די דעלעגאַטן פאַרקלענערט געוואָרן פון 11,3 ביז 7,4 („איזוועסטיאַ" נומ. 292 פונם 21 דעצעמבער 1927). אין פּאָליטישן ביוראָ פון צ. ק. דעם פאַקטישן לייטער פון דער פּאַרטיי און דיקטאַטאָר אין לאַנד — איז קיין יידן איצט אינגאַנצן נישטאָ.

וועגן אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָבן מיר ידיעות נאָר פון די פריערדיקע יאָרן. אויפן אַלאוקראַינישן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר סוף 1925 איז געווען 763 דעלעגאַטן, וועלכע האָבן זיך אַזוי געטיילט לויטן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד: [2])

| | | |
|---|---|---|
| אוקראַינער | 306 | 40% |
| רוסן | 276 | 36% |
| יידן | 115 | 15% |
| אַנדערע | 66 | 19% |
| סך הכל | 763 | 100% |

די יידן האָבן אויף אַזאַ אופן געבילדעט 15 פּראָצענט פון די דעלעגאַטן, ד. ה. כמעט 3 מאָל מער פונם פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג. נאָך גרעסער איז דער פּראָצענט רוסן (36 פּראָצענט דעלעגאַטן ביי קנאַפּע 10 פּראָצ. פון דער באַפעלקערונג). דאָס דערקלערט זיך, ווי געזאָגט, מיטן שטאָטישן כאַראַקטער פון דער יידישער און רוסישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע.

1) „אָקטיאַבר", נומ. 139, פונם יוני 1926.

2) „שטערן", נומ. 178, פון 1925.

אַ גרעסערע ראָלע שפּילן די יידן אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער פּאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד, אַדאַנק דעם נידעריקן קולטורעלן ניוואָ פון דער ווייסרוסישער באַפעלקערונג.

### יידן אין די פּאַרטיי-אָרגאַנען אין ווייסרוסלאַנד [1]

| | 1924 | 1925 |
|---|---|---|
| צענטראַל-קאָמיטעט . . . . . | 19,0% | 16,2% |
| קרייזישע פּאַרטיי-קאָמיטעטן . . . | 25,4% | 23,3% |

דידאָזיקע ציפערן באַווייזן, אַז אויך אין ווייסרוסלאַנד ווערט פאַרקלענערט די ווירקונג פון די יידישע עלעמענטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

### יידן אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד.

דער וווקס פון דער יידישער מיטגלידערשאַפט אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד ווערט אילוסטרירט דורך פאָלגנדיקער טאַבעלע: [2]

| | | |
|---|---|---|
| יאַנואַר 1924 | . . . . | 19.815 |
| „ 1925 | . . . . | 48.111 |
| „ 1926 | . . . . | 68.207 |
| „ 1927 | . . . . | 97.435 |
| יולי 1927 | . . . . | 99.579 |

די צאָל יידישע קאָמיוגיסטן איז אין פאַרלויף פון דריי מיט אַ האַלבן יאָר פאַרגרעסערט געוואָרן מער ווי 5 מאָל און דערגרייכט קרוב צו 100.000. צווישן דער יידישער יוגנט קאָנסטאַטירן מיר אויף אַזאַ אופן אַ פיל שנעלערן וווקס פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, ווי ביי דער דערוואַקסענער יידישער באַפעלקערונג. דידאָזיקע דערשיינונג באַמערקט זיך אויך אין דער נישט-יידישער סביבה און דערקלערט זיך מיט דער ווירקונג פון דער סאָוויעטישער שול און מיט די פּריווילעגיעס, וואָס די קאָמוניסטישע יוגנט באַקומט בנוגע בילדונג, באַשעפטיקונג אין די סאָוויעטן-

1) „אָקטיאַבר“, נומ. 242, פונם 20-טן אָקטאָבער 1926.

2) ציפערן בנוגע 1924—1926 פון י. לעזמאַן „קאַסיוג אין דער יידישער סביבה“ מאָסקווע 1927, בנוגע 1927 — פון „עמעס“ נומ. 248, פונם 29-טן אָקטאָבער 1927.

אַנשטאַלטן און אין דער פּראָדוקציע. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז דער שטאַרקער צופלוס פון דער פויערישער יוגנט אין דעם קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד. אין אָקטאָבער 1925 האָבן די פויערישע עלעמענטן אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד באַטראָפן 45,1 [1] פּראָצענט, בשעת אין ר. ק. פּ. האָבן די פויערים דעמאָלט אויסגעמאַכט 23,8 פּראָצענט, און אין אַפּריל 1926 האָבן שוין די פויערים און באַטראַקעס געבילדעט מער ווי אַ העלפט (54,6 פּראָצענט) פון דער מיטגלידערשאַפט אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד[2].

מ'דאַרף באַמערקן, אַז די פאַרטיילונג פון די יידן-קאָמיוגיסטן אין די איינצלנע רעפּובליקן פונם סאָוועטישן פאַרבאַנד איז אַ מער נאָרמאַלע, ווי ביי די יידישע קאָמוניסטן. פון 90.197 יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד צום 1-טן יוני 1926, זענען געווען:

| | |
|---|---|
| אין אוקראַינע . . . . | 49.665 |
| „ ווייסרוסלאַנד . . . | 12.380 |
| צוזאַמען . . . | 62.045 |

אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד זענען געווען 68,7 פּראָצענט פון אַלע יידישע קאָמיוגיסטן, בשעת די יידן-קאָמוניסטן פון די דאָזיקע רעפּובליקן האָבן געבילדעט בלויז 45 פּראָצ. פון אַלע יידישע קאָמוניסטן.

די יידישע קאָמיוגיסטן בילדן בערך 5 פּראָצענט פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט אינם קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד. אין אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד מאַכן די יידישע קאָמיוגיסטן אויס אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט: אין אוקראַינע — 12,5 און אין ווייסרוסלאַנד (אין 1926 יאָר) — 25,8. פאָלגנדיקע ציפערן אילוסטרירן דעם אָנטייל פון דער יידישער יוגנט צווישן די קאָמיוגיסטן אין אוקראַינע:

| | | |
|---|---|---|
| צום 1-טן אַפּריל | 1924 . . . . | 16,4% |
| צום 1-טן אָקטאָבער | 1925 . . . . | 14,1% |
| צום 1-טן יאַנואַר | 1927 . . . . | 12,5% |

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד בילדן די יידן אַ גרעסערן פּראָצענט ווי אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער מיט

1) באַריכט פון בוכאַרין אויפן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון קאָמיוגנ דעם 30-טן דעצעמבער 1925.

2) „שטערן“, נומ. 200, פונם 2-טן סעפּטעמבער 1926.

דער אַנטוויקלונג פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן דער פויערי־שער יוגנט ווערט אויך דאָרט קלענער די ראָלע פון די יידן.

**די יידישע סעקציעס ביי דער קאָמוניס־טישער פאַרטיי („יעווסעקציע").**

אויף דער קאָנפערענץ פון די יידישע סעקציעס אין יולי 1920 איז דער מהות פון דער יידישער סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אַזוי פאָר־מולירט געוואָרן: „די יידישע סעקציע איז נאָר אַ פאַנאַנדערגעצווייגטער טעכנישער מאַסנ־אַפּאַראַט פון דער פאַרטיי, וואָס פירט דורך אינגאַנצן אין דער יידי־שער סביבה די לאָזונגען פון דער פאַרטיי וועגן אַלע פראַגן, וואָס ווערן אַרויסגערוקט פון דער רעוואָלוציע"... אין די פראַגן, וואָס ווערן אַרויס־גערוקט דורך די ספּעציפישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן, איז די יידי־שע סעקציע אויך נישט קיין אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע. נאָר זי האָט אַן אויפגאַבע צוצוגרייטן, פאַנאַנדערצואַרבעטן און פאָרלייגן פאַר דער גאַנצער פאַרטיי, דורך אירע פאַרטיי־אָרגאַנען, אירע פּראָיעקטן און פאָרשלאָגן 1). די „יעווסעקציע" איז אויף אַזאַ אופן נישט קיין זעלבשטענדיקע און אפילו נישט קיין אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, זי איז נאָר אַן אויספירונגס־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אויף דער יידישער גאַס. פאַקטיש אָבער פירט די „יעווסעקציע" אָן מיטן גאַנצן יידישן לעבן אין רוסלאַנד און לייגט אַרויף איר שטעמפּל אויף אַלע מאָסמיטלען פון דער סאָוויעטנמאַכט אין דער יידישער סביבה.

די יידישע סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פאַרטיי האָט דורכגע־מאַכט אַ רייע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן אין איר אַרבעט. לכתחילה האָט די יידי־שע סעקציע זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער השפעה פון די יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען. שפּעטער, באַזונדערס אין ערשטן פּעריאָד פון „נעפּ", איז די אויפמערקזאַמקייט פון דער „יעווסעקציע" קאָנצענטרירט געוואָרן אויפן קאַמף מיט דער אַזוי־גערופענער „קליינבירגערלעכער סטיכיע". די יידישע סעקציע האָט דעמאָלט פולשטענ־דיק איגנאָרירט די אינטערעסן פון די ברייטע יידישע מאַסן, וועלכע זי האָט באַטראַכט ווי קליינבירגער און ספּעקולאַנטן און האָט געפירט אַ האַלב־אַסימילאַטאָרישע פּאָליטיק בנוגע יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

אַדאַנק דערדאָזיקער טעטיקייט פון דער יידישער סעקציע האָט זיך

---

1) ש. אַגורסקי „דער יידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג", מינסק 1925, זייט 99.

אַ היפּשער טייל יידישע אַרבעטער אָפּגעריסן פון דער יידישער סביבה. אין דעם פּרט איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס ביז 1924 איז נישט געווען קיין פּאַרטיי-קעמערלעך (קאָמוניסטישע גרופּן ביי די אונטער-נעמונגען און אַנשטאַלטן), וואָס זאָלן פירן זייער אַרבעט אין דער יידי-שער שפּראַך. איינער פון די פירער פון דער „יעווסעקציע" מ. קיפּער, רעזומירנדיק די רעזולטאַטן פון דער טעטיקייט פון די יידישע סעקציעס אין דעם פּעריאָד, קאָנסטאַטירט „די אויסבילדונג ביי אַ גרויסן טייל יידישע אַרבעטער אַ נעגאַטיווע באַציונג צו אַרבעט אויף יידיש" און אַז „ס'איז אויסגעוואַקסן ביי אַ גרויסן טייל פון אונזערע טוער אַ פּעסימיסטישער קוק און נעגאַטיווע באַציונג צו דער יידאַרבעט בכלל [1].

אין 1924 איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ווענדונג אין דער פּאָליטיק פון די יידישע סעקציעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פאַרברייטערן זייער באַ-זע און זענען צוגעטרעטן צו פּאָזיטיווער אַרבעט אויפן עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט צווישן די האַנטווערקער און דער יידישער אָרימקייט בכלל.

וואָס אַנבעלאַנגט די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון דער „יעווסעקציע" איז זי אַזוי פאָרמולירט געוואָרן אויף דער לעצטער אַלפאַרבאַנדישער באַ-ראַטונג פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס אין דעצעמבער 1926 : [2]

„מיר שטעלן זיך די אויפגאַבע נישט איינהייטן די יידישע מאַסן, נאָר ווירטשאַפטליך און קולטורעל אויפהייבן די יידישע מאַסן, שאַפן אַ יידישן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, שאַפן אַ יידיש פּויערטום, אַ יידישע פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, אַ קולטור, וואָס זאָל זיין אַ פּראָלעטאַרישע לויטן אינהאַלט און אַ נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם"...

„מיר וועלן קעמפן מיט די נאַציאָנאַל-ניהיליסטן, וואָס אונטערן אויס-רייד פון דער מעגלעכער אַסימילאַציע אין דער צוקונפט ווילן זיי נישט דורכפירן די דירעקטיוון פון דער פּאַרטיי וועגן באַדינען די יידישע מאַסן אויף דער יידישער שפּראַך, אָבער מיר וועלן מיט נאָך אַ גרעסערער ענער-גיע קעמפן מיט די, וועלכע געבן זיך אונטער דער אידעאָלאָגיע פון נאַצ-יאָנאַל-באָלשעוויזם, וואָס אָנשטאָט אַ לעניניסטישן אַנאַליז פון דער קאָנקרעטער סביבה און די טענדענצן פון איר אַנטוויקלונג וואַרפן זיי אַרויס אַ לאָזונג אַ פרעמדן פאַרן לעניניזם, איינהייטן דאָס יידישע פאָלק, פאַרפעסטיקנדיק דערמיט די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אין דער יידישער סביבה".

דידאָזיקע שטעלונג פון דער „יעווסעקציע" צו דער יידישער נאַציאָ-

1) מ. קיפּער „וועגן אונזער אידעאָלאָגישן קאַמף", זשורנאַל „די רויטע וועלט" נום. 3, כאַרקאָוו מערץ 1926, 59.

2) „עמעס", נום. 60 פונם 15-טן מערץ 1926.

באַלפֿער פֿראַגע קאָן כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס אַ נייטראַליסטישע. איבער די פּראַקטישע אַרבעט פֿון דער „יעווסעקציע" איז פֿאַר די לעצטע יאָרן דערגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשפּראָכענער שטרעבונג צו פֿאַרשטאַרקן דעם יידישן פֿאָלקס־אָרגאַניזם אויפֿן עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט, די דאָזיקע אַרבעט שפּילט דערבײַ אָביעקטיוו אַ נאַציאָנאַליזירנדיקע ראָל אין דער יידישער סביבה.

## אַנדערע יידישע פּאַרטייען און גרופּירונגען אין סאָוויעט־רוסלאַנד

אויסער דער „יעווסעקציע" עקזיסטירט אין סאָוויעטישן פֿאַרבאַנד לעגאַל די יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי „פּועלי ציון", וועלכע פֿאַרייניקט אַ רייע אָרגאַניזאַציעס און גיט אַרויס אַ פּעריאָדישן אָרגאַן. אָנערקענענדיק די קאָמוניסטישע פּראָגראַם און טאַקטיק, שליסט אײַן די י. ק. פּ. אין איר פּראָגראַם די פֿאָדערונג פֿון יידישער פּראָלעטאַרישער אויטאָנאָמיע אין רוסלאַנד אויפֿן יסוד פֿון יידישע אַרבעטערראַטן, וואָס זאָלן פֿאַרוואַלטן מיט אַלע יידישע אָנגעלעגנהייטן. די י. ק. פּ. זוכט אויך צו לייזן די אַלגעמיינע יידישע פֿראַגע דורך דער שאַפֿונג פֿון אַ סאָציאַליסטישן צענטער אין פּאַלעסטינע. אין 1928 איז אויך דידאָזיקע איינציקע לעגאַלע יידישע פּאָליטישע גרופּירונג אויפֿגעלעזט געוואָרן. אַצינד אַרום זענען איצט אַלע יידישע פּאָליטישע גרופּירונגען, אויף וויפֿל זיי עקזיסטירן, געצוווּנגען צו פֿירן זייער אַרבעט אומלעגאַל. אַ באַדייטנדיקע ווירקונג האָט די ציוניסטישע פּאַרטיי און „צעירי ציון", באַזונדערס אין די קלענערע שטעטלעך, וווּ די יידישע באַפֿעלקערונג געפֿינט זיך אין אַ זייער שווערער לאַגע. אין באַריכט פֿון צ. ק. פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ווײַסרוסלאַנד ווערט וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג געזאָגט פֿאָלגנדעס: „די שווערע נויט, אין וועלכער עס לעבט די יידישע שטעטלדיקע באַפֿעלקערונג, שאַפֿט אַ גינסטיקן באָדן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון ציוניזם, וועמעס השפּעה אויף די קליינבירגערלעכע עלעמענטן פֿון דער יידישער יוגנט איז איצט זייער גרויס" („עמעס", נומ. 246, פֿונם 27־אָקטאָבער 1925). אויך אין באַריכט פֿון דער יידישער ביוראָ בײַם צ. ק. ק. פּ. אין ווײַסרוסלאַנד ווערט אָנגעוויזן, אַז אין די שטעטלעך „לאָזט זיך שטאַרק פֿילן די באַדײַטנדע ווירקונג פֿון פֿאַרשידענע ציוניסטישע גרופּירונגען"—(„עמעס", נומ. 142, פֿונם 24־טן יוני 1926). דידאָזיקע דערשיינונג באַמערקט זיך אויך אין אַנדערע טיילן פֿון סאָוויעטישן פֿאַרבאַנד. אין 1926 האָבן די ציוניסטן, ניט געקוקט אויף די פֿאַרפֿאָלגונגען מצד דער סאָוויעט־רעגירונג, געצאַמלט אין רוסלאַנד 30.000 שקל־צאָלער. אַדאַנק דעם קריזיס אין פּאַלעסטינע און די שאַרפֿע רעפּרעסיעס קעגן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, איז די ציוניסטישע באַוועגונג

פאַר דער לעצטער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אָבער אויך איצט ציילן די ציוניסטן אַ סך אָנהענגער און סימפּאַטיקער צווישן דער יידישער באַפעל-קערונג אין רוסלאַנד.

### יידן אין די סאָוויעטן און אויספיר-קאָמיטעטן.

אין רוסלאַנד הערשט די דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. קיין פרייהייט פון וואָרט, פּרעסע, פאַרזאַמלונגען און קאָאַליציע איז נישטאָ, און אַלע אַנדערשדענקנדיקע ווערן אכזריותדיק פאַרפאָלגט. ביי דידאָזיקע באַדינגונגען איז נאַטירלעך אוממעגלעך צו רעדן וועגן אַ נאָר-מאַלן פּאָליטישן לעבן פון דער באַפעלקערונג. אָבער אויף וויפל אין סאָ-וויעט-רוסלאַנד איז פאַראַן אַ וועלכע עס איז פּאָליטישע טעטיקייט, קאָנ-צענטרירט זי זיך אין די סאָוויעטן און זייערע אויספיר-קאָמיטעטן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די געזעצגעבערישע אָרגאַנען פון דער סאָוויעטן-מלוכה. די פּאָליטישע אַקטיוויטעט פון איינצלנע סאָציאַלע גרופּן און נאַ-ציעס קאָן דעריבער אָפּגעשאַצט ווערן לויט זייער אָנטייל אין די סאָוויעטן און אויספיר-קאָמיטעטן. די ברייטע יידישע מאַסן האָבן זיך ביז דער לעצ-טער צייט געקאָנט באַטייליקן אין די וואַלן צו די סאָוויעטן אין זייער אַ קליינער מאָס. לויט דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע באַקומען וואַלרעכט נאָר די אַרבעטנדיקע עלעמענטן, וועלכע באַנוצן זיך נישט מיט געדונגענער אַרבעטס-קראַפט. אַלע אַנדערע בירגער — אונטערנעמער, ראַנטיע, פּריוואַטע הענדלער (אפילו ווען זיי האָבן נישט קיין אָנגעשטעלטע), פּאַרמיטלער א. א. וו. ווערן באַטראַכט אַלס נישט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן און קאָנען נישט קלייבן און נישט אויסגעקליבן ווערן אין די סאָוויעטן 1). אַדאַנק דעם אומנאָרמאַלן פּראָפעסיאָנעלן צוזאַמענשטעל פון דער יידישער באַפעל-קערונג איז דער פּראָצענט וואַלבאַרעכטיקטע יידן געווען זייער קליין. אין 1923/24 האָט די סאָוויעטן-רעגירונג אָנגעהויבן צוציען די האַנטווערקער יחידים צו די וואַלן, אָבער אויך דעמאָלט איז, אדאנק דער פאַרצווייפלונג אויף דער יידישער גאַס, דער אָנטייל פון יידן אין די וואַלן געווען אומ-באַדייטנדיק. אין די שטעטלעך האָבן זיך אין 1924 באַטייליקט אין די וואַלן בלויז אַן ערך 10 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג 2).

אין האַרבסט 1925 איז דורך די אינסטרוקציעס פון די צענטראַלע אויספיר-קאָמיטעטן פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן שטאַרק פאַרברייטערט

---

1) אַרטיקל 64—65 פון דער קאָנסטיטוציע פונם 10 יולי 1918 און 68—59 פון דער קאָנסטיטוציע פון ר. ס. פ. ס. ר. פון 11 מאַי 1925.

2) י. קאָנסאַר. „עמעס", נומ. 289, פונם 11 דעצעמבער 1925.

געװאָרן דער װײלער-קרײז. לױט דידאָזיקע אינסטרוקציעס האָבן װאַל-רעכט (אין דירעקטן װידערשפּרוך צו דער קאָנסטיטוציע) פּױערים, װאָס באַנוצן זיך אין דער לאַנדװירטשאַפט מיט געדונגענער אַרבעט, קוסטאַרן און האַנטװערקער, װעלכע האָבן ניט מער פון 1 שטענדיקן אַרבעטער אָדער 2 לערן-ײנגלעך, און הענדלער מיט אַ פּאַטענט פון דער ערשטער מדרגה. דורך דידאָזיקע אינסטרוקציעס איז די צאָל ײדישע װײלער שטאַרק אױסגעװאַקסן, אָבער אױך דעמאָלט איז אין דער ײדישער סביבה, אַדאַנק דער גרױסער מאַסע ײדישע דעקלאַסירטע עלעמענטן, דער פּראָצענט װאַלבאַרעכטיקטע געװען אַ סך קלענער, װי בײ אַנדערע נאַציעס. אין אוקראַינע האָבן ײדן אין 1925/26 יאָר געבילדעט 46,1 פּראָצענט פון אַלע װאַלרעכטלאָזע[1], בשעת לגבי דער באַפעלקערונג מאַכן די ײדן אױס אינגאַנצן 5,4 פּראָצענט. דער פּראָצענט װאַלרעכטלאָזע ײדן איז אױף אַזאַ אופן געװען כמעט 9 מאָל גרעסער פון זײער פּראָפּאָרץ אין דער באַפעלקערונג!

דעם 1-טן אָקטאָבער 1926 האָט די סאָװיעטן-רעגירונג אַרױסגעגעבן אַ נײע װאַל-אינסטרוקציע, װעלכע נעמט אָפּ בײ אַ רײע קאַטעגאָריעס בירגער זײער װאַל-רעכט. לױט דער דאָזיקער אינסטרוקציע[2] פאַרלירן דאָס װאַלרעכט: „פּערזאָנען, װעלכע זענען אָנגעקומען אָדער זײ קומען איצט אָן צו לױן-אַרבעט מיטן ציל צו קריגן רװח, „פּערזאָנען, װעלכע האָבן געלעבט אָדער לעבן איצט פון ניט אַרבעטס-הכנסות, און אױך די, װאָס האָבן זיך פאַרנומען אָדער פאַרנעמען זיך איצט מיט האַנדל". צו די ניט-װאַלבאַרעכטיקטע עלעמענטן געהערן אױך „קוסטאַרן און האַנטװערקער, װעלכע דינגען שטענדיקע אַרבעטס-קראַפט". אַן אױסנאַם װערט געמאַכט נאָר פאַר די בעלי-מלאכות, װעלכע פירן אַן אַרבעטס-װירטשאַפט און באַנוצן זיך „צוליב די באַדינגונגען פון דער פּראָדוקציע מיט לױן-אַרבעט פון 1 עלטערן אַרבעטער און 2 לערן-ײנגלעך". פון די קלײנהענדלער האָבן װאַלרעכט נאָר אַזעלכע, װאָס באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל צוליב ספּעציעלע סיבות: „אַרבעט-און קריג-אינװאַלידן, װאָס האַנדלען לױט אומזיסטיקע פּאַטענטן פון די פאָלקס-קאָמיסאַריאַטן פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג, אַרבעטלאָזע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, װעלכע נעמען אַרױס פּאַטענטן פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, אױב דידאָזיקע באַשעפטיקונג איז בײ די אַ

---

1) „אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די ײדישע סעקציעס פון אַל. ק. פּ. ב.", מאָסקװע 1927, זײט 63.

2) „איזװעסטיא" נומ. 226 פונעם 1-טן אָקטאָבער 1926.

נ יי ט ח יי ל י ק ע". די נישט-וואלבארעכטיקטע עלעמענטן קאנען באקומען וואלרעכט נאר נאך פינף-יאריקער באשעפטיקונג מיט פראדוקטיווער ארבעט.

די נייע וואל-תקנות נעמען אפ דאס וואל-רעכט ביי א גרויסן טייל פון דער יידישער באפעלקערונג. פון די האנטווערקער קאנען בלייבן אין די סאוויעטן נאר די יחידים, אלע אנדערע פארלירן זייער וואלרעכט, אויב די באדינגונגען פון דער פראדוקציע פארלאנגען נישט אומבאדינגט דעם אנטייל פון געדונגענער ארבעט-קראפט (צום ביישפיל שמידן). די גרויסע מתנה הארעפאשנע יידישע קליינהענדלער, וועלכע האט אין 1925 ענדלעך באקומען וואלרעכט, ווערט איצט ווידער פארעכנט פאר א נישט-ארבעטנדיקן עלעמענט. און נאר א נישטיקע גרופע, וואס איז באוואונט מיט אן אומזיסטיקן פאטענט אדער באשעפטיקט זיך צייטווייליק מיט האנדל צוליב ארבעטלאזיקייט, קאן זיך באטייליקן אין די וואלן צו די סאוויעטן. אויך א היפשע צאל א נ ג ע ש ט ע ל ט ע אין אפילו ארבעטער קאן לויטן טעקסט פון דער וואל-אינסטרוקציע פארלירן דאס וואלרעכט, אויב זיי האבן זיך פ ר י ע ר באשעפטיקט מיט האנדל אדער געלעבט פון ניט-ארבעט-הכנסות.

אין דער געבראכטער וואל-אינסטרוקציע זענען שפעטער אריינגעטראגן געווארן א ריי אויסבעסערונגען דורך דער צענטראלער וואל-קאמיסיע. בנוגע די קוסטארן איז ערקלערט געווארן, אז א ל ע קוסטארן וואס פירן אן ארבעטס-ווירטשאפט און האבן נישט מער פון צוויי לערנייננגלעך פארלירן נישט דאס וואלרעכט. בנוגע די איבערוואנדערער האט דער פרעזידיום פון צענטראלן אויספירקאמיטעט אנערקענט פאר מעגלעך צו געבן וואלרעכט א יי נ צ ל נ ע ג ר ו פ ן איבערוואנדערער, וואס האבן פריער געהערט צו די נישט-ארבעטנדיקע עלעמענטן. אויך פאר די מיטגלידער פון די פראפעסיאנעלע פאריינען, וואס וואלטן לויט די וואל-אינסטרוקציעס געדארפט פארלירן דאס וואלרעכט זענען געמאכט געווארן ערלייכטערונגען. אבער אויך נאך דידאזיקע אויסבעסערונגען האט דער נייער וואל-געזעץ דערלאנגט א שטארקן קלאפ דער יידישער באפעלקערונג און האט שטארק פארקלענערט איר אנטייל אין פאליטישן לעבן. דאס באווייזן בולט די דאטן וועגן די וואלרעכטלאזע ביי די וואלן צו די יידישע סאוויעטן אין 1926 און 1927 יארן אין אוקראינע.

## דער פּראָצענט וואַלרעכטלאָזע צווישן דער דערוואַקסענער ייִדישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע. (1

| | 1926 | 1927 |
|---|---|---|
| ייִדישע דאָרפס-סאָוויעטן . . . . | 17,6 | 27,0 |
| שטעטלדיקע סאָוויעטן . . . . | 23,6 | 39,9 |

אין די שטעטלעך איז, אַדאַנק דעם נייעם וואַל-געזעץ, די צאָל וואַל-רעכטלאָזע ייִדן פאַרגרעסערט געוואָרן אַקעגן 1926 יאָר אויף 69 פּראָצ. און אין די דאָרפישע ישובים אויף 53,4%. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביי די ייִדישע איבערוואַנדערער איז געווען ביז 18 פּראָצ. וואַלרעכט-לאָזע, נישט געקוקט אויף דעם אויבנדערמאָנטן באַשלוס פון צ. א. ק. אַז בנוגע איינצלנע גרופּן איבערוואַנדערער דאַרף די פריערדיקע פּראַקטיקע נישט גענומען ווערן אין אַכט ביים צונויפשטעלן די וויילער-רשימות און זיי דאַרפן באַקומען וואַלרעכט. דער אויסדרוק „איינצלנע גרופּן" האָט גע-לאָזן אַ ברייט פעלד צו אויסשליסן פון די וואַל-ליסטעס אַ היפּשן טייל פון די נייע ייִדישע פּויערים, וועלכע האָבן זיך פריער אין די אויסוואַנ-דערונגס-ערטער געווענדט פאַר נישט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן. בנוגע אַנדע-רע סאָציאַלע גרופּן דאַרף מען באַזונדערס אונטערשטרייכן די פאַרקלענע-רונג פון דער ראָלע פון די קוסטאַרן אין די שטעטלעך. אין 1926 איז דער קוסטאַר געווען די צענטראַלע פּאָליטישע פיגור פונס שטעטל, אין 1927 איז זיין באַדייטונג שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן און אין אַסך שטעט-לעך זענען פון די וואַל-צעטלען אויסגעשלאָסן געוואָרן די קוסטאַרישע עלעמענטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די ליי- און שפּאַר-קאַסעס און די קוסטאַרישע געזעלשאַפטן 2) — ד. ה., אַז די אַקטיוויסטע געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן פון די ייִדישע קוסטאַרן און האַנטווערקער זענען אינגאַנצן באַדייטיקט געוואָרן פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

דער אָנטייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די סאָוויעטן אין אויספירקאָמיטעטן ווערט אילוסטרירט דורך די פאָלגנדע דאַטן:

1) „עמעס" נומ. 96 פונם 30-טן אַפּריל 1927.

2) „שטערן", נומ. 93 פונם 27-טן אַפּריל 1927.

# דער פּראָצענט יידן אויף די צוזאַמענפאָרן פון די סאָוויעטן אין 1927

| | פּראָצענט יידן | פּראָצענט יידן אין דער באַפעלקערונג לויט דער ציילונג פון 1926. |
|---|---|---|
| אויפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפ | 3,8 (1 | 1,8 |
| „ אוקראַאינישן „ | 8,5 (2 | 5,4 |
| „ ווייסרוסישן „ | 16,9 (3 | 8,17 |

די יידן האָבן אַזוי אַרום געבילדעט אויף די סאָוויעטישע קאָנגרעסן פון 1½ ביז 2 מאָל מער פון זייער פּראָהעלטעניש לגבי דער באַפעלקערונג. מ'דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז אויף די סאָוויעטישע צוזאַמענפאָרן שפּילן די הויפּטראָלע (אַדאַנק דער ספּעציעלער סאָוויעטישער וואַלאָרדינאַציע) די שטאָטישע עלעמענטן, דאָס באַווייזן אויך די ציפערן וועגן סאָציאַלן באַשטאַנד פון די דעלעגאַטן:

| | אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר 1) | אוקראַאינישער צוזאַמענפאָר 2) |
|---|---|---|
| פּויערים . . . . . | 28,3% | 30% |
| אַרבעטער . . . . . | 47,0% | 45% |
| אַנדערע . . . . . | 24,7% | 25% |

די שטאָטישע דעלעגאַטן האָבן באַטראָפן אויפן אַלפאַרבאַנדישן קאָנגרעס 71,7 פּראָצענט און אויפן אוקראַאינישן — 70 פּראָצ., הגם די פּויערישע באַפעלקערונג מאַכט אויס אין דורכשניט העכער 4/5 פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די יידישע שטאָטישע באַפעלקערונג בילדעט בערך 9 פּראָצענט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד און 22,7 פּראָצענט פון אַלע שטאָטישע איינוווינער אין אוקראַינע. אַנטשפּרעכנד וואָלט דער פּראָצענט יידישע שטאָטישע דעלעגאַטן געדאַרפט באַטרעפן 6,4% אויפן אַלפאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר און 16,5% אויפן אוקראַי-

1) „איזוועסטיע“, נומ. 94 פונם 27-טן אַפּריל 1927.

2) „שטערן“, נומ. 84 פונם 14-טן אַפּריל 1927.

3) „אָקטיאַבר“, נומ. 84 פונם 14-טן אַפּריל 1927.

1) „איזוועסטיע“ נומ. 111 פונם 18-מאַי 1927,

„שטערן“ נומ. 113 פונם 20-מאַי 1927.

נישן צוזאַמענשטאַר, און מיט די דאָרפישע יידישע דעפּוטאַטן וואָלטן די יידן געדאַרפט אויסמאַכן נאָך אַ גרעסערן פּראָצענט אויף די קאָנגרעסן. פאַקטיש אָבער האָבן די יידן געבילדעט נאָר 3,8 און 8,5 פּראָצענט, אָדער במעט צוויי מאָל ווייניקער פון זייער פאַרהעלטעניש צו דער שטאָטישער באַפעל-קערונג. דיזאָזיקע דערשיינונג ערקלערט זיך מיטן סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע ציילט זייער פיל וואָלרעכטלאָזע עלע-מענטן, און אויך מיט דער סיסטעמאַטישער אוקראַיניזאַציע און ווייסרוסי-זאַציע, וואָס פאַרקלענערט אַלץ מער די ראָלע פון די יידן אין מלוכהשע אַנשטאַלטן. דעם דאָזיקן פּראָצעס באַשטעטיקן פאָלגנדיקע ציפערן וועגן אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

## דער פּראָצענט יידן אין די סאָוויעטן און אויספּיר-קאָמיטעטן אין אוקראַינע.[1]

| אנשטאַלטן | 1925 | 1926 | 1927 | פּראָצ. יידן אין דער גאַנצער באַפעלק. לויט דער ציילונג פון דעצעמבער 1926 |
|---|---|---|---|---|
| דאָרפישע סאָוויעטן | 1,63 | 1,5 | 1,6 | 1,5 |
| שטאָטישע " | 21,53 | 20,3 | 19,3 | 22,7 |
| ראַיאָנישע איספּירקאָמי-טעטן | 2,83 | 3,7 | 3,8 | |
| קרייזישע איספּירקאָמי-טעטן | 8,30 | 11,0 | 10,0 | |
| צענטר. איספּירקאָמיטעט | 6,05 | 6,1 | 4,3 | 5,4 |

## דער פּראָצענט יידן אין די סאָוויעטן און אויספּיר-קאָמיטעטן אין ווייסרוסלאַנד.[2]

(אָן האָטלער און רעטשיצער אויעזדן)

(זע טאַבעלע אויף זייט 181)

די ערשטע טאַבעלע באַווייזט, 1/4 דער אָנטייל פון די יידן אין

1) ציפערן בנוגע 1925 פון י. קאַנטאָר: „ראַיאָניזאַציע און דער יידישער סביבה, זשורנאַל „רויטע וועלט" נומ. 1, כאַרקאָוו 1926; בנוגע 1926 פון „עמעס" 208 פונם 13-טן סעפּטעמבער 1927; בנוגע 1927 פון „שטערן" נומ. 272 פונם 29-טן נאָוועמבער 1927.

2) אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס פון אַל"ק. ק. ב. מאָסקווע 1927 זייט 68.

| אנשטאַלטן | 1924 | 1925 | פּראָצ. ייִדן אין דער באַ-פֿעלק. לויט דער ציילונג אין דעצעמבער 1926 |
|---|---|---|---|
| דאָרפֿישע סאָוויעטן | 1,4 | 3,8 | 1,6 |
| שטאָטישע " | | 30,1 | 40,1 |
| ראַיאָנישע אויספֿירקאָמיטעטן | 1,3 | 5,7 | |
| קרייזישע " | 19,5 | 16,7 | |
| צענטראַלער אויספֿירקאָמיטעט | 22,6 | 20,2 | 8,17 |

אוקראַיִנישע דאָרפֿישע סאָוויעטן אַנטשפּרעכט דער פֿאַרהעלטניש פֿון די ייִדן לגבי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג, אָבער אין די שטאָטישע סאָוויעטן און אין צענטראַלן אויספֿירקאָמיטעט איז דער פּראָצענט ייִדן קלענער פֿון זייער פּראָצענט אין דער באַפֿעלקערונג. די זעלבע ערשיינונג זעען מיר אויך אין ווייסרוסלאַנד בנוגע די שטאָטישע סאָוויעטן, אין צענטראַלן אויספֿירקאָמיטעט איז דאָרט די צאָל ייִדן מער ווי 2 מאָל גרעסער ווי אין דער באַפֿעלקערונג. מ'מוז אָבער באַמערקן, אַז מיטן וווּקס פֿון דער ווייסרוסיזאַציע ווערט אויך דאָרט פֿאַרקלענערט דער פּראָצ. ייִדן. אין 1923 האָבן די ייִדישע מיטגלידער פֿון צענטראַלן אויספֿירקאָמיטעט פֿון ווייסרוסלאַנד אויסגעמאַכט 37,9% פֿון זייער באַשטאַנד, אין 1924 — 22,6% און אין 1925 — 20,2%. אַזוי אַרום קאָנסטאַטירן מיר אַ סיסטעמאַטישע פֿאַרקלענערונג פֿונעם פּראָצענט ייִדן אין די שטאָטישע און צענטראַלע סאָוויעטישע געזעצגעבערישע אָרגאַנען אין אוקראַיִנע און ווייסרוסלאַנד.

**די פּרינציפּן פֿון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין סאָוויעט-רוסלאַנד.**

די סאָוויעטישע מלוכה שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ פֿעדעראַטיוון פֿאַרבאַנד פֿון פֿרייע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן. דער פֿעדעראַטיווער פּרינציפּ איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע פֿון 1918 1) און האָט באַקומען זיין גענויע געזעצלעכע רעגולירונג אין דער פֿאַרבאַנדישער קאָנסטיטוציע פֿונעם 6 יולי 1923, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אויפֿן סמך פֿונעם אָפּמאַך פֿונעם 30 דעצעמבער 1922 צווישן די איינצלנע סאָוויעטישע רעפּובליקן. דער סאָוויעטישער פֿאַרבאַנד באַשטייט איצט פֿון 6 פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן, 1) וועלכע זענען אינערלעך זעלבשטענדיק אין זייערע ענינים. אין באַשטימטע פֿראַגן — פֿינאַנץ-עקאָנאָמישע

1 קאָנסטיטוציע פֿון ר. ס. פֿ. ר. פֿון 1918 אַרטיקל 2.

2) ר. ס. פֿ. ס. ר. אוקראַיִנע, ווייסרוסלאַנד, טראַנסקאַווקאַז, אוזבעקיסטאַן, טורקמעניסטאַן.

און מיליטערישע אָנגעלעגנהייטן און באַציִונגען מיט אויסלענדישע מלוכות — איז די קאָמפּעטענץ פון יעדער רעפּובליק באַגרענעצט, און די פּאָליטיק בנגע דידאָזיקע פראַגן ווערט אָנגעפירט דורך די אַלפאַרבאַנדישע אַנשטאַלטן. יעדע פאַרבאַנדישע רעפּובליק האָט אירע אויטאָנאָמע רעפּובליקן און געגנטן, וואָס ווערן געבילדעט אויף די טעריטאָריעס, ווו ס'וווינען קאָמפּאַקטע מאַסן פון אַ באַשטימטער נאַציע, כדי צו זיכערן די אינטערעסן פון די איינצלנע רעפּובליקן אין די אַלפאַרבאַנדישע מלוכה־אינסטיטוציעס, איז דער צענטראַלער אויספירקאָמיטעט (צ. א. ק.) פונם פאַרבאַנד געבויט אויף פאָלגנדע פּרינציפּן: דער צ. א. ק. באַשטייט פון 2 טיילן — פאַרבאַנדישער סאָוויעט, אין וועלכן ס'גייען אַריין פאָרשטייער פון די 6 פאַרבאַנדישע רעפּובליקן פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער באַפעלקערונגס־צאָל, און נאַציאָנאַליטעטן־ראַט, ווו די פאַרבאַנדישע און אויטאָנאָמע רעפּובליקן האָבן צו 5 — און די אויטאָנאָמע געגנטן צו 1 פאָרשטייער. ביידע טיילן פוי צ. א. ק. האָבן גלייכע רעכט און אָן דער הסכמה פון איינעם פון זיי קאָן נישט סאַנקציאָנירט ווערן קיין שום אַלפאַרבאַנדישער געזעץ. אויך אין דעם אויספיר־אָרגאַן פון צ. א. ק. — אין זיין פּרעזידיום — זענען פאָרטראָטן ביידע טיילן — דער פאַרבאַנדישער סאָוויעט און דער נאַציאָנאַליטעטן־ראַט. אויף אַזאַ אופן זענען די אינטערעסן פון די טעריטאָריאַלע נאַציעס געזעצלעך גענוג געזיכערט.

וואָס אַנבאַלאַנגט די נאַציאָנאַלע מינדערהייט איז אין דער דער דעקלאַראַציע פון דער סאָוויעטן־רעגירונג פונם 2 נאָוועמבער 1917 געזאָגט געוואָרן, אַז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערט געזיכערט זייער פרייע אַנטוויקלונג. אין דער קאָנסטיטוציע פון 1918 און אויך אין דער פאַרבאַנדישער קאָנסטיטוציע פון 1923 זענען אָבער נישט פאַראַן די געזעצלעכע נאָרמעס, וואָס זאָלן גאַראַנטירן די אינטערעסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. ערשט אין מאַי 1925 האָט דער דריטער אַלפאַרבאַנדישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן אין אַ רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אָנגעוויזן אַ ריי קאָנקרעטע מאָס־מיטלען צו זיכערן די רעכט פון די נאַצמינדן (נאַציאָנאַלע מינדערהייטן), נעמלעך: „אַריינפירן אין אַלע אויסגעווײלטע ראַטן־אָרגאַנען פאַרטרעטער פון די נאַצמינדן; אין די פאַלן ווען אין באַשטאַנד פון דער באַפעלקערונג דאָמינירט די נאַצמינד, שאַפן באַזונדערע ראַטן אויף דער שפּראַך פון דידאָזיקע מינדערהייטן; אָרגאַניזירן שולן און געריכטן אויף דעם מוטערשפּראַך א. ד. גל. („עמעס", נומ. 122 פונם 31־טן מאַי 1925). דאָ איז אין אַלגעמיינע שטריכן אָנגעצייכנט אַ פּראָגראַם פון אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע סומירט די דערפאַרונג פון די איינצלנע רעפּובליקן, באַזונדערס פון אוקראַיִנע, ווו ס'איז פיל געטאָן

געוואָרן אויפן געביט פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אַדאַנק דער אוקראַיִניזאַציע פונם סאָוועטישן אַפּאַראַט.

ביז 1924 האָט ביי דער רעגירונג פון ר. ס. פ. ס. ר. עקזיסטירט אַ ספּעציעלער פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים, אין 1924 איז ער ליקווידירט געוואָרן און איז פאַרביטן געוואָרן דורך אָפּטיילונגען פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביים צ. א. ק. און די גובערניאַלע אויספירקאָמיטעטן. די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָבן דעם ציל אויפצוהייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון די נאַצמינדן און זיכערן זיי די מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן אין עפנטלעכן לעבן און אין די רעגירונגס-אָרגאַנען מיט זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן. אין אוקראַיִנע ווערט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אָנגעפירט דורך דער צענטראַלער קאָמיסיע פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן באַם אוקראַיִנישן צ. א. ק. און אויף די ערטער עקזיסטירן נאַצמינד-קאָמיסיעס ביי די קרייזישע אויספירקאָמיטעטן. אויך אין ווייסרוסלאַנד פונקציאָנירן נאַציאָנאַלע קאָמיסיעס באַם צ. א. ק. און די קרייזישע אויספירקאָמיטעטן.

אין דער יידישער סביבה זענען לכתחילה געשאַפן געוואָרן יידישע קאָמיסאַריאַטן און שפּעטער איז די אַרבעט צו באַדינען די יידישע באַפעלקערונג איבערגעגאַנגען צו אַ ריי סאָוועטישע אַנשטאַלטן אונטער דער אַלגעמיינער לייטונג פון די נאַצמינדן-אָפּטיילונגען און קאָמיסיעס.

**דער יידישער קאָמיסאַריאַט.**

די יידישע נאַציאָנאַלע פראַגע איז נישט נאָר אַ שפּראַכפראַגע און קאָן נישט געלייזט ווערן בלויז אויפן וועג פון פרייער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אַנטוויקלונג, דאָ מוז מען זיך רעכענען מיטן אייגנאַרטיקן סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג און אָננעמען ספּעציעלע מיטלען צו נאָרמאַליזירן דעם יידישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, צו פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן. דער יידישער קאָמיסאַריאַט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דעם 30-טן יאַנואַר 1918 (חי אַן אָפּטיילונג פונם פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים), האָט דעריבער איינגעשלאָסן אין זיין פּראָגראַם אויך עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַרבעט. אין דעם אויפרוף פונם יידישן קאָמיסאַריאַט צו די יידישע אַרבעטער ווערן זיינע אויפגאַבן אַזוי פאָרמולירט: „דער יידישער קאָמיסאַריאַט שטעלט זיין ציל איבערבויען דעם נאַציאָנאַלן לעבן אויף פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישע יסודות. די יידישע מאַסן האָבן פולשטענדיק דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן אַלע עקזיסטירנדע יידישע געזעלשאַפטלעכע איינריכטונגען, געבן אַ סאָציאַליסטישע ריכטונג אונזערע שולן, געבן די יידן די מעגלעכקייט צוצוטרעטן צו אַגריקולטור-אַרבעט אויף דער סאָציאַליזירטער ערד, פאַרנעמען זיך מיטן שיקזאַ, פון די היימלאָזע, זעען, אַז די נויטבאַדערפטיקע זאָלן באַקומען די נויטיקע סאָציאַלע מלוכה׳ה לף, קעמפן קעגן אַנ-

טיסטעמיטיזם, פּראָגראַמען א. א. וו." כּדי צו פאַרווירקלעכן די דאָזיקע אויפגאַבן לייגט דער יידישער קאָמיסאַריאַט פאָר גרינדן יידישע סעקציעס ביי די סאָוויעטן און צונויפרופן אַן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די יידישע סאָוויעטן צו באַשטימען די פּאָליטיק אין אַלע יידישע פראַגן און אויסקלייבן דעם יידישן קאָמיסאַר 1). אויף אַזאַ אופן האָט דער יידישער קאָמיסאַריאַט לכתּחילה אויפגעשטעלט אַ פּראָגראַם פון יידישער פּראָלעטאַרישער אויטאָנאָמיע מיט דער בריטסטער קאָמפּעטענץ. די דאָזיקע פּראָגראַם איז אָבער נישט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן און קיין יידישע סאָוויעטן זענען נישט געשאַפן געוואָרן.

מ'דאַרף באַמערקן, אַז אין א ו ק ר אַ י נ ע זענען בכלל קיין יידישע קאָמיסאַריאַטן נישט אָרגאַניזירט געוואָרן, הגם דאָרט האָט עקזיסטירט אַ מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים, וואָס האָט צוגלייך מיט אַנדערע מיניסטעריומס געקאָנט פאַרהאַנדלט ווערן אין אַ קאָמיסאַריאַט. נאָכדעם ווי די סאָוויעט-רעגירונג האָט פאַרנומען אוקראַינע אין 1919 איז ביים יידישן מיניסטעריום באַשטימט געוואָרן צוויי קאָמיסאַרן, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער יידישער קאָמיסאַריאַט ליקווידירט געוואָרן און איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַ יידישער אָפּטיילונג ביים פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים, און ביי די אָפּטיילונג פון פאָלקס-בילדונג און סאָציאַלער פאַרזאָרגונג זענען געשאַפן געוואָרן סעקציעס צו באַדינען די יידישע באַפעלקערונג. אָבער אויך אין ג ר ו י ס-ר ו ס ל אַ נ ד און אין ו וי ס-ר ו ס ל אַ נ ד, ווו ס'האָבן עקסיסטירט יידישע קאָמיסאַריאַטן, האָבן זיי כמעט נישט געפירט קיין פּראַקטישע אַרבעט. לכתּחילה האָבן די יידישע קאָמיסאַריאַטן זיך באַשעפטיקט דער עיקר מיט קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע אַרבעטער, שפּעטער האָבן זיי איבערגענומען דעם קאָנטראָל איבער די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און האָבן ליקווידירט די קהלות. בכלל איז דער יידישער קאָמיסאַריאַט געווען דער פּ אָ ל י ט י ש ע ר לייטער פון אַלע מאָסמיטלען אין דער יידישער סביבה, די פּראַקטישע טעטיקייט אויפן קולטורעלן און סאָציאַלן געביט איז געפירט געוואָרן דורך די אַנטשפּרעכנדע סאָוויעטישע אָרגאַנען און די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

בעת דער ליקווידאַציע פון פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר נאַציאָנאַלע ענינים איז אויך דער יידישער קאָמיסאַריאַט אויפגעלייזט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן עקזיסטירט איצט נישט אין רוסלאַנד קיין צענטראַלער רעגירונגס-אָרגאַן צו

---

1) ש. אַגורסקי. „דער יידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג", מינסק 1925, זייטן 22—23.

אָפּפירן מיט דער גאַנצער יידישער אַרבעט 1). די איינצלנע טעטיקייטס-געביטן זענען פאַרטיילט צווישן פאַרשידענע אינסטיטוציעס: די יידישע ערד-איינאָרדנונג ווערט אָנגעפירט דורכן „קאָמזעט", די אָרגאַניזאַציע פון יידישן בילדונגס-וועזן איז קאָנצענטרירט אין די יידישע ביוראָען ביי די קאָמיסאַריאַטן פאַר פאָלקס-בילדונג 2). הוץ דעם עקזיסטירט נאָך אַ רייע אינסטיטוציעס צו באַדינען די יידישע באַפעלקערונג אויף איר אייגענער שפּראַך.

**די יידישע שפּראַך אין עפנטלעכן לעבן.**

די פראַגע וועגן די עפנטלעכע רעכט פון דער יידישער שפּראַך איז געשטעלט געוואָרן נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע דורכן יידישן מיניסטעריום אויף אוקראַינע. לויט דער אינסטרוקציע פונם יידישן וויצע-סעקרעטאַריאַט פון יולי 1917 ווערט די שרייבפירונג פונם סעקרעטאַריאַט אין זיינע באַציאונגען מיט די יידישע אַנשטאַלטן געפירט אויף יידיש. שפּעטער האָט די צענטראַלע ראַדע באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן אַלע געזעצן אין אוקראַיניש, רוסיש, יידיש און פויליש און אין נאָוועמבער 1917 איז דורך דער צענטראַלער ראַדע אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע צו זיכערן די רעכט און מעגלעכקייט „צו באַנוצן זיך מיט די אָרטיקע שפּראַכן אין די באַציאונגען מיט אַלע רעגירונגס אַנשטאַלטן" 3). כדי צו דעמאָנסטרירן די עפנטלעכע רעכט פון די שפּראַכן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זענען די אוקראַינישע אַסיגנאַציעס לכתחילה געדרוקט געוואָרן אין פיר שפּראַכן — אוקראַיניש, רוסיש, יידיש און פויליש. די דערמאָנטע באַשלוסן פון דער ראַדע, זענען אָבער פאַקטיש נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, אַדאַנק די הייטערדיקע פּאָליטישע געשעענישן.

די סאָוועטנמאַכט האָט די ערשטע צייט נישט אָנגענומען קיין פּראַקטישע מיטלען צו באַדינען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף זייער שפּראַך. אַן אַקטיווע פּאָליטיק האָט די סאָוועטנמאַכט אין דעם פּרט אָנגעהויבן פירן אין 1923. די איניציאַטיוו האָט אַרויסגעוויזן די אוקראַינישע סאָוועטן-רעפּובליק. צוליב דער אוקראַיניזאַציע פונם מלוכהשן אַפּאַראַט און

---

1) די פּראַקטישע אָנפירונג פון דער יידישער אַרבעט געפינט זיך אין די הענט פון צ. ב פון די יידישע סעקציעס ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

2) וועגן „קאָמזעט" איז שוין גערעדט געוואָרן אינם קאַפּיטל „יידישע לאַנדווירטשאַפט" וועגן דער טעטיקייט פון די יידישע בילדונגס-ביוראָען זע ווייטער אין קאַפּיטל „יידישע בילדונגס און קולטור-אַנשטאַלטן".

3 ד"ר מ. זילבערפאַרב. „דאָס יידישע מיניסטעריום און די יידישע אויטאָנאָמיע אויף אוקראַינע", קיעוו 1919 זייט 47.

דער קאָנצענטרירונג פון קאָמפּאַקטע מאַסן נאַצמינדן איז דאָרט דרינגענדיק נויטיק געווען צו רעגולירן די נאַציאָנאַלע פראַגע. דעם 1-טן אויגוסט 1923 איז פון דער אוקראַינער סאָוויעטן-רעגירונג אַרויסגעגעבן געוואָרן דער גרונט-דעקרעט „וועגן די מיטלען צו פאַרזיכערן די גלייכבאַרעכטיקונג פון די שפּראַכן". שפּעטער האָט די אוקראַיניער רעגירונג פאַרעפנטלעכט נאָך איינינקע דעקרעטן און אינסטרוקציעס, וועלכע האָבן אָנגעצייכנט קאָנקרעטע פאָרמען און וועגן צו גאַראַנטירן די שפּראַכאינטערעסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. לויט דידאָזיקע דעקרעטן ווערט די נאַצמינדן געזיכערט די מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט זייער שפּראַך אין די סאָוויעטישע פאַרוואַלטונגס-אָרגאַנען און ס'ווערן אויסגעטיילט ספּעציעלע אַנשטאַלטן אין די נאַציאָנאַלע שפּראַכן — נאַציאָנאַלע סאָוויעטן, געריכטן א. א. וו. שליסלעך אין דעם 6-טן יולי 1927 דורכן אוקראַינישן צ. א. ק. אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט, לויט וועלכן עס ווערן אָנערקענט אַלס גלייכבאַרעכטיקט די שפּראַכן פון אַלע נאַציעס, וועלכע באַפעלקערן די טעריטאָריע פון דער אוקראַינישער סאָציאַליסטישער סאָוויעט-רעפּובליק. די אינערלעכע געשעפטספירונג פון די מלוכהשע אַנשטאַלטן ווערט געפירט אויף אוקראַיניש, אָבער דער מלוכה-אַפּאַראַט דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו באַדינען די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף זייער אייגענער שפּראַך און אין די נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלע ראַיאָנען ווערן אַלע ענינים געפירט אויף דער שפּראַך פון דער געגעבענער נאַציע (אין יידישן ראַיאָן אויף יידיש, אין די פּוילישע ראַיאָנען אויף פּויליש א. א. וו.).

אין ר. ס. פ. ס. ר. איז אין דער קאָנסטיטוציע פונם 11-טן מאַי 1925 איינגעשלאָסן געוואָרן פאָלגנדיקער אַרטיקל: „פאַר די בירגער פון ר. ס. פ. ס. ר. ווערט אָנערקענט דאָס רעכט פון פרייער באַנוצונג מיט דער אייגענער שפּראַך אויף צוזאַמענפאָרן, אין געריכט, פאַרוואַלטונג און געזעלשאַפטלעכן לעבן. די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערט געזיכערט דאָס רעכט צו לערנען זיך אויף דער אייגענער שפּראַך אין שול *).

די ווייסרוסישע רעגירונג האָט אָנגענומען מיטלען צו לייזן די שפּראַכנפראַגע אויף די יסודות, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אוקראַינע. אין דער קאָנסטיטוציע פון אַפּריל 1927 ווערט געזאָגט: „אין די מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן און אָרגאַניזאַציעס פון דער ווייסרוסישער סאָציאַליסטישער סאָוויעטן-רעפּובליק ווערט איינגעשטעלט די פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון דער ווייסרוסישער, יידישער, רוסישער און פּוילישער שפּראַכן". אַלס דאָמינירנדיקע שפּראַך ווערט אָנערקענט די ווייסרו-

*) קאָנסטיטוציע פון ר. ס. פ. ס. ר. פונם 1 מאַי 1925, אַרטיקל 13

סישע שפּראַך, אָבער גלײַכצײַטיק גאַראַנטירט די קאָנסטיטוציע די רעכט פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן: „פאַר אַלע בירגער פון דער ווײַסרוסישער סאָציאַליסטישער סאָוויעטנרעפּובליק ווערט אָנערקענט דאָס רעכט פרײַ צו באַנוצן זיך מיט דער מוטער־שפּראַך אויף צוזאַמענפאָרן, אין געריכט, אין אַדמיניסטראַציאָן און געזעלשאַפטלעכן לעבן" *).

אויך אַזאַ אופן איז אין אַלע רעפּובליקן מיט אַ באַדייטנדיקער יידישער באַפעלקערונג אָנערקענט געוואָרן די עפנטלעכע רעכט פון דער יידישער שפּראַך. אָבער די רעאַליזירונג פון דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך האָט זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן, מחמת דעם, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג בילדעט אַ מערהייט אין די שטעט און שטעטלעך, דער רוב אָבער פון דער יידישער נאַציע בילדעט נאָר אַ מינדערהייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג. דער יידישער נאַציאָנאַלער בויונגס־אַרבעט שטערט אויך שטאַרק דער ווידערשטאַנד מצד געוויסע אײַנפלוסרײַכע גרופּן יידן־קאָמוניסטן, וואָס זענען נאָך ביז איצט אַסימילאַטאָריש געשטימט און באַטראַכטן יעדער אַרבעט אין דער יידישער שפּראַך, ווי שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע באַגרעניצטקייט. באַזונדערס לאָזט זיך שטאַרק פילן די נעגאַטיווע באַציונג צו דער יידישער שפּראַך צווישן די אָנפירנדיקע קרייזן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרײַנען אין די גרויסע שטעט (אָדעס, קאַטערינאָסלאַוו, קרעמענטשוג א. א. וו.). אויך אַ סך אַלגעמיין־סאָוויעטישע אָרגאַנען ווילן נאָך פּ אַ ק ט י ש נישט אָנערקענען די גלײַכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך, און די יידישע טוער קומט אָפט אויס צו פירן אַ שאַרפן קאַמף פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די דירעקטיוון פון דער סאָוויעט־רעגירונג. נישט געקוקט אויף די דאָזיקע שוועריקייטן איז פאַר די לעצטע יאָרן געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע נעץ אינסטיטוציעס צו באַדינען די יידישע באַפעלקערונג אויף איר אייגענער שפּראַך.

### יידישע סאָוויעטן און יידישע טישן בײַ די סאָוויעט־אָרגאַנען.

נאַציאָנאַלע סאָוויעטן האָט מען אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין 1924. די סאָוויעטן טראָגן אַ ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל ן כאַראַקטער און באַדינען די גאַנצע באַפעלקערונג פון די געגעבענע פונקטן, פירנדיק זייער אַרבעט אויף דער שפּראַך פון דער דאָמינירנדיקער אין די דאָזיקע ערטער נאַציע. בנוגע די נאַציעס, וואָס וווינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין עטלעכע שכנותדיקע פונקטן, ווערן אויסגעטיילט נ אַ צ י אָ נ אַ־

*) „אקטיאבר", נומ. 85 פונם 14 אפּריל 1927.

לע ראַיאָנען, וואָס פאַראייניקן די נאַציאָנאַלע דאָרפסראַטן פון אַ באַשטימטער טעריטאָריע מיט אַ באַפעלקערונג פון נישט ווייניקער ווי 10.000 נפשות. אין די גרענעצן פון נאַציאָנאַלן ראַיאָן אַרבעט דער גאַנצער מלוכה-אַפּאַראַט אויף דער שפּראַך פון דער אַנטשפּרעכנדיקער נאַציע. די ראַיאָנע אויספּיראָרגאַנען האָבן אַ פאַרהעלטנישמעסיק ברייטע קאָמפּעטענץ אויפן ווירטשאַפטלעכן, שטייערלעכן, קולטורעלן א. א. געביטן און קענען אַזוי אַרום צופּאַסן זייער טעטיקייט צו די ספּעציעלע באַדינגונגען און לעבנס-שטייגער פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט. די נאַציאָנאַלע ראַיאָנען פאַרענטפערן דערבייבער אַמבעסטן די מינדערהייט-פראַגע. אין אוקראַינע עקזיסטירן 22 נאַציאָנאַלע ראַיאָנען, דערפון 1 יידישער. יידישע ראַיאָנען איז ביז 1927 אוממעגלעך געווען אויסצוטיילן, ווייל די יידן האָבן אין ערגעץ נישט געבילדעט אַזאַ מערהייט, וואָס גיט דאָס רעכט צו שאַפן אַ נאַציאָנאַל-טעריטאָריאַלן ראַיאָן. נאָר אַדאַנק דער קאָלאָניזאַציע פון די לעצטע יאָרן איז אין מערץ 1927 אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישער ראַיאָן אין כערסאָנער קרייז און ס'איז אָנגעמערקט געוואָרן די שאַפונג פון יידישע ראַיאָנען אין קריוואָראָגער און מאַריאופאָל-זאַפּאָראָזשער געגנטן, וועלכע וועלן פאַראייניקן אַ טייל פון די אַלטע יידישע קאָלאָניעס און די נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים. די איבעריקע יידישע סאָוויעטן זענען דאָרפישע און שטעטלדיקע. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז כדי צו פאַרלייכטערן די אָרגאַניזירונג פון נאַציאָנאַלע סאָוויעטן האָט די אוקראַינישע געזעצגעבונג בנוגע די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פאַרקלענערט די צאָל איינוווינער, וואָס האָבן דאָס רעכט צו בילדן סאָוויעטן. לויט די תקנות וועגן דאָרפסראַטן אין אוקראַינע קאָנען געשאַפן ווערן דאָרפסאָוויעטן אין ישובים, וואָס ציילן נישט ווייניקער פון 500 נפשות. אין די ערטער מיט אַ באַפעלקערונג פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ווערט דערלויבט די אָרגאַניזירונג פון סאָוויעטן ביי 300 איינוווינער [1]. אַדאַנק דערדאָזיקער פּריווילעגיע אַנטוויקלט זיך שטאַרק די שאַפונג פון נאַציאָנאַלע סאָוויעטן אויף אוקראַינע, און אין 1927 האָבן שוין פונקציאָנירט העכער 1000 אַזוינע סאָוויעטן. דעם וווּקס פון די יידישע דאָרפישע און שטעטלדיקע סאָוויעטן אילוסטרירן פאָלגנדיקע ציפערן [2]:

---

1) „שטערן", נום. 139 פונם 22-סן יוני 1927.

2) „שטערן", נום. 81 פונם 10-טן אַפּריל 1926, „עמעס" נום. 6 פונם 20-סטן יאַנואַר 1927, „אָקטיאַבר" נום. 141 פונם 24-סטן יוני 1296 און „אָקטיאַבר" נום. 239 פונם 20-סטן אָקטאָבער 1927.

## יידישע סאָוועטן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד

| יאָר | אוקראַינע | ווייסרוסלאַנד | צוזאַמען |
|---|---|---|---|
| 1925 | 19 | 11 | 30 |
| 1926 | 86 | 18 | 104 |
| 1927 | 125 | 21 | 146 |

חוץ דעם פונקציאָנירט נאָך אַ קליינע צאָל יידישע סאָוועטן אין די מערב-גובערניעס פון ר. ס. פ. ס. ר.

די ק אָ מ פּ ע ט ע נ ץ פון די דאָרפישע און שטעטלדיקע סאָוועטן איז ביז 1927 געווען שטאַרק באַגרענעצט, און זיי זענען געווען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון די ראַיאָנע אויספירקאָמיטעטן, וועלכע שענקען זייער ווייניק אויפמערקזאַמקייט די נאַציאָנאַלע סאָוועטן און אָפט ווייזן זיי אַרויס אפילו אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו זיי. אין 1926 איז די לאַגע נאָך פאַרשווערט געוואָרן דערמיט, וואָס די ניי-געבילדעטע יידישע סאָוועטן זענען נאָך נישט געווען איינגעשלאָסן אין מלוכה-בודזשעט. זיי האָבן דעריבער נישט געהאַט קיין נאָרמאַלן פינאַנציעלן יסוד און זענען געצוווּנגען געווען צו שאַפן מיטלען דורך זאַמלונגען און פאַראַנשטאַלטונגען. די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען זענען איבערגעפולט מיט קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער שווערער לאַגע פון די יידישע סאָוועטן, וועלכע האָבן נישט קיין אינסטרוקציעס, קיין דירות, קיין פינאַנציעלע מיטלען א. א. וו. די יידישע סאָוועטן האָבן דעריבער (מיט אויסנאַם פון איינצלנע פונקטן) אין אַלגעמיין ווייניק אויפגעטאָן. דער מיטגליד פון דער נאַצמינדישער קאָמיסיע ביים אוקראַינישן צ. א. ק. י. קאַנטאָר כאַראַקטעריזירט אַזוי די לאַגע פון די יידישע סאָוועטן אין 1926 :

„די ראַטן געפינען זיך אין אַ פאַרלעגנהייט, זיי ווייסן נישט וואָס צו טאָן און אין וואָס זאָל זיך אויסדריקן זייער אַקטיוויטעט, מיט וואָס באַרעכטיקן זייער עקזיסטענץ. נאָך אַ קורצער אויפלעבונג איז אַנטשטאַנען אַ פעריאָד פון אָפּגעשוואַכטער טעטיקייט, די אָנגעמערקטע פּלענער זענען נישט אויסגעפילט געוואָרן. די לאַגע אין שטעטל האָט זיך אין סך הכל פון כמעט אַ האַלב יאָר עקזיסטענץ פון די ראַטן ווייניק וואָס געביטן. אַדאַנק דער נישט גענוגנדיקער אינסטרוקטירונג און אָנפירונג מיט די ראַטן פון די צענטראַלע און קרייזישע אָרגאַנען איז קנאַפּ וואָס קאָנטיק דער שינוי אין דעם טכום רעכט, וואָס די יידישע באַפעלקערונג האָט באַקומען פונם יידישן ראַט. די יידישע שפּראַך פאַרנעמט נישט אין די יידישע ראַטן דעם אָרט, וואָס זי האָט באַדאַרפט באַקומען. פאַראַן אַ סך יידישע ראַטן, ווו

די אומגאַנגס-שפּראַך איז רוסיש"... „די קאָמפּעטענץ פון די שטעטלדיקע ראַטן און די ראַיאָנע צענטרען איז געבליבן נישט פאַנאַנדערגעטיילט, און די לעצטע טרעסירן אָפּט און מאַכן אַרבעטלאָז די שטעטלדיקע ראַטן, באַזונדערס ווען ס'איז נוגע אַ ביודזשעט-פראַגע" („עמעס", נומ. 160, פונם 15-טן יולי 1926).

אויף דער פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר אינערלעכע ענינים פון דער ווייס-רוסישער רעפּובליק ווייזט אָן אין אַ צירקולאַר, אַז „אין די נאַציאָנאַלע סאָוויעטן ווערן נישט דורכגעפירט קיין פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן און פּלענומס אויף דער שפּראַך פון די געגעבענע נאַציאָנאַליטעטן" און אַז „עס ווערן נישט אָנגענומען קיינע מיטלען אויף אַריבערצופירן די געשעפטספירונג פון די נאַציאָנאַלע סאָוויעטן אויף דער שפּראַך פון דער געגעבענער נאַציאָנאַליטעט" („אָקטיאַבר", נומ. 164 פונם 21-טן יולי 1926).

די נייע תקנות וועגן די סאָוויעטן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1927, פאַרבעסערן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס די לאַגע פון די יידישע סאָוויעטן. די שטעטלדיקע און גרויסע דאָרפס-סאָוויעטן, וועלכע ציילן אויף זייער טעריטאָריע מער פון 3.000 נפשות, באַקומען ביודזשעט-רעכט. דערמיט ווערן זיי אַ סך זעלבשטענדיקער און קריגן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ ברייטע טעטיקייט. עס זענען אויך אָנגענומען געוואָרן מיטלען צוצוגרייטן פּאַסיקע טוער פאַר די יידישע סאָוויעטן; פאַר דעם צוועק זענען זומערצייט 1927 אָרגאַניזירט געוואָרן אין קיעוו ספּעציעלע קורסן פאַר 103 סעקרעטאַרן פון די יידישע סאָוויעטן. אַזוי אַרום ווערן ביסלעכווייז באַזייטיקט די שוועריקייטן, אויף וועלכע די יידישע סאָוויעטן האָבן זיך אָנגעשטויסן די ערשטע צייט און עס ווערן בהדרגה געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר פּאָזיטיווע אַרבעט.

די נאַציאָנאַלע סאָוויעטן קאָנען אין דער יידישער סביבה נישט לייזן די שפּראַכנפראַגע אין אַ גענוגנדער מאָס, ווייל בלויז אַ קליינער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג קאָן דורך זיי אַרומגעכאַפּט ווערן. די 125 סאָוויעטן אין אוקראַינע פאַראייניקן 194,651 יידן, ד. ה. 11,6% פון דער יידישער באַפעלקערונג, און דער יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן אין כערסאָנער קרייז באַדינט אינגאַנצן 0,7% פונם אוקראַינישן יידנטום. אין ווייסרוסלאַנד פאַראייניקן 18 סאָוויעטן (פון 21) אינגאַנצן 25,513 יידן אָדער 6% פון דער יידישער באַפעלקערונג. די מעגלעכקייט צו גרינדן ווייטער נייע יידישע סאָוויעטן איז זייער אַ באַגרענעצטע און העכסטנס וועט 15% פון די יידן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אַרומגעכאַפּט ווערן דורך די יידישע נאַציאָנאַלע סאָוויעטן. די איבעריקע יידישע באַפעלקערונג וווינט אין די גרעסערע שטעט, וווּ קיין נאַציאָנאַלע סאָוויעטן קאָנען נישט אָרגאַניזירט ווערן

אַפילו ווען די יידן בילדן אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג צוליב דער גרויסער צאָל אַרבעטער און רויטאַרמייער פון אַנדערע נאַציעס. עס ווערט דעריבער געמאַכט פּרוון צו אָרגאַניזירן צוויי-שפּראַכיקע סאָוויעטן (אוקראַיניש-יידיש אָדער ווייסרוסיש-יידיש). אין 1927 האָבן פונקציאָנירט 15 אַזוינע סאָוועטן — 13 אין אוקראַינע און 2 אין ווייסרוסלאַנד.

אין האַמעל איז אין יאַנואַר 1926 געשאַפן געוואָרן אַ ראַיאָנער סאָוועט, וועלכער באַדינט דעם טייל פון דער שטאָט, וווּ ס'וווינען הויפּט-זעכלעך יידן. די ראַיאָנע סאָוויעטן זענען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווייל כמעט אין אַלע שטעט זענען די יידישע מאַסן קאָנצענטרירט אין געוויסע ראַיאָנען. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג האָט דעריבער אַ וויכטיקע באַדייטונג דער פּונקט פון די נייע תקנות פון די שטאָט-ראַטן אין אוקראַינע, לויט וועלכן אין די גרעסערע שטעט ווערן אָרגאַניזירט ראַיאָנע סאָוויעטן. דאָס וועט געבן אַ מעגלעכקייט צו באַדינען אַ גרויסן טייל פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג אויף איר שפּראַך.

גלייכצייטיק מיט דער אָרגאַניזירונג פון די יידישע סאָוויעטן אין די דאָרפישע און שטעטלשע ישובים זענען אין אַ רייע שטעט (בערדיטשעוו, אָדעס: ראָמען, קרעמענטשוג א. א.) געשאַפן געוואָרן יידישע טישן ביי פאַרשידענע מלוכה-אָרגאַנען — ביי די אָפּטיילונגען פאַר קאָמונאַלערווירטשאַפט, סאָציאַלער פאַרזאָרגונג א. אַ. וו. די דערפאַרונג האָט אָבער באַוויזן, אַז די יידישע טישן, וואָס האָבן דעם ציל אָנצונעמען מינדלעכע און שריפטלעכע מעלדונגען אויף דער יידישער שפּראַך, באַפרידיקן נישט די יידישע באַפעלקערונג. די טישן זענען אָפּגעריסן פונם גאַנצן אַפּאַראַט און קאָנען זייער ווייניק אויפטאָן. דיזאָזיקע אינסטיטוציעס אַנטוויקלען זיך זייער שוואַך.

בכלל דאַרף מען באַמערקן, אַז צוליב דעם קאָמפּליצירטקייט פון דער שפּראַכנפראַגע אין דער יידישער סביבה זענען נאָך ביז איצט נישט געפונען געוואָרן די ריכטיקע פאָרמען צו באַדינען די יידישע באַפעלקערונג אויף דער אייגענער שפּראַך, די דורכפירונג פון דער גלייכבאַרעכטיגונג פון דער יידישער שפּראַך האָט זיך אָקאָרשט אָנגעהויבן און וועט פאָדערן אַ לענגערע צייט פאַר איר פולער און ענדגילטיקער לייזונג.

**יידישע געריכטן.** די אָרגאַניזירונג פון די יידישע געריכט-קאַמערן האָט זיך אָנגעהויבן אין 1924 1). צום 1-טן אָקטאָבער

---

1) אין וויטעבסק האָט עקזיסטירט אַ יידישער געריכט אין די יאָרן 1922—1923, ער האָט אָבער געאַרבעט זייער שוואַך און האָט נישט באַוויזן זיך באַפעסטיקן.

1924 האָבן פונקציאָנירט אינגאַנצן פינף יידישע געריכטן; אין 1927 יאָר האָט די צאָל יידישע געריכטן באַטראָפן 44, וועלכע האָבן זיך אַזוי געטיילט:

| | |
|---|---|
| אוקראַינע . . . . | 36 |
| ווייסרוסלאַנד . . . | 7 |
| ר. ס. פ. ס. ר . . . | 1 |
| צוזאַמען . . . | 44 |

די יידישע פאָלקס־געריכטן (ווי בכלל די נאַציאָנאַלע געריכטן) האָבן נאָך ביז איצט נישט קיין איינהייטלעכן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ. אין איניקע פונקטן טראָגן די געריכטן אַ טעריטאָריעלן כאַראַקטער און באַדינען די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַ באַשטימטן שטאָטישן ראַיאָן, דיזאָזיקע געריכטן זענען צווייספּראַכיקע. אין אַנדערע ערטער זענען די יידישע געריכטן נאַציאָנאַל־עקסטעריטאָריעלע און באַדינען אויסשליסלעך די יידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט און טייל־ווייז פון די אַרומיקע שטעטלעך. די באַראַטונג פון די נאַציאָנאַלע ריכטער אויף אוקראַינע אין יוני 1926 האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער נויטיקייט צו קאָמבינירן ביידע פּרינציפּן — דעם נאַציאָנאַלן און טעריטאָריעלן. די נאַציאָנאַלע געריכטן זאָלן באַדינען אַ געוויסן שטאָטישן ראַיאָן און די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער אַנטשפּרעכנדער נאַציע אין שטאָט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אָרגאַניזאַציע פון יידישע געריכטן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נויטיק צו שאַפן יידישע אויספאָרשונגס־אָרגאַנען און יורידישע קאָנסולטאַציעס. אין 1927 איז אין אוקראַינע געווען 5 יידישע קאָנסולטאַציעס און 3 אויספאָרשונגס־קאַמערן, עס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן יידישע מיליציע־באַצירקן אין אדעס, קיעוו, אומאַן, באַרדיטשעוו א. א. שטעט אין ווייסרוסלאַנד פונקציאָנירט אַ יידישע קאָנסול־טאַציע אין מינסק.

קיין העכערע נאַציאָנאַלע געריכטס־אַנשטאַלטן זענען ביז איצט נישט געשאַפן געוואָרן. דאָס פאַרשווערט די קאַסאַציאָנס־אַרבעט פון די קרייז־געריכטן בנוגע די ענינים, וואָס קומען אָן פון די יידישע פאָלקס־געריכטן. כדי צו באַזייטיקן דידאָזיקע שוועריקייטן ווערן געגרינדעט באַשטאַנס פון שטענדיקע איבערזעצער ביי די קרייז־געריכטן און ס'ווערן אָנגענומען מיט־לען, אַז אַ טייל פון די פּראָקוראָרן און ריכטער זאָלן באַהערשן די יידישע שפּראַך. אין איניקע שטעט זענען געשאַפן געוואָרן באַשטאַנס פון יידישע הילפס־פּראָקוראָרן (קיעוו באַרדיטשעוו, אָדעס, מינסק). אויף אַזאַ אופן ווערט

ביסלעכווייז געשאַפן די מעגלעכקייט זיך צובאַנוצן מיט דער יידישער שפּראַך אין אַלע געריכט-אינסטאַנציעס.

**אַנטיסעמיטיזם**

דער אויסגאַנגס-פּונקט פונם אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד איז נאַטירלעך די טרויעריקע ירושה פונם צאַרישן רעזשים, וועלכע האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן איינגעפּלאַנצט דעם אַנטיסעמיטישן סם צווישן דער באַפעלקערונג. דערדאָזיקער פּאָגראָם-אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך געשפּייזט מיט דעם אומנאָרמאַלן סאָציאַלן באַשטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג און וואָס איז דורות-לאַנג קולטיווירט געוואָרן דורך די צאַרישע רעגירונגען, האָט נאַטירלעך נישט געקאָנט פאַרשווינדן כהרף עין. פאַרקערט, דער בירגער-קריג האָט געגעבן נייעס מאַטעריאַל פאַרן אַנטיסעמיטיזם. דאָס אַריינדרינגען פון דער יידישער אינטעליגענץ אין די סאָוויעטישע אַנשטאַלטן, די אָנפירנדיקע ראָלע וואָס איינצלנע יידן האָבן געשפּילט אין דער סאָוויעטישער רעגירונג, האָט נאָך אין דער צייט פון מיליטערישן קאָמוניזם און בירגער-קריג געדינט פאַר אַ מיטל אין די הענט פון די מאָנאַרכיסטישע יידן-פיינטלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן געזוכט צו באַקעמפן דעם סאָוויעטישן רעזשים דורך אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען. אָבער די סאָוויעטן-מאַכט האָט שוין דעמאָלט ערקלערט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף דעם אַנטיסעמיטיזם און האָט מיט דער אייזערנער דיקטאַטאָרישער האַנט דערשטיקט יעדן פּרווו צו טראָגן אַנטיסעמיטישע אידעען אין די מאַסן. די אַנטיסעמיטישע כוואַליע האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט, אָבער צווישן די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג האָט דער אַנטיסעמיטיזם נאַטירלעך נאָך געלעבט, און אין די קלענערע שטעטלעך, באַזונדערס אין אוקראַינע, האָט אַפילו די אַדמיניסטראַציע אָפט געטריבן אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. אין דער הינזיכט זענען זייער כאַראַקטעריסטיש די פּראָצעסן קעגן אַ ריי שטעטלדיקע אַדמיניסטראַטאָרן אין פּאָדאָליער גובערניע אין יאָר 1925 און די פּרוון צו שאַפן בלוט-בלבולים אין מינסק און קאַניעוו פאַר פּסח 1926. אָבער, ווי געזאָגט, זענען דאָס געווען איינצל-פאַלן, אין אַלגעמיין אָבער האָט זיך די אַנטיסעמיטישע העצע נישט געלאָזט שטאַרק פילן.

אין דער לעצטער צייט באַמערקן מיר אַ וויכטיקע ווענדונג אין דעם פּרט, דער **אַנטיסעמיטיזם פאַרשטאַרקט זיך און פאַרכאַפּט אַלץ ברייטערע קרייזן אין רוסלאַנד**. אויף דער דאָזיקער טרויעריקער דערשיינונג ווייזן אָן די פאַראַנטוואָרטלעכסטע פירער פון דער סאָוויעטן-מאַכט אין עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען און אַרטיקלען. ה' י. **לאַרין** האָט נאָך ווינטער 1926 קאָנסטאַטירט, אַז „די באַדינגונגען פון די לעצטע יאָרן האָבן געשאַפן אַ וווּקס פון אַנטיסעמיטישע שטימונ-

גען צווישן די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון די גרויסע שטעט" („פּראָ-זשעקטאָר", נום. 12 מאָסקווע 1926), דאָס הייסט צווישן די קרייזן, וועלכע זענען אַמווייניקסטן געווען אָנגעשטעקט מיטן אַנטיסעמיטיזם פאַר דער רע-וואָלוציע. אויך דער פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר בילדונג אַ. לונאַטשאַרסקי האָט אין אָקטאָבער 1926 געשריבן: „פון פאַרשידענע זייטן באַמערקן זיך סימפּטאָמען פון אויפלעבונג פון דעם סאַמע עקלהאַפטן באַ-שפּעניש פון דער וועלט, פון פּאָליטישער און קולטורעלער פינסטערניש — פונם אַנטיסעמיטיזם" („עמעס", נום. 231 פונם 7-טן אָקטאָבער 1926). אויף דער לעניגראַדער גובערניאַלער פּאַרטיי-קאָנפערענץ אין פעברואַר 1927 האָט דער אידעאָלאָגישער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ה' בוכאַרין זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם הויבט אָן אַריינ-דרינגען אַפילו אין אייניקע פּאַרטייאישע קרייזן: „ביי אונז אַפילו אין די קרייזן פון אונזער פּאַרטיי באַווייזט זיך אָפּט אַן אַנטיסעמיטישע טענדענץ, וואָס איז די פאַרקערטע זייט פונם גרוירוסישן שאָוויניזם. דאָס ווייזט זיך אַרויס אין די שפּאַסיקע אַנעקדאָטלעך, שמועסן וועגן זשידאָקעס, זשידאָקלעך א. א. וו." („עמעס" נום. 29 פונם 15-טן פעברואַר 1927). אויף דעם לעצטן קאָמוניסטישן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין ווייסרוסלאַנד האָט דער סעקרעטאַר פון צ. ק. קנאָרין ערקלערט, אַז „פאַרשמירן איצט די פּראַגע אַנטיסעמיטיזם, זאָגן, אַז אַנטיסעמיטיזם האָט ביי אונז נישט קיין אָרט, וואָלט זיין פאַר אונז די סאַמע געפערלעכסטע זאַך. מיר זעען ווי דער אַנטיסעמיטיזם שטייגט צווישן די אַרבעטער-מאַסן נישט נאָר ביי אונז אין ווייסרוסלאַנד, נאָר אויך אין מאָסקווע, אין לעניגראַד און אין אַ גאַנצע רייע אַנדערע ערטער" („אָקטיאַבר" נום. 272 פונם 29-טן נאָוועמבער 1927).

נאָך שאַרפער כאַראַקטעריזירט די געשאַפענע לאַגע דער באַקאַנטער סאָוויעטישער פּאָליטיקער י. פּרעאָבראַזשענסקי. אין אַן אַרטיקל אין דער „פּראַוודאַ" פונם 17-טן מערץ 1927 שרייבט ה' פּרעאָבראַזשענסקי: „דער אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט עקזיסטירט צווישן די אַרבעטער מיט עט-לעכע יאָר צוריק האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיק-כאַמישער, שטייגערלעכער אַנטיסעמיטיזם... דער אַנטיסעמיטיזם פון 1927 איז גאָר עפּעס אַנדערש". ה' פּרעאָבראַזשענסקי שטעלט ריכטיק דעם טראָפּ אויפן כאַראַקטער און די פאָרמען פון דעם אַנטיסע-מיטיזם. אויך ביז איצט איז דער אַנטיסעמיטיזם געווען גענוג פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן, איצט אָבער נעמט ער אָן העסלעכע און געפערלעכע פאָר-מען. די איינצלנע עקסצעסן אין פאַרשידענע שטעט קעגן יידישע אַרבע-טער אויף די פאַבריקן און יידישע שילער אין די שולן און אוניווערסי-טעטן, וואָס דערגייען אָפּט צו שווערע פיזישע פּייניקונגען און שרעקלעכע

מאָראַלישע ענויים, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך אויך קאָמוניסטן, איז אַ מין אָנזאָג אויף דער סכנה, וואָס דראָט דער יידישער באַפעלקערונג ביי דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון אַנטיסעמיטיזם צווישן די רוסישע אַרבעטער-מאַסן.

מיט וואָס דערקלערט זיך דערדאָזיקער וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד? די ה"ה בוכאַרין און לאַרין ווייזן ריכטיק אָן אויף דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ אַלס הויפּט-סיבה פון דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג. ד אָ ס ש ט אָ ט י ש ע ק ל יי נ ב י ר ג ע ר ט ו ם, דער שטאָטישער הענדלער זעט אין דעם זערפאַרענעם יידישן האַנדלס-קלאַס, וואָס האָט פאַרכאַפּט געוויסע פּאָזיציעס אין די ר ו ס י ש ע ש ט ע ט אַ נייעם קאָנקורענט, מיט וועלכן ער פירט אַ שאַרפן קאַמף. אויך די א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ קוקט אויפן יידישן אָנגעשטעלטן ווי אויף אַ געפערלעכן קאָנקורענט, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ טייל פון אירע פּאָזיציעס אין מלוכהשן אַפּאַראַט. מ'דאַרף באַמערקן, אַז פאַר דער רעוואָלוציע איז דער רוסישער אינטעליגענטישער קלאַס ווייניקער פון אַלע אַנדערע געווען אָנגעשטעקט מיט אַנטיסעמיטיזם און איצט פאַרקערט, איז די אינטעליגענץ די הויפּט-טרעגערין פון די אַנטיסעמיטישע אידעען אין לאַנד. וואָס אָנבאַלאַנגט די אַ ר ב ע ט ע ר איז אין די גרויסע צענטרען באַמערקן זיי נאָר דעם יידישן נעפּמאַן און זעען אַבסאָלוט נישט די יידישע אָרימקייט.

בלי ספק שפּילן אין דער נייער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אַ געוויסע ראָלע אויך די מ אָ נ אַ ר כ י ס ט י ש ע ע ל ע מ ע נ ט ן, וועלכע האָבן שטענדיק אויסגענוצט דעם אַנטיסעמיטיזם אין פּאָליטישן קאַמף. ה' פּרעאָבראַזשענסקי שרייבט אין אויבנדערמאָנטן אַרטיקל: „דער וווּקס פונם אַנטיסעמיטיזם באַווייזט דעם אידעאישן וווּקס פון דער קאָנטררעוואָלוציע אין לאַנד. נאָך צוריק מיט 2—3 יאָר האָט מען געקאָנט פרעגן, אונטער וועלכן אויסרייד וועט די נייע בורזשואַזיע פאַרשפּרייטן אין לאַנד איר אומצופרידנהייט מיט דעם, וואָס איר איז ענג צו לעבן אונטער דער סאָוויעטן-מאַכט? איצט איז דער ענטפער כמעט ווי קלאָר: ה ו י פ ט ז ע כ ל ע ך א ו נ ט ע ר ד ע ם מ אַ נ ט ל פ ו ן אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם."

די סאָוויעטן-רעגירונג נעמט אָן אין דער לעצטער צייט ענערגישע מיטלען צו באַקעמפן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג דורך אַ ברייטער אויפקלערונגס-אַרבעט. אויף אַלע צוזאַמענפאָרן—אַלרוסלענדישע און אָרטיקע — פאַרדאַמען די רעגירונגס-פאַרטרעטער אויפן שאַרפסטן אופן דעם אַנטיסעמיטיזם און ערקלערן אים אַ שאַרפן קאַמף. גלייכצייטיק ווערן אויף די ערטער אָנגענומען אויך אַדמיניסטראַטיווע מיטלען צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם. נישט געקוקט אויף די אַלע מאָסמיטלען, האָבן די אויבנאָנגע-

ווינזעע סיבות געבראַכט צו אַ באַדייטנדיקן וווקס און אויסברייטונג פונם אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד.

### יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

אין פעריאָד פון „מיליטערישן קאָמוניזם", ווען די סאָוויעטן-רעגירונג האָט געשטרעבט צו רעגולירן דאָס גאַנצע עפנטלעכע לעבן דורך די מלוכה-אָרגאַנען, איז כמעט נישט געבליבן קיין פּלאַץ פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דורך אַ ריי דעקרעטן זענען די אַנשטאַלטן פון די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס נאַציאָנאַליזירט געוואָרן און זענען איבערגעגאַנגען צו די אַנטשפּרעכנדע סאָוויעטישע אָרגאַנען. די שפּיטאָלן און אַמבולאַטאָריעס זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון געזונטהייטס-קאָמיסאַריאַט, די שולן, ביבליאָטעקן און אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס האָט איבערגענומען דער בילדונגס-קאָמיסאַריאַט און די פילאַנטראָפּישע חברות האָבן ביסלעכווייז געדאַרפט ליקווידירן זייער אַרבעט און איבערגעבן די אַנשטאַלטן דעם קאָמיסאַריאַט פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג. אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד איז אָבער דער סאָוועטישער אַפּאַראַט, צוליב די אָפטע פּאָליטישע איבערקערענישן, נאָך נישט געווען ווי געהעריק אָרגאַניזירט און איז נישט אומשטאַנד געווען צו נעמען אויף זיך די פולע באַדינונג פון די נויטבאַדערפטיקע עלעמענטן. באַזונדערס שווער איז אין דער צייט פון בירגער-קריג געווען די אָרגאַניזאַציע פון הילף פאַר די הונדערטער טויזנטער פּאָגראָם-געליטענע. די סאָוויעטישע אָרגאַנען האָבן דעריבער נישט אויפגעלעזט די אַפּאָליטישע יידישע אָרגאַניזאַציעס. אָבער אַ דאַנק דער שרעקלעכער אָרעמקייט פון די יידישע מאַסן האָבן די יידישע געזעלשאַפטן פאַרלוירן זייערע הכנסה-מקורים און זענען געצוווּנגען געווען שטאַרק פאַרקירצן זייער אַרבעט און טיילווייז זיך אַפילו ליקווידירן.

אין 1919 בעת דער אויפלייזונג פון די קהלות, איז לויט דער פאָדערונג פון די יידישע קאָמוניסטן פאַרמאַכט געוואָרן אַ ריי יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון די ציוניסטישע און אַנדערע בירגערלעכע גרופּירונגען — דער צ. ק. צו העלפן די פּאָגראָם-געליטענע, די געזעלשאַפטן „רויטער מגן דוד", „תרבות", „התחיה" דער ספּאָרט-פאַריין „מכבי", די געזעלשאַפט פאַר יידישער וויסנשאַפט א. א.¹)

---

1) אין אוקראַינע איז אין יולי 1919 פונגאַדערגעשיקט געוואָרן אַ צירקולאַר-טעלעגראַמע פון פאָלקס-קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים „נאַרקאָמהנודיעל" צו אַלע גובערניאַלע און קרייזישע אויספירקאָמיטעטן „ווענן פאַרמאַכן די בורזשואַ-ציוניסטישע און יידישע קלעריקאַלע פאַר.

אין די גרעסערע צענטרען זענען געבליבן עקזיסטירן די קאָמיטעטן פון „יעקאָפּאָ“, „אָזע“, „אָרט“, און „קולטור-ליגע“ [1] (אין איניקע פונקטן אויך „אָפּע“), וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויפן מאַנגל אין מיטלען, געטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט אויפן געביט פון הילף די מלחמה-און פּאָגראָם-קרבנות. אין 1920 האָבן דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, לויטן אָפּמאַך פונם יידישן קאָמיסאַריאַט מיט דער אַמעריקאַנער „דזשאָינט“-דעלעגאַציע, באַקומען אַ פאַרטרעטערשאַפט אין „יידישן געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט“ („יידגעזקאָם“) און האָבן געדאַרפט דורכפירן די פּראַקטישע הילף-אַרבעט. אָבער די קאָמוניסטישע מערהייט פון „יידגעזקאָם“ האָט דורך פאַרשידענע מיטלען נישט דערלאָזט די אַנטוויקלונג פון פרייער געזעלשאַפטלעכקייט. אין יאַנואַר 1921 זענען די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אַרויסגעטראָטן פונם „יידגעזקאָם“ און אין מערץ 1921 זענען זיי דורך אַ פאַראָרדנונג פונם יידישן קאָמיסאַריאַט קאָמוניזירט געוואָרן [2] — עס זענען באַשטימט געוואָרן נייע קאָמיטעטן מיט אַ מערהייט קאָמוניסטן. די קאָמוניזירטע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סמנים פון לעבן און אַרבעט און אין אַ קורצע צייט אַרום זענען די נישט-קאָמוניסטישע עלעמענטן אַרויסגעטראָטן פון „יעקאָפּאָ“ און „אָזע“. דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן נאָך דעם אויפגעהערט צו פונקציאָנירן און אַזוי אַרום איז אויף דער יידישער גאַס געבליבן בלויז דער ריין-קאָמוניסטישער „יידגעזקאָם“ און די קאָמוניזירטע „אָרט“ און „קולטור-ליגע“, וועלכע האָבן געפירט זייער אַרבעט אויף די מיטלען פון די אויסלענדישע יידישע אָרגאַניזאַציעס.

אין „נעפּ“-פּעריאָד איז די לאַגע פון די פּריוואַטע געזעלשאַפטן און פאַראיינען רעגולירט געוואָרן דורך די דעקרעטן פונם 3 אויגוסט 1922 פונם צ. א. ק. ר. ס. פ. ס. ר. און פון 9 מאַי 1924 פונם פאַרבאַנדישן צ. א. ק. לויט דידאָזיקע דעקרעטן קאָנען לעגאַליזירט ווערן פּריוואַטע וווילטעטיקע און אַנדערע געזעלשאַפטן אַלס יורידישע פּערזאָנען. די געזעלשאַפטן האָבן אויך רעכט צונויפרופן מיט דער ערלויבניש פון דער

טיישע, עקאָנאָמישע, בילדונגס-און קולטור געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס“. די ליקווידאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער ליקווידאַציאָנס-קאָמיסיע פאַר יידישע ענינים ביים „נאַרקאָמנאַצמען“. זע: א. טשעריקאָווער. די יידישע קאָמוניסטן און די געזעלשאַפטן אין אוקראַינע. זאַמלבוך אין תקופה פון רעוואָלוציע.“ בערלין, זייטן 322—330.

3) די „קולטור-ליגע“ איז געשאַפן דורך די יידישיסטישע קרייזן אין 1918 און האָט אין אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט צענדליקער מוסטערהאַפטע בילדונגס- און קולטור-אינסטיטוציעס.

3) די „קולטור-ליגע“ איז קאָמוניזירט געוואָרן אין דעצעמבער 1920. שפּעטער איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרלאַג.

מאַכט גובערניעלע. רעפּובליקאַנישע און אַלפאַרבאַנדישע צוזאַמענפאָרן און אויסוויילן אַנטשפּרעכנדע אויספיר־אָרגאַנען. [1] ביז דער לעצטער צייט אָבער האָט די יידישע עפנטלעכקייט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, אַדאַנק דעם ווידערשטאַנד פון דער „יעווסעקציע", אין זייער אַ קליינער מאָס אויסגענוצט די מעגלעכקייטן צו גרינדן געזעלשאַפטן אויפן סמך פון די דערמאָנטע דעקרעטן. ערשט אין די יאָרן 1925—1926 באַמערקט זיך אַ ווענדונג אין דעם פּרט און אין אַ סך שטעט און שטעטלעך ווערן געגרינדעט פאַרשידענע יידישע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס. [2]

די עקזיסטירנדע אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן צעטיילט ווערן אין 2 גרופּן: געזעלשאַפטן וואָס געפינען זיך אונטער דירעקטער קאָמוניסטישער אָנפירונג. און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פירן מער־ווייניקער זעלבסטשטענדיק זייער אַרבעט און געפינען זיך אונטערן קאָנטראָל פון די אַנטשפּרעכנדע סאָוויעטישע אָרגאַנען. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן „אָרט" און „געזערד" („אָדזעט"). אין באַשטאַנד פון דידאָזיקע געזעלשאַפטן גייען אַריין אויך אומפּאַרטייאישע עלעמענטן, אָבער אין די אָנפירנדע אָרגאַנען האָבן די יידישע קאָמוניסטן די מערהייט און אין זייערע הענט געפינט זיך פאַקטיש די לייטונג פון דער גאַנצער אַרבעט.

דער רוסישער „אָרט" געפינט זיך אין פּראָצעס פון רעאָרגאַניזאַציע און האָט נאָך נישט קיין מיטגלידערשאַפט. פונדעסטוועגן האָט ער דורכגעפירט אַ פאַרהעלטנישמעסיק באַדייטנדע אַרבעט, אַדאַנק דער אונטערשטיצונג פון בערלינער „אָרט" און אַנדערע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס. אַ גרעסערע טעטיקייט האָט אָרט געפירט אין אָדעסער געגנט, וווּ ער האָט פיל געטאָן צו ראַטעווען די יידישע קאָלאָניעס בעתן הונגער אין 1921—1922 און האָט אָרגאַניזירט הילף פאַר די ערשטע איבערוואַנדערער אין יאָר 1923. „אָרט" באַטייליקט זיך אויך אין דער פּלאַנמעסיקער קאָלאָניזאַציע, אויך האָט „אָרט" געשטיצט די ביישטעטלשע לאַנדווירטשאַפט און האָט סובסידירט אַ רייע פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן אין פאַרשידענע פּונקטן. דער רוסישער „אָרט" אַרבעט אין קאָנטאַקט מיט דער צענטראַל־פאַרוואַל־

1) דעקרעט פון צ. א. ק. ר. ס. פ. ס. ר. פונם 12 יוני 1922.

2) מ'מוז באַמערקן, אַז נאָך דער ליקווידאַציע פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זענען אין אייניקע שטעט פון גרויס־רוסלאַנד פאַרבליבן אָפּטיילונגען פון „יעקאָפּאָ" (לענינגראַד, מאָסקווע, סאַראַטאָוו, פּערם א. א.), אין לענינגראַד פונקציאָנירט נאָך עד־היום „אָזע" אין די שטעטלעך פונם געוועזענעם „תחום" האָבן די גאַנצע צייט עקזיסטירט האַלב־לעגאַל פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע חברות.

טובג פונם אויסלענדישן „אָרט“, וועלכער האָט אידע באַפולמעכטיקטע אין רוסלאַנד.

אין 1927 האָט דער רוסישער „אָרט“ פאַררעגיסטרירט זיין נייעם סטאַטוט, לויט וועלכן ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס ווערט געבויט אויפן פרינציפ פון מיטגלידערשאַפט. מ׳דאַרף אָבער אונטערשטרייכן, אַז לויטן סטאַטוט האָבן דאָס רעכט צו ווערן מיטגלידער פון „אָרט“ נאָר די עלעמענטן, וואָס האָבן וואַלרעכט צו די סאָוויעטן. אויף אַזאַ אופן ווערן פון „אָרט“ באַזייטיקט די הענדלער און אויך אַ היבשער טייל פון די יידישע שיכטן, צווישן וועלכע ער פירט זיין אַרבעט, — די וואַלרעכטלאָזע איבערוואַנדערער און האַנטווערקער.

אַ ברייטערע באַזיס האָט די געזעלשאַפט פאַר ערד־איינאָרדנונג פון אַרבעטנדיקע יידן „געזערד“ („אָזעט“). פאַר דער פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט [1] פון איר עקזיסטענץ האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט באַוויזן צו שאַפן אַ גרויסע נעץ אָפּטיילונגען מיט אַ ברייטער מיטגלידערשאַפט. לויט די ידיעות פון דער סאָוויעטישער יידישער פרעסע דערגרייכט די צאָל מיטגלידער פון „געזערד“ צום 15 נאָוועמבער 1627 ביז 95.000 („טריבונאַ“ נומ. 9). דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון דער „געזערד“־מיטגלידערשאַפט ווערט אילוסטריט דורך פאָלגנדע דאַטן בנוגע אַ טייל מיטגלידער אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד (אין פראָצענטן)

| | אוקראַינע [2] | ווייסרוסלאַנד [3] |
|---|---|---|
| אַרבעטער | 23% | 19% |
| אָנגעשטעלטע | 27% | 35% |
| קוסטאַרן | 25% | 17% |
| הענדלער | 16% | 8% |
| פרייע פּראָפעסיעס | 3% | 10% |
| שילער | 5% | 3% |
| לערער | | 3% |
| פויערים | 1% | 4% |
| אַנדערע | | 1% |
| צוזאַמען | 100,0 | 100,0 |

1) „געזערד“ איז בעגרינדעט געוואָרן אין יאַנואַר 1925.

2) „טריבונאַ“ נומ. 1 מערץ 1927.

3) „אָקטיאַבר“ נומ. 223 פונם 30־טן סעפטעמבער 1927.

דער „געזערד" האָט אַזויאַרום צוגעצויגן אויף הענדלערישע עלעמענטן און איניקע גרופן פון דער יידישער אינטעליגענץ, קיין באַדייטנדע מיטלען האָט זיך אים דאָך נישט איינגעגעבן צו שאַפן און ער פירט זיין אַרבעט כמעט אויסשליסלעך אויף מלוכה־אַסיגנירונגען, וואָס ער באַקומט פון „קאָמזעט".

אויף דעם אַלאוקראַינישן צוזאַמענפאָר פון „געזערד" אין פעברואַר 1926 איז דער מהות פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אַזוי פאָרמולירט געוואָרן: „דער „געזערד" איז אַ געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס דאַרף צעמענטירן די זעלבסטעטיקייט פון די מאַסן, כדי דורכצופירן די איינאָרדנונג פון אַ באַדייטנדיקע טייל יידישער אָרעמער שטעטלשער באַפעלקערונג אויף ערד, וואָס די מלוכה נעמט אָן מיטן צוועק געזונט צו מאַכן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַזע פון די יידישע פאָלקסמאַסן 1) פאַקטיש אָבער ווערט די גאַנצע אַרבעט פון „געזערד" אָנגעפירט פון די קאָמוניסטישע עלעמענטן. אין דעם פרט איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש דער באַשלוס פון ביוראָ צ. ק. ק. פ. פון ווייסרוסלאַנד. אין דער רעזאָלוציע וועגן יידישער ערד־איינאָרדנונג און „געזערד" ווערט געזאָגט: „כדי צו האַלטן אַ פאַרבינדונג מיט די קלענערע פונקטן און דער ערשטער ריי מיט די שטעטלעך, און וועמעס ראַיאָן עס געפינען זיך די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, שאַפן פאַר דידאָזיקע פונקטן אַן אינסטיטוט פון באַפולמעכטיקטע פון „געזערד". די באַפולמעכטיקטע ווערן אויסגעשטעלט מיטן הסכם פון פאַרטיי־קאָמיטעט, מיט די נאָענטע אָפטיילונגען פון „געזערד" און ווערן באַשטעטיקט דורך די קרייזישע אָפטיילונגען". „פאַרלייגן די פראַקציעס פון „געזערד" פאַרשטאַרקן די אַריינציונג פון געזעלשאַפטלעכע און פאַרטייישע טוער אין די אויסגעטיילטע אָרגאַנען פון „געזערד" איינהייטנדיק די פאַרטיי־אָנפירונג" 2), בײַ דידאָזיקע באַדינגונגען איז די זעלבסטעטיקייט פון דער „ערד"־מיטגלידערשאַפט זייער אַ פראָבלעמאַטישע און יעדנפאַלס איז זי מעגלעך אין דער מינימאַלסטער מאָס.

מער זעלבשטענדיקייט האָבן די אָרגאַניזאַציעס פון דער צווייטער גרופע — די הילף־געזעלשאַפטן, מעדיציניש־סאַניטאַרע אָרגאַניזאַציעס א. ד. גל., וועלכע האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט די לעצטע צוויי יאָר. ליידער האָבן מיר נישט קיין גענויע ידיעות וועגן דידאָזיקע געזעלשאַפטן און זייער טעטיקייט. אין אוקראַינע האָבן אָנהייב 1928 פונקציאָנירט 154 גע-

---

1) „ערשטער אַלאוקראַינישער צוזאַמענפאָר פון „געזערד", קיעוו 1926, זייט 24.

3) „אָקטאָבער" נומ. 135 פונם 16-טן יוני 1926.

געזעלשאַפטן, וועלכע פאַראייניקן 87.000 מיטגלידער. אין ווייסרוסלאַנד ציילט מען 40 אַזעלכע הילף־קאָמיטעטן.

גענויע ידיעות זענען פאַרעפנטלעכט נאָר בנוגע 92 געזעלשאַפטן אין אוקראַינע (55 קאָמיטעטן פאַר קעגנזייטיקער הילף און 37 הילפס־געזעלשאַפטן), וועלכע האָבן אין 1926 יאָר געציילט 39.208 מיטגלידער. לויטן פאַציאַלן רוסלאַנד טיילן זיך די מיטגלידער אַזוי: 1).

| | | |
|---|---|---|
| הענדלער . . . . . | 15.664 | 40% |
| קוסטאַרן . . . . . | 13.806 | 35,2% |
| אַרבעטער און אָנגעשטעלטע | 5.562 | 14,2% |
| פרייע פּראָפעסיעס . . . | 4.176 | 10,6% |
| צוזאַמען . . . . | 39.208 | 100,0% |

די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע גייען אַריין אין די געזעלשאַפטן נאָר אין די קליינע שטעטלעך, אין די גרויסע שטעט דאָמינירן די הענדלער און דעקלאַסירטע עלעמענטן, וועלכע קענען זיך נישט באַנוצן מיט דער הילף פון די מלוכהשע אָרגאַנען און זענען אָנגעוויזן אויף געזעלשאַפטלעכער הילף.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם נאַציאָנאַלן באַשטאַנד, זענען אסך געזעלשאַפטן ריין־יידישע (קיעוו האָמעל, מינסק א. א.), די מערהייט פון זיי זענען פאָרמעל אינטערנאַציאָנאַלע, פּאַקטיש אָבער איז אויך דידאָזיקע קאַטעגאָריע געזעלשאַפטן, ויט זייער באַשטאַנד און אַרבעט, יידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר סאָציאַלער הילף. די דערמאָנטע 154 אוקראַינער געזעלשאַפטן מיט 87.000 (מיטגלידער טיילן זיך אַזוי לויטן נאַציאָנאַלן באַשטאַנד: 2).

| | | | |
|---|---|---|---|
| יידן . . . . . . . | 75.000 | — | 86% |
| אוקראַינער . . . . . | 6.000 | — | 7% |
| רוסן . . . . . . | 4.000 | — | 4,7% |
| אַנדערע . . . . . | 2.000 | — | 2,3% |

וועגן דער טעטיקייט און די אַנשטאַלטן, וואָס די אוקראַינער געזעלשאַפטן האָבן אויסגעהאַלטן אין יאָר 1926 האָבן מיר אַזוינע ישט קיין פולע ידיעות: 3).

1) „שטערן‟ נומ. 111 פונם 18־טן מאי 1927.

2) „שטערן‟ פונם 15־טן מאי 1924—1928

3) „שטערן‟ נומ. 113 פונם 20־טן מאי 1927.

### א) מעדיצינישע הילף

1) 13 אַמבולאַטאָריעס, וואָס לאָזן דורך אַ יאָר 110.000 קראַנקע

2) 14 אַפּטייקן, וואָס געבן אַרויס אַ יאָר 200.000 רפואות

3) 5 שפּיטאָלן, וואָס לאָזן דורך אַ יאָר 3.384 קראַנקע

4) 4 פּאָליקליניקעס, וואָס לאָזן דורך אַ יאָר 92.600 „

5) 3 לאַבאָראַטאָריעס וואָס מאַכן אַ יאָר 7.000 אַנאַליזן

6) 3 רענטגען-קאַבינעטן.

### ב) סאָציאַלע פאַרזאָרגונג

1) 20 מושב זקנים, וואָס האַלטן אויס 711 מענטשן

2) 1 נאַכט-היים פאַר 50 „

3) איינמאָליקע שטיצע האָבן באַקומען פאַרן יאָר 5.000 „ (בערך)

4) קליידער און שיך „ „ „ 2.500 „ „

5) 75.000 פוד באַהייצונג „ „ „ 5.000 „ „

### ג) רעקאָנסטרוקטיווע הילף

1) 10 וואַרשטאַטן און האַנטווערקער-שולן מיט 550 שילער

2) 11 קאַסעס (אָנפּראָצענטיקע) מיט אַ יערלעכן אומזאַץ פון 300.000 רובל

אַרום און אַרום האָבן די אוקראַינער הילפס-געזעלשאַפטן צום 1-טן יאַנואַר 1927 יאָר אויסגעהאַלטן 92 אינסטיטוציעס. אין 1927 יאָר איז די אַרבעט שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן און די צאָל אַנשטאַלטן צום ערשטן יאַנואַר 1928 האָט שוין דערגרייכט 194, דערביי איז די צאָל וואַרשטאַטן אויסגעוואַקסן פון 10 ביז 43.

די דאָזיקע דאַטן באַווייזן, אַז די געזעלשאַפטן אַנטוויקלען אַ זייער באַדייטנדע אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין יידישן לעבן. די באַדייטונג פון די געזעלשאַפטן ווערט נאָך קלאָרער ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז די גרעסטע מערהייט פון זיי איז געשאַפן געוואָרן ערשט זומער און הערבסט 1926. דער רוב געזעלשאַפטן און קאָמיטעטן עקזיסטירט אַזוי אַרום אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצע צייט. און האָבן שוין פונדעסטוועגן באַוויזן צו שאַפן אַ גרויסע נעץ וויכטיקע אינסטיטוציעס.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט שענקען די געזעלשאַפטן דער מעדיצינישער הילף, מחמת דעם וואָס די דעקלאַסירטע נישט-אַרבעטנדיקע עלעמענטן, קאָנען זיך נישט באַנוצן מיט די מלוכהשע מעדיצינישע אַנש-

טאַלטן. זייער וויכטיק איז דער פאַקט, וואָס די געזעלשאַפטן באַגרענעצן זיך נישט מיט גיכער הילף און פירן אויך אַ רעקאָנסטרוקטיווע אַרבעט דורך לײַען-וואַרשטאַטן און קאַסעס (גמילת חסדים). צוליב דער שוועריקייט פאַר דער יוגנט זיך לערנען אַ פאַך ביי די קוסטאַרן איז אומבאַדינגט נויטיק צו שאַפן געזעלשאַפטלעכע לערן-וואַרשטאַטן. דידאָזיקע אַרבעט האָבן שוין די געזעלשאַפטן אָנגעהויבן צו פירן און אין אייניקע פונקטן האָט מען שוין אפילו געשאַפן קוסטאַרישע אַרטעלן. די קאַסעס, וואָס געבן הלוואות אָן צינזן, העלפן אויס די קליינהענדלער און אָרעמע בעל-מלאכות. ביי דער אוממעגלעכקייט פאַר די הענדלערישע עלעמענטן אַריינצוטרעטן אין די ליי- און שפּאָר-קאַסעס צוליב רעכטלעכע טעמים האָבן דידאָזיקע קאַסעס אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדייטונג. אויך דער אומזאַץ פון די יינגע קאַסעס איז פאַרהעלטנישמעסיק זייער אַ גרויסער. עס איז כדאַי צו אונטערשטרייכן, אַז אין די קאָרעספּאָנדענצן פון פאַרשידענע ישובים ווערט אָנגעוויזן, אַז די הלוואות ווערן אויסגעצאָלט פּינקטלעך.

די געזעלשאַפטן זענען זייער פּאָפּולער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און, נישט געקוקט אויף דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן, האָט זיך זיי איינגעגעבן צו קריגן באַדייטנדע מיטלען פון מיטגליד-אָפּצאָל, זאַמלונגען, פאַראַנשטאַלטונגען א. ד. גל. אַ רייע געזעלשאַפטן האָבן הכנסות פון אונטערנעמונגען. אויך „דזשאָינט" שטיצט די געזעלשאַפטן מיט סובסידיעס. און אויסשטאַטונג פאַר די אַנשטאַלטן. אַרום און אַרום האָבן די געזעלשאַפטן אין אוקראַינע צונויפגעקליבן אין יאָר 1926 ביז אַ מיליאָן רובל. אויך אין ווייסרוסלאַנד אַנטוויקלט זיך שטאַרק די טעטיקייט פון די הילפס-געזעלשאַפטן און אויך דאָרט איז דורך זיי פיל אויפגעטאָן געוואָרן פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג.

וואָס אַנבאַלאַנגט די באַציונג צו די געזעלשאַפטן מצד די סאָוועט-אָרגאַנען, איז זי אין אַלגעמיין אַ פּאָזיטיווע. באַזונדערס ווערן זיי געשטיצט אין די קליינע שטעטלעך, ווו מצד די יידישע קאָמוניסטן ווערן געמאַכט פּרוון אויסצונוצן די געזעלשאַפטן קעגן די רעליגיעזע קהלות, אין וועלכע ס'איז ביז דער לעצטער צייט געווען קאָנצענטרירט די צדקה-אַרבעט און די מיטלען פון די אַמעריקאַנער לאַנדסמאַנשאַפטן. אָבער אויך אין די גרויסע שטעט ווערן די געזעלשאַפטן טאָלערירט.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען די קוסטאַרישע געזעלשאַפטן אין פאַריינען 1). דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זייער פיל אויפגעטאָן אויפן

---

1) די קוסטאַרן-געזעלשאַפטן אַלס פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס זענען געבויט אויפן צווישן-נאַציאָנאַלן פּרינציפּ, אָבער אין די גובערניעס פונם געוועזענעם תחום — בילדן די יידן בערך 80 פּראָצ. פון זייער באַשטאַנד.

עקאָנאָמישן און קולטורעלן געביט. די קוסטאַרן־געזעלשאַפטן האָבן אַרויס־געוויזן פיל איניציאַטיוו ביי דער שאַפונג פון לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס און געוועבלעכע אַרטעלן, ביי דער באַזאָרגונג מיט רוישטאָפן און דעם אָפּ־זאַץ פון דער קוסטאַרן־פּראָדוקציע. זייער וויכטיק איז אויך די יורידישע הילף, וואָס די קוסטאַרן קריגן אין זייערע פאַריינען. די פינאַנץ־אינספּעק־טאָרן ווייזן נאָך ביז איצט אַרויס געניג ווילקיר ביי דער באַשטייערונג פון דער באַפעלקערונג און נאָר אונטער דער ווירקונג פון די קוסטאַרן־פאַריינען זענען זיי געצוווּנגען דורכצופירן די לגאָטעס בנוגע די האַנטווער־קער. גלייכצייטיק ווערט מצד די קוסטאַרישע געזעלשאַפטן זייער פיל גע־טאָן אויפן געביט פון קעגנזייטיקער שטיצע. כמעט ביי יעדער געזעלשאַפט עקזיסטירט אַ קאַסע פאַר קעגנזייטיקער הילף, וועלכע אָרגאַניזירט מעדי־צינישע הילף פאַר די מיטגלידער, גיט הילף די אַרבעטלאָזע א. א. וו. אין אַ סך ערטער זענען דורך די קוסטאַרישע געזעלשאַפטן געשאַפן געוואָרן יידישע שולן, קינדער־פּלעצער און אַנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס.

דער קורצער איבערבליק איבער דער טעטיקייט פון די געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס באַווייזט, אַז אין די לעצטע יאָרן איז פאָרגעקומען אַ געוויסע אויפלעבונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דער יידי־שער סביבה און אַז די יידישע אָרגאַניזאַציעס הויבן ביסלעכווייז ווידער אָן צו שפּילן אַ ראָלע אין יידישן לעבן.

**רעליגיעזע קהלות.** אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד איז די קירכע אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, אָבער גלייכצייטיק ווערט אָנערקענט דער פּרינציפּ פון פולער רעליגיעזער פרייהייט, און לויטן אַרטיקל 4 פון דער קאָנסטיטוציע פון ר. ס. פ. ס. ר. האָבן אַלע בירגער פרייהייט פון רעליגיע־זער און אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע. אין די יאָרן 1920—1923 האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געפירט אַ שאַרפן קאַמף מיט די רעליגיעזע שטימונ־גען, אָנווענדנדיק דערביי אויך אַדמיניסטראַטיווע מיטלען; די אַנטי־רעלי־גיעזע פּראָפּאַגאַנדע פון די קאָמיוגיסטן האָט דעמאָלט אָנגענומען העסלעכע און נישט דערלאָזבאַרע פאָרמען. אויך אין דער יידישער סביבה איז דער קאַמף מיטן „קלעריקאַליזם” געפירט געוואָרן דורך דער „יעווסעקציע” אויפן שאַרפסטן אופן, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט, ווו אַ סך בתּי־מדרשים זענען רעקווירירט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלובן, שולן א. ד. גל.

די אויפרעגונג, וואָס דער אַנטירעליגיעזער קאַמף האָט אַרויסגערופן

1) דעקרעט פונם 23 יאנואר 1918

צווישן די מאַסן, האָט געצווונגען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צו ענדערן איר טאַקטיק, און דער 13-טער פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר אין 1924 האָט אָנגענומען אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע נישט צו באַליידיקן די רעליגיעזע געפילן פון דער באַפעלקערונג און פירן די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע אויסשליסלעך דורך אויפקלערונג פון די מאַסן („איזוועסטיאַ“, נומ. 125, פונם 3-טן יוני 1924). אויך די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פון די יידישע קאָמוניסטן האָט אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. אין צירקולאַר פון צענטראַל-ביוראָ פון די יידישע סעקציעס ביים קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד פון סעפּטעמבער 1925 ווערט אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרשטייענדיקע ימים נוראים אָנגעוויזן, אַז „דער צ. ק. האַלט פאַר נישט-דערלאָזבאַר צו אָרגאַניזירן וואָסערע נישט איז גאַסן-מיטינגען, קאַרנאַוואַלן, דעמאָנסטראַציעס א. א. וו. די אַנטירעליגיעזע קאַמפּאַניע דאַרף דורכגעפירט ווערן אין קלובן“ („עמעס“, נומ. 209, פונם 15-טן סעפּטעמבער 1925). אויך איצט קומען פאָר פאַלן פון רעקוויזירן בתי-מדרשים[1], אין אַלגעמיין אָבער האָט די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע איצט אַ קליינע באַדייטונג.

די אָנפירונג פון די רעליגיעזע ענינים געפינט זיך לויט די סאָוועטישע געזעצן ביי די רעליגיעזע געזעלשאַפטן און רעליגיעזע גרופּעס. די רעליגיעזע געזעלשאַפטן פונקציאָנירן אויפן סמך פון דער אינסטרוקציע פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט און קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים פונם 27-טן אַפּריל 1923. יעדע 50 בירגער קאָנען גרינדן אַ רעליגיעזע געזעלשאַפט, וועלכע קריגט אין אומזיסטן באַנוץ אַ בית המדרש (קירכע). די רעליגיעזע געזעלשאַפטן האָבן דאָס רעכט מיט דער דערלויבעניש פון די אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַנען צונויפרופן גובערניאַלע, רעפּובליקאַנישע און פאַרבאַנדישע צוזאַמענפאָרן צו באַטראַכטן רעליגיעזע פראַגן. די רעליגיעזע געזעלשאַפטן זענען אָבער נישט קיין יורידישע פּערזאָנען, זיי קאָנען נאָר פירן די ווירטשאַפט פון די בתי מדרשים און איינלאַדן גייסטלעכע. די פאַרוואַלטונג מיט די ענינים פון די רעליגיעזע געזעלשאַפטן ווערט אָנגעפירט דורך דער אַלגעמיינער מיטגלידער-פאַרזאַמלונג, וועלכע קאָן אויסקלייבן באַפולמעכטיקטע אויסצופירן באַשטימטע פונקציעס.

רעליגיעזע גרופּעס קענען בילדן יעדע 20 רעליגיעזע בירגער, זיי האָבן נישט קיין ספּעציעלן סטאַטוט און עקזיסטירן אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך מיטן אָרטיקן סאָוועט וועגן באַקומען אין באַנוץ אַ בית

[1]) אין קיעוו, פּאָלטאַווע, זשיטאָמיר, פּרילוק און אַ סך קליינע שטעטלעך זענען אין 1926 און 1927 די קאָרטעלן און בתי-מדרשים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלובן, דאָרפסהייזער א. ד. גל.

המדרש (אינסטרוקציע פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט פונם 24-טן אויגוסט 1918). אין איבעריקע פרטים האָבן די רעליגיעזע גרופּן דיזעלבע רעכט, וואָס די רעליגיעזע געזעלשאַפטן. לויטן באַריכט פונם סעקרעטאַר פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס איז צום 1 נאָוועמבער 1926 אין אוקראַינע געווען 1003 יידישע רעליגיעזע קהלות.

די פינאַנציעלע מיטלען פון די רעליגיעזע געזעלשאַפטן אין גרופּעס ווערן געבילדעט פון זאַמלונגען צווישן די מיטגלידער. די יידישע רעליגיעזע קהלות האָבן נאָך חוץ דעם הכנסות פון פרייוויליקע אָפּצאָלן אויף כשר פלייש. די רעליגיעזע קהלות האָבן אַזוי אַרום פּאַקטיש אויפגעשטעלט די „קאָראָבקע“, נאָר אויף פרייוויליקע יסודות. דידאָזיקע דערשיינונג באַמערקט זיך נישט נאָר אין די קליינע שטעטלעך, נאָר אויך אין די גרעסערע צענטערן, און אפילו די ארבעטער-קאָאָפּעראַציע אין די גרויסע שטעט צאָלן דעם ספּעציעלן אָפּצאָל פאר כשרע שחיטה.

דער רעליגיעזער אונטערריכט אין די מלוכהשע, געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע שולן איז פאַרבאָטן 1). די עלטערן האָבן אָבער דאָס רעכט צו לערנען מיט די קינדער רעליגיעזע לימודים אויף אַ פּריוואַטן אופן, זיי קאָנען פאַר דעם צוועק אויך איינלאַדן ספּעציעלע רעליגיעזע לערער, בתנאי, אַז די לימודים זאָלן געפירט ווערן נישט מער ווי מיט 3 קינדער צוזאַמען 2).

פאַר דערוואַקסענע פערזאָנען (עלטער פון 18 יאָר) ווערט לויטן דעקרעט פונם 13 יוני 1921 דערלויבט צו אָרגאַניזירן רעליגיעזע שולן מיט דער אויפגאַבע צוצוגרייטן גייסטלעכע. די רעליגיעזע שולן קאָנען געגרינדעט ווערן מיט דער דערלויבעניש פון די אויספירקאָמיטעטן נאָר דורך פּריוואַטע פערזאָנען, די רעליגיעזע געזעלשאַפטן און גרופּן, אַלס נישט יורידישע פערזאָנען, האָבן קיין רעכט נישט צו אָרגאַניזירן אַזוינע שולן. נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון רעליגיעזן אונטערריכט, עקזיסטירן אין סאָוועטישן פאַרבאַנד אַ סך חדרים, תלמוד-תורות און ישיבות. דידאָזיקע אַנשטאַלטן פונקציאָנירן טיילווייז אומלעגאַל, טיילווייז האַלבלעגאַל און ווערן באַזוכט פון אַ גרויסער צאָל קינדער, אויך פון אַ געוויסן טייל שילער פון די סאָוועטישע שולן. בכלל באַמערקט זיך אין דער לעצטער צייט, לויט די אָפיציעלע באַריכטן פון די יידישע קאָמוניסטן, אַ פאַרשטאַרקונג פון די רעליגיעזע שטימונגען אין דער יידישער סביבה.

---

1) דעקרעט פונם 23-טן יאַנואַר 1918.

2) צירקולאַר פון יוסטיץ-קאָמיסאַריאַט פונם 16-טן מערץ און 1 סעפּטעמבער 1924.

# יידישע בילדונג= און קולטור-אנשטאלטן

## .1

# דאָס קולטורעלע לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די צאַרישע רעגירונג האָט אין משך פון 19-טן יאָרהונדערט געזוכט אַריינצוציען די יידישע יוגנט אין דער רוסישער שול און האָט אַפילו געשאַפן ספּעציעלע יידישע רעגירונגס-שולן — די אַזוי גערופענע „קאַזיאָנע שולן", וווּ צוגלייך מיט אַלגעמיינע לימודים האָט מען אויך געלערנט יידישע רעליגיעזע לימודים. אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט מיט רעכט באַטראַכט דידאָזיקע שולן ווי אַ מיטל אָפּצורייסן די יוגנט פונם יידנטום, און האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געזוכט נישט דערלאָזן די אַנטוויקלונג פון דידאָזיקע שולן, וועלכע האָבן געהאַט דעם צוועק „אָפּצורייניקן די יידישע אמונה". דער איינציקער צענטער פון יידישער בילדונג איז געווען דער טראַדיציאָנעלער חדר.

סוף 19-טן יאָרהונדערט האָט זיך אין דער יידישער סביבה ראַדיקאַל געענדערט די באַציונג צו דער רוסישער שול. אַדאַנק דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונם לאַנד האָט די יידישע באַפעלקערונג איינגעזען די נויטיקייט אין אַלגעמיינער בילדונג און האָט אָנגעהויבן שיקן די קינדער אין די רוסישע שולן. אָבער גראַדע אין דעם מאָמענט האָט די רעגירונג אָנגענומען שטרענגע מיטלען צו באַזייטיקן די יידישע קינדער-מאַסע פון דער שול. אין יאָר 1887 איז איינגעפירט געוואָרן די פּראָצענט-נאָרמע פאַר יידן אין די מיטל — און הויכשולן, וועלכע איז שפּעטער דורך אַ רייע צירקולאַרן נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן און האָט דערפירט די צאָל יידישע שילער אין די אַלגעמיינע שולן ביז צום מינימום. אין די אָנפאַנג-שולן זענען קיין געזעצלעכע באַגרעניצונגען פאַר יידן נישט געווען, אָבער אין

הסכּם מיטן אַלגעמיינעם אַנטיסעמיטישן קורס האָבן יידן אויף דאָרט באַגעגנט גרויסע שוועריקייטן און נאָר אַ קליינעם פּראָצענט יידישע קינדער האָט זיך איינגעגעבן אַריינצודרינגען אין דידאָזיקע שולן. די יידישע עפנטלעכקייט האָט דעריבער געזוכט אַן אייסוועג אין דער אָרגאַניזירונג פון געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע שולן, כּדי כאָטש אין אַ קליינער מאָס באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דער יידישער באַפעלקערונג אין עלעמענטאַרער אַלגעמיינער בילדונג. אין דעם פּרט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די חברה מפיצי השׂכּלה („אָפּע"), וועלכע האָט געשאַפן אין תּחום צענדליקער יידישע שולן, פּעדאַגאָגישע קורסן פאַר יידישע לערער אין גראָדנע, צוויי יידישע פּעדאַגאָגישע מוזעען און האָט אויך געשטיצט די איניציאַטיוו פון די אָרטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס צו רעאָרגאַניזירן די עקזיסטירנדע שולן און עפענען נייע. נישט געקוקט אויף דער ברייטער טעטיקייט פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָט נאָר אַ קליינער טייל פון דער יידישער שול-יוגנט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען בילדונג אין אָרגאַניזירטע שולן, די איבערוויגנדע מערהייט איז נאָך ווי פריער געצוווּנגען געווען זיך באַנוגענען מיטן חדר.

**דער חדר.** לויט דער אויספאָרשונג פון „יקאַ" אין 1899—9898 האָט די צאָל חדרים אין תּחום באַטראָפן בערך 25.000 (24.500 פּריוואַטע און קרוב צו 500 געזעלשאַפטלעכע), אין וועלכע עס האָבן זיך געלערנט 363.000 תּלמידים, בערך 54 פּראָצ. פון אַלע יידישע קינדער אין שול-עלטער, דערביי האָבן די ייִנגלעך געבילדעט 94,2% פון די תּלמידים און די מיידלעך — 15,8%). אויף אַזאַ אופן זענען כּמעט אַלע יידישע זכרים דורכגעגאַנגען דורכן חדר. אין די חדרים האָט מען לויטן געזעץ געקאָנט לערנען נאָר יידישע לימודים, אָבער אין אַ טייל חדרים האָט מען אומלעגאַל געלערנט אויך די רוסישע שפּראַך. די חדרים זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון שכר-לימוד, וועלכער האָט באַטראָפן יערלעך 8—7½ מיליאָן רובל.

די אָפּגעשטאַנענקייט פונם חדר, וועלכער האָט נישט באַפרידיקט די עלעמענטאַרסטע פּעדאַגאָגישע און סאַניטאַרע פאָדערונגען און איז געווען אַבסאָלוט נישט צוגעפּאַסט צו די נייע לעבנס-באַדינגונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט אַרויסגערופן אַ שטרעבונג צו רעאָרגאַניזירן אים אויף נייע יסודות, און אין אַ רייע שטעט זענען געשאַפן געוואָרן חדרים מתוקנים. אָבער די גרעסטע מערהייט פון די חדרים אין אַלע שטעט און שטעטלעך זענען ביז דער רעוואָלוציע געבליבן אין זייער פריערדיקן צושטאַנד.

אין די גרענעצן פון די געוועזענע תּחום-גובערניעס, וואָס זענען אַריין אין דער איצטיקער סאָוויעטישער טעריטאָריע, האָט עקזיסטירט בערך 12.000 חדרים מיט קרוב צו 170.000 תּלמידים. 1).

**יידן אין די אָנ-פאַנגס-שולן.**

דאָס יידישע קינד האָט, ווי געזאָגט, זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן ביים אָנקומען אין דער אַלגעמיינער שול. אין 1898 האָבן די אַלגעמיינע אָנפאַנגס-שולן געציילט אינגאַנצן בערך 20.000 יידישע קינדער 2). אין די יידישע אָרגאַניזירטע שולן האָבן זיך אין 1899 געלערנט איבער 60.000 שול-קינדער 3), דערפון בערך אַ פערטל אין די „קאַזיאָנע שולן" 4), 40 פּראָצ. אין געזעלשאַפטלעכע און אַ דריטל אין פּריוואַטע שולן. אַרום און אַרום האָט זיך דעמאָלט לויט דער אויספאָרשונג פון „יקא" געלערנט אין אָרגאַניזירטע יידישע און אַלגעמיינע אָנפאַנגס-שולן 15,4% פון די יידישע קינדער אין שול-עלטער 5).

אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטאַרקן דראַנג פון דער יידישער באַפעלקערונג צו אַלגעמיינער בילדונג איז אין 20-טן יאָרהונדערט די צאָל יידישע געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע שולן מיט דער רוסישער אונטערריכטס-שפּראַך אויסגעוואַקסן. לויט די אָפיציעלע באַריכטן פון מיניסטעריום פאַר פאָלקס-בילדונג האָבן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע אין 1911 געלערנט אין אָרגאַניזירטע שולן 270.155 יידישע קינדער, וועלכע האָבן זיך אַזוי געטיילט: 1)

---

1) זע: „מאַטעריאַלן וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד", 2 באַנד, אויסגאַבן פון „יקא", פּעטערבורג 1904, זייטן 284—312.

2) באַמערקונג. די צאָל חדרים אויף דער איצטיקער טעריטאָריע האָבן מיר אַזוי אויסגערעכנט: לויט דער אויספאָרשונג פון „יקא" איז אין די 15 תּחום-גובערניעס (אויסער פּוילן) געווען 1 חדר אויף 188 יידישע איינוווינער. דורכשניטלעך האָט זיך אין איין פּריוואַטן חדר געלערנט 14 תּלמידים, אין איין געזעלשאַפטלעכן — 40. אַנטשפּרעכנדיק דער צאָל יידן אין די תּחום-גובערניעס, וואָס געפינען זיך אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע, האָט די צאָל חדרים באַטראָפן 12.000 מיט בערך 170.000 תּלמידים.

3) די ציטירטע אויסגאַבע פון „יקא", זייט 346.

4) דאָרט, זייט 325.

5) די „קאַזיאָנע שולן" זענען אין 1873 רעאָרגאַניזירט געוואָרן, די יידישע לימודים זענען מער נישט געווען אָבליגאַטאָריש, דיזאָזיקע שולן האָבן דעריבער באַקומען אַ כאַראַקטער פון אַ אַלגעמיינער עלעמענטאַרער רוסישער שול פאַר יידישע קינדער.

6) ציפערן פון ג. וואָלטקע. „די יידישע ענציקלאָפּעדיע", באַנד 13, זייט 57.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| אין אַלגעמיינע אָנפאַנגס-שולן | 55.002, | 1,2% | פון דער אַלגעמיינער צאָל שילער |
| " שטאַטישע און קרייזישע " | 14.356, | 8,8% | " " " " |
| " יידישע " | 200.797 | | |
| צוזאַמען | 270.155 | | |

נעמענדיק אין אַכט, אַז די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָט דעמאָלט געציילט בערך 6 מיליאָן נפשות און אַז קינדער אין שול-עלטער בילדן 1/7 פון דער באַפעלקערונג, באַקומען מיר, אַז די צאָל קינדער אין שול-עלטער האָט באַטראָפן בערך 857.000. דערפון האָבן זיך געלערנט אין אָרגאַניזירטע שולן 270.155 שילער ד. ה. 31,5 פראָצ. פון אַלע יידישע קינדער אין שול-עלטער. אויף אַזאַ אופן האָט זיך דער פראָצענט פון דער יידישער שול-יוגנט אין משך פון 13 יאָר פאַרגרעסערט מער ווי צוויי מאָל, די דאָזיקע פאַרגרעסערונג איז אָבער פאָרגעקומען הויפּטזעכלעך אויפן חשבון פון די יידישע שולן. אין די אַלגעמיינע מלוכהשע און שטאָטישע שולן האָט זיך געלערנט בלויז 69.358 יידישע שילער, ד. ה. 25,7 פראָצ. פון די יידישע שול-קינדער און 8 פראָצ. פון אַלע יידישע קינדער אין שול-עלטער. 3/4 פון דער שול-יוגנט האָט זיך געלערנט אין יידישע שולן. וועלכע זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן אויפן חשבון פון דער יידישער באַפעלקערונג, און איבער 2/3 (68,5 פראָצ.) פון די יידישע קינדער אין שול-עלטער האָבן בכלל נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך לערנען אין אַ מאָדערנער שול. די אויבנגעבראַכטע צאָלן באַווייזן, אַז אויף 22 יידישע איינוווינער איז געווען 1 שילער אין אָרגאַניזירטע אָנפאַנגס-שולן. נעמענדיק דעמדאָזיקן קאָעפיציענט, באַקומען מיר אַז אויף דער איצטיקער סאָוויעטישער טעריטאָריע האָבן זיך אין 1911 געלערנט 130—132 טויזנט יידישע קינדער אין אַלגעמיינע און יידישע אָנפאַנגס-שולן.

**יידן אין די מיטל-שולן.**

און יולי 1887 איז פאַר יידן פעסטגעשטעלט געוואָרן פאָלגנדע נאָרמעס אין די מענלעכע גימנאַזיעס און רעאַל-שולן אין תחום — 10 פּראָצ., אויסערן תחום – 5 פּראָצ., אין די הויפּט-שטעט (פּעטערבורג און מאָסקווע) — 3 פּראָצ. בעת דער רעוואָלוציע אין 1905 איז דער אויפנאַם אין די מיטל-שולן פאַרלייכטערט געוואָרן. אָבער שוין אין 1907 האָט דאָס בילדונגס-מיניסטעריום אויפגעפאָדערט די קוראַטאָרן זיך שטרענג האַלטן ביי דער אָנגעוויזענער פּראָצענט-נאָרמע פאַר יידן. דעם 22-טן אויגוסט 1909 האָט די רעגירונג אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פאַרגרעסערט די נאָרמעס פאַר יידן אין די מיטל-שולן, געמלעך: אין תחום – 15 פּראָצ., מחוץ לתחום —

10 פראָצ. און אין די הויפטשטעט — 5 פראָצ., דערביי האָט אָבער די רעגירונג פארשפרייט די פראָצענט-נאָרמע אויך אויף די קאָמערץ- און האנדלס-שולן, ווו יידן האָבן געבילדעט אַ באַדייטנד גרעסערן פראָצענט. כדי צו באַזייטיקן די יידישע יוגנט פון דער מיטל-שול, האָט דאָס ביל-דונגס-מיניסטעריום אין 1910 צוגעגומען ביי די יידישע גימנאַזיעס די רעכט פון אַ מיטל-שול און אין 1911 איז איינגעפירט געוואָרן די אָנגעוויזענע פראָצענט-נאָרמע אויך פאַר עקסטערנעס. אַדאַנק דידאַזיקע מאָס-מיטלען פון דער צאַרישער רעגירונג זענען פאַרן קריג יער,ען געבליבן טויזנטער יידישע יוגנטלעכע אויסער דער מיטל-שול. די ווירקונג פון דער פראָצענט-נאָרמע ווערט אילוסטרירט דורך פאָלגנדע ציפערן:

## די צאָל יידן אין די גימנאַזיעס און רעאַלע שולן [1]

| יאָר | יינגלעך | % פון דער אַלגעמיינער צאָל שילער | מיידלעך | % פון דער אַלגעמיינער צאָל שילערינס |
|---|---|---|---|---|
| 1886 | 9.225 | 10,2 | 5.213 | 8,1 |
| 1911 | 17.538 | 9,1 | 34.981 | 13,5 |

אין משך פון 25 יאָר האָט זיך דער פראָצענט יידישע יינגלעך אין די מיטל-שולן פאַרקלענערט, נישט געקוקט אויף דער פאַרגרעסערונג פון דער נאָרמע אין 1909; אין די מיידלשע גימנאַזיעס, ווו קיין געזעצלעכע באַגרענעצונגען זענען נישט געווען, איז דער פראָצענט באַדייטנד פאַרגרעסערט געוואָרן. סך הכל האָבן זיך אין 1911 געלערנט אין די מיטל-שולן קרוב צו 70.000 יידן (יינגלעך און מיידלעך), דערפון אין גימנאַזיעס און רעאַל-שולן — 52.519 און אין די קאָמערץ- און האַנדלס-שולן 17.400. אויף יעדע 35 יידישע איינוווינער איז געווען 1 שילער אין אַ מיטל-שול, אייף אַזאַ אופן האָט אויף דער איצטיקער טעריטאָריע פון סאָוויעט-רוסלאַנד אין יאָר 1911 די צאָל יידן אין די מיטל-שולן באַטראָפן בערך 33.000.

**יידן אין די הויכשולן.** לויטן צירקולאַר פון יולי 1887 איז אין די אוניווערסיטעטן איינגעפירט געוואָרן פאַר יידן די זעלבע פראָצענט-נאָרמע, וואָס אין די מיטל-שולן, שפּעטער איז די נאָרמע פאַרשפּרייט געוואָרן אויך אויף די ספּעציעלע הויכשולן (טעכנישע א. א.). אין 1905,

---

1) ג. וואָלטקע. „די ענציקלאָפּעדיע", באַנד 13, זייט 57.

װען די אוניװערסיטעטן האָבן באַקומען אויטאָנאָמיע, האָט מען אָנגעהויבן אויפנעמען יידן אָן באַגרענעצונגען און פאַר דער יידישער יוגנט האָבן זיך ענדלעך געעפנט די טירן פון די הויכשולן. אָבער אין 1908 האָט די רעגירונג דורך אַ ספּעציעלן געזעץ װידער באַשטעטיקט די פּראָצענט-נאָרמע און פאַר אַ גרויסער צאָל יוגנט מיט מיטלער בילדונג איז די הויכשול װידער פאַרמאַכט געװאָרן.

## די צאָל יידן אין די אוניװערסיטעטן [1]

| יאָר | צאָל יידישע סטודענטן | % פון דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן |
|---|---|---|
| 1886 | 1.856 | 14,5 |
| 1902 | 1.250 | 7,0 |
| 1907 | 4.266 | 12,1 |
| 1911 | 3.602 | 9,4 |

אין משך פון 15 יאָר (1887—1902) פּראָצענט-נאָרמע איז די פּאַרהעלטניש פון די יידן לגבי דער אַלגעמיינער צאָל סטודענטן פאַרקלענערט געװאָרן מער װי צוויי מאָל, נאָך דער רעװאָלוציע פון 1905 װערט די צאָל יידן פאַרגרעסערט אַבסאָלוט און רעלאַטיװ און מיט 4 יאָר שפּעטער זעען מיר שוין װידער אַ שטאַרקן ריקגאַנג פון דער יידישער סטודענטנשאַפט. אַדאַנק דער שטרענג דורכגעפירטער פּראָצענט-נאָרמע איז די יידישע יוגנט געצװונגען געװעזן צו גיין אין די הויכשולן, װאָס זענען געשאַפן געװאָרן לויט פּריװאַטער איניציאַטיװ און האָבן נישט געהאַט די רעכט און פּריװילעגיעס פון די מלוכהשע הויכשולן. דער קיעװער קאָמערץ-אינסטיטוט, למשל, האָט אין 1912 געציילט 1875 יידישע סטודענטן מער װי אַ העלפט פון אַלע יידישע סטודענטן אין די 10 רוסישע אוניװערסיטעטן), 61,3% פון דער גאַנצער סטודענטנשאַפט פונם אינסטיטוט אָבער אין דעם זעלבן יאָר איז אויך דידאָזיקע הויכשול כמעט װי פאַרמאַכט געװאָרן פאַר יידן דעם 3-טן יוני 1912 האָט דער אינסטיטוט באַקומען די רעכט פון אַ רעגירונגס-הויכשול בתנאי, אַז פאַר יידן זאָל אייגעפירט

1) ציפערן בנוגע 1886, 1902 און 1907 פון מ. פאָזנער „די יידן אין דער אַלגעמיינער שול“ (רוסיש), פּעטערבורג 1914, ביילאַגע נומ. 2, זייטן 54—55: בנוגע 1911 פון ג. װאָלטקע: „די יידישע ענציקלאָפּעדיע“, באַנד 13, זייט 57.

הערן אַ 5 פּראָצענטיקע נאָרמע 1). פאַרן קריג איז דורך אַ רייע צירקולאַרן דעם אויפנאַם פון יידן אין די הויכשולן נאָך מער פאַרקלענערט געוואָרן און אין 1913 איז פון 3.000 יידישע אַביטוריענטן אויפגענומען געוואָרן אין אַלע רוסישע הויכשולן בלויז 350 2).

אויף אַנדערע געביטן פון נאַציאָנאַלער קולטור איז די יידישע באַפעלקערונג געווען אָנגעוויזן אויסשליסלעך אויף געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו. פון די צענדליקער יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געטאָן מיטלען צו באַפרידיקן די קולטורעלע באַדערפענישן פון די יידישע מאַסן, האָבן אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָלע געשפּילט: „אָפע“, וועלכע האָט אויסער שולן געגרינדעט אַ רייע יידישע ביבליאָטעקן; „יקא“ און „אָרט“, וואָס האָבן זער פיל געטאָן אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעל-טעכנישער בילדונג; „די יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט“, וועלכע האָט אין משך פון 4 יאָר באַוויזן צו שאַפן 55 אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע שטעט 3); די געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן העברעאיש צווישן יידן — „תרבות“, די יידישע היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט, די געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן הויכבילדונג צווישן יידן, געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקס-מוזיק, געזעלשאַפט פאַר יידישער קונסט א. אַ.

די פעברואַר-רעוואָלוציע האָט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע באַגרענעצונגען אָפּגעשאַפט אויך די פּראָצענט-נאָרמע, און פאַר דער יידישער יוגנט האָבן זיך געעפנט ברייטע האָריזאָנטן צו קריגן בילדונג אין אַלע שולן אין אַ גענוגנדער מאָס. גלייכצייטיק האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע איניציאַטיוו אויפן געביט פון אָרגאַניזירונג פון שולן מיט יידישער און העברעאישער אונטערריכטס-שפּראַך. פאַר דער מלחמה איז אין אַלע אָרגאַניזירטע שולן די אונטערריכטס-שפּראַך געווען רוסיש, הגם בעת דער שול-ציילונג אין 1913 האָבן העכער 9/10 יידישע שילער אָנגעוויזן אַלס זייער מוטערשפּראַך, אַזוי אַז דער גרונט-פּרינציפּ פון בילדונג אויף דער מוטערשפּראַך פונם קינד איז בנוגע יידן נישט דורכגעפירט געוואָרן. אויף דער איצטיקער סאָוועטישער טעריטאָריע האָט דעמאָלט עקזיסטירט (אומלעגאַל) אינגאַנצן 2 שולן מיט יידישער אונטערריכטס-שפּראַך. נאָר אין דער צייט פון

1) דאָס ציטירטע בוך פון ס. פּאָזנער, זייט 124.

2) וועגן דער צאָל יידישע סטודענטן און סטודענטקעס פאַרן קריג אין אַלע הויכשולן האָבן מיר ליידער נישט קיין גענויע דאַטן.

3) אין 1910 איז די „יידישע ליטעראַרישע געזעלשאַפט“ ליקווידירט געוואָרן דורך דער צאַרישער רעגירונג.

דער מלחמה האָט זיך איינגעגעבן איינצופירן יידיש אַלס אונטער-
ריכטס-שפּראַך אין די קינדערהיימען און שי. ן פאַר היימלאָזע, וואָס זענען
געגרינדעט געוואָרן דורך די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די
יידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן דעריבער נאָך
דער פעברואַר-רעוואָלוציע אָנגעוועגדעט זייערע קרעפטן צו דורכפירן דעם
פּרינציפּ פון קולטור-בויונג אויף דער אייגענער שפּראַך אויך אין דער
יידישער סביבה.

אין אוקראַינע האָט דאָס יידישע מיניסטעריום באַשלאָסן רע-
אָרגאַניזירן די קאַזיאָנע שולן אין יידישע פאָלקס-שולן און אויסער דעם
עפענען נייע שולן פאַרן יידישן קינד מיט יידישער-אונטעריכטס-שפּראַך.
אויך די יידישע מיטל-שולן האָט דאָס מיניסטעריום אָנגעמערקט בהדרגה
איבערצופירן אויף יידיש און אין די אַלגעמיינע מיטל-שולן מיט אַ באַ-
דייטנדער צאָל יידישע שילער איינפירן יידישע לימודים — יידישע געשיכ-
טע, ליטעראַטור, יידישע און העברעישע שפּראַכן, א. א. וו. כדי צוצוגרייטן
לערער פאַר דער יידישער שול האָט די צענטראַלע ראַדע באַשטעטיקט
דעם געזעץ-פּראָיעקט פונם יידישן מיניסטעריום וועגן עפענען אַ יידישן
מלוכהשן לערער-סעמינאַר. אויך די וואָלינער זעמסטווע האָט באַשלאָסן צו
גרינדן אַזאַ סעמינאַר און אַ רייע סעמינאַרן איז געווען אָנגעמערקט צו
עפענען אין אַנדערע ראַיאָנען. 1). ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביים אי-
בערנעמען די געביידעס און אינווענטאַר פון די רעגירונגס-שולן איז באַ-
שלאָסן געוואָרן זיי צעטיילן צווישן די איינצלנע נאַציעס פּראָפּאָרציאָנעל
צו דער צאָל איינוווינער פון יעדער נאַציע. 2). פאַר דער יידישער באַ-
פעלקערונג, וועלכע האָט קיין שום ירושה נישט באַקומען פון די צאַרישע
צייטן, איז דערדאָזיקעד באַשלוס געווען באַזונדערס וויכטיק. אויך האָט
דאָס מיניסטעריום איסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם צו עפענען יידישע הויכשולן,
קונסט-אַנשטאַלטן א. ד. גל. די גאַנצע בילדונגס-און קולטור-אַרבעט צווישן
דער יידישער באַפעלקערונג האָט לויטן פּלאַן פון דער רעגירונג געדאַרפט
זיך געפונען אין רשות פונם יידישן מיניסטעריום, וואָס באַקומט אויפן סמך
פון געזעץ וועגן נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע אַ פּראָפּאָרציאָנעלן
חלק פון די ביודזשעטן אויף פאָלקס-בילדונג פון דער מלוכה און די אָר-
טיקע זעלבסטפאַרוואַלטונגען. דאָס יידישע מיניסטעריום האָט אַזויאַרום אין
דער פּערספּעקטיוו געזאָלט אַרומכאַפּן די יידישע באַפעלקערונג פון אוקראַ-

---

1) ד״ר מ. זילבערפּארב. „דאָס יידישע מיניסטעריום און די יידישע אויטאָנאָמיע אין או-
קראַינע״, קיעוו, זייטן 35—39,

2) דאָרט, זייט 48.

ינע מיט אַ געדיכטער נעץ בילדונגס- און קולטור-אַנשטאַלטן אויף איר אייגענער שפּראַך. אַדאַנק דעם בירגער-קריג, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט סוף 1917, זענען אָבער דידאָזיקע פּלענער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

זייער פיל איז אויף אוקראַינע געטאָן געוואָרן נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע דורך די יידישע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. אַ באַזונדערס וויכטיקע אַרבעט האָט דורכגעפירט די „קולטור-ליגע", וועלכע האָט אין אַ קורצער צייט געשאַפן צענדליקער פאָלקס-שולן, אַ לערער-סעמינאַר און אַ גימנאַזיע מיט יידישער אונטערריכטס-שפּראַך און אַ רייע קולטורעלע מוסטער-אַנשטאַלטן: אַ יידישע מוזיק-שול, אַ דראַמאַטישע סטודיע, 2 פאָלקס-אוניווערסיטעטן, אַ צענטראַלע ביבליאָטעק און אַנדערע. אַ ברייטע טעטיקייט אין דער העברעישער שפּראַך האָט אַנטוויקלט די געזעלשאַפט „תרבות". דער מאַסשטאַב פון דער קולטורעלער אַרבעט פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אויף אוקראַינע נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע ווערט אילוסטרירט דורך פאָלגנדע דאַטן: אין 1918 האָט אויף אוקראַינע עקסיסטירט בערך 100 יידישע מיטל-שולן, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך עלטערן-גרופּעס און קולטור-אָרגאַניזאַציעס, 40 יידישע אָוונט-קורסן פאַר דערוואַקסענע, העכער 60 געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן, 54 קינדערהיימען, 14 קינדערפּלעצער, 4 קינדער-קלובן א. א. וו.[1].

אויך אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אַרויסגעוויזן אַ ברייטע איניציאַטיוו פון נאַציאָנאַלער קולטור-בויאונג און אין דער פּערספּעקטיוו וואָלט אויך דאָרט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דער אויסברוך פונם בירגער-קריג האָט אָפּגעשטעלט די גאַנצע אַרבעט, און די נייע יידישע קולטור-אַרבעט האָט ערשט אָנגעהויבן דורכגעפירט ווערן אונטער דער סאָוויעטן-מאַכט.

## 2.

## יידישע בילדונג- און קולטור-אַנשטאַלטן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד

אין פּעריאָד פון „מיליטערישן קאָמוניזם" און אין די ערשטע יאָרן פון „נעפּ" איז די יידישע קולטורעלע אַרבעט געפירט געוואָרן אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינעם מאַסשטאַב. דער יידישער קאָמיסאַריאַט האָט אין 1918 אויסגעאַרבעט אַן אויספירלעכע טעטיקייטס-פּראָגראַם אויף אַלע גע-

1) דארט, בײלאגע נום. 4, זײטן 41, 43, 44.

ביטן פון יידישער קולטור, אָבער אונטערן בירגערקריג און פּאָגראָם-שטורם, וואָס האָט געבושעוועט אין די ראַיאָנען פון דער יידישער קאָנצענטראַציע, איז אוממעגלעך געווען צו פירן וועלכע עס איז נאָרמאַלע קולטורעלע אַרבעט. די הויפּטאויפמערקזאַמקייט איז דעמאָלט געווענדעט געווען אויף דער אָרגאַניזאַציע פון הילף פאַר די הונדערטער טויזנטער פּאָגראָם-קרבנות און אין די ראַמען פון דער הילפס-אַרבעט איז אויך געפירט געוואָרן די קולטורעלע טעטיקייט צווישן די יידישע מאַסן. די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און נאָך זייער ליקווידאַציע דער „אידגעזקאָם", האָבן דאַן אין קאָנטאַקט מיט די קאָמיסאַריאַטן פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג און פאָלקס-בילדונג געזעען דער עיקר אויפבויען אַ נעץ אַנשטאַלטן פאַר די יתומים און פאַרוואָרלאָזטע קינדער און זענען נישט ביכולת געווען אַוועקצושטעלן די דערציערישע אַרבעט אויף דער געהעריקער הויך. סך הכל האָט אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע אין די יאָרן 1920—1924 פונקציאָנירט 887 אַנשטאַלטן מיט 80.000 קינדער. 1). דידאָזיקע גרויסע נעץ אינסטיטוציעס — דער עיקר קינדערהייזער און קינדערהיימען — איז אויסגעבויט געוואָרן הויפּטזעכלעך אויף די מיטלען פון „דזשאָינט", וועלכער האָט סובסידירט דעם „אידגעזקאָם", און האָט ממש געראַטעוועט צענדליקער טויזנטער יידישע קינדער פון הונגער-טויט. הגם די דערציערישע זייט האָט, ווי געזאָגט, זייער שטאַרק געליטן, זענען דאָך דידאָזיקע אַנשטאַלטן געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער ווייטערדיקער יידישער שול-בויונג. מ'דאַרף באַמערקן, אַז אין די ערשטע יאָרן פון „נעפּ" האָט די יידישע קאָמוניסטישע סעקציע נישט געהאַט קיין קלאָרע פּראָגראַם און צילן אויפן געביט פון יידישער קולטורעלער אַרבעט. די וואַקלדיקע פּאָזיציע פון די יידישע קאָמוניסטן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, די אַסימילאַטאָרישע שטרעבונגען, וואָס האָבן זיך געהאַט בולט אַרויסגעוויזן אין די רייען פון דער „יעווסעקציע", האָט זיך שטאַרק געפילט אין דער יידישער קולטור-בויאונג. דאָס באַשטעטיקט אויך דער פאַרוואַלטער פון דער צענטראַלער יידישער בילדונגס - ביוראָ אויף אוקראַינע מ. לעוויטאַן, וועלכער שרייבט, אַז די יידישע קולטור-בויאונג האָט איבערגעלעבט אַ איגערלעכן קריזיס אין די יאָרן 1922—23 „ווען ביי אַ גאַנץ היפּשן טייל פון יידישע סאָוויעטישע קולטור-טוער זענען געווען אויפגעקומען ספקות, צו דאַרף מען גאָר פירן אַ קולטור-אַרבעט אויף דער יידישער שפּראַך, און אויב יאָ, צי קען מען זיך אפשר באַנוגענען בלויז מיט די סאַמע עלעמענטאַרסטע פאָרמען. ס'האָבן זיך געלאָזן הערן אַזינע מיינונגען, אַז מיר דאַרפן זיך באַנוגענען אויף יידיש בלויז מיט

1) ש. פאלאטניק. „עמעס" נום. 259 פונם 13-טן נאָוועמבער 1927.

שולן פון 1-טן קאָנצענטר, מיט די סאַמע עלעמענטאַרסטע טיפּן פון בילדונגס-אַנשטאַלטן פאַר דערוואַקסענע, וועלכע דאַרפן דינען הויפּטזעכלעך אַלס בריק צום אָנווייטיקדיקן אַריבערפירן די יידישע מאַסן צו דער רוסישער שפּראַך 1).

דידאָזיקע טענדענץ צו רוסיפיצירן די יידישע מאַסן האָט באַדייטנד פאַרשווערט די אויפבויאונג פון דער יידישער שול=נעץ און די אָרגאַניזירונג פון דער יידישער קולטורעלער אַרבעט בכלל. ערשט, ווען דער קורס פון דער סאָוויעטישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט זיך ענטגילטיק אויסגעקריסטאַליזירט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אוקראַיניזאַציע און ווייסרוסיזאַציע, האָט זיך אויך אין דער יידישער סביבה אָנגעמערקט אַן אויסגעהאַלטענע ליניע פון פּלאַנמעסיקער קולטורעלער אַרבעט אויף דער יידישער שפּראַך, און פאַר די לעצטע יאָרן קאָן מען פאַרצייכענען וויכטיקע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור.

## דאָס יידישע שול-וועזן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד.

די אויסבויאונג פון דער יידישער שול=נעץ האָט זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. די יידישע שול האָט נישט באַקומען קיין ירושה פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער צייט און איז מחמת דעם אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין זייער אַ שווערער לאַגע. אין דער ערשטער רייע לאָזט זיך שטאַרק פילן דער מאַנגל אין צוגעגרייטע לערער אויף דער יידישער שפּראַך און די אָפּוועזנהייט פון בנינים און לערן-מכשירים; חוץ דעם האָט די יידישע שול באַגעגנט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד מצד די עלטערן, די יידישע באַפעלקערונג באַטראַכט די שול פון „תכלית”=שטאַנדפונקט, אויף וויפל די קינדער וועלן קאָנען פאַרטזעצן זייער בילדונג און זיך צופּאַסן צו די אַרומיקע לעבנס=באַדינגונגען. נעמענדיק אין אַכט, אַז דער אונטערריכט אין די הויכשולן ווערט געפירט אויף אַנדערע שפּראַכן, אַז אויף יידיש עקזיסטירט אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינע צאָל פּראָפעסיאָנעלטעכנישע שולן, האָבן די עלטערן נישט געוואָלט שיקן די קינדער אין די יידישע שולן. אַ באַזונדערס שטאַרקע אָפּאָזיציע האָט אַרויסגערופן די „יידישיזאַציע” (דאָס אַריבערפירן אויף דער יידישער שפּראַך) פון די רוסישע שולן מיט אַ מערהייט יידישע שילער. וועלכע איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ גזירה. מיטן וווּקס פון דער צאָל יידישע הויכשולן און דעם אויסבויונם יידיש=סאָוויעטישן אַפּאַראַט האָט זיך די באַציונג צו דער יידישער שול

1) מ. לעוויטאַן. „די גרונט-פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור-בויאונג”, זשורנאַל „די רויטע וועלט”, נומ. 4, כאַרקאָוו, אַפּריל 1926, זייט 64.

טיילווייז געענדערט. נישט געקוקט אויף די אַנגעוויזענע מניעות ציילן שוין איצט די יידישע שולן בערך 114.000 שילער.

## די יידישע שול-נעץ אין סאָוויעטישן־פאַרבאַנד [1]

| רעפובליק | 1923/24 | | 1924/25 | | 1925/26 | | 1926/27 | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | צאָל שולן | צאָל קינדער | צאָל שולן | צאָל קינדער | צאָל שולן | צאָל קינדער | צאָל שולן | צאָל קינדער |
| אוקראַינע | 268 | 41.932 | 351 | 56.394 | 456 | 74.530 | 502 | 80.000 |
| ווייסרוסלאַנד | 98 | 12.241 | 134 | 19.095 | 176 | 22.535 | 184 | 24.083 |
| צוזאַמען | 366 | 54.173 | 485 | 75.489 | 632 | 97.065 | 686 | 104083 |
| ר. ס. פ. ס. ר. | ? | ? | 76 | 9.000 | 82 | 9.099 | 89 | 1.008 |
| צוזאַמען | | | 561 | 84489 | 714 | 106164 | 775 | 114091 |

דידאָזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז אין משך פון 3 יאָר איז די צאָל יידישע שילער אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד פאַרגרעסערט געוואָרן כמעט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

לויט די קאַטעגאָריעס האָבן זיך די יידישע שולן אַזוי גע־טיילט אין 1926 יאָר:

| רעפובליק | 4-יאָריקע שולן | % | 7-יאָריקע שולן | % | צוזאַמען | % |
|---|---|---|---|---|---|---|
| אוקראַינע . . . . | 2 6 | 64,9 | 155 | 35,1 | 441 [2] | 100,0 |
| ווייסרוסלאַנד . . . | 128 | 72,8 | 48 | 27,2 | 176 | 100,0 |
| סך־הכל . . . | 414 | 67,1 | 203 | 32,9 | 617 | 100,0 |

1) ציפערן בנוגע אוקראַינע – „די רויטע וועלט“ נומ. 4, כארקאָוו 1924 ; „עמעס“ נומ. 133, 134 פון 1926 יאָר און נומ. 255 פון 1927 ; בנוגע ווייסרוסלאַנד — „אָקטיאַבר“ נומ. 143 און 171 פון 1926 און זאַמלבוך „די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין ווייסרוסלאַנד“, מינסק 1927 ; בנוגע ר. ס. פ. ס. ר. — „עמעס“ נומ. 206 פון 1925, א. טשעמעריסק ! „די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די יידישע מאַסן“, מאָסקווע 1926 און „טריבונא“ נומ. 9 פון 1927.

2) פון די 456 שולן אין אוקראַינע האָבן עקזיסטירט זעלבסטשטענדיק 441 און 15 שולן האָבן פונקציאָנירט אַלס אָפּטיילונגען ביי אַלגעמיינע שולן.

איין דריטל פון די יידישע שולן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד געהערן צו דער צווייטער שטופע, ביי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג בילדן די שולן פון דער צווייטער שטופע אַ פיל קלענערן פראָצענט. די פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע צאָל פון די יידישע שולן פון דער צווייטער שטופע דערקלערט זיך מיטן שטאָטישן כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג.

נישט געקוקט אויפן שנעלן וווּקס פון דער יידישער שול-נעץ כאַפּט זי נאָך לעת-עתּה אַרום אַ קליינעם פּראָצענט פון די יידישע שול-קינדער און אין די אַלגעמיינע שולן לערנט זיך נאָך איצט אַ גרעסערע צאָל יידישע קינדער ווי אין די יידישע שולן.

## די פאַרטיילונג פון די יידישע שילער אין די אַלגעמיינע און יידישע שולן אין יאָר 1926/27

| רעפּובליק | פּראָצ. שילער אין דער יידישער שול | פּראָצ. שילער אין דער אַלגעמיינער שול |
|---|---|---|
| אוקראַינע | 49,0 | 51,0 |
| ווייסרוסלאַנד | 47,3 | 52,7 |
| ר.ס.פ.ס.ר. | 16,8 | 83,2 |

אין ר. ס. פ. ס. ר. בילדן די שילער פון די יידישע שולן אַ נישטיקן פּראָצענט פון די יידישע שילער בכלל. אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד לערנט זיך שוין כמעט אַ העלפט פון די יידישע תּלמידים אין דער יידישער שול. מ'דאַרף אונטערשטרייכן, אַז אין די ייִנגערע גרופּן איז דער פּראָצענט יידישע קינדער אין דער יידישער שול גרעסער ווי אין דער אַלגעמיינער. אין אוקראַינע האָבן זיך אין 1927 יאָר געלערנט אין די יידישע שולן פון דער ערשטער שטופע העכער 60 פּראָצענט פון אַלע יידישע שילער. דאָס באַווייזט, אַז די יידישע שול באַפעסטיקט זיך און וועט אין דער צוקונפט אַרומכאַפּן די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די יידיש-רעדנדיקע קינדער. אין די קלענערע און מיטעלע ישובים פון דער רעכטברעגיקער אוקראַינע און אין ווייסרוסלאַנד שפּילט שוין איצט די יידישע שול אַדאָמינירנדע ראָלע. אין דער מער רוסיפיצירטער לינקברעגיקער אוקראַינע און אין די גרויסע שטעט האָט די יידישע שול לעת עתּה אַרומגעכאַפּט אַ מינדערהייט פון די יידישע שול-קינדער. נאָך מער לאָזט זיך פילן די

רוסיפיצירטקייט אין ר.ס.פ.ס.ר., ווו אין די צענטראַלע גובערניעס איז די צאָל יידישע שולן זייער קליין.

אַרום און אַרום האָבן אָנהויב 1928 די אַנשטאַלטן פאַר סאָציאַלער דערציאונג (שולן, קינדער-הייזער, פאַרשול-אַנשטאַלטן) אין גאַנצן סאָוויע-טישן פאַרבאַנד (יידישע און אַלגעמיינע) געציילט 300.000 יידישע קינדער, אָדער 66 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין שול-עלטער 1). העכער אַ דריטל פון די יידישע קינדער אין שול-עלטער לערנען זיך אויף אַזאַ אופן בכלל נישט אין קיין אָרגאַניזירטער שול. אַ היפּשער טייל פון דער דאָזיקער קינדער-מאַסע לערנט נאָך אין ח ד ר י ם.

דער חדר עקזיסטירט אין רוסלאַנד אומלעגאַל. אין אַ ריי שטעט זענען די מלמדים באַשטראָפט געוואָרן דורך דער סאָוויעטנמאַכט פאַר האַלטן חדרים, און פונדעסטוועגן האָט נאָך דער חדר ביז איצט איינגעהאַלטן פעס-טע פּאָזיציעס אין די שטעטלעך. אין די יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען געפינען מיר פיל קאָרעספּאָנדענצן פון פאַרשידענע טיילן פונם סאָוויעטן-פאַרבאַנד וועגן עקזיסטירנדיקע חדרים, נישט געקוקט אויפן האַרטן קאַמף, וואָס די יידישע קאָמוניסטן פירן קעגן זיי. די צאָל חדרים איז זעלבסט-פאַרשטענדלעך נישט באַקאַנט, אָבער בלי ספק איז זי נאָך אַ באַדייטנדיקע. דערויף ווייזט אויך אָן דער געשלעכטלעכער צוזאַמענשטעל פון די שילער אין די יידישע שולן. די 22.535 שילער פון די יידישע שולן, וואָס האָבן זיך געלערנט אין 1926 אין ווייסרוסלאַנד, טיילן זיך לויטן געשלעכט אַזוי: 2)

| | |
|---|---|
| יינגלעך . . | 10.790 |
| מיידלעך . . | 11.745 |
| סך-הכל . | 22.535 |

די צאָל יינגלעך אין די שולן איז עטוואָס קלענער פון דער צאָל מיידלעך און אַזוי אַרום בלייבן אויסער דער שול 40 פּראָצענט יינגלעך נעמענדיק אין אַכט, אַז בכלל בלייבט אויסער דער שול 34 פּראָצענט קינ-דער אין שול-עלטער). ס'איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז יידישע עלטערן זאָלן לאָזן אַזאַ גרויסע מאַסע יינגלעך אָן קיין שום בילדונג, בלי ספק לערנט זיך אַ גרויסער טייל פון זיי אין חדרים. דאָס אָנערקענען אויך די אָפיציעלע אָנפירער פון די יידישע בילדונגס-אָרגאַנען אין סאָ-

1) ש. פּלאַטניק. „עמעס" נומ. 54 פונם 3-טן מערץ 1928.

2) „אָקטיאַבר" נומ. 157 פונם 13 יולי 1926.

ריעס-רוסלאַנד. דער פאַרוואַלטער פון דער צענטראַלער יידישער בילדונג-ביוראָ אין ר. ס. פ. ס. ר. ש. פּאַלאַטניק שרייבט: „דער חדר און ישיבות זענען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין שטאָט און שטעטל. זיי עקזיסטירן אויף אַ האַלבלעגאַלן אופן. די ווירקונג פונם חדר באַרירט אַמאָל אַפילו אונזער שטעטלשע קאָמיוגישע יוגנט" („עמעס" נומ. 210 פון 1927). דער פאַרוואַלטער פון דער יידישער בילדונג-ביוראָ אין ווייסרוסלאַנד ד. מאַץ שרייבט וועגן חדר: „לויט אונזערע ידיעות פאַרשטאַרקט ער זיך נאָך, ער ווערט חוצפּהדיק און גייט איבער אין אַן אָנגריף קעגן דער סאָוויעטן-שול. פאַראַן פאַלן, ווען קינדער פון אונזער סאָוויעטן-שול שעמען זיך נישט און באַזוכן אויך דעם חדר" („אָקטיאַבר" נומ. 37 פונם 16-טן אַפּריל 1927).

די לעבנס-פעיקייט פונם חדר דערקלערט זיך מיט דער טראַדיציאָנעלער צוגעבונדנקייט פון די יידישע מאַסן צו דעמדאָזיקן אינסטיטוט און מיט דער נישט-גענוגנדיקער צאָל יידישע שולן. דער דערפאָלג פונם חדר דערקלערט זיך טיילווייז אויך מיט דער קליינער נעץ יידישע פאָרשול-אַנשטאַלטן. אַרום און אַרום האָט עקזיסטירט אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד אין 1925/26 יאָר 62 יידישע קינדער-גערטנער דערפון:

| | |
|---|---|
| אין אוקראַינע [1] | — 26 |
| „ ווייסרוסלאַנד [2] | — 24 |
| „ ר. ס. פ. ס. ר. [3] | — 12 |
| סך-הכל | — 62 |

דורכשניטלעך געפינט זיך אין 1 קינדער-גאָרטן ביז 50 קינדער (אין ווייסרוסלאַנד 42), אַזוי אַז אַלע קינדער-גערטנער ציילן בערך 3.100 קינדער פון פאָרשול-עלטער [4]. מ'דאַרף נאָך נעמען אין אַכט, אַז אין די שולן ווערן די קינדער אויפגענומען ערשט פונם 8-טן לעבנס-יאָר. די פאַרגרעסע-

1) „שטערן", נומ. 123 פונם 1 יוני 1926.

2) „אָקטיאַבר" נומ. 157, פונם 13 יולי 1926.

3) „עמעס" נומ. 61, פונם 16 מערץ 1926.

4) באַמערקונג. חוץ די קינדער-גערטנער עקזיסטירן נאָך קינדערהיימען מיט עטלעכע טויזנט קינדער יתומים און פאַרוואָרלאָזטע פּאָגראָם-קרבנות. אין 1926 און 1927 יאָרן איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן דורך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אַ היפּשע צאָל קינדער-פּלעצער, אָבער דידאָזיקע אַנשטאַלטן טראָגן אַ סעזאָן-כאַראַקטער און עקזיסטירן נאָר זומער-צייט. אַ טייל פון זיי ווערן שפּעטער פאַרוואַנדלט ווערן אין קינדער-גערטנער.

רונג פון דער צאָל פאַרשול-אינסטיטוציעס איז דריבער איינע פון די אַקטועלסטע אויפגאַבן אויפן געביט פון דער יידישער דערציאונגס-אַרבעט.

דער קאָלאָסאַלער וווקס פון דער יידישער שול-נעץ אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד האָט אַרויסגערופן די נויטיקייט צוצוגרייטן געהעריקע לערער-קאַדרען. פאַר דעם צוועק זענען אָרגאַניזירט פעדאַגאָגישע טעכניקומס (לערער-סעמינאַרן) און יידישע אָפּטיילונגען ביי אַ רייע פעדאַגאָגישע פאַקולטעטן פון די אַלגעמיינע הויכשולן.

אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד פונקציאָנירן 7 פעדאַגאָגישע טעכניקומס, וועלכע האָבן זיך אין 1926/27 לערניאָר אַזוי געטיילט:

| | | | |
|---|---|---|---|
| אוקראַינע | — 4 | טעכניקומס מיט 590 | סטודענטן |
| ווייסרוסלאַנד | — 3 | „ „ 487 | „ |
| צוזאַמען | — 7 | טעכניקומס מיט 1.077 | סטודענטן |

די פעדאַגאָגישע טעכניקומס און די יידישע אָפּטיילונגען ביי אדעסער און מינסקער אינסטיטוטן פאַר פאָלקס-בילדונג לאָזן אַרויס יערלעך ביז 300 לערער, אָבער די אָנגעוויזענע צאָל קלעקט כּלל וכלל נישט צו באַזאָרגן די יידישע שול מיט לערער-פערסאָנאַל. אין „עמעס" שרייבט א. געלבמאַן, אַז די פעדאַגאָגישע טעכניקומס באַפרידיקן נישט דעם לערער-באַדאַרף אפילו אויף 25 פּראָצענט („עמעס" נומ. 53 פונם 15-טן מערץ 1926), דער דוחק אין לערער פאַרשווערט שטאַרק די אַרבעט פון דער יידישער שול, און כּדי צו פאַרגרעסערן די צאָל יידישע לערער ווערן געעפנט פּאַראַלעלע קורסן ביי אַ רייע יידישע טעכניקומס; אין מינסק זענען אין 1926/27 יאָר ספּעציעל געגרינדעט געוואָרן צוויי יאָריקע פעדאַגאָגישע קורסן פאַר לערער, און אין אוקראַינע איז געשאַפן געוואָרן אַן עקסטערנאַט פאַר יידישע לערער: פּערזאָנען וואָס האָבן נישט קיין פעדאַגאָגישע בילדונג וועלן נאָך געהעריקע עקזאַמענס ביי די יידישע פעדאַגאָגישע טעכניקומס קאָנען אָנקומען אויף לערער-פּאָסטנס אין די יידישע שולן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די ק ו אַ ל י פ י ק אַ צ י ע פון די יידישע לערער, איז זי נאָך לעת עתה נידעריק. פון 374 לערער, וואָס זענען אויסגעפאָרשט געוואָרן אין ווייסרוסלאַנד אין 1925, האָבן א פעדאַגאָגישע צוגרייטונג געהאַט נאָר 14 פּראָצענט און 13 פּראָצענט באַזיצט אפילו נישט קיין מיטעלע בילדונג (באַריכט פון דער יידישער סעקציע אין ווייסרוסלאַנד, ביילאַגע צום „וועקער" נומ. 238, פון 1925). פון 163 לערער, וואָס האָבן באַזוכט די קיעווער צענטראַלע איבערגרייטונגס-קורסן אין 1926 האָבן נאָר 2 באַקומען אַ ספּעציעלע פעדאַגאָגישע בילדונג („עמעס" נומ. 173, פונם 5-טן

אויגוסט 1926). אויף דער גובערניאַלער קאָנפערענץ פון די יידישע בילדונג-טוער איז תּאַמעל, אויז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז „אַ גרויסער טייל יידישע לערער באַזיצט נאָך נישט ווי געהעריק די יידישע שפּראַך, איז ווייניק באַקאַנט מיט דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור“ („עמעס“ נום. 15 פונם 19-טן יאַנואַר 1926).

אויך גאָר אין דער לעצטער צייט געפינען מיר אין דער יידישער קאָמוניסטישער פּרעסע ידיעות, אַז די לערער פון די יידישע שולן, אַפילו די „ערער“ פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור באַהערשן נישט גענוג די יידישע שפּראַך. ה' אילק שרייבט אין „עמעס“ פונם 8-טן סעפּטעמבער 1927: „מיר מוזן צום באַדויערן קאָנסטאַטירן, אַז אַ גרויסער טייל יידישע לערער, אַפילו אַזוינע, וועלכע אונטערריכטן שפּראַך און ליטעראַטור, באַזיצן נישט גוט קיין יידיש. מעגלעך, אַז בילדונג האָבן זיי גענוג, אָבער די יידישע שפּראַך קאָנען זיי נישט“. נאָך שאַרפער דריקט זיך אויס ה' ב. וויסמאַן אין „עמעס“ פונם 21-טן אויגוסט 1927: „מען מוז אָנערקענען, אַז אין דער גרעסטער מערהייט פאַרמאָגן נישט די יידישע לערער די נויטיקע באַהאַוונטקייט אין דער יידישער שפּראַך, און דער דאָזיקער וויכטיקער געביט איז זייער פאַרנאַכלעסיקט. עס איז גאָרנישט קיין זעלטענע דערשיינונג צו באַגעגענען לערער וואָס קענען נישט די יידישע ליטעראַטור און לייענען נישט קיין יידישן בוך אָדער אַ צייטונג. ווייניק לערער זענען דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין, אַז אויך יידיש איז אַ שפּראַך (נישט קיין הפקרדיקער זשאַרגאָן), וועלכע מען קאָן נישט באַהערשן, אויב מען שטודירט זי נישט גרינדלעך“.

פדי צו העכערן די קוואַליפיקאַציע פון די יידישע לערער ווערן יערלעך אין דער קאַניקול-צייט אָרגאַניזירט איבערגרייטונגס-קורסן הויפּטזעכלעך פאַר די שטעטלשע לערער. פאָלגנדיקע טאַבעלע ווייזט די צאָל לערער, וואָס האָט באַזוכט די קורצטערמיניקע איבערגרייטונגס-קורסן אין די לעצטע יאָרן:

| שטאָט | 1925 | 1926 | 1927 |
|---|---|---|---|
| מאָסקווע | 48 | 28 | 30 |
| מינסק | 165 | 86 | 81 |
| כאַרקאָוו | 130 | | |
| קיעוו | | 163 | 118 |
| סך-הכל | 343 | 277 | 229 |

די צענטראַלע איבערגרייטונג-קורסן כאַפּן אויף אַזאַ אופן אַרום נאָר אַ קלײנעם טײל פון דער לערערשאַפט און מחמת דעם ווערן געגרינדעט אַזוינע קורסן אויך אין דער פּראָווינץ. אין 1927 זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן ספּעציעלע איבערגרייטונג-קורסן פאַר 30 לערער פון די דאָרפישע יידישע ישובים. מער צוגעגרייטע לערער לאָזן אַרויס די יידישע הויכשולן, אין אַלגעמײן אָבער איז די קוואַליפיקאַציע פון דעם יידישן לערער נאָך ווייט נישט באַפרידיקנדיק.

די פּראָגראַם פון דער יידישער שול פאַלט אין אַלגעמײן צונויף מיט די פּראָגראַמען פון דער סאָוויעטישער שול בכלל, וועלכע שטרעבט צו געבן די קינדער אַ קאָמוניסטישע דערציאונג. די יידישע לימודים פאַרנעמען נאָך נישט דעם געהעריקן פּלאַץ אין דער יידישער שול, הגם די אָנפירנדיקע יידישע קרייזן אָנערקענען די נויטיקייט צוצופּאַסן די יידישע שול צו די אייגנאַרטיקע יידישע באַדינגונגען און צום לעבנסשטייגער פון די יידישע מאַסן. פאַר דעם צוועק עקזיסטירט אַפילו אַ יידישע הוספה-פּראָגראַם צו די אַלגעמײנע לימודים, פאַקטיש אָבער זענען די יידישע לימודים זייער שלעכט אַוועקגעשטעלט. אויף דעמדאָזיקן אומנאָרמאַלן צושטאַנד האָט נאָך אין 1925 אָנגעוויזן ה׳ צוויג, וועלכער האָט געשריבן, אַז „אין דער גרעסטער מערהייט יידישע שולן זענען קיין שום עלעמענטן פון יידישע געזעלשאַפטס-קענטענישן נישטאָ" און אַז אַפילו „די טעכניקומס ליידן אויך פון דער אַלגעמײנער קרענק" („עמעס" נומ. 211, פונם 16-טן סעפּטעמבער 1925). אויך איצט איז די לאַגע אין דעם פּרט געוויס טרויעריק. ה׳ א. יאַסינאָוו שרייבט וועגן דעם אין „עמעס" פונם 2-טן סעפּטעמבער 1927: „יידישע שפּראַך, ליטעראַטור, פּראָגראַמען פון די דערמאָנטע דיסציפּלין ווערן אַ הפקר-זאַך, און וואָס יעדער וויל אַזוי טוט ער. עס באַקומט זיך אַ מאָדנע אינטערעסאַנט בילד: יעדע יידישע שול פירט אויף אַן אַנדער אופן דעם לימוד פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. אַפילו אין פּרט פון לערנביכער האָבן מיר אויך צו טון עפּעס מיט אַ מין כאַאָס"... „נישט די שטאָטישע, נישט די שטעטלשע שול אַלס אַזעלכע פאַרמאָגן נאָך נישט קיין סטאַביליזירטע פולשטענדיקע פּראָגראַם פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, דערבײ ווערט זי ווייניק, ערטערווייז כמעט גאָרנישט אינסטרוקטירט אין דער הינזיכט.

וואָס אָנבאַלאַנגט די העברעישע שפּראַך ווערט זי אין די יידישע שולן איבערהויפּט נישט געלערנט, הגם קיין פאָרמעלער אַנטשפּרעכנדיקער געזעצלעכער פאַרבאָט איז נישטאָ. אין דער דערקלערונג פונם צענטראַלן יידישן קאָמיסאַריאַט פון אויגוסט 1918 ווערן געגעבן אַזוינע דירעקטיוון בנוגע העברעיש אין דער יידישער שול: דער ערשטער לערניאָר

װערט העברעיִש נישט געלערנט, דעם צװייטן יאָר דאַרף די צאָל העברעיִשע שעהן זײַן נישט מער װי 6 שעה אַ װאָך, אין די שולן װאָס עפענען זיך איצט הייבט זיך אָן העברעיִש פון 4-טן לערניאָר" 1). אין דעם באַשלוס פונם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג פונם 11-טן יולי 1919 װעגן העברעיִש אַלס אונטעררעכט-שפּראַך װערט געזאָגט: „אָנערקענענק, אַז די שפּראַך עברית איז נישט קיין גערעדטע שפּראַך פון דער ײדישער פאָלקסמאַסע, פאַרװאָס זי קאָן נישט פאַררעכנט װערן פאַר אַ שפּראַך פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און אין פּעדאַגאָגישער הינזיכט דאַרף זי זיך געפינען אין אַזאַ לאַגע, װי בכלל יעדע אױסלענדישע שפּראַך, װעלכע איז נישט קיין גערעדטע שפּראַך פון דער פאָלקסמאַסע אין די גרענעצן פון ר.ס.פ.ס.ר."2) ציטירנדיק דעם דאָזיקן באַשלוס פון בילדונגס-קאָמיסאַריאַט קומט דער רעדאַקטאָר פון „עמעס" מ. ליטװאַקאָװ צו דער מסקנא, אַז: „1) אין די העכערע גרופּן פון דער צװייטער שטופע איז העברעיִש אַלס לימוד דערלאָזבאַר פאַר די, װאָס װילן דאָס און אויף זייער חשבון, נאַטירלעך לויט פּראָגראַמען, װעלכע װערן באַשטעטיקט פון די געהעריקע אינסטאַנצן; 2) אַז אין די ײדישע שולן (װען זייער נעץ װעט אויסגעבילדעט װערן און די שולן אויסגעשטעלט װערן װי געהעריק) קאָן און װעט אין די געהעריקע אָפּטיילונגען (געשיכטע, ליטעראַטור, פילאָלאָגיע) אײַנגעפירט װערן העברעיִש אַלס פאָרשונג-געגנשטאַנד; 3) ס'איז דערלויבט צו עפּענען קורסן אויף לערנען העברעיִש װי יעדער אַנדערע שפּראַך, לויט פּראָגראַמען און לערנביכער, װעלכע האָבן די געהעריקע באַשטעטיקונג; 4) ס'זײַנען דערלאָזט רעפּעטיטאָרישע גרופּן פאַר העברעיִש, אָנהייבנדיק פון דריי פּערזאָנען אין אַ גרופּע — אויך לויט באַשטעטיקטע פּראָגראַמען און לערנביכער 3). די דאָזיקע אױספירונגען פון ח' ליטװאַקאָװ זענען (שוין אָפּגערעדט פון זייער קאָנטראַסטישן כאַראַקטער) נישט מער װי אַ טעאָרעטישע סבֿרה, פּראַקטיש איז די העברעיִשע שפּראַך אײַנגעפירט נאָר אין די הויכשולן (למשל אין דער ײדישער אָפּטיילונג בײַם מאָסקװער פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט 2 שעה אַ װאָך די ערשטע 2 יאָר), אין אַלע אַנדערע שולן (אויך פון דער צװייטער שטופע) װערט העברעיִש נישט געלערנט.

---

1) ש. אַגורסקי „דער ײדישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַװעגונג", מינסק 1925, זײַט 29.

2) זע: מ. ליטװאַקאָװ. „צי רודפן מיר העברעיִש" ? „עמעס" נומ. 12, פונם 15-טן יאַנואַר 1926.

3) דער אָנגעװיזענער אַרטיקל פון מ. ליטװאַקאָװ.

**פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע בילדונג.**

די אויסבויאונג פון דער יידישער שול־נעץ האָט ביז איצט אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינער מאָס אָנגערירט איינעם פון די וויכטיקסטע בילדונגס־צווייגן — די פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שול. אין סאָוועטישן פאַרבאַנד האָבן אין 1926/27 לערניאָר עקזיסטירט 39 יידישע פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן פון פאַרשידענע טיפּן (פּראָפעסיאָנעלע, פאַבריקזאַוואָדישע, קוסטאַרישע, אַגראָנאָמישע א. א.) וועלכע האָבן זיך לויט די רעפּובליקן אַזוי געטיילט:

| | |
|---|---|
| אוקראַינע 1) . . | 36 |
| ר.ס.פ.ס.ר. 2) . . | 2 |
|ווייסרוסלאַנד . . | 1 |
| סך־הכל . . | 39 |

אויף אַזאַ אופן איז די יידישע פּראָפעסיאָנעלע שול־נעץ אַנטוויקלט הויפּטזעכלעך אין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד איז פאַראַן נאָר 1 לאַנד־ווירטשאַפטלעכע יידישע שול מיט 120 שילער, קיין אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע שולן אויף דער יידישער שפּראַך איז דאָרט בכלל נישטאָ, ערשט אין 1927/28 איז אין מינסק געעפנט געוואָרן אַ יידישע אָפּטיילונג ביי דער פאַראייניקטער פּראָפעסיאָנעלער שול מיט 30 שילער. אין 32 פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע אַנשטאַלטן אויף אוקראַינע האָבן זיך אין 1926/27 געלערנט 2.480 שילער, וועגן דער צאָל שילער אין 6 אינסטיטוציעס 4) פאַבריקזאַוואָדישע שולן אין אוקראַינע און 2 שולן אין ר. ס. פ. ס. ר.) זיינען קיין ידיעות נישטאָ. אויב מיר זאָלן אפילו רעכענען צו 100 יוגנטלעכע אין אַ שול, וועלן מיר באַקומען, אַז אין אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע שולן פון פאַרשידענע טיפּן לערנט זיך אין גאַנצן סאָוועטישן פאַרבאַנד בערך 3.100 שילער.

אַ טייל פון די דאָזיקע שולן איז געגרינדעט געוואָרן דורך די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס נאָך פאַרן קריג אין דער פאָרם פון האַנט־ווערקער־שולן און איז איצט איבערגעפירט געוואָרן אויף יידיש און רע־אָרגאַניזירט אויף די יסודות און פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער פּראָפ־טעכנישער בילדונג. אונטער דער סאָוועטנמאַכט האָט זיך די יידישע פּראָ־

1) „עמעס“ נומ. 208 פונם 13 סעפּטעמבער 1927; אהער גייען אריין אויך די יידישע אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע שולן, אהער וועגן נישט אריין די פּעדאַגאָגישע טעכניקומס יידישע הויכשולן און אַרבעטער־פאַקולטעטן.

2) „עמעס“ נומ. 259 פונם 13 נאָוועמבער 1927.

פּראָפעסיאָנעל-טעכנישע נעך אנטוויקלט הויפּטזעכלעך די לעצטע צוויי יאָר, הגם ביי איז לעת-עתה אויסגעבויט געוואָרן אַ קליינע צאָל יידישע פּראָפעסיאָנעלע שולן. אויף קיין געביט פון יידישער קולטור-בויונג באַמערקט זיך נישט אַזאַ אָפּגעשטאַנענקייט ווי אויפן געביט פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג. אין אוקראַינע באַפרידיקן די שולן אַפילו נישט קיין 10 פּראָצענט פון דער יידישער יוגנט, וואָס נויטיקט זיך אין פאַכבילדונג 1), און אין ווייסרוסלאַנד זענען, ווי געזאָגט, ביז איצט קיין יידישע פּראָפעסיאָנעלע שולן כמעט אינגאַנצן נישטאָ. די קינדער, וואָס ענדיקן אַ יידישע שול, זענען דעריבער געצוווּנגען זיך לערנען אַ פאַך אין די אַלגעמיינע שולן; אין די דאָזיקע שולן איז זיי זייער שווער אָנצוקומען מחמת זייער שוואַכער צוגרייטונג אין די נישט-יידישע שפּראַכן (אוקראַיניש און ווייסרוסיש). פונדעסטוועגן קאָן מען אויף דעם געביט פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, באַזונדערס אין אוקראַינע, ווו אין 1926/27 האָבן די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע שולן געציילט 4.556 יידישע שילער און די פאַבריק-זאַוואָדישע שולן — 4.135, צוזאַמען 1.691 יידישע יוגנטלעכע 2). אין ווייסרוסלאַנד האָבן זיך אין 1926 געלערנט אין די אַלגעמיינע פּראָפעסיאָנעלע שולן — 917 יידן 3). אין אַלגעמיין לערנט זיך אין די פאַרשידענע טיפּן יידישע און נישט-יידישע פּראָפעסיאָנעלע און פאַבריק-זאַוואָדישע שולן בערך 15.000 יידישע קינדער 4). די דאָזיקע צאָל באַפרידיקט נישט אַפילו אין

---

1) וו. אָרשאַנסקי. „עמעס" נומ. 184 פונם 13-טן אויגוסט 1926.

2) „שטערן" נומ. 147 פונם 1 יולי 1927.

3) „אָקטיאַבר" נומ. 143 פונם 26-טן יוני 1926.

4) ש. פּאָלאַנסקי ברענגט אין „עמעס" נומ. 54 פונם 3-טן מערץ 1928 אַזוינע ידיעות וועגן דער צאָל יידישע שילער אין די לערן-אַנשטאַלטן פון פּראָפעסיאָנעלער בילדונג:

| | |
|---|---|
| ר. ס. פ. ס. ר. | — 40.189 |
| אוקראַינע | — 33.945 |
| ווייסרוסלאַנד | — 94.495 |
| צוזאַמען | — 17.862 |

ס. קיפּער גיט אָן 19.231 יידישע שילער אין די פּראָפעסיאָנעל-טעכנישע שולן אין אוקראַינע (ס. קיפּער „10 יאָר אָקטיאַבר", זייט 9). שוין דער פאַרגלייך פון די דאַטן פון ה' פּאָלאַנסקי און ה' קיפּער בנוגע אוקראַינע באַווייזט, אַז די צאָלן זענען נישט קיין פּינקטלעכע און זענען שטאַרק איבערטריבן. דער עיקר סתירה צווישן אַנדערע ציפערן אין די ידיעות פון די סאָוועטישע אויסגאַבן באַשטייט אין דעם, וואָס די דערמאָנטע מחברים האָבן צוגערעכנט צו די שילער פון די פּראָפעסיאָנעלע שולן אויך די סטודענטן פון די טעכניקומס און הויכשולן (מעדיצי-

דער קלענסטער מאָס די באַדערפענישן פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט ביז דער לעצטער צייט כמעט אינגאַנצן נישט געהאַט קיין מעגלעכ־קייט זיך לערנען אַ מלאכה אין פריוואַטן וואַרשטאַט און באַגעגנט נאָך איצט אויך (נאָך די הנחות אויפן געביט פון האַנטווערקער־שילעריי) גרויסע שוועריקייטן אין דעם פרט. די פאַרברייטונג פון דער נעץ יידישע פּראָפעסיאָנעלע שולן איז דעריבער געוואָרן אַ שלאַג־אויפגאַבע, וואָס פאַרדינט די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. פאַר דער לעצטער צייט באַמערקט זיך אַ שטרעבונג פון די יידישע הילפסגעזעלשאַפטן און קאָמיטעטן פאַר קעגנזייטיקער הילף צו גרינדן לערנוואַרשטאַטן און האַנטווערקער־שולן (אין אוקראַינע האָבן אין 1927 פונקציאָנירט 43 אַזעלכע אַנשטאַלטן, ביי אַ געהעריקער אונטערשטיצונג וואָלטן דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס געקאָנט זייער פיל אויפטאָן אויף דעם געביט.

**יידן אין די מיטל־שולן און הויכשולן.** וועגן דער צאָל יידן אין די מיטל־ און הויכשולן פאַרמאָגן מיר גענויע ידיעות נאָר בנוגע אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

## די צאָל יידישע סטודענטן אין די הויכשולן אין 1926/27 לערניאָר

| רעפּובליק | צאָל יידישע סטודענטן | % פון אַלע סטודענטן |
|---|---|---|
| אוקראַינע [1] | 8.222 | 28,8 |
| ווייסרוסלאַנד [2] | 1.260 | 295 |

די יידן בילדן אַזוי אַרום כמעט 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער סטודענטנשאַפט, ד. ה. אַ סך אַ גרעסערן פּראָצענט פון זייער פאַרהעלטעניש לגבי דער באַפעלקערונג. עס לאָזט זיך שטאַרק פילן דער שטאָ־

נישע, פּעדאַגאָגישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, טעכנישע א. אַ. דידאָזיקע אַנשטאַלטן גרייטן אבער פּערזאָנען פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס — דאָקטוירים, יוריסטן, אינזשיניערן, לערער א. ד. גל. מיר האָבן גענומען נאָר די פּראָפעסיאָנעלע שולן אין ענגן זין פון וואָרט, ד. ה. נאָר די טיפּן שולן, וואָס גרייטן פּראָדוקטירנדיקע עלעמענטן אַרבעטער און האַנטווערקער. אין די דאָזיקע אַנשטאַלטן לערנען זיך אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד העכסטנס 15.000 יידן.

1) מ. קיפּער. „10 יאָר אָקטיאַבער“, קיעוו 1927, זייט 87.

2) ד. מאַץ. זאַמלבוך. „די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אין ווייסרוסלאַנד“, מינסק 1927 ז׳ 325.

טישער כאַראַקטער פון דער יידישער נאַציע און די שטרעבונג צו הויכער בילדונג, מיט וועלכער די יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט נאָך פאַר דער רע־וואָלוציע און וועלכע באַמערקט זיך אויך אין אַנדערע לענדער. מ׳דאַרף באַמערקן, אַז די צאָל יידישע סטודענטן איז די לעצטע יאָרן שטאַרק פאַר־קלענערט געוואָרן אַבסאָלוט און רעלאַטיוו. באַזונדערס בולט זעען מיר דאָס בנוגע אוקראַינע.

## די צאָל יידישע סטודענטן אין די אוקראַינישע הויכשולן

| יאָר | צאָל יידישע סטודענטן | % פון אַלע סטודענטן |
|---|---|---|
| 1923 | 18.428 | 47,4 |
| 1926/27 | 8.222 | 28,8 |

אַבסאָלוט איז די צאָל יידישע סטודענטן פאַרקלענערט געוואָרן מער ווי צוויי מאָל און אויך רעלאַטיוו איז זייער געוויכט שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן אַקעגן 1923 יאָר. די פאַרקלענערונג דערקלערט זיך מיט דער פּראָ־לעטאַריזירונג פון די הויכשולן, מיט די „ריינִיקונגען" פון די עלעמענטן פון בורזשואַזער אָפּשטאַמונג און מיט דער אוקראַיניזאַציע פון די הויכשולן. דידאַקטיש מאָטיווירן האָבן אַרויסגעשטויסן אַ גרויסע צאָל יידישע יוגנט־לעכע פון די הויכשולן.

לויט די ספּעציאַליטעטן האָבן זיך די יידישע סטודענטן אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד אין 1926/27 לערניאָר אַזוי געטיילט:

| הויכשול־טיפּ | % פון אַלע ייד. סטודענטן: אוקראַינע | % פון אַלע ייד. סטודענטן: ווייסרוסלאַנד |
|---|---|---|
| מעדיצינישע | 32 | 32.0 |
| טעכנישע | 26 | |
| פּעדאַגאָגישע | 17 | 35,2 |
| סאָציאַל־עקאָנאָמישע | 16 | 18.0 |
| קונסט | 5 | |
| לאַנדווירטשאַפטלעכע | 4 | 14,8 |
| צוזאַמען | 100 | 100,0 |

אין אוקראַינע גייען אויפֿן ערשטן אָרט די מעדיצינישע אינסטיטוטן, דאָרט מאַכן די יידן אויס 45 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער סטודענטנשאַפֿט, דעם צווייטן פּלאַץ פֿאַרנעמען די טעכנישע הויכשולן. דאָס זענען די צוויי חיכטיקסטע געביטן פֿון דער יידישער פּראָפֿעסיאָנעלער אינטעליגענץ. אַ גרויס אָרט פֿאַרנעמען אויך די פּעדאַגאָגישע פֿאַקולטעטן, חו פֿאַר דער רעוואָלוציע איז געווען זייער ווייניק יידן. איצט האָבן יידן געקריגן אַ מעגלעכקייט צו באַזעצן לערער-פּאָסטנס אין די מיטל-שולן און דעריבער באַזוכן זיי שטאַרק די אינסטיטוטן פֿאַר פֿאָלקס-בילדונג. אין די סאָציאַל-עקאָנאָמישע הויכשולן (יוריספּרודענץ, ווירטשאַפֿט) זענען די יידן אין פֿאַרגלייך מיט דער פֿאַררעחאָלוציאָנערער צייט שוואַכער פֿאַרטראָטן, און אין די לאַנדחירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוטן געפֿינען זיך נאָך איצט אויך אַ נישיקער טייל פֿון דער יידישער סטודענטנשאַפֿט. אין ווייסרוסלאַנד איז די פֿאַרטיילונג פֿון די יידישע סטודענטן לויט די ספּעציאַליטעטן אַנדערש אויסגעפֿאַלן ווי אין אוקראַינע. דאָרט גייט אויפֿן ערשטן אָרט דער פּעדאַגאָגישער פֿאַקולטעט און דער מעדיצינישער אויפֿן צווייטן. אין די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע הויכשולן לערנט זיך כמעט 15 פּראָצענט פֿון די יידישע סטודענטן, בשעת אין אוקראַינע מאַכט די דאָזיקע גרופּע אויס אינגאַנצן 4 פּראָצענט פֿון דער יידישער סטודענטנשאַפֿט. קיין טעכנישע הויכשולן איז אין אינדוסטריעל-אָפּגעשטאַנענעם, כמעט דורכאויס אַגראַרישן ווייסרוסלאַנד נישטאָ, און דעריבער גייט דאָרט אַ גרעסערער פּראָצענט פֿון דער יידישער לערניוגנט אין די פּעדאַגאָגישע און לאַנדווירטשאַפֿטלעכע הויכשולן.

די צאָל יידן אין די **מיטל-שולן** ווערט אילוסטרירט דורך דער פֿאָלגנדיקער טאַבעלע:

## יידן אין די טעכניקומס און אַרבעטער-פֿאַקולטעטן אין 1926/27 לערניאָר

| רעפּובליק | טעכניקומס | | אַרבעטער-פֿאַקולטעטן | |
|---|---|---|---|---|
| | צאָל יידישע שילער | % פֿון אַלע שילער | צאָל יידישע שילער | % פֿון אַלע שילער |
| אוקראַינע | 5.031 | 20.8 | 961 | 14.1 |
| ווייסרוסלאַנד | 1.355 | 28.7 | 184 | 22.7 |

אין די מיטל-שולן מאַכן אויס די יידן אַ קלענערן פּראָצענט ווי אין

די הויכשולן, אָבער אויך דאָ בילדן די ייִדן אַלס שטאָטישער עלעמענט אַ באַדייטנדיקן טייל פון די שילער.

וועגן דער צאָל ייִדן אין די מיטל-און הויכשולן אין ר.ס.פ.ס.ר. האָבן מיר לײַדער קיין ידיעות נישט, בלי ספק איז זי דאָרט זייער אַ באַדייטנדיקע.

### ייִדישע הויכשולן און אַרבעטער-פֿאַקולטעטן.

נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע איז לויט געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו געשאַפן געוואָרן דער „אינסטיטוט פאַר העכערע ייִדישע קענטענישן" אין פעטראָגראַד און אַ ריי ייִדישע פאָלקס-אוניווערסיטעטן (ייִדישער פאָליטעכניקום אין יעקאַטערינאָסלאַוו, ייִדישער פאָלקס-אוניווערסיטעט אין קיעוו א. א.). אונטער דער סאָוויעטן-מאַכט זענען דיזאָזיקע אַנשטאַלטן לכתחילה איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער נעץ און שפעטער זענען זיי טיילווייז רעאָרגאַניזירט, טיילווייז געשלאָסן געוואָרן 1). אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויסבויאונג פון דער ייִדישער שול-נעץ איז אין אַ ריי שטעט בײַ די אַלגעמיינע הויכשולן געגרינדעט געוואָרן ייִדישע אָפּטיילונגען מיטן צוועק צוצוגרייטן קוואַליפיצירטע לערער פאַר די שולן פון דער צווייטער שטופע און פעדאַגאָגישע טעכניקומס. אין איצטיקן מאָמענט פונקציאָנירן 3 ייִדישע אָפּטיילונגען בײַ די הויכשולן: די ייִדישע אָפּטיילונג ביים אָדעסער אינסטיטוט פאַר פאָלקס-בילדונג, די ייִדישע סעקציע ביים פעדאַגאָגישן פאַקולטעט פונעם ווייסרוסישן אוניווערסיטעט אין מינסק און די ייִדיש-לינגוויסטישע אָפּטיילונג ביים פעדאַגאָגישן פאַקולטעט פון צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט. דער קורס פון די הויכשולן איז אַ פירעריקער, די למודים ווערן געלערנט אין דער ייִדישער שפראַך. אין 1925/26 זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן 2 ייִדישע אַרבעטער-פאַקולטעטן 2): די ייִדישע אָפּטיילונג ביים לענינגראַדער אַרבפאַק פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן מיט 29 צוהערער און דער ייִדישער אַרבפאַק אין אָדעס מיט 32 סטודענטן. וועגן דער צאָל סטודענטן אין די ייִדישע הויכשולן און אַרבעטער-פאַקולטעטן אין 1926/27 לערניאָר האָבן מיר אַזוינע ידיעות:

---

1) דער „אינסטיטוט פאַר העכערע ייִדישע קענטעניש אין אין 1924 רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ אינסטיטוט פאַר ייִדישע שפראַך און ליטעראַטור און אין 1925 האָט אים די צענטראַלע בילדונגס-ביוראָ ליקווידירט און פאַרביטן מיט אַ ייִדישער אָפּטיילונג ביים פעדאַגאָגישן פאַקולטעט פון צווייטן מאָסקווער אוניווערסיטעט.

2) די אַרבעטער-פאַקולטעטן (אַרבפאַק) זענען געגרינדעט געוואָרן און סאָוויעט-רוסלאַנד מיטן צוועק צוצוגרייטן אַרבעטער און פויערים אין די אוניווערסיטעטן.

| ייִדישע אָפּטיילונגען ביי די הויכשולן | |
|---|---|
| שטאָט | צאָל סטודענטן |
| אָדעס . . . | 116 |
| מינסק . . . | 207 |
| סך הכּל . . | 323 |

| ייִדישע אָפּטיילונגען ביי די אַרבעטער־פאַקולטעטן. | |
|---|---|
| שטאָט | צאָל סטודענטן |
| אָדעס . . . | 51 |
| לענינגראַד . . | 60 |
| | 111 |

וועגן דער צאָל סטודענטן פון דער ייִדישער אָפּטיילונג ביים מאָסקווער אוניווערסיטעט האָבן מיר נישט קיין ידיעות, אָבער נעמענדיק אין אַכט, אַז יערליך ווערן דאָרט אָנגענומען 60 סטודענטן, באַקומען מיר אַז די צאָל סטודענטן אין דער דאָזיקער ייִדישער הויכשול באַטרעפט 180, אַזוי אַז אַרום און אַרום האָבן די ייִדישע אָפּטיילונגען ביי די הויכשולן גע־ציילט אין 1926/27 בערך 500 סטודענטן און אין די ייִדישע אַרבעטער־פאַקולטעטן האָבן זיך געלערנט 111 צוהערער. אין 1927/28 לערניאָר האָט זיך אויך געגרינדעט אַ ייִדישע אָפּטיילונג ביים אַרבפאַק פונם ווייסרוסישן מלוכה־אוניווערסיטעט אין מינסק מיט 30 סטודענטן.

אויפן געביט פון אַגראָנאָמישער הויכבילדונג פונקציאָנירט אַ ייִדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניקום (אַגראָנאָמישער אינסטיטוט) אין דער קאָלאָניע נאַחאַפּאָלטאַוקע מיט אַ 4־יאָריקן קורס, אין 1926/27 לערן־יאָר האָט דער טעכניקום געציילט 194 סטודענטן. אין 1926/27 איז געעפנט געוואָרן אַ ייִדישע קאַטעדרע ביי דער האָרקער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַקאַ־דעמיע אין ווייסרוסלאַנד.

צו דער קאַטעגאָריע הויכשולן דאַרף מען אויך צורעכענען דעם ייִדישן סעקטאָר ביים קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר די מערב־פעלקער, וועלכע שטעלט זיך דעם ציל צוצוגרייטן קוואַליפיצירטע קאָמוניסטישע פאַרטיי־ און סאָוויעטן־טוער.

אויפן געביט פון ייִדישער וויסנשאַפט עקזיסטירט אַ ייִדישע אָפּטיילונג ביים אינסטיטוט פאַר ווייסרוסישער קולטור („אינבעלקולט") אין מינסק. ביי דער דאָזיקער ייִדישער אָפּטיילונג פונקציאָנירט אַ היסטאָרישע קאָמיסיע צו באַאַרבעטן די אַרכיוון פון די אַלגעמיינע און ייִדישע אַנשטאַלטן און צו זאַמלען בכלל היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן ייִדישן לעבן אין ווייסרוסלאַנד; אַ ליטעראַרישע קאָמיסיע און אַ לינגוויסטישע, וועלכע אַרבעט אויס אַ ייִדישע טערמינאָלאָגיע אויף וויסנשאַפט־לעכע און אַדמיניסטראַטיווע געביטן און גרייט צו אַן אַקאַדעמישן ווערטער־

בוך, אריך אין אוקראַינע האָט זיך געעפנט אין 1926/27 אַ קאַטעדרע פאַר יידישער קולטור ביי דער אַלאוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין קיעוו מיט 4 סעקציעס — יידישע שפּראַך, ליטעראַטור, געשיכטע און סאָציאַל-עקאָנאָמיע.

סך הכּל פונקציאָנירן איצט אין סאָוויעטישן־פאַרבאַנד 6 יידישע אָפּטיילונגען ביי די הויכשולן, 3 אַרבפאַקן און 2 וויסנשאַפטס־אַנשטאַלטן. דאָס זענען בלי ספק גרויסע דערגרייכונגען, וואָס האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער יידישער מאָדערנער קולטור אין אַלע לענדער.

### פאַרשידענע קולטור־אַנשטאַלטן.

די יידישע קולטור-אַנשטאַלטן פאַר דערוואַקסענע, ווי קלובן, אָוונט־קורסן, לייענשטיבלעך א. א., טראָגן אין סאָוויעט-רוסלאַנד אַן אויסגעשפּראָכן פּאָליטישן כאַראַקטער און ווערן דאָרט דעריבער קוואַליפיצירט אַלס פּאָליטאויפקלער אַנשטאַלטן. דידאַקטישע אינסטיטוציעס קאָנען אָבער צעטיילט ווערן אויף צוויי קאַטעגאָריעס — ריין פאַרטייאישע און אַזעלכע, וואָס צוגלייך מיט פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע ווערט געפירט אַן אַלגעמיינע קולטורעלע אַרבעט. דידאַקטישע אַנשטאַלטן קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אינסטיטוציעס פאַר אויסערשול-בילדונג. וועגן דער צאָל יידישע קולטור-אַנשטאַלטן אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד האָבן מיר גענויע ידיעות נאָר אויף דעם 1-טן נאָוועמבער 1925 1).

| | |
|---|---|
| יידישע קלובן און יידישע אָפּטיילונגען ביי די אַלגעמיינע קלובן | 180 |
| " ביבליאָטעקן " " " " " " ביבליאָטעקן | 150 |
| " דאָרפהייזער " " " " " " דאָרפהייזער | 62 |
| " לייען־שטיבלעך | 57 |
| " פונקטן צו ליקווידירן אַנאַלפאַבעטיזם | 391 |
| " אָוונט-שולן פאַר דערוואַקסענע | 80 |
| סך-הכּל | 920 |

פאַרן יאָר 1926/27 האָבן מיר ידיעות נאָר בנוגע אוקראַינע, ווו עס האָבן פונקציאָנירט אַזוינע אַנשטאַלטן 2).

---

1) „עמעס“ נומ. 284 פונם 12 דעצעמבער 1925. מיר ברענגען נישט די ציפער וועגן די אַנשטאַלטן, וואָס טראָגן אַ ריין פאַרטייאישן כאַראַקטער (פאַרטייאישע און פּאָליטישע שולן), אָדער עקזיסטירן ביי די לייען־שטיבלעך, קלובן א. אַ. (למשל וואַנט-צייטונגען, פאַרשידענע קרייזלעך א. אַ. וו.)

2) „עמעס“ נומ. 255 פונם 6 נאָוועמבער 1927.

| | |
|---|---|
| יידישע קלובן און יידישע אָפּטיילונגען ביי אַלגעמיינע קלובן | 195 |
| „ ביבליאָטעקן „ „ „ „ „ ביבליאָטעקן | 289 |
| „ דאָרפהייזער „ „ „ „ „ דאָרפהייזער | 103 |
| „ לייענשטיבלעך | 191 |
| „ פּונקטן צו ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם | 520 |
| סך־הכּל | 1.298 |

די דאָזיקע ציפערן באַווייזן, אַז אין אוקראַינע אַליין איז די צאָל אַנשטאַלטן פאַר אויסערשולבילדונג אין 1927 געוואָקסן גרעסער ווי אינם גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד אין 1925. דאָס באַווייזט, אַז אויף אוקראַינע איז אין דעם פּרט אין 1926 און 1927 אַנטוויקלט געוואָרן אַ זייער ברייטע טעטיקייט. באַזונדערס וויכטיק איז די אַרבעט פון די פּונקטן צו ליקווידירן אַנאַלפאַבעטיזם און די אָוונט־שולן. פאַר די יאָרן מלחמה־ און בירגער־קריג האָט זיך צווישן די יידישע מאַסן אָנגעזאַמלט אַ היפּשע צאָל עם־הארצים, וואָס קענען נישט לייענען און שרייבן אויף קיין שפּראַך, אויך אויף יידיש. ליידער האָבן מיר נישט קיין ציפערן וועגן דער צאָל צוהערער, וואָס זענען דורכגעגאַנגען פאַר די לעצטע יאָרן דורך די דאָזיקע פּונקטן. יעדנפאַלס האָבן אַ סך טויזנטער יידישע דערוואַקסענע ליקווידירט זייער אַלגעמיינע און יידישע אַנאַלפאַבעטישקייט און אַ היפּשע צאָל האָט באַקומען עלעמענטאַרע בילדונג אויף די אָוונט־קורסן, ווו ס'ווערט געלערנט די יידישע און לאַנד־שפּראַך, אַריטמעטיק און פּאָליטישע לימודים.

שוואַכער ווערט געפירט די אויסערשולבילדונג אין ווייסרוסלאַנד. אין באַריכט פון דער יידישער סעקציע ביים צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד ווערט אָנגעוויזן, אַז קיין ספּעציעלע אָזוינע יידישע אַנשטאַלטן פונקציאָנירן נישט און מחמת דעם טראָגט זי אַ צופעליקן כאַראַקטער. „אין די פאָלקסהייזער געפינען זיך זייער ווייניק יידישע ביכער, קיין אָרגאַניזירטע אָפּטיילונגען ביי די ביבליאָטעקן זענען כמעט נישטאָ" און דערצו קאָכן נאָך אָפט די טוער פון די פאָלקסהייזער נישט די יידישע שפּראַך 1). בעסער זענען אין ווייסרוסלאַנד אַוועקגעשטעלט די יידישע אָוונט־שולן. אין דעם פּרט פאַרנעמט ווייסרוסלאַנד דעם ערשטן פּלאַץ, אין 1927 איז דאָרט געווען 53 יידישע אָוונט־שולן.

צו די אויסערשול־אַנשטאַלטן דאַרף מען אויך צורעכענען די דריי

1) „אָקטיאַבר" נומ. 143, פונם 28־טן יולי 1926.

פאָלקס-אוניווערסיטעטן אין אָדעס, מינסק און באָברויסק, ווי די צוהערער קריגן אַ ברייטערע בילדונג אויף פאַרשידענע געביטן.

מ׳דאַרף באַמערקן, אַז די יידישע אַנשטאַלטן פאַר אויסערשולבילדונג ליידן (ווי די יידישע שול בכלל) זייער שטאַרק פון מאַנגל אין קוואַליפיצירטע טוער, לערן-מכשירים, אינוועטאַר און ליטעראַטור. נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן וואַקסט די נעץ אַנשטאַלטן מיט אַן אויסערגעוויינלעך שנעלן טעמפּ.

וואָס אָנבאַלאַנגט אַנדערע געביטן פון נאַציאָנאַלער קולטור דאַרף מען אין דער ערשטער רייע פאַרצייכענען די דערגרייכונגען פונעם יידישן טעאַטער אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד. אונטער דער צאַרישער הערשאַפט האָט דער יידישער טעאַטער נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען, ס׳איז אַפילו געווען פאַרבאָטן צו שפּילן אויף דער יידישער שפּראַך, און די יידישע אַרטיסטן זענען געצוווּנגען געווען צו קריגן דערלויבענישן אויף פאָרשטעלונגען אין דער „דייטשער“ שפּראַך. דער יידישער טעאַטער האָט דערגרייכט ערשט נאָך דער רעוואָלוציע געוויסע שאַפן זיינע פאָרמען און האָט פאַר אַ קורצער צייט דערגרייכט וויכטיקע רעזולטאַטן. באַזונדערס איז נויטיק אונטערצושטרייכן די טעטיקייט פונעם יידישן אַקאַדעמישן טעאַטער אין מאָסקווע, וועלכע האָט שוין באַוויזן צו דערוווּרבן פעסטע פּאָזיציעס אין דער קינסטלערישער וועלט און האָט אין 1926 אַפילו געקראָגן אַן ערן-דיפּלאָם אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קונסט-אויסשטעלונג אין פּאַריז. אין 1926/27 האָבן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד עקזיסטירט 3 יידישע מלוכה-טעאַטערן — אין מאָסקווע, כאַרקאָוו און מינסק.

רעדנדיק וועגן יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד דאַרף מען נאָך דערמאָנען דעם אַלגעמיין באַקאַנטן העברעישן טעאַטער „הבימה“, וועלכער האָט זיך אַ לענגערע צייט גערעכנט פאַר אַ מלוכה-טעאַטער און איז סובסידירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטן-רעגירונג. אַדאַנק דעם עקשנותדיקן קאַמף פון דער „יעווסעקציע“ איז די „הבימה“ אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם רעיעסטר פון די מלוכה-טעאַטערן, נישט געקוקט אויף דער פולער סימפּאַטיע און אָנערקענונג מצד דעם בילדונגס-קאָמיסאַריאַט 1).

פון אַנדערע יידישע נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַנשטאַלטן דאַרף מען דערמאָנען די יידישע מוזייען. פאַר דער רעוואָלוציע האָט עקזיסטירט באַר 1 יידישער מוזיי אין פּעטערבורג, אונטער דער סאָוויעטן-רעגירונג זע-

---

1) מיר שטעלן זיך נישט אָפּ אויף די פּריוואַטע יידישע טעאַטערן, וועלכע פונקציאָנירן אין פאַרשידענע שטעט אין סאָוויעט-רוסלאַנד, מייסטנס שטייען זיי נישט אויף דער געהעריקער קינסטלערישער הויך.

נען געשאַפן געוואָרן 2 מוזייען: דער יידישער מוזיי אויפן נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים אין אָדעס און די יידישע אָפטיילונג ביים ווייסרוסישן מלוכה-מוזיי אין מינסק. אין די־דאָזיקע מוזייען זענען קאָנצענטרירט די דענקמעלער פון יידישער קולטור און קונסט.

אין אַלגעמיין ווערט אויף אַלע געביטן פון יידישן קולטורעלן לעבן געפירט אַ פילזייטיקע אַרבעט אין אַ זייער גרויסן פאַרנעם. די יידישע קאָמוניסטן באַשטייען נאָך ביז איצט קאַטעגאָריש דערויף, אַז זיי שטעלן זיך נישט קיין שום נאַציאָנאַלע צילן און אַז די יידישע שפּראַך איז ביי זיי נאָר אַ מיטל פאַר קאָמוניסטישער דערציאונג פון די יידישע מאַסן; עס לאָזן זיך אפילו הערן שטימען, אַז קיין יידישע נאַציאָנאַלע קולטור איז בכלל נישטאָ. פאַקטיש אָבער פירן די יידישע קאָמוניסטן אַ גרויסע קולטורעלע אַרבעט, וועלכע שפּילט אָביעקטיוו אַ וויכטיקע נאַציאָנאַליזירנדיקע ראָלע. אין דעם פּרט זענען באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש די פייערונגען פון די 10-יאָריקע יאָרצייטן פון שלום-עליכמען און מענדעלע מוכר-ספרים, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אין גראַנדיעזן מאַסשטאַב אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד. די פייערונגען האָבן געטראָגן אַ מלוכהשן כאַראַקטער און אין זיי האָבן זיך באַטייליקט אויך געוויסע טיילן פון דער נישט-יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסערע צענטרען.

די יידישע קאָמוניסטן פירן די לעצטע יאָרן, נישט געקוקט אויף דער איינזייטיקייט און אַ סך פעלערן, אַ וויכטיקע יידישע קולטורעלע אַרבעט.

**יידישע פרעסע און פאַרלאַגס-אַרבעט.** אין פּעריאָד פון „מיליטערישן קאָמוניזם“, ווען אַלע דרוקעריען און דאָס גאַנצע פּאַפּיר איז נאַציאָנאַליזירט געוואָרן, זענען אין פאַרשידענע שטעט פון סאָוויעטישן פאַרבאַנד דערשינען יידישע קאָמוניסטישע צייטונגען 1). אין משך פון 1920/21 איז אין רוסלאַנד אַרויסגעגעבן געוואָרן 32 יידישע צייטונגען און זשורנאַלן 2). דער טיראַזש פון די־דאָזיקע אויסגאַבן איז געווען איבערגעוויינלעך קליין און האָט באַטראָפן 150—200, העכסטנס 500 עקזעמפּלאַרן 3). אונטערן „נעפּ“, ווען דאָס צייטונגס-וועזן איז איבערגעפירט געוואָרן אויף אייגענער אויסהאַלטונג, זענען אין עטלעכע וואָכן אונטערגעגאַנגען 26 פון די דערמאָנטע 32 יידישע אויסגאַבן 4).

1) ווי באַקאַנט דערשיינען אין רוסלאַנד נאָר קאָמוניסטישע צייטונגען, קיין אַנדערע פרעסע-אויסגאַבן ווערן נישט דערלויבט.
2) ש. אַגורסקי. „דער יידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג“, מינסק 1925, זייט 102.
3) דאָרט, זייט 103.
4) דאָרט, זייט 105.

אָנהויב 1928 זענען אין גאַנצן סאָוויעטישן פאַרבאַנד דערשינען 23 צייטשריפטן אין דער יידישער שפּראַך, בתוכם 3 טעגלעכע צייטונגען („עמעס", מאָסקווע, „שטערן" — כאַרקאָוו, „אָקטיאַבר" — מינסק). לויט די רעפּובליקן און פּעריאָדישקייט טיילן זיך די יידישע צייטשריפטן אַזוי:

| | אוקראַינע | ווייסרוסלאַנד | ר.ס.פ.ס.ר. | בסך הכל |
|---|---|---|---|---|
| טעגלעכע | 1 | 1 | 1 | 3 |
| וועכנטלעכע | 3 | 1 | — | 4 |
| צוויי מאָל אַ וואָך | — | 1 | — | 1 |
| צווייוועכנטלעכע | 3 | — | 1 | 4 |
| 3 מאָל אין חודש | 1 | — | — | 1 |
| חודשלעכע | 3 | 1 | 3 | 7 |
| צווייחדשימדיקע | 1 | — | — | 1 |
| פּעריאָדיש | 2 | -- | — | 2 |
| צוזאַמען | 14 | 4 | 5 | 23 |

חוץ די צייטשריפטן אויף יידיש דערשיינט נאָך אין מאָסקווע אַ צוויי-וועכנטלעכער זשורנאַל „טריבונאַ" פון דער יידישער סאָוויעטישער געזעלשאַפטלעכקייט (אויסגאַבע פון „אָזעט") אין דער רוסישער שפּראַך. אין 1928 האָבן זיך אָפּגעשטעלט 2 מאָנאַטלעכע קאָמיוגישע זשורנאַלן „יונג-וואַלד" און „פּיאָנער". אַזוי אַרום דערשיינען איצט אין רוסלאַנד 22 יידישע צייטשריפטן, דערפון 21 אין דער יידישער שפּראַך.

די צאָל יידישע צייטשריפטן איז זייער אַ קליינע, באַזונדערס אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער. אין פּוילן, וואָס ציילט בערך אַזאַ יידישע באַפעלקערונג ווי דער סאָוויעטישער פאַרבאַנד, דערשיינען 145 יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן, דערפון 19 טעגלעכע צייטונגען. אין פּוילן איז אויף אַזאַ אופן די יידישע פּרעסע כמעט 7 מאָל גרעסער ווי אין סאָוויעט-רוסלאַנד! מ'דאַרף דערביי נעמען אין אַכט די גרויסע נעץ יידישע סאָוויעטישע און קולטור-אינסטיטוציעס, וואָס דערציען אַ יידישן לעזער, און פונדעסטוועגן איז די יידישע פּרעסע אין רוסלאַנד אַ סך קלענער, ווי אין אַנדערע לענדער.

אין דער טיראַזש פון דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד איז זייער אַ באַגרעניצטער. די 3 טעגלעכע יידישע צייטונגען האָבן לויט די אָפּי-

ציעלע סאָוויעטישע ידיעות אַ טיראַזש פון 30.000 עקזעמפּלאַרן, דאָס הייסט, אַז אַלע יידישע טעגלעכע צייטונגען אין רוסלאַנד האָבן אַ קלענערן טיראַזש ווי דער „מאָמענט“ אָדער „היינט“ אין ווארשע. אין רוסלאַנד קומט אויס איין יידישע צייטונג אויף 93 יידישע איינוווינער, בשעת אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע ווערט פאַרשפּרייט דורכשניטלעך 1 יידישע צייטונג אויף 8 יידישע איינוווינער 1). אויך דער טיראַזש פון די ספּעציעלע זשורנאַלן איז זייער קליין. דער צענטראַלער יידישער פּעדאַגאָגישער זשורנאַל „אויף די וועגן פון דער נייער שול“ דערשיינט אין 1928 יאָר אין אַן אויפלאַגע פון 1000 עקזעמפּלאַרן, ד. ה. אַז אַפילו אַ גרויסער טייל בילדונגס-אַנשטאַלטן אַבאָנירט נישט דעם זשורנאַל.

די פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַלן — „די רויטע נאָדל“ און די „גאַרבערשטימע“ זענען אין 1925 איינגאַנצן אונטערגעגאַנגען און נאָר מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג האָט זיך איינגעגעבן אין 1926 ווידער אַרויסצולאָזן „די רויטע נאָדל“. ס'איז שווער צו דערקלערן די סיבות פון אַזאַ קליינעם טיראַזש פון דער יידישער פּרעסע, באַזונדערס אין פאַרגלייך מיט דער פאַרשפּרייטונג פון די יידישע צייטונגען אין אַנדערע לענדער, יעדנפאַלס איז קלאָר, אַז די יידישע מאַסן לייענען דער עיקר די אַלגעמיינע פּרעסע און נישט די יידישע. דאָס באַשטעטיקן אויך די באַריכטן פון די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס און די קאָרעספּאָנדענטן פון די יידישע צייטונגען.

פיל בעסער איז די לאַגע אויפן יידישן ביכער-מאַרק. דער קאָלאָסאַלער חוקס פון דער יידישער בילדונגס-נעץ און די אויסבויאונג פון די יידישע סאָוועטישע אַנשטאַלטן האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן נאָכפרעג אויפן יידישן בוך און אַדאַנק דעם האָט זיך די פאַרלאַגס-אַרבעט פאַר די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט מיט אַ זייער שנעלן טעמפּ.

## יידישע פאַרלאַגס-אַרבעט אין סאָוועטישן פאַרבאַנד 2)

| | 1923 | 1924 | 1925 | 1926 | 1927 |
|---|---|---|---|---|---|
| צאָל נעמען | 48 | 83 | 208 | 227 | 294 |
| צאָל בויגן | 266 | 522 | 1.028 | 1.293 | 1.809 |
| צאָל עקזעמפּלאַרן (אין טויזנטער) | 155 | 320,6 | 798,4 | 830,6 | 1.182 |

1) דער טיראַזש פון די טעגלעכע יידישע צייטונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אין 1922 באַטראָפן 452.567 עקז. ד. ה. איין צייטונג אויף 8 יידישע איינוווינער (זע „בלעטער פאַר יידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק“, נומ. 3, זייטן 206—208).

2) אַ. גוסינאָוו. „עמעס“ נומ. 39 פונעם 17 פעברואַר 1926, נומ. 104 פונעם 11-טן מאַי 1927 און נומ. 85 פונעם 10 אַפּריל 1928.

די דאָזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז פאַר 4 יאָר איז די יידישע פאַרלעגעריי פאַרגרעסערט געוואָרן אויף 600 פּראָצענט. לויט די איינצלנע געביטן טיילן זיך די אויסגאַבן פון 1927 אַזוי: [1]

| געביט | צאָל נעמען | % |
|---|---|---|
| לערנביכער און מעטאָדיק . . . . . . . . | 51 | 17,4 |
| געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע ליטעראַטור . | 46 | 15,6 |
| וויסנשאַפטלעכע און פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור . . . . . . . . . . | 35 | 11,9 |
| קינדער-ליטעראַטור . . . . . . . . . | 39 | 13,4 |
| בעלעטריסטיק און פּאָעזיע . . . . . . . . | 27 | 9,2 |
| ליטעראַטור און קונסט-קריטיק . . . . . . | 2 | 0,7 |
| לאַנדווירטשאַפט און קאָאָפּעראַציע . . . . . | 19 | 6,4 |
| זאַמלביכער און פּעריאָדיק . . . . . . . . | 69 | 23,4 |
| פאַרשידענע . . . . . . . . . . . | 6 | 2,0 |
| סך הכל . . . . . . . . . . . . . | 294 | 100,0 |

דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנעמען די לערנביכער, וואָס באַדינען די גרויסע יידישע שול-נעץ. אויפן צווייטן אָרט גייט די יידישע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע ליטעראַטור, וועלכע עס ווערט אָפּגעגעבן די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פון די קאָמוניסטישע פאַרלאַגן. שוואַכער שטייט עס מיט דער שיינער ליטעראַטור, באַזונדערס מיט דער בעלעטריסטיק, אין וועלכער עס פילט זיך אַ שטאַרקער מאַנגל.

אין אַלגעמיין פאַרנעמט איצט רוסלאַנד איינעם פון די וויכטיקסטע פּלעצער אויפן געביט פון יידישער פאַרלעגעריי [2].

---

1) אַ. נאַסינזאָן, „עמעס“ נומ. 85 פונעם 10-טן אַפּריל 1928.

2) באַמערקונג. אין דער רוסישער סטאַטיסטיק ערשיינען [illegible] אויסגאַבן וועגן יידישע פראַגן. פון צייט צו צייט ווערן אויך פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס פון נאָמען אַרויסגעגעבן איינצלנע ביכער און בראָשורן.

שלוס=באטראכטונגען

מיר האָבן געבראַכט אויספירלעכע ידיעות וועגן דער אויסווירקונג פון די איינצלנע עטאַפּן פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אין דער יידישער סביבה, וועגן דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן עקאָנאָמישן, פּאָליטיש-געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַל-קולטורעלן געביט און קאָנען איצט אונטערפירן אַ קורצן סך-הכל, פעסטשטעלן דעם אַקטיוו און פּאַסיוו פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אויף דער יידישער גאַס. אין דער ערשטער רייע דאַרף מען פאַרצייכענען, אַז די רעוואָלוציע מיט איר שטורם אויפן אַלטן סדר, מיט איר שאַרפן קאַמף קעגן דער פּריוואַטער איניציאַטיוו האָט זיך אין דער יידישער סביבה אויסגעדריקט אין אַ סך שווערערע פאָרמען ווי ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. אמת, די יידן בילדן נישט קיין זעלבשטענדיקן אָרגאַניזם אין רוסלאַנד, זיי זענען דאָרט ווי אין אַלע לענדער פאַרבונדן מיטן אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פונעם לאַנד, און די פּראָצעסן וואָס קומען פאָר אין אַלרוסלענדישן מאָסשטאַב, קומען אויך פאָר אין דער יידישער סביבה. אָבער צוליב דעם ספּעציפישן יידישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, דעם אייגנאַרטיקן אומנאָרמאַלן סאָציאַלן בוי פון דער יידישער מאַסע, האָט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס ביי יידן אַרויסגערופן מער קרענקלעכע דערשיינונגען, ווי ביי די איבעריקע פעלקער פונעם סאָוויעטישן פאַרבאַנד. ביי דער יידישער באַפעלקערונג מיט איר גרויסער צאָל הענדלערשע און אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן איז דער רויִנירונג-פּראָצעס אַ סך שטאַרקער ווי ביי אַנדערע נאַציעס און ממילא איז צווישן די יידישע מאַסן שווערער צו פירן די אויפבוי-אַרבעט, צו שאַפן אַרבעט-מעגלעכקייטן פאַר די אויסגעשטויסענע. כדי זיך צוצופּאַסן צו דער סאָוויעטישער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָרדנונג, צו ווערן פולבאַרעכטיקטע בירגער פון דער סאָוויעטישער מלוכה,

האָט בערך אַ העלפט פונם רוסישן יידנטום געדאַרפט אומבייטן די סאָציאַ-
לע פיזיאָגנאָמיע, איבערגיין פון האַנדל-וואַנדל צו פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס.
אַזאַ אומשיכטונג-פּראָצעס קומט ווירקלעך פאָר צווישן דער
יידישער באַפעלקערונג. די אַגראַריזאַציע פון בערך 20.000 יידישע משפּחות,
די אויסבילדונג פון אַ גרויסן קלאַס יידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע,
דאָס אַריינדרינגען פון אַ געוויסער צאָל יידישע באַאַמטע אין דער שווע-
רער אינדוסטריע, דער איבערגאַנג פון אַ טייל יידישע אַרבעטער פונם
קליינעם וואַרשטאַט אין דער גרויסער פאַבריק — די דאָזיקע פּראָדוקטיוויזי-
רונג-דערשיינונגען פון די לעצטע יאָרן האָבן געענדערט די פּראָפעסיאָנעלע
און סאָציאַלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד.
אָבער ביז איצט דויערט נאָך די רויניר ונג פון ברייטע שיכטן פון
דער יידישער באַפעלקערונג, די אַרויסשטויסונג פון גרויסע מאַסן יידן פון
זייערע פּאָזיציעס און כדי אונטערצופירן אַ סך-הכל איז נויטיק פעסטצו-
שטעלן, וועלכע פּראָצעסן זענען שטאַרקער: דער חורבן אָדער דער אויפ-
בוי, די פּאַופּעריזאַציע אָדער די פּראָדוקטיוויזאַציע.

די לוין-אַרבעט איז אונטער דער סאָוויעטנמאַכט שטאַרק אויס-
געוואַקסן אויף דער יידישער גאַס, דער וווּקס איז אָבער געגאַנגען אויס-
שליסלעך אויפן חשבון פון די אָנגעשטעלטע, פון די אינטעלעקטו-
עלע עלעמענטן, פאַרקערט, די צאָל יידישע אַרבעטער איז פאַרקלע-
נערט געוואָרן אין פאַרגלייך מיט דער פאַרמלחמהדיקער צייט. דער יידי-
שער אַרבעטערקלאַס האָט אַ סך געוווּנען אין איכות, אין די רייען פון
דער יידישער אַרבעטערשאַפט זענען פאָרגעקומען וויכטיקע רעקאָנסטרוקטי-
ווע פּראָצעסן, אָבער אין כמות האָט ער פאַרלוירן. און בכלל איז די
צאָל יידישע פּראָדוצירנדיקע און פיזישאַרבעטנדיקע
עלעמענטן פאַרמינערט געוואָרן, נישט געקוקט אויף דעם שטאַרקן וווּקס
פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט. די צאָל יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט
אין האַנטווערק, האָט שוין דערגרייכט כמעט דעם פאַרמלחמהדיקן ניוואָ 1),
אָבער דער מצב פונם יידישן בעל-מלאכה איז אַן אויסערגעוויינלעך שווערער.
צענדליקער טויזנטער יידישע קוסטאַרן און האַנטווערקער ליידן פון כראָ-

1) לויט דער ציילונג פון 1926 האָט די צאָל יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין מלאכה (זעלבשטענדיקע קוסטאַרן, האַנטווערקערישע אַרבעטער, לערניינגלעך) אַטראָפן בערך 240—250 טויזנט און האָט אַזוי אַרום שוין כמעט דערגרייכט די צאָל יידישע בעלי מלאכות אין 1998-טן יאָר. די צאָל זעלבשטענדיקע קוסטאַרן איז דערביי אפילו פאַרגרעסערט געוואָרן, פאַרקערט דער האַנטווערקישער יידישער פּראָלעטאַריאַט און באַזונדערס די צאָל לערניינגלעך האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט.

נישער אַרבעטלאָזיקייט און אַ טייל פון זיי ווערט אינגאַנצן דעקלאַסירט. אין אַ באַזונדערס שווערער לאַגע געפינט זיך דער אונטערוואַקסנדיקער יידישער דור, די יוגנט. אַ גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנטלעכער מאַסע האָט נישט קיין פאַך אין האַנט און קיין פערספעקטיוו אין דער נאָענטער צוקונפט. דער הויפט-רעזערוואַר, וואָס האָט געשפייזט די יידישע סביבה מיט נייע פראָדוצירנדיקע קרעפטן, איז געווען די מלאכה, אָבער דער האַנטווערק איז אין די סאָוויעטישע באַדינגונגען אַזוי גוט ווי פאַרשלאָסן פאַר דער יוגנט. די יידישע יוגנטלעכע ראַנגלען זיך פאַרן קיום, זיי זענען גרייט אויף די שווערסטע קרבנות, כדי צו קריגן אַ קוואַליפיקאַציע, כדי אַריינדרינגען אין דער פאַבריק און אין דער לאַנדווירטשאַפט, אָבער אַ גרויסער טייל, און אין די קליינע ישובים זאָגאַר די מערהייט, באַקומט נישט קיין אַרבעט-מעגלעכקייט און ווערט דעקלאַסירט. עס איז פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל הענדלער און פאַרמיטלער, עס איז אָבער דערפאַר אויסגעוואַקסן אַ גרויסע מחנה דעקלאַסירטע לופט-מענטשן אָן באַשטימטע פראָפעסיעס, וואָס האָט נישט קיין שום אויסזיכטן זיך איינצואָרדנען אויף אַרבעט. אונטערפירנדיק אַן אַלגעמיינעם סך הכל קומען מיר צום אויספיר, אַז די צעשטערונג-פראָצעסן זענען אין דער יידישער סביבה אַ סך שטאַרקער איידער דער אויפבוי, דאָס אָנערקענען איצט אויך די פירער פון די יידישע קאָמוניסטן. אויף דער באַראַטונג פון די יידטוער ביים צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ווייסרוסלאַנד אין יאַנואַר 1928 האָט ה' סשעמעריסקי דערקלערט: „מיר מוזן דאָך אָנערקענען, אַז דער וווקס פון אינדוסטריאַליזאַציע און קוסטאַרעריי, הגם זיי שוואַכן אָפ די קרענקלעכקייט פון די צעשטערנדיקע ווירקונגען פון דער סאָצבויאונג אויף די יידישע מאַסן און דער אַלטער עקאָנאָמיק, קאָנען נאָך נישט אַרומכאַפן אַלע אַרויסגעשטויסענע און צערואינירטע און אויך די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט" („עמעס", נומ. 26 פונם 31-טן יאַנואַר 1928). מ'דאַרף דערצו נאָך צוגעבן, אַז אין יאָר 1928 איז די לאַגע פון די יידישע מאַסן אַ סך פאַרערגערט געוואָרן, און די צאָל אַרויסגעשטויסענע און דעקלאַסירטע איז פאַר דער צייט נאָך מער אויסגעוואַקסן. עס האָט זיך געשאַפן אַ ספעציעלע יידישע „שער" — אַ דיספראָפאָרץ פון דער צאָל רואינירטע און איינגעאָרדנטע: די צאָל אַרויסגעשטויסענע יידישע עלעמענטן איז אַ סך גרעסער פון דער צאָל איינגעאָרדנטע. די פאַופעריזאַציע איז ביי יידן אַ סך שטאַרקער פון דער פראָדוקטיוויזאַציע, דאָס איז דער הויפט-סך-הכל אויפן עקאָנאָמישן געביט.

ווו איז דער אויסוועג פון דערדאָזיקער פאַרצווייפלטער לאַגע? וועלכע פערספעקטיוון עפענען זיך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין רוס-

לאַנד אין דער נאָענטער צוקונפט? איז אַ באַשטימטער טייל פונם רוסישן יידנטום פאַרמשפט צום אונטערגאַנג אָדער עס זענען פאַראַן אויסזיכטן צו פאַרבעסערן די לאַגע? די לעצטע יאָרן איז די הויפט-אַרפמערקזאַמקייט פון דער יידישער עפנטלעכקייט אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד געווען געווענדעט אויף דער קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון די יידישע מאַסן אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד. דידאָזיקע פּראָצעסן — דער איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט און דאָס אַריינדרינגען אין דער פאַבריק — האָבן זיך אָנגעהויבן ספּאָנטאַניש און האָבן נאָכדעם באַקומען אַ קרעפטיקע אונטערשטיצונג מצד דער סאָוויעטן-רעגירונג און איצט קאָן מען שוין קאָנסטאַטירן וויכטיקע דערגרייכונגען אויף דידאָזיקע געביטן. די יידישע קאָלאָניזאַציע גייט דערפאָלגרייך און מיט אַן אויסערגעוויינלעכן שנעלן טעמפּ, דאָס איז באמת אַן אויפטו פון היסטאָרישער באַדייטונג. די קאָלאָניזאַציע קאָן אָבער בכל אופן נישט פאַרענטפערן די פּראָבלעם פון אַרבעטס-באַשאַפונג אין דער יידישער סביבה. די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן האָט באַוויזן, אַז העכסטנס קאָנען יערלעך באַזעצט ווערן אויפן לאַנד 4000 משפחות (20.000 נפשות), דידאָזיקע צאָל איז אַן און פאַר זיך זייער גרויס, זי איז אָבער קלענער אפילו פונם נאַטירלעכן צוואוקס, וואָס דערגרייכט ביז 30—40 טויזנט נפשות אַ יאָר. דער בירא-בידזשאַנער פּלאַן, וואָס האָט לויטן אויסדרוק פון אַן אָנגעזעענעם פירער פון די יידישע קאָמוניסטן „געלייזט די יידישע פראַגע“ איז נאָך זייער ווייט פון רעאַליזירונג. כדי צו שאַפן אַ גרויסן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב אין בירא-בידזשאַנער מדבר מוז מען איבערווינדן אומגעהייערע שוועריקייטן און אַריינלייגן קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלן, וועלכע די רעגירונג קאָן ביים איצטיקן שווערן פינאַנציעלן צושטאַנד נישט אַסיגנירן. אין בעסטן פאַל אפילו וועט בירא-בידזשאַן קאָנען איינזאַפּן אַן ערך 2000 משפחות אַ יאָר (אַ זייער אָפּטימיסטישע השערה) און וועט נישט קאָנען איינשלינגען די אַרבעטלאָזע יידישע מאַסע.

אויך אויפן געביט פון אינדוסטריאַליזאַציע, פון אַריינציען די יידישע מאַסן אין דער גרויס-אינדוסטריע דאַרף מען זיך נישט שאַפן קיין גרויסע אילוזיעס. אין די יאָרן פון ווירטשאַפטלעכן ווידעראויפבוי זענען צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער אַריבערגעוואָרפן געוואָרן פון די קליינע וואַרשטאַטן אין די פאַבריקן פון דער רייכער אינדוסטריע. אויך אין דער שווערער אינדוסטריע זענען אַריינגעדרינגען עטלעכע טויזנט יידישע אַרבעטער. אָבער דער אינדוסטריאַליזירונגס-פּראָצעס גייט אין דער יידישער סביבה זייער לאַנגזאַם און שטויסט זיך אָן אויף גרויסע שוועריקייטן. דער אויפשטעלונגס-פּראָצעס פון דער רוסישער אינדוסטריע האָט זיך שוין פאַרענדיקט, אין די צאָל נייע אויפגענומענע אַרבעטער אין דער גרויס-אינ-

דוסטריע הערט פון יאָר צו יאָר קלענער. דערביי איז, צוליב דער אומגעהויערער אַגראַרישער איבערבאַפעלקערונג, דער צופלוס פון דאָרף אין שטאָט אַריין זייער גרויס. די אַרבעטסלאָזיקייט אין לאַנד וואַקסט בליקשנעל און צווישן די יידישע אַרבעטער, וואָס ציילן זייער ווייניק קוואַליפיצירטע עלעמענטן, איז זי אַ סך גרעסער ווי ביי דער אַרבעטערשאַפט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. בלי ספק וועלן אין די נאָענטסטע יאָרן נאָך טויזנטער יידן אַריינגעצויגן ווערן אין דער פאַבריק, אָבער ווייט נישט אין אַ גענוגנדער מאָס. די אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלאָניזאַציע צוזאַמען זענען נישט ביכולת צו באַזייטיקן די ספּעציעלע יידישע „שער", צו שאַפן אַרבעטס-מעגלעכקייטן פאַר אַלע אַרויסגעשטויסענע יידישע עלעמענטן און פאַר דער אויסוואַקסנדער יוגנט.

גרעסערע פּערספּעקטיוון עפענען זיך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין האַנטווערק. די האַנטווערקישע אינדוסטריע האָט זיך בכלל אַרויסגעוויזן אַ סך שטאַנדהאַפטיקער און קאָנקורענצפעיקער ווי מען האָט עס טעאָריש פאָראויסגעזען. אַפילו אין דייטשלאַנד מיט איר שטאַרק אַנטוויקלטער גרויס-אינדוסטריע האָט די מלאכה נישט נאָר איינגעהאַלטן אירע פּאָזיציעס, נאָר די צאָל האַנטווערקישע וואַרשטאַטן האַלט אין איין וואַקסן. אַ פּשיטא שוין, אַז אין אינדוסטריעל-אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד וועט נאָך דאָס האַנטווערק שפּילן אַ גרויסע ראָליע איןווירטשאַפטלעכן לעבן. דער רוסישער מאַרק וועט נאָך לאַנגע יאָרן ליידן פונם סחורה-הונגער. רוסלאַנד האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע וויכטיקסטע אינדוסטריעלע ראַיאָנען — פּוילן, וועלכע פלעגט צושטעלן גרויסע מאַסן סחורות פאַר די ווייטסטע רוסישע מערק. דער אימפּאָרט פון אויסלאַנד איז צוליב דעם מאַנגל אין קאַפּיטאַל שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן, און דער סאָוויעטישער פאַרבאַנד איז אָנגעוויזן כמעט אויסשליסלעך אויף דער אייגענער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, וועלכע קלעקט כלל וכלל נישט צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג אין פאַבריקאַטן. דער דוחק אין סחורות אין לאַנד וועט זיך נאָך לאַנג לאָזן פילן, און טיילווייז וועט די קוסטאַריש-האַנטווערקישע אינדוסטריע שטילן דעם הונגער אין אינדוסטריעלע אַרטיקלען. ביי דידאָזיקע באַדינגונגען קאָן די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט אַ צאָלרייכן האַנטווערקישן קלאַס, זייער פיל דערגרייכן. די ק ו ס ט אַ ר י זאַ צ י ע פון דער יידישער יוגנט איז דאָס איינציקע און ראַציאָנעלסטע מיטל צו געבן אַ פּאַך די יידישע יוגנטלעכע, צו לינדערן די נויט פון דער גרויסער יידישער אַרבעטזוכנדער אַרמעע. דערביי זענען אומפאַרמיידלעך אינערלעכע מ י ג ר אַ צ י ע - פּ ר אָ צ ע ס ן, די אויסוואַנדערונג פון אַ גרויסער צאָל יידישע בעלי-מלאכות פונם איבערבאַפעלקערטן געוועזענעם „תחום" אין די

רוסישע גובערניעס, ווו דער נאָכפרעג אויף קוסטאַרישע אויסאַרבעטונגען איז זייער גרויס. דער דאָזיקער פּראָצעס קומט שוין פּאַקטיש פאַר און וועט זיך אין די נאָענסטע יאָרן בלי ספק פאַרשטאַרקן. מלאכה — דאָס איז דער וויכטיקסטער טעטיקייטס-געביט, אויף וועלכן די יידישע באַפעלקערונג קאָן כאַר זיך שאַפן וויכטיקע פּאָזיציעס. דעם דאָזיקן אויסוועג האָבן געפונען די יידישע מאַסן אַליין. נישט געקוקט אויפן שווערן קריזיס, וואָס עס לעבט איבער דאָס יידישע האַנטווערק, נישט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל אַרבעטלאָזע צווישן די יידישע קוסטאַרן, באַמערקט זיך אַ שטאַרקער דראַנג צו מלאכה, און נייע טויזנטער יידן גייען איבער צו קוסטאַרעריי. דאָ פילט זיך דער געזונטער חוש פון דער מאַסע, וועלכע שאַצט אָפּ דעם איצטיקן מצב אַלס אַ צייטווייליקן און זעט פאַר זיך פּערספּעקטיוון אין דער צוקונפט. די דאָזיקע קאָניונקטור צייכנט אויך אָן די ליניע, וואָס עס דאַרפן פירן די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זוכן צו געבן קאָנסטרוקטיווע הילף דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. צוגלייך מיט דער שטיצע פון דער קאָלאָניזאַציע דאַרף די יידישע עפנטלעכקייט אָפּגעבן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דעם יידישן האַנטווערק, אָרגאַניזירן פאַר אים די נויטיקע הילף דורך באַזאָרגונג מיט מאַשינעס און מעגלעכס מיט רויוואַרג, ווי אויך דורך דער שאַפונג פון אַ גרויסער נעץ האַנטווערקישע שולן און לערן-וואַרשטאַטן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך.

די אויסזיכטן פאַר דער האַנטווערקישער אינדוסטריע זענען, ווי געזאָגט, זייער גינסטיקע. די מלאכה קאָן שטעלן אויף די פיס אַ גרויסן טייל פון דער פּראָרעמטער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד און קאָן אין אַ באַדייטנדער מאָס לייזן דעם שווערן פּראָבלעם פון קוואַליפיקאַציע פון דער יידישער יוגנט. כדי אָבער דאָס האַנטווערק זאָל באמת קאָנען אויפבליען, כדי די מלאכה זאָל זיך גיך קאָנען פאַרפעסטיקן, כדי די האַנטווערקערשילעריי זאָל זיך אַנטוויקלען אין אַ ברייטן מאַסשטאַב איז נויטיק, אַז די די דעקרעטן פון דער סאָוויעטן-רעגירונג וועגן אונטערשטיצונג פון דער קוסטאַר-אינדוסטריע זאָלן טאַקע פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן, אַז די באַשטימונגען און צירקולאַרן וועגן באַזאָרגונג די האַנטווערקער מיט רויסטאָפן זאָלן דורכגעפירט ווערן און נישט בלייבן אויפן פּאַפּיר, ווי ביז איצט. און דער עיקר — עס מוזן געשאַפן ווערן גאַראַנטיעס, וועלכע זאָלן געבן דעם בעל-מלאכה די מעגלעכקייט זיך פילן זיכער אויף זיין פּלאַץ. דער פּאַקט, וואָס אין 1928-טן יאָר, דאָס הייסט דריי יאָר נאָך דער אָפיציעלער דעקרעטירונג פון אַ רייע הנחות און פּריווילעגיעס פאַרן האַנטווערקער-קלאַס זענען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד פאַרמאַכט געוואָרן פיל וואַרשטאַטן

פון קוסטאַרן-יחידים און עס זענען דערביי קאָנפיסקירט געוואָרן די רויסטאָפן און פערטיקע אויסאַרבעטונגען, האָט דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפ דער מלאכה אויף דער יידישער גאַס. דידאָזיקע רעפרעסיעס קעגן די קוסטאַרן, וואָס זענען אַ פועל יוצא פון דער זיגזאַגן-פאָליטיק פון דער סאָוויעטן-רעגירונג, שטייען אין דירעקטן ווידערשפרוך צו די אָפיציעלע דעקרעטן וועגן קרעפטיקער אונטערשטיצונג פון דער קוסטאַר-אינדוסטריע און שאַפן אַ פאַניק-שטימונג צווישן דער קוסטאַרישער באַפעלקערונג. נאָר ביי די געהעריקע רעכטלעכע גאַראַנטיעס, וואָס זיכערן די רויקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פונם קוסטאַר, איז מעגלעך (און נויטיק) דער אויפשטייג פון דער מלאכה און איר פאַרפעסטיקונג. דאָס איז חל נאַטירלעך אויך אויף אַנדערע ווירטשאַפטלעכע געביטן. דער דערפאָלג פון דער קאָלאָניזאַציע איז אויך אָפהענגיק פון דער פאָליטיק פון דער רעגירונג, די „אויסערארדנטלעכע מאָסמיטלען" פונם לעצטן יאָר בנוגע דעם פויערטום אָנען נישט סטימולירן דעם איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט, זיי קאָנען פאַרקערט אַרויסרופן גרויסע ספקות, אויף וויפיל עס איז בכלל צוועקמעסיק איבערגיין צו ערד-אַרבעט. אַ נאָרמאַלע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט איז מעגלעך נאָר ביי אַ קלאָרן סטאַבילן רעגירונגס-קורס, ביי אַ רעכטלעכער אָרדנונג, וואָס גאַראַנטירט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די כוחות און די איניציאַטיוו פון דער באַפעלקערונג. אין דער אַטמאָספער פון זיגזאַגן און שטענדיקע וואַקלונגען איז אוממעגלעך ראַדיקאַל צו פאַרבעסערן די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע בכלל און דעם מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג בפרט. דער גורל פונם יידישן קבוץ אין רוסלאַנד הענגט פולשטענדיק אָפ פון דער ווייטערדיקער ליניע פון דער סאָוויעטישער עקאָנאָמישער פאָליטיק.

## 2

אין פ אָ ל י ט י ש ע ר הינזיכט זענען די יידן פולבאַרעכטיקטע בירגער צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער פונם סאָוויעטישן פאַרבאַנד. די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס איז פראָקלאַמירט געוואָרן נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע און איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער צייטווייליקער דעמאָקראַטישער רעגירונג, האָט זיך אונטער דער סאָוויעטן-מאַכט נאָך מער פאַרפעסטיקט. די גלייכבאַרעכטיקונג איז נישט קיין דעקלאַראַטיווע, זי ווערט פאַקטיש דורכגעפירט אויף אַלע געביטן. אָבער די לעגענדע וועגן דער „יידישער הערשאַפט" אין רוסלאַנד, וואָס איז פאַרשפרייט צווישן ברייטע שיכטן אין אויסלאַנד, האָט נישט קיין שום גרונט אונטער זיך. די

צאָל קאָמוניסטן איז ביי יידן פאַרהעלטניסמעסיק קלענער ווי ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אַנדערע נאַציעס. דער פּראָצענט יידן צווישן די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע אין די שטעט פון דער יידישער קאָנצענטראַציע — אין אוקראַיִנע און ווייסרוסלאַנד — איז קלענער פון זייער פּראָפּאָרץ אין דער באַפעלקערונג. אַ רייע יידישע פּערזענלעכקייטן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און אין די רעגירונגס-אָרגאַנען, אָבער די יידן אַלס אַ נאַציע אינגאַנצן גענומען, בלייבן אין פּאָליטישער הינזיכט אַפילו הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער פונעם סאָוויעטישן פאַרבאַנד. די ספּעציפישע סאָציאַלע סטרוקטור פונעם יידישן פאָלק האָט אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויך אויפן פּאָליטישן לעבן פון די יידישע מאַסן. די יידן ציילן אַ סך אַ גרעסערן טייל פּאָליטיש-רעכטלאָזע (לויטן קלאַסן-פּרינציפּ), ווי די אַנדערע נאַציעס. דער פּראָצענט וואַלרעכטלאָזע איז ביי יידן עטלעכע מאָל גרעסער, ווי ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג, און מחמת דעם זענען די יידן שוואַכער פון אַנדערע פעלקער פאַרטראָטן אין די סאָוויעטן. דער אָנטייל פון די יידן אין די סאָוויעטן איז קלענער פון זייער פאַרהעלטניסצאָל אין דער באַפעלקערונג. נאָר אמתע פּאָליטישע דעמאָקראַטיע וואָלט געקאָנט אָפּווישן דעם אונטערשייד צווישן יידן און נישט יידן און וואָלט גלייכגעשטעלט די יידישע באַפעלקערונג מיט אַלע נאַציעס. אין די ראַמען פון דער סאָוויעטישער דיקטאַטור וועט דאָס מעגלעך זיין נאָר נאָך דער פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער אומשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַ פּראָצעס, וואָס מוז זייער לאַנג דויערן. ביז דאַן בלייבט אַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אינגאַנצן באַזייטיקט פונעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאַנד.

וויכטיקע דערגרייכונגען דאַרף מען פאַרצייכענען אויפן נ אַ צ י אָ נ אַ ל - פּ אָ ל י ט י ש ן א ו ן ק ו ל ט ו ר ע ל ן ג ע ב י ט. אין הסכם מיטן אַלגעמיינעם קורס פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין סאָוויעטישן פאַרבאַנד זענען די נאַציאָנאַלע רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג און די עפנטלעכע רעכט פון דער יידישער שפּראַך אָנערקענט געוואָרן אין פולער מאָס און ווערן בהדרגה דורכגעפירט אין לעבן. יידישע סאָוויעטן, אַ יידישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן, יידישע געריכטן, אָפּטיילונגען ביי פאַרשידענע רעגירונגס-אָרגאַנען באַדינען די יידישע באַפעלקערונג אויף דער אייגענער שפּראַך. אין שולן מיט יידישער אונטעררִיכט-שפּראַך לערנען זיך ביז 115.000 יידישע קינדער, ביי די הויכשולן און וויסנשאַפט-אַנשטאַלטן עקזיסטירן יידישע אָפּטיילונגען און קאַטעדרעס, און אויך אויף אַנדערע געביטן פון יידישער נאַציאָנאַלער קולטור איז געשאַפן געוואָרן אַ סך יידישע אַנ-

שטאַלטן — טעאַטערן, מוזייען א. א. וו. כּדי צו נאָרמאַליזירן דעם ייִדישן
ווירטשאַפטלעכן אָרגאַניזם, איז געשאַפן געוואָרן דער „קאָמזעט", וואָס איז
באַרופן אײַנצואָרדנען די ייִדן אויף ערד און אין דער אינדוסטריע. די
גרינדונג פון „קאָמזעט" האָט אָן אַלגעמיין-פּרינציפּיעלע באַדײַטונג, דאָס
איז אַ באַווײַז, אַז בײַ דער פּראַקטישער לייזונג פון דער „ייִדישער פראַ-
גע" קאָן מען זיך נישט באַנוגענען מיט קולטור-פּראָבלעמען, אַז אויך די
סאָציאַל-עקאָנאָמישע אַרבעט אין דער ייִדישער סביבה קאָן נישט רעגולירט
ווערן דורך די *אָרדנטלעכע* מלוכהשע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנען, אַז
עס זענען נייטיק *ספּעציעלע* אַנשטאַלטן, וואָס זאָלן זײַן צוגעפּאַסט
צו די ספּעציפֿישע ייִדישע באַדינגונגען און זאָלן דורכפֿירן *ספּעציעלע*
מאָסמיטלען צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

די גרויסע נעץ ייִדישע פּאָליטישע און קולטורעלע אינסטיטוציעס
ווערט אויסגעהאַלטן אויפֿן חשבון פון דער מלוכה און פֿירט אַ ברייטע
נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַרבעט צווישן די ייִדישע מאַסן. די ייִדישע קולטור-
אַנשטאַלטן טראָגן אַן אײַנזײַטיקן כאַראַקטער און צוגלײַך מיט די אַלגע-
מיינע קולטור-אַנשטאַלטן האָבן זיי דעם ציל דער עיקר צו געבן דעם יונגן
דור אַ קאָמוניסטישע דערציאונג און צו פֿאַרשפּרייטן די קאָמוניסטישע אי-
דייען צווישן דער דערוואַקסענער באַפעלקערונג. אָבער די ייִדישע קולטור-
אינסטיטוציעס פֿאַרמאָגן אויך ייִדישע נאַציאָנאַלע עלעמענטן: אַלע לימודים
ווערן געלערנט אויף דער ייִדישער שפּראַך, ייִדישע ליטעראַטור און ייִדישע
געשיכטע פֿאַרנעמען אַלץ מער אַ גרעסערן פּלאַץ, און אַזוי אַרום גיבן די
שולן און אַנדערע אַנשטאַלטן אויך עלעמענטן פון נאַציאָנאַלער דערציִונג.

נישט געקוקט אויף די גרויסע דערגרייכונגען אויפֿן נאַציאָנאַל-פּאָלי-
טישן און נאַציאָנאַל-קולטורעלן געביט, איז די ייִדישע באַפעלקערונג אויך
אין דעם פּרט, צוליב איר עקסטעריטאָריאַלקייט, אין אַ געוויסער מאָס הינ-
טערשטעליק. בײַ די טעריטאָריאַלע נאַציעס באַטייליקט זיך אין דער נאַ-
ציאָנאַלער בויאונג די פּאָליטיש פֿולבאַרעכטיקטע באַפעלקערונג דורך די
סאָוויעטן און אויספֿירקאָמיטעטן. ווען די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט איז
באַגרענעצט ביז צום קלענסטן מינימום, ווערן דאָך ברייטערע באַפעלקערונגס-
שיכטן אַרײַנגעצויגן אין דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער אַרבעט. דער פּרינציפּ
פון *טעריטאָריאַלער אויטאָנאָמיע*, וואָס ווערט אָנערקענט
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, עפֿנט דאָך גרויסע מעגלעכקייטן פֿאַר די
טעריטאָריאַלע נאַציעס זיך צו באַטייליקן אין דער נאַציאָנאַלער אויפֿבוי-
אַרבעט. די ייִדן קאָנען אָבער נישט פּרעטענדירן אויף טעריטאָריאַלער
אויטאָנאָמיע, ווײַל זיי בילדן ערגעץ נישט קיין געשלאָסענע טעריטאָריאַלע
מערהייט, און דער פּרינציפּ פון *נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלער*

אויטאָנאָמיע, וואָס קאָן אַמבעסטן באַפרידיקן די נאַציאָנאַלע באַדערפעניש פון די מינדערהייטס-פעלקער, ווערט דורך די יידישע קאָמוניסטן באַטראַכט ווי די „שעדלעכסטע פאָרם פון נאַציאָנאַליסטישן אוטאָפּיזם" (לויטן אויסדרוק פון ה׳ טשעמעריסקי).

די יידישע נאַציע האָט דעריבער נישט קיין פאַרטרעטונגס-אָרגאַנען, וועלכע זאָלן אָנפירן מיט די אַנשטאַלטן, וואָס באַדינען ספּעציעל די יידישע באַפעלקערונג. די יידישע אינסטיטוציעס ווערן פאַרוואַלטעט דורך אינספּעקטאָרן און באַפולמעכטיקטע, וואָס ווערן באַשטימט דורך די אַלגעמיינע אָרגאַנען און די יידישע קאָמוניסטישע סעקציעס. אַלע אַנדערע יידישע פּאָליטיש-פולבאַרעכטיקטע עלעמענטן האָבן קיין שום ווירקונג נישט אויף דער ריכטונג פון דער יידישער אַרבעט, און די יידישע אַנשטאַלטן האָבן אַרום זיך נישט קיין געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער אפילו אין די מינימאַלע פאָרמען, וואָס ווערן צוגעלאָזן אונטער דער סאָוויעטישער דיקטאַטור. כדי צו פאַרפילן דעמדאָזיקן בלויז ווערן געשאַפן פרייוויליקע געזעלשאַפטן — „אָזעט״, „אָרט״, „געזקולט״. דידאָזיקע געזעלשאַפטן שטעלן מיט זיך פאָר נאָר אַ סורראָגאַט פון פרייער געזעלשאַפטלעכקייט און קאָנען בשום אופן נישט פאַרבייטן קיין נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמישע אָרגאַנען, וועלכע וואָלטן אַריינגעצויגן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער פּאָליטיש-פולבאַרעכטיקטער יידישער באַפעלקערונג אין דער יידישער נאַציאָנאַלער בויונג.

דער פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיזם, אַלס אַ פּרינציפּ פון דער נאַציאָנאַלער געזעצגעבונג און זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די אָנגעהעריקע צו דער נאַציע אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע לאַנדגעזעצן, איז כּלל וכלל נישט סותר די סאָוויעטישע מלוכה-סיסטעם. די נאַציאָנאַל-פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע לאָזט זיך, ווי די טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע, איינגלידערן אין די אַלגעמיינע סאָוויעטישע מלוכה-פאָרמען און עס איז אַבסאָלוט אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס זי ווערט נישט אָנערקענט דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און באַזונדערס דורך די יידישע קאָמוניסטן. פאַר דער יידישער באַפעלקערונג האָט דידאָזיקע פראַגע אַ גרויסע באַדייטונג. אויב אפילו עס זאָל זיך איינגעבן צו שאַפן אַ באַדייטנדיקן יידישן טעריטאָריאַל-אויטאָנאָמישן צענטער אין ביראָ-בידזשאַן (אַ זאַך, אין וועלכער ס׳איז מער ווי שווער צו גלויבן), וועט דאָך די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דעם יידישן קיבוץ אין רוסלאַנד בלייבן אויסער דעמדאָזיקן צענטער אַלס אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, פאַר וועלכער די פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז די איינציק ריכטיקע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין די ראַמען פון דער סאָוויעטישער קאָנסטיטוציע קאָנען געשאַפן ווערן געוויילטע יידישע

אָרטיקע און צענטראַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען, וואָס זאָלן אָנפירן און פאַראייניקן די יידישע נאַציאָנאַלע אַרבעט אויף אַלע געביטן. די יידישע קאָמוניסטן אָנערקענען דאָס נאָך פאָרלויפיק נישט, אָבער סוף כּל סוף וועלן זיי זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון אַזאַ שטעלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע. די יידישע קאָמוניסטן האָבן פאַר די לעצטע יאָרן אַ סך געלערנט, אין דער פּראַקטישער אַרבעט האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך פאָראורטיילן און האָבן ראַדיקאַל געענדערט זייער שטעלונג בנוגע אַ רייע וויכטיקע פראַגן פונם יידישן לעבן. אויך בנוגע דעם אויטאָנאָמיזם וועלן זיי מוזן ענדערן זייער באַציאונג, אויב זיי וועלן ווירקלעך שטרעבן אַריינצוציען לכל־הפּחות די יידישע אַרבעטערמאַסן אין דער נאַציאָנאַלער בויאונג.

געוויס האָלטן די יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַנען אונטער דעם רעזשים פון דיקטאַטור נישט געקאָנט אויסדריקן דעם אמתן ווילן פון די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן, די דאָזיקע פראַגע איז אָבער ענג פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, וועלכע וועט זיך סוף כּל סוף אויך מוזן ענדערן. דיקטאַטור איז נישט קיין אייביקע מלוכה־פאָרם, זי קאָן הערשן אַ לענגערע צייט, זי מוז אָבער אומפאַרמיידלעך עוואָלוציאָנירן אָדער פאַרשווינדן. די פּאָליטישע פרייהייט אין רוסלאַנד וועט קומען גריער אָדער שפּעטער און דעמאָלט וועלן זיך אויף אַלע געביטן ברייט אַנטוויקלען די כּוחות פון אַלע פעלקער, בתוכם אויך פון דער יידישער נאַציע.

באַנוצטע מקורים

# ליטעראַטור-מקורים


ש. אַגורסקי. „דער יידישער אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג". מינסק 1925.

„אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג פון די יידישע סעקציעס פון דער אַל.ק.פּ.ב. מאָסקווע 1927.

„באַריכט פון דער הויפּט-ביוראָ פון די יידסעקציעס ביים צ. ק. ק. פּ. ו. מינסק 1925.

„בלעטער פאַר יידישער דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק" נומ. 5—1. בערלין 1923—1925.

פּראָפ. ב. ברוצקוס. „די יידישע לאַנדווירטשאַפט אין מזרח-איידאָפּע". בערלין 1926.

„די אָקטיאַבר-רעוואָלוציע אין ווייס-רוסלאַנד", מינסק 1927.

„די יידישע אויטאָנאָמיע און דער נאַציאָנאַל-סעקרעטאַריאַט אויף אוקראַינע". קיעוו 1920.

ד"ר מ. זילבערפאַרב. „דאָס יידישע מיניסטעריום און די יידישע אויטאָנאָמיע אויף אוקראַינע". קיעוו 1919.

זאַלבאַך. „אין תקופה פון רעוואָלוציע" בערלין 1924.

א. טשעמעריסקי. „די אַלפאַרבאַנדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און די יידישע מאַסן". מאָסקווע 1926.

י. לעזמאַן. „קאָמיוג אין דער יידישער סביבה", מאָסקווע 1927.

י. לעשצינסקי. „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן". בערלין 1922.

א. מערעזשין. „דריי יאָר ערד-איינאָרדענונג פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן". מאָסקווע 1928.

„ערשטער אַלאוקראַינישער צוזאַמענפאָר פון געזערד". קיעוו 1926.

עססער. „אָקטיאַבר רעוואָלוציע". מאָסקווע 1928.

„פאַרבאַנד פאַר יידישן געזונט-שוץ „אָזע". בערלין 1924.

„פאַראייניקטער יידישער עמיגראַציע-קאָמיטעט (עמיגדירעקט". בערלין 1925.

מ. קיפּער. „10 יאָר אָקטיאַבר". קיעוו 1927.

זשורנאַלן: „די רויטע וועלט" „שטערן", „די רויטע נאָדל". „דער קוסטאַר".

צייטונגען: „עמעס", „שטערן", „אָקטיאַבר", „יונגע גוואַרדיע".

**Проф. Л. Брук.** Бирско-Биджанжанскій район Дальневосточного Края. Москва 1928.

**Б. Д. Бруцкус.** Статистика еврейского населения России. Петербург 1909.

**Б. Д. Бруцкус.** Профессиональный состав еврейского населения России. Петербург 1908

Бюллетень обединенной статистико-экономической Комисии при правленни всероссійского общества ремесленнаго земледельческого труда среди, евреев (ОРТ), №№ 1-2. Москва 1928.

Вопросы биологии и патологии евреев. Сборник I Ленинград 1926.

**Проф. П. Гензель.** Налоги СССР Москва 1926,

**С. Гепштейн.** экономическая структура еврейского населения России. Петербург 1906.

**Проф. В. Гидулянов.** Отделение церкви от государства. Москва 1924.

**Ю. Гольде.** Земельное устройство трудящихся евреев. Москва 1925

**М. Горев.** Протнв антисемитов. Москва-Ленинград 1928.

**Е. Я. Деревецкий** и **В. В. Варзар** Сборник законоположений по кредитным учреждениям. Москва 1925.

Еврейский крестьянин. Сборник № 1, Москва 1925.

Еврейский крестьянин. Сборник № 2, Москва 1926.

Еврейское местечко в революции. Москва-Ленинград 1928.

Еврейское население СССР. Москва 1927.

Еврейская Энциклопедия т. т. 4 7, 11, 13 и 14,

**М. Каменштейн**. Советская власть, еврейское землеустроение и „ОЗЕТ", Москва 1928.

Контрольные цифры народнаго хозяйстра на 1926/27. Москва 1926.

Контрольные цифры народнаго хозяйства СССР. на 1927—1928 год Москва 1928.

Кооперация среди евреев, под редакцией **И. А Блюма** и **Л. С Зака**. Петербург 1913.

Кооперация среди евреев под редакцией **Л. С Зака.** Ленинград 1925.

**И МИНГУЛИН.** Пути развития частнаго капитала. Москва 1927.

**М. И. Мыш.** Руководство к русским законам о евреях. Петербург 1914-

Народность и родной язык СССР Москва 1923.

Очерки по вопросам экономической деятельности евреев. Выпуск I. Петербург 1913-

Отчет еврейскаго центральнаго комитета помощи жертвам войны. Петроград 1918.

Отчет о деятельности Еврейскаго Колонизаціоннаго Общества. Москва 1927.

**А. Пешехонов.** Современная Россия в цифрах. Прага 1925.

Подоходный налог под редакцией **В. Куйбышева**. Москва 1925.

**С. Познер.** Евреи въ общей школе. Петербург 1914.

**С. Н. Прокопович.** Очерки хозяйства в Советской России. Берлин 1923.

Сборник материалов об экономическом положении евреев в России т. т. 1 и 2. Издании ЕКО. Петербург 1904.

Собрание кодексов Р. С. ф. С. Р. Официальное издание. Москва 1925.

Труды общества охранения здоровья еврейскаго населения, Петербург 1914.

**Х. А. Финкель.** Еврейское землеустроение в советском союзе. Харьков 1927.

Частная торговля союза ССР. Сборник статей под редак. Л. Б. Залкинда, Москва 1927.

**Журналы:** Статическое обозрение, экономическое обозрение, Плановое хозяйство. Вестник Финансов.

Трибуна еврейской Советской Обязанности.

**Газеты.** Известия, Правда, экономическая Жизнь, Комсомольская Правда.

# באַמערקטע דרוקפעלער

| זײַט | שורה | שטייט | דאַרף זיין |
|---|---|---|---|
| 23 | 9 (טאַבעלע) | 355.7.7 | 355.777 |
| ״ | 10 (טאַבעלע) | 6,4 | 6.0 |
| ״ | 11 (טאַבעלע) | 16,0 | 16.4 |
| 25 | 28 (טאַבעלע) | 121 | 1.121 |
| 40 | 5 | 6 מיליאָן | אַ מיליאָן |
| 41 | 16 | 2.133 | 2.933 |
| 66 | 3 | שטייער פון 3% ביז 30% | שטייער באַטרעפט פון 3 ביז 30 פראָצ. |
| 113 | 26 | פונם 15-טן מערץ 1925 ביז צום 1-טן אַפריל 1929 | פונם 15-טן מערץ 1923 ביז צום 1-טן אַפריל 1925 |
| 137 | 9 | 69 משפחות | 691 משפחות |
| 154 | 6 | 1244 | 1844 |
| 159 | 10 | 1000 ישובים | 1200 ישובים |
| ״ | 11 | איבער 3000 | איבער 2000 |
| ״ | פעלט אין דער טאַבעלע אַשורה | | מושב זקנים 126, 97 |
| 169 | 25 (טאַבעלע) | 19% | 9% |
| 174 | 7 | עקזיסטירט | האָט עקזיסטירט |
| 199 | 23 (טאַבעלע) | קורסאַנטן | קוסטאַרן |
| 201 | 6 | סאָציאַלן רוסלאַנד | סאָציאַלן באַשטאַנד |
| 205 | 35 (באַמערקונג) | קאַרטעלן | קאָרשולן |
| 220 | 24 (טאַבעלע) | אוקראַינע 26 | אוקראַינע 286 |
| 229 | 15 | 1691 | 8.691 |
| ״ | 28 (באַמערקונג) | ווייסרוסלאַנד 94.495 | ווייסרוסלאַנד 4.495 |
| ״ | 29 (באַמערקונג) | צוזאַמען 17.862 | צוזאַמען 78.629 |


EX LIBRIS LMUWIAE
AMORE MORE ORE RE · FIRMANTUR AMICITIAE